STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03040

IN A FARVORLOZTN DORF

Mendel Mann

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל מאַן

אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן דאָרף

ב

קיום
פארלאג
פועלי־ציון־התאחדות

מענדל מאַן

אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף

(ראָמאַן)

משה פייגענבלום.

בוענאָס־איירעס, תשי״ד — 1954

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrigth by
MENDL MAN, Israel

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por la
EDITORIAL "KIUM"
Ayacucho 352

אויף דער אייגענער ערד

אין דער סאַמע מיט פון אכזריותדיקן אומקום, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ ווערט אין די אָקופּירטע לענדער פון שונא פאַרניכטעט, האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן אַ ציטערדיקע בליאונג.

מען האָט ניט געקענט זיין זיכער, צי דער וואַנדאַל וועט אויך די בליאונג ניט באַמערקן. איז געשען דער נס: דער רוצח איז בלינד געוואָרן אַנקוקנדיק דעם אויפשפּראָץ. אין כלערליי געטאָס, לאַגערן, וועלדער און אויף די פּראָנטן זענען אויפגעקומען נייע, יונגע קינסטלערישע כוחות וועלכע האָבן זיך ווי צום דירעקטן קאַמף קעגן שונא, געריסן אויך צום ליטעראַטור־פראָנט.

איז די פרייע יידישע וועלט נשתומם געוואָרן פון געזאַנג וואָס האָט זיך געטראָגן ממעמקים. דער „אני־מאַמין"־מאָטיוו האָט זיך אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס צעטראָגן איבער ישובים אין גאָר דער וועלט און אַרויסגערופן אומגלייבלעכע פאַרוואונדערונג:

— אין אונטערערד האָט מען ווערק געשאַפן? לידער „אויסגעטראַכט"? געזונגען?

איינער פון אָט די אויפגעקומענע איז מ ע נ ד ל מ אַ ן.

מלחמה, לאַגערן, סטעפּעס, פּוילן, רוסלאַנד, ווידער פּוילן און אויפן וועג צו דער אייגענער ערד בלייבט ער שטעקן אין נאָך מלחמהדיקן דייטשלאַנד. אין די לאַגערן פאַרעפנטלעכט ער אַ פּאָר לידערביכער אָנגעפילט מיט לירישע שטימונגען. עס זעט אויס ווי ער וואָלט זיך ניט געוואָלט אומקערן צום נעכטן, זיין בליק איז געווענדעט פון ז י ך צו דעם אויסלייזערישן מאָרגן.

מיט טויזנטער, טויזנטער אומלעגאַלע מעפּילים קומט אָן דער יונגער דיכטער צו זיך אין לאַנד. און אַזוי ווי אין זיין דיכטונג, אַזוי איז ער אויך אין לעבן. ער מיידט אויס די גרויסשטאָט אין וועלכער עס קלאַמערן זיך אויך ס'רוב פּען־מענטשן. ער באַזעצט זיך אין אַ פאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן דאָרף און דורך גרויסע שוועריקייטן, באַווייזט דער פאַרחלומטער, סובטעלער דיכטער, אַז זיינע אויסגעאיידלטע

הענט קענען אַקערן און זייען, שניידן און באַוועז. זיין היים ווערט אַ מוסטער פאַר יידן וועלכע האָבן צוערשט געקוקט מיט ניט ווייניק איראָניע, ווי אזוי דער „אינטעליגענט" נעמט זיך ניט צו זיין מלאכה... צו ערד.

זיין פאַרנומענקייט ביי דער ערד, צוזאמען מיט זיין משפּחהלע, העלפט אים צו זיין ליטעראַרישער שאַפונג. זיינע עכטע ישראל־דערציילונגען רופן אַרויס אויפמערקזאַמקייט ניט נאָר ביי די יידיש־לייענערס. זיינע דערציילונגען אין „די גאָלדענע קייט", ווו ער איז סעקרעטאַר (דער דאָרף יאזור ווו מ אַ ן לעבט, געפינט זיך בשכנות פון תל־אביב), זאָגן אונטער מבינים אויף שיינס. זיי פּרעמירן אים מיט דעם פישל בימקאָ־פּריז ביים אַלוו' יידישן קולטור־קאָנגרעס. אַ צווייטע אָנערקענונג (די צבי קעסעל־פּרעמיע אין מעקסיקע) באַקומט דער שרייבער פאַר זיין נאָוועלן־בוך „אויפגעוואכטע ערד". עס דערפילן ווייטן דעם ריח פון אייגענער ערד. די ליבשאַפט צו דער ערד און צו ד י וועלכע מאַכן פון שטייניק־פאַרלאָזענעם באָדן בליענדיקע פעלדער, — ווערן די גרונט־מאָטיוון פון מ אַ נ ס ווערק. דער שרייבער ווערט גאָר גיך באַמערקט דורך די שאַפונגען פון דער פאַרוואָרצלטער העברעאישער ליטעראטור ווו עס איז, הפלא ופלא, גאָר ניט צו מערקן אַזאַ קינסטלערישע אָנלאָדונג צו די יידישע פּויערים בכלל און צו די נייע עולים וועלכע ווערן פּויערים, בפרט.

דער פּראָמינענטער „עם עובד"־פאַרלאג גיט אַרויס, אין דער איבערזעצונג פון יעקב אַליאב, אַ בוך מ אַ נ ס דערציילונגען א"נ „אדם באוהל". אַ צווייטער וויכטיקער פאַרלאַג, ביים „הקיבוץ המאוחד", גיט אַרויס זיין ראָמאַן „בכפר נטוש" וואָס ווערט גיך אויסגעפארקויפט. אַ לאָנדאָנער פאַרלאג גרייט צו אַן ענגלישע איבערזעצונג פון ראָמאַן.

עס איז דערפרייענדיק וואָס די ישראל־קריטיק אָנערקענט, אַז „מאַן קען דעם ארץ־ישראלדיקן פּייסאזש ווי ער זאָל זיין אַ סאברע. ער קען די אנאטאָמיע און פיזאָלאָגיע פון יעדער פלאַץ, קען דעם כאַראַקטער און די נאַטור, די קאַפּריזן און געוווינהייטן פון יעדן בלימל און גרעזל, יעדן צווייגל און בלעטל. ער ווייזט זיי אונדז אין אַלע זייערע אומוואַנדלונגען. מיר זעען זיי אין זייער דראַמאַטישן געראַנגל קעגן טריקעניש, מדבר־זאמדן, מיקראָבן און אויך אין קאַמף קעגן פרעמדע פיינטלעכע פלאנצן־מינים וואָס באַדראָען זייער לעבן... (יצחק פאַנער, „פאָלק און ציון", 21־22).

איז זיכער דערפרייענדיק, וואָס מאַנס דערמאָנטער ראָמאַן, דערשיינט איצט אין אָריגינאַל, אין יידיש, אין אונדזער „קיום"־פאַרלאג א"נ „אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף".

ש. ק.

קאַפּיטל איינס

— א —

געווען איז דאָס אין די טעג ערב דעם אויספאַל פון יורה, ווען די ערשטע מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די פאַרוואָרלאָזטע אַראַבישע דערפער צופוסנס פון די הרי־יהודה.

אַ גאַנצן פרילינג און זומער זענען די דערפער געווען פוסט. טייל מאָל האָט זיך עמעצער פון די שמירה־לייט דורכגעשניטן מיט זיין דזשיפּ דורך די שטויביקע אייזל־שטעגלעך און נעלם געוואָרן צווישן אַש־גרויע וועג־דערנער.

די פייגנביימער ביי די פּלויטן, דער תות־בוים אין מיטן פון די ליימיקע הייפלעך און אַפילו דער ריצנקוסט זענען באַדעקט געוואָרן מיט אַ רויט־לעכן שטויב ווי זשאַווער. די בלעטער האָבן זיך געקנוילט, פאַרדעקט די קרענקלעך־געלע בלאַט־אָדערן און ביים ערשטן ווינטל האָבן זיי זיך געקייקלט איבער הייף, איבער געסלעך און ליידיקע טרוקענע פעלדער.

די חמרה־ערד איז פול געוואָרן מיט שפּאַלטן, טיפע אָפּגרונטיקע ריסן, ווי די ערד וואָלט געוואָלט אַנטפּלעקן פאַר די הימלען די גרויסע לעכצונג נאָך וואַסער. די שפּאַלטן זענען געווען טונקעלע, זיי האָבן אַרויסגעאָטעמט אַ דעמפּיקע ערד־טרוקעניש וואָס קומט פון טיפן ערד־אינגעוויד. בייטאָג האָבן די ערד־ריסן אויסגעזען ווי אויסגעגאַנגענע בליצן און אין די נעכט — ווי שלאַנגען וואָס לויערן אויף אַ נאַכט־בעל־חי.

די עטלעכע אַראַבישע דערפער זענען געלעגן אויף בערגלדיקע שטחים, צונויפגעקנוילט אַרום אַ מעטשעט, אַרום גרויען געשטיין און ליימיקע ווענט פון הויף־פאַרצוימונגען. צופוסנס פון די דערפער האָט זיך געשפּרייט דאָס פלאַכלאַנד — אַ טרויעריקע פלאַך פול מיט טראַסטניק־קוסטעס פון אַן אויס־געלאָשענעם פעלד־זילבער־קאָליר.

די קעמלוועגן און אייזלשטעגלעך שלענגלען זיך דאָ פון דערפל צו דערפל און פון פעלד צו פעלד. אויף די טאָלפלאַכן זענען די סאַברע־קוסטעס נידעריקע, מיט קליינע פרוכט און גרויסע שטעכערס. אָט ווועלן זיי זיך אַריינפּרעסן מיט זייער שטעכעניש און גיפט אין דעם לייב פון די שאַקאַלן וואָס זוכן אַנטרינונג פאַר דער ליכטיקייט פון אָנקומענדיקן טאָג.

ערגעץ־ווו ביים ראַנד פון דאָרף דערהייבן זיך עטלעכע טייטל־ביימער, אַרום זיי זענען די הימלען העכער און לויטערער. זייערע צווייגן וויגן זיך

ניט, זיי זענען האַלב־ווּנדיק ווי דער הימל־געוועלב. דער שאַרף־געלער טייטל־שטאַנג וויגט זיך אין ווינט און לאָקט צו זיך די פעלדפייגל, די דאַרשטיקע און פאַרשמאַכטע, וואָס קומען אַהער אויפצופּיקן דעם האַרט־הויטיקן טייטל.

אויף די פאַרלאָזענע וועגלעך האָבן ניי־געקומענע מענטשן געשפּרייזט. עמעץ האָט פאַרגאַפט זיך אַפּגעשטעלט פאַר אַ טייטלבוים, פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער קרוין און איינגעקוקט זיך אין שטויביקן האַרטן גרין פון די טייטל־צווייגן. ער האָט באַרירט מיט די פינגער דעם שטאַם, איינגעקוקט זיך אין דער געקאַרבטקייט פון דער קאָרע, דערנאָך איז דעם פרעמדנס בליק גע־פאַלן אויף דעם טייטלקנויל. ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד אַ ניט־צייטיקן טייטל און געשפּילט זיך מיט דער געשליפענער גלאַטקייט ווי מיט אַ קרעל. ער האָט אויסגעפּרוּווט דעם טעם פון דער פרי איינבייסנדיק איר.

אָפּט האָט זיך איינער פון די ניי־געקומענע פאַרהאַלטן פאַר די איבער־גערייפטע סאַברע־קוסטעס, עס האָט אים געלאָקט דער רויט־זאַפטיקער שי־מער פון דער אָנגעגאָסענער פרוכט און ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט צו איר און דערפילט אַ רייצנדיקע שטעכיקייט אויף דער האַנטפלאַך. טויזנטער שטעכיקע הערעלעך האָבן זיך איינגעהעקלט אין דער הויט און ער האָט לאַנג לאַנג ניט געקאָנט זיך פון זיי באַפרייען. איז דער פרעמדער שטיין־געבליבן און חידושדיק געשעפּטשעט:

— אוווּאַ, זע נאָר זע... גאָרניט געוווּסט...

אין די דאָרף־געסלעך האָט דער שטויב געקנוילט זיך אַרום די ליימ־ווענט. אַ טרוקעניש איז באַפאַלן אַלע פלאַנצן. די טריקעניש האָט זיך איבער־געטראָגן אויף די מענטשן, מיד געמאַכט זייערע טריט. די רייד זענען געפאַלן ווי פאַרדאַרטע פייגנבלעטער וואָס זייער פאַלן הערט מען יאָ און מען הערט ניט. ערגעץ ווו האָט מען געקאַלכט אַ טירל פון אַ הייפל. עמעץ האָט פון ערגעץ געשלעפּט אַ ברעט. אַ היימלאָזער הונט האָט זיך ווי אַ שאָטן דורכגע־שליכט ביי די ליימווענט, רייבנדיק זיין געלע פעל אָן די ווענט. דעם הונטס אויגן זענען געווען אויסגעלאָשן, ער האָט געקוקט שטאַר פאַר זיך און באַ־האַלטן דעם עק צווישן די פיס. פון טרוקענעם פּרדס האָט זיך געטראָגן אַן אייזל־געוויין. ערגעץ צווישן דערנער איז געלעגן אַן אייזל פאַרבונדן מיט שטריק, פאַרפּלאָנטערט אין צווייגן־געדיכטעניש. פון אַן אויפגעפּראַלט ני־דעריק הויף־טירל איז אַרויס אַ שוואַרצע ציג אָן הערנער. די לאַנגע האַר־צויטן, פול מיט קאָלטנס און שטעכלקעס, זענען אַזש ברוינלעך געוואָרן פון דער שוואַרצקייט. דער ציגס אויגן זענען געווען גרויס און טרויעריק און איר אייטער — איינגעפאַלן ווי אַ פּוסטע טאָרבע.

אין איינע פון די הייסע נאָכמיטיקס איז מ ו י נ ע געקומען אין דאָרף אַריין. אין געוועלבטן חדר פון אַ טונקעלן מויער נעבן מעטשעט־באַרג האָט ער געוויזן זיינע פּאַפּירלעך וואָס מ׳האָט אים מיטגעגעבן פון בית־

עולים, געשפּרייט זיי אויף אַ טישל, און דערנאָך געוואָרט אַ שטילער און זייטיקער ביי דער טיר.

איינער האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון אָרט און גענומען שפּאַנען מיט אַ הינקעדיקן טראָט איבערן געסל. ער איז אַוועק צו די טרוקענע פֿעלדער.

— העי, קימץ מיט! — האָט ער אויסגעשריען צו מוינען, ווי ער וואָלט זיך פּלוצים דערמאָנט אין פֿרעמדן. דער היימישער פּוילישער יידיש האָט מוינען דערנענטערט צום הינקעדיקן, צום שטויבגעסל און צו די נידעריקע ליימ־הייזער.

זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט און געגאַנגען שווייגנדיקע. דער הינקעדיקער האָט אָפּט זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַר אַ טירל און דערנאָך ווייטער געשפּאַנט. דער אָוונט האָט אָנגעהויבן צוזופֿאַלן. מוינע האָט געזען, אַז דער שטערן פֿון זיין באַגלייטער איז באַזעצט מיט טראָפּנס שוויס און אַ וויע ציטערט אים. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַ גרויסע פֿייערדיקע זון איז געלעגן אויף דעם מערבֿדיקן הימלראַנד.

— עץ זעט דאָס טרוקענע פֿעלד? קוקט! דאָרטן זענען נאָך פֿריי עטלעכע וווינונגען. דאָ איז אַלץ פֿאַרנומען.

מוינע האָט זיך אַליין אַראָפּגעלאָזן מיטן אייזל־שטעגל צו די גרויסע און טרוקענע פֿליינען, ווו צווישן נידעריקע גרויע קנוילן קוסט־ריטלעך האָבן זיך אַרויסגעזען ליימשטיבלעך. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, טריט נאָך טריט. זיינע אויגן האָט ער אָנגעהאָנגען אין די בערג־ווייטענישן, אין די אויסגעלאָשענע, נעפּלדיק־פֿאַרגליווערטע בערג און טונקעלע אַראָפּהאַנגען. זיי האָבן אויסגעזען צו זיין נאָענט, גאָר נאָענט, די הרי־יהודה. נאָר וואָס נידעריקער מוינע איז געגאַנגען מיטן וועגל, וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צו די פֿעלדער, אַלץ ווייטער זענען אָפּגעשפּרונגען די בערג, אַלץ מער און מער איז פֿאַרווישט געוואָרן זייער גרענעץ מיט די פֿאַרנאַכטיקע הימלען. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף צוריק, געזען ווי דער דאָרפֿס־אויפֿזעער פֿון דער סוכנות הינקט אַוועק צום מעטשעט־בערגל.

דאָס אייזל־שטעגל איז איצט געלעגן אַ האַלב־פֿאַרשאָטנס. די טרוקנ־גראָזן און די קוסטעס ביים ראַנד פֿון וועגל האָבן געוואָרפֿן אַ בלאָלעך־אויס־געצויגענעם שאָטן. פֿון גאָר נאָענט האָט זיך געטראָגן דער זיסלעכער ריח פֿון פֿייגן־האָניק. ביים פֿאַרצווייגטן שיקמה־בוים איז מוינע געבליבן שטיין. ער האָט אויפֿגעקליבן אַ הויפֿן אָנגעגאָסענע שיקמה־פּירות און זיי געהאַלטן אויף דער האַנטפֿלאַך. אַ זשומעריי פֿון פֿעלדבינען און אַ פֿייגל־געצוויטשער האָט זיך געטראָגן פֿון די טונקעלע אייביק־פֿאַרשאָטנטע צווייגן. אַ מידקייט און מאַטקייט איז אים באַפֿאַלן. די מידקייט פֿון אַרומוואָגלען איבער דער שטאָט, פֿון געסל צו געסל. עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס געלויף אין די אַמטן נאָך אַלערליי פּאַפּירלעך אויף צו באַקומען ערגעץ אַ חדרל. ער האָט אין זיינע וואַנדערונגען שטענדיק געזען פֿאַר זיך אַ גרין־געזעטיקט פֿעלד

וואָס ליגט ווי אַ טעפּיך אויסגעשפּרייט ביי זיינע פיס. די רו פון אַ גרין פעלד, אַ בליענדיקס האָט געוויגט זיינע שלייפן, געליכטיקט אין די מידע אויגן. עפּעס אַ ווייטע אנונג, אַ זעונג וואָס שפּיגלט זיך איבער פון הימל אין טייך און פון טייך אין מענטשן־אַפּלען אַריין און פון דאָרט שלאָגט זיך אָפּ אַ זע־אונג אין דער נשמה און בלייבט פאַרבאָרגן אויף לאַנגע צייטן ביז עס קומט די רגע פון אנטפּלעקונג, אַזוי איז עס אויך געווען מיט מוינען. דאָס דאַרף פון זיין זיידע און עלטער־זיידע, די גרעבליע, דאָס פּאַשעפּעלד, די לאָנקע — דאָס אַלץ האָט געוומען אַרויסשפּיגלען פון די נשמה־טיפענישן דורך די אויגנאַפּלען. ער האָט אפשר אין יענע רגעס ניט געוווסט פון דעם אַז עס אַנטפּלעקט זיך אין אים אַ דורותדיקע בענקשאַפט צו ערד.

דאָס הייזל איז געווען פון ווילדן געשטיין, אָן טירן און אָן פענצטער. דער הויף אָנגעוואָרפן מיט שטיינער און טרוקענע געהילצער, דער ברונעם איז געווען טיף און געהאַט איבער זיך אַ געוועלבטן מויער פון געטעסעטע שטיינער. דער אייגציקער חדר פון דעם הויז איז געווען פאַרטונקלט און דעמפּיק. אין די ווינקלען האָבן זיך אויפגעהאַלטן גרויסע שפּינען פאַרוועבטע אין שפּינגעוועבסן.

מוינע האָט געשפּרייזט אַרום מויערל, געקוקט אין די הויף־ווינקלען און איז אַרויס צום פעלד. פאַר אים האָט זיך געשפּרייט אַן אויסגעאָכניעט פלאַכלאַנד, אַ גרויס, פול מיט שטעכפּלאַנצן, שאַרף־נעגלדיקע, גרוי־זילבער־נע, אימהדיקע קוסטעס וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דערנער־קרוינען. פייגל האָבן זיך ניט געטרויט אַראָפּצולאָזן נידעריק צום דערנער־פעלד. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זייערע פליגלען וועלן צעריסן ווערן פון די שטע־כיקע קרייטעכצער, זיי האָבן ניט געוואָלט זיך זעצן אויף די טויטע שטעך־קרוינען אויסצופּיקן פון דאָרט דעם רייפן קראָפּעווע־מאָן. נאָר די קליינע שטויב־פייגל מיט אייביק צעשויבערטע פעדערן, די וואָס זעצן זיך אויף די קלענסטע טרוקנגראָזן און וויגן זיך אויף זיי מיט דינינקן געסקריפּ, אַזוי ווי דאָס פאַלן פון סאָסנע־שישקעס, האָבן געטראָגן זיך דעם פאַרנאַכט, איבערן פעלד מיט אַ פאַרעקשנט שווייגן.

מוינע האָט זיך באַזעצט אין דעם הייזל. מען האָט פאַרריכט דעם דאַך, אַריינגעשטעלט אַ טיר און אַ פענצטער און דאָס איבעריקע האָט מוינע גע־נומען אויף זיך. ער וועט אַלץ אַליין מאַכן. ער האָט די ערשטע וואָך שווער געאַרבעט אין הויף. צוערשט דאָס אָפּרייניקן דעם חדר פון שפּינגעוועבסן, דאָס קאַלכן און דאַן, אָוועקפירן דעם שטיינער־אַנהויף ווו יאַשטשערקעס האָבן געהאַט זייערע היימען. זיי פלעגן שעהן־לאַנג שטיין אויפן מויערל, מיטן קאָפּ אויסגעבויגן צו דער פאַרשרהפטער זון און געעפנט גרויסע אומ־היימלעכע מיילער באַזעצטע מיט אָפּגעבליאַסקעטע קרעלן.

דעם ערשטן פאַרטאָג פון באַזעצן זיך אינעם הייזל איז מוינע אַרויס אין פעלד. ער האָט קיין רו ניט געהאַט אַ גאַנצע נאַכט, געדוכט האָט זיך אים אַז

דאָס אָפּגעשטאָרבענע פֿעלד נעמט אים אַרום. ער האָט אין שלאָף געזען ווי פֿון אומעטום רייסן זיך שטעכקוסטעס צו אים, צעוואַקסן זיך אויפֿן פֿלויט, פֿון דאַך־ווינקל, און אָט זענען זיי שוין ביי די שוועלן. ער קאָן ניט קיין טריט שטעלן, אומעטום זענען זיי דאָ, זיי שטעכן זיך איין אין לייב, צערייסן די קליידער, די הויט, פֿאַרבלוטיקן ס׳פּנים. אָפּט האָט ער זיך געטראָגן איבער די פֿעלדער מיט אַ אימהדיק געשריי, ער איז געלאָפֿן אַנטקעגן דער באַרג־ווייטעניש, געוואָלט זיך אַרויסרייסן פֿון טרויעריקן טאָל און לסוף געבליבן ליגן אַ צעשטאָכענער און פֿאַרבלוטיקטער ביי אַ סאַבורע־גדר. דאָס זענען אָבער געווען זעלטענערע חלומות. ער איז געלעגן דערנאָך אויף זיין געלעגער אין ציטערניש און געטראַכט וועגן פֿעלד.

אַרום מויערל האָט זיך געשלענגלט דער ברוינער נידעריקער קוסט, דער שטיינברעכער, וואָס האָט זיך איינגעביסן אין די טויטע שטיינער, אין זייערע ריצן און שפּאַלטן, דאָרט ווו דער ווינט האָט אָנגעטראָגן דעם רויטן ערד־שטויב, און צעשפּרייס אין דעם שפּאַלט פֿון שטיין העקלדיקע וואָרצלען. אומעטום, אויף יעדן פֿלויט־ווינקל האָט אומבאַמערקט, זיך שטיל געשלענגלט דער שטיינברעכער.

און דו בן־אדם? פֿאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט קאָנען איינקלאַמערן אין דער ערד, אין דעם גרויסן טאָל וואָס קען געבן פֿרוכט בשפֿע?

ער האָט ביז שפּעט אין טאָג אַריין אַרומגעשפּרייזט איבערן טרוקענעם פֿעלד, געבליבן שטיין ביי די אויסטערליש־פֿרעמדע געוויקסן און געקוקט אין די פֿאַרטריקנטע זריעה־בעכערס. טייל האָבן געהאַט אין זיך שוואַרץ־פֿורפּור־רענע יאַגעדעס וואָס האָבן געבלענדט ווי וואָראָנע־אויגן.

ביי די ראַנדן פֿון די וועגן האָט זיך געזילבערט דער ווילדהאָבער מיט ליידיקע פּלעוועס. זיי האָבן געמינעט זיך אין דער זון מיט אָנזאָג אַז ערגעץ ווו אויף באַארבעטע פֿעלדער רייפֿט דאָס האָבערפֿעלד, מיט שווער־אָנגעגאָסענע קערנער.

די טריקעניש ערב דעם יורה איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. געפֿילט האָט מען אין דער לופֿטן אַ טשאַדיקייט. דער פֿייגנבוים האָט שוין באַלד פֿאַרלוירן זיינע בלעטער און די שלאָפֿנידיקע קנאָספּן האָבן געהעלט מיט אַ בורשטינענער גרינקייט. אַרום תות־בוים איז אומעטיק געוואָרן. די פֿייגל האָבן זיך ניט געזעצט אויף זיינע שיטערע צווייגן, זיי האָבן ניט געהאַט וואָס צו נעמען. אַ שטויב האָט זיך געטראָגן פֿון זיי.

ערגעץ ביי די פּרדס־ראַנדן איז געשטאַנען דער טאָפּאָל אַ האַלב־ליידי־קער, זיינע דינע ריטלעך, ווי אָנגעצויגענע האַרפֿע־סטרונעס, האָבן געוויינט אין ווינט און אויפֿגעדעקט דעם שטאַם. אַפֿילו די טיף־פֿאַרוואָרצלטע שיקמה האָט געשאָטן אַרום זיך פֿאַרטריקנטע, ניט רייפֿע פּירות וואָס האָבן מחמת דוחק אין וואַסער פֿרי געוועלקט. נאָר דער דאָרן וואָס איז אַ גאַנצן פֿרילינג און זומער געווען אָנבלעטערדיק, פֿול מיט שטעכעניש, האָט פּלוצים צעעפֿנט

קליינע בלימלעך און גרינע בלעטלעך. אַפילו דער מימאָזע־קוסט האָט אָנגע־הויבן עפענען זיינע העל־געלע פוך־בלימלעך.

אין די נעכט האָט אין מערב־זייט געבליצט. אַ וואָלקן איז אומגעריכט אָנטפּלעקט געוואָרן, זיינע ראַנדן זענען אָנגעצונדן געווען מיט פאָספאָר־ליכט. דאָס ליכט האָט אַ בלענד־געטאָן און זיך געלאָשן, דערנאָך ווידער אויפ־געבלענדט.

מוינע האָט געקוקט אויף דעם ווונדער פון אַנטפּלעקטן הימל און געזען ביי יעדן אויפבליץ טונקעלע וואָלקנס, שווערע כמאַרעס באַזיימטע מיט אַ גרין ליכט. זיי ווען באַלד אַראָפּנידערן צו דער דאַרשטיקער ערד.

ער האָט ניט געקאָנט אַ גאַנצע נאַכט איינשלאָפן. די אָנגעשפּיצטע דערוואַרטונג פון דער לעכצנדיקער ערד, פון פלאַנץ און בוים האָט זיך אַרי־בערגעטראָגן אויפן מענטש. די דערוואַרטונג האָט אים פאַרשיכורט און גע־רופן אים צו דער שוועל.

אין די הייזער אַרום מעטשעט־בערגל האָבן געפלעמט נאַפט־קאַנעצלעך. שאָטנס זענען אויפגעשפרונגען און פאַרשוואונדן. ביי יעדן בליץ האָבן צווייגן געשטרעקט זיך צו די הימלען, געקלעטערט צו די באַלויכטענע מערבדיקע וואָלקן־הייכן און צוריקגעפאַלן צו די וואָרצלען. פייגל האָבן געפלאַטערט אַרום די נעסטן, געזוכט זייער יונג־געפליגל און מיט געשריי געטראָגן זיך צום אָנגעצונדענעם מערב. דער יורה איז ניט געפאַלן. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיך עטלעכע הענער צעקרייעט, אין טרוקענעם פּרדס האָט גע־רעוועט אַן אייזל.

מוינע האָט ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט אין שטוב. ער איז אַרויס צום וועגל און געזעצט זיך מיטן פּנים צו די בערג. ער האָט איצט געזען די הרי־יהודה נאָענט, גאָר נאָענט. ער האָט אין דער טיפער נאַכט דערפילט ווי די בערג עטעמען צו אים מיט קילקייט און רואיקייט. זיין אויג איז געוואָרן שאַרף. ער האָט געשפּירט ווי די שטיינערנע פעלדזן, די באַוואָקסענע באַרג־ראַנדן שווימען צו נאָענט. אַ קילער ים־ווינט האָט אָנגעטראָגן וואָלקנס. זיי זענען געשווומען איבערן הימל און דערנענטערט זיך צו די בערג. די וואָלקנס האָבן זיך געמערט, געדיכטער געוואָרן און געהאַנגען איבער די הרי־יהודה ווי אַ גרויסער שלייער. פון דער שווערקייט זענען די וואָלקנס געזונקען נידעריקער און פאַרהילט די בערגשפּיצן. זיי זענען געהאַנגען אין חלל צווישן טרוקענעם פעלד און הימל. עס האָט אויסגעזען, ווי גאָט אַליין, אַ פאַרהילטער אין נעפלען, קושט איצט די בערג פון יהודה.

ווען מוינע האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין געליכטיקט. ער האָט דער־פילט, אַז די נאַכטקילקייט האָט דורכגענומען זיין געביין. די ברוסט־האָר זענען געווען באַזעצט מיט טוי־פּערל. דער נעפּל האָט זיך פּאַמעלעך אויפגע־הויבן פון טרוקענעם פעלד, פון די בערג און געבליבן הענגען אין מיטן הימל.

די הרי־יהודה האָבן איצטער אין פרימאָרגן געפינקלט ווי קרישטאָל, אויסגע־וואַשענע, לויטערע, פול מיט ליכטער, געשייערטע אין ריינסטן זילבער.

פאַרטאָג האָט ער אַרויפגעצויגן פון ברונעם אַן עמער וואַסער, געוואַשן זיך אין הייפל ביז אין דער העלפט. דאָס ברונעם־וואַסער איז געווען קאַלט און אים וואָך־געמאַכט ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די קליידער, פאַר־ריגלט דאָס טירל און אַוועק צום מעטשעט־בערגל, צום הייזער־געקנויל, צו די מענטשן פון געסל, כדי צו זען ווי אזוי אָנצוהייבן דאָס נייע לעבן אין דעם לאַנד.

מוינע האָט באַקומען אַרבעט ביים פאַרריכטן די הייזער אויפן מעטשעט בערגל. מען האָט אַריינגעשטעלט פענצטער און טירן, געפלאַסטערט די בעטאָן־דעכער מיט סמאָלע, פאַרשמירט די ווענט־שפּאַלטן. אין די פרימאָר־גנס זענען די מענטשן געגאַנגען צו זייערע אַרבעטן. עמעצער האָט געטריבן אַן אייזעלע אָן איינגעשפּאַנטס אין אַ צווייראָדערדיק וועגעלע, איינער האָט זיך שוין באַוויזן איינצושפּאַנען אַ פערד און וואָגן און געפּאָרן אין שטאָט אַריין. אַ טייל פון די נייע תושבים זענען געקומען אין געסל שפּעטלעך ווען די זון איז שוין הויך געווען, זיי האָבן ניט געהאַט צו וואָס זיך צו איילן. די אמתן עפּנט מען אין דער שטאָט ערשט אין שעהן שפּעטער. מען איז גע־פאָרן צו קרובים און באַקאַנטע זען זיך, און דער עיקר זיך האַלטן אַן עצה מיט די אַלטע תושבים. טייל האָבן שוין אַפילו געעפנט קלייטלעך; צעלייגט אויף ניט־געהובלטע קאַסטן־ברעטער פאַרשיידענע סחורות, ־אויפגעקלאַפּט הילצערנע געשטעלן, פאַרדעקט מיט בלעכן און יעדן פאַרטאָג זענען נייע קרעמלעך אויסגעוואַקסן.

מוינע איז יעדן טאָג געקומען צו דער אַרבעט. פלינק געמישט דעם צע־מענט מיטן קאַלך. ער האָט זיך מיט גאָרניט אונטערגעשיידט פון די אַנדערע דאָרף־אַרבעטער. ער איז געווען שלאַנק, מיט טיף אַריינגעזעצטע טרויעריקע אויגן. וויפל מאָל עס איז אים ניט אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף די דעכער האָט ער שטענדיק געקוקט צום טרוקענעם פעלד וואָס רינגלט אַרום זיין הייזל. דאָס פלאַכלאַנד וואָס קען געבן שפּייז און רו איז אים געוואָרן נאָענט. נאָך אַ טאָג, עס וועלן אַ פּאָל טאָן די ערשטע רעגנס, וועט ער מוזן בלייבן אין זיין הייזל, איינער אליין, די ארבעטן וועלן זיך אָפּשטעלן.

אין די נעכט האָבן זיך אים געחלומט ווייטע חלומות: ער איז אַ קליין ייִנגל. די עלטערן האָבן זיך איבערגעקליבן פון דאָרף אין אַ שטעטל. זיי ווױ־נען אין אַן ענג־יידיש געסעלע מיט האַלב־פאַרזונקענע שטיבער, ער וויל גיין אין פעלד און קאָן ניט אַרויס פון געסלדיקן געפלאָנטער. ער וויל צוריק אין דאָרף, צוריק קיין קוכאַר, דאָרט וווּ דער זיידע האָט אַן אַקער געפירט, ווייס ער ניט ווי אזוי מען וויקלט זיך אַרויס פון די געסלעך פאַרשפינטע אין ריינ־שטאָקן און קאַנאַוועס...

אַ צווייט מאָל זעט ער אין חלום אַ קליין יידיש ייִנגעלע טאָפּטשען אין

פרילינגדיקער צעווייקטער ערד. ערגעץ ביי אַ פּאַרלאָזן הויז שטייט אַ גרי־נער שימלדיקער פּלויט פול מיט מאָך. אַ פריש ווערבע־ריטל מיט אָנגעדראָ־לענע קנאָספּן ליגט אין מיטן וועגל. דאָס קליינע יינגל פאַרפּלאָנצט דאָס ווערבע־צווייגל ביים גרינעם הילצערנעם פּלויט. אין שפּעטן זומער אַנט־פּלעקט ער דעם סוד פון צווייגל פאַר אַ חברל. זיי גייען צוזאַמען אין סודות־דיקער פאַרהוילעניש צום גדרל. אָ, גאָט! אַביימל האָט זיך צעוואַקסן...

דאָס זענען אַלץ חלומות פון די ווייטע קינדער־יאָרן, וואָס עס איז שפּעטער געשען דערמאָנט ער ניט אַפילו אין חלום. ער זעט אַלץ אין אַ ווילדער אויסמישעניש, אַ צערודערטער, אַ צעדריוולטער קנויל פון פּאַסי־רונגען, פון וועלכן ער קען בשום אופן ניט געפינען קיין אָנהייב און ניט קיין סוף. אָט זעט ער די נאַכטיקע פעלדער פון קוכאַר, אָט די פויערישע כאַטעס, דעם געיעג פון דייטשן, דאָס געוויין אין די וועלדער, אַ המון פויערים וואָס גייען פון זונטיקדיקן געבעט און אין דערמיט יאַלאַנע. זי זעט א י ם און ער זעט א י ר . ער זעט איר אומעטום. ווו איז זי איצט יאַלאַנע?... אַ שיף וויגט זיך אויף ימען. אַ שטערנדיקע נאַכט אַנטפּלעקט דעם מילך־וועג. אין דער מיט געפינט זיך מוינע, און יאַלאַנעס אויגן שווימען אומעטום אַרויס, די וויינעדיקע, די בעטנדיקע, די לאַכנדיקע אויגן פון דער העלהאַריק־ליכטיק־אויגיקער יאַלאַנע...

— ב —

די אַרבעט ביים פאַרריכטן די הייזער איז ניט קיין שווערע. מען דאַרף נאָר קענען האַלטן די קעלניע אין דער האַנט, פאַרוואַרפן די ווענט־שפּאַלטן, אַריינמויערן אַ טיר, אַ פענצטער. אויסקאַלכן די הויכע געוועלבטע חדרים, פאַרמויערן די רונדיקע טאָפּל־פענצטער וואָס דערהייבן זיך לעבן סופיט. פון די ערשטע טעג אָן האָט מוינע זיך באַפריינדט מיט איינעם פון די אַרבע־טער. דאָס איז געווען אַ נידעריקער, פעסטער, פריילעכער יונג. ער האָט זיך געוויגט אין גאַנג און געשטעלט שווערע טריט. עמעץ האָט אים גערופן פנחס, אַ צווייטער האָט פאַררוקט פיניע ביז עס איז געוואָרן פון פיניע — פּיניאַק. דער נאָמען איז אים געפעלן. ער האָט זיך אַליין אויך אַזוי גערופן. עפּעס אַ שווערקייט איז געווען אין פּיניאַקס לשון. ער האָט יעדן איינעם גע־קוקט פאַרשעריש אין די אויגן אַריין און געפּאַרשט יעדן אַפּל־ציטער. זיינע הענט — קורצע און שטאַרקע — האָבן ווי וואָרצלען געסטערטשעט. טייל מאָל פלעגט ער אויסשיסן אין אַ הילכיק געלעכטער, סתם זיך פון דער הע־לער הויט. דאָס געלעכטער האָט זיך געקייקלט ווי שטיינער אויסגעשאָטענע פון אַ שווערן וואָגן. טייל מאָל פלעגט ער פאַרציען אַ טרויעריקן ניגון, אַזאַ וואָס ס׳זינגען ים־לייט אויף אָפענע ימען ערב שטורעמס. ער האָט קיין מאָל ניט גענענדיקט דאָס געזאַנג. איבערגעריסן אין דער מיט און געוואָרפן בליקן

צו די אַרומיקע. דער בליק איז געווען פֿול מיט שפּאָט, ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט: וואָס ווייסט איר, וואָס האָט איר דען געזען... ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: עס לוינט ניט. ניט כּדאַי.

אַזוי זענען טעג אַדורך ביי דער אַרבעט. יעדעס מאָל האָבן זיי געאַרבעט אויף אַנדערע ערטער. איין מאָל אין אַ פֿאַרנאַכט זענען זיי אַוועק צום וואַסער זיך אַרומצווואַשן. פּיניאָק האָט צעעפֿנט זיין העמד. זיין לייב איז פֿול געווען מיט אויסטאַטואירטע צייכענונגען: פֿון אַ פֿרוי־האַלב־פֿיש, פֿון אַ דורכגעשניטן האַרץ מיט אַ קינזשאַל, די הענט זענען געווען מיט צייכענונגען פֿון פֿייגל און רויזן. ער האָט געקוקט אויף מוינען אַ שמייכלענדיקער מיט קינדערישע אויגן.

אין די פֿאַרנאַכטן איז מוינע געבליבן צווישן די ליימווענט. ביזן זונפֿאַרגאַנג איז ער געזעסן אויף דער שוועל, געבלאָנדזשעט אין די וויטקייטן, פֿאַרהאַלטן זיך ביי די טייטלביימער פֿון יענער זייט פֿעלד, אַמאָל ביי אַ שיקמה־קרוין.

די ערשטע רעגנס זענען געווען וואַרעמע, שטילע און לעבלעכע. זיי זענען געפֿאַלן אויף די גראָזן לייכט ווי טוי, האָבן דורכגעווייקט דאָס אייבערשטע ערד־הייטל און אַראָפּגעשווענקט דעם רויטלעכן שטויב פֿון די געוויקסן.

דאָס טרוקענע פֿעלד איז געוואָרן אומרואיק. די שטעכקוסטעס מיט די דערנערבלומען האָבן זיך ביי יעדן ווינטל געבראָכן. דער נאַכט־ווינט האָט אָנגעמאַכט אַ תל צווישן דעם פֿאַרטריקנטן פֿעלד. ער האָט געדאַרפֿט אָפּרייניקן דאָס פֿעלד און צוגרייטן אָרט אַז די צעשאָטענע פֿאָלין־זריעה זאָל קענען דאָ ווידער אויפֿגיין און האַלטן דעם חמרה־באָדן אין די נעגל פֿון די ווילדפּלאַנצן.

ס׳האָט זיך דערנענטערט די צייט פֿון ווינטער־פּאַרזיי. מוינע איז אומרואיקער געוואָרן מיט יעדן טאָג. ער האָט געפֿילט אַז מען מוז דאָס פֿעלד באַאַרבעטן, מען מוז עס צעאַקערן.

די נעכט זענען געווען פֿאַרוואָלקנטע, טונקעלע. אַן אומהיימלעכער געוויין פֿון שאַקאַלן האָט לאַנג אָנגעהאַלטן. ניט ווייט האָבן געסקריפּעט די טירלעך פֿון די הייף. מענטשן האָבן פֿאַרהאַמערט אין די נעכט טיר און טויער. קליינע קאַנעצלעך האָבן געפֿלעמלט אין מעטשעט־געסל. אויפֿן אייזלשטעגל האָט דער אומבאַקאַנטער פֿויגל אויסגעשריען זיין האַנען־געשריי. אויפֿן שפּיץ פֿון אַ טרוקענעם צווייג איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך די נאַכטסאָווע. פֿלעדערמייז האָבן זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזן, געטראָגן זיך לענגאויס די געסלעך, געפֿלויגן איבער מענטשישע קעפּ, שטילע, אַן געשאָרך און נעלם געוואָרן אין קוסטעס.

זיין פֿאַרמעגן איז געווען אַ הילצערן רענצל, אַן אייזערן בעטל, אַ טיש צונויפֿגעשלאָגן פֿון אַלטע געהילצער און עטלעכע טשוועקעס אין דער וואַנט אויפֿצוהענגען די מלבושים. ער האָט ניט געקענט די מענטשן פֿון מעטשעט־

געסל און זיי האָבן אים ניט געקענט. אין די פרימאָרגנס האָט ער זיך מיט זיי געגריסט, אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער וועגן וועטער און אַוועק זיין וועג. טייל מאָל איז ער מיט זיי געשטאַנען ביי דער מעטשעט־געביידע און גערעדט וועגן די רעגנס וואָס וועלן קומען, וועגן די פּרדסים וואָס טריקענען אויס. און מען וואָלט זיי נאָך געקאָנט אָפּראַטעווען, וועגן די שלעכט־געמויערטע הייזער ווו ס׳איז אייביק פייכט און קיל, וועגן די אַלטע תּושבים פון לאַנד, וועגן שלעכטע קרובים. אין דעם רעדל מענטשן זענען געווען פאַרשיידענע געסל־איינוווינער. געווען איינער וואָס האָט אַ צעשפּרייט־געטאָן זיינע שווערע ידיים, אַרויפגערוקט דעם הוט אויפן שפּיץ קאָפּ, אַנטפּלעקנדיק אַ געדיכטע קוטשמע געלע האָר. זיינע שמאָלע אייגעלעך האָבן געשפּיזלט און די אויגנווינקלען האָבן זיך גערונצלט. ער האָט ביידע הענט געהאַלטן אין די הויזנקעשענעס און ווילעריש גערעדט צו איינעם:

— ווער פרעגט דיך? מ׳עט זיך אָן דיינע עצות באַגיין! אַז ס׳טריקנט דער פּרדס, מסתּמא דאַרף עס אַזוי זיין! מען ווייסט אין די הויכע פענצטער וואָס צו טאָן...

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו איינעם אַ הויכן מיט אַ קנאָפּ אין לאַנגן האַלדז און אַרויסגעשפּאַרטע אויגנווייסלען:

— מען מעג זיך פאַרלאָזן אויף די יידעלעך, האַ?

דער הויכער האָט ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן אויף דער שאלה וואָס האָט אים אויסגעזען ניט צו זיין קיין שאלה נאָר אַ פעסטער זאָג.

— עך ווייס... — האָט דער הויכער געשטאַמלט. — עך זאָג, זאָג עך...

— נאָר ער איז מער ניט געקומען צום וואָרט.

געווען אויך איינער אַ נידעריקער. ער האָט גערעדט גיך און אַריינגעשטעלט אין זיין רעדע אָן אַ שיער לשון־קודשדיקע ווערטער מיט אַ סך פּתחן. צו זיינע רייד האָט מען זיך צוגעהערט אָבער קיינער האָט אים ניט פאַרשטאַנען. געוווסט האָט מען אַז ער איז געווען אַן עסקן אין די דייטשישע לאַגערן.

—עס וועט זיין בסדר, בסדר גמור, רבותי!

און געווען איינער אין רעדל מענטשן וואָס איז געשטאַנען זייטיק, צו יעדערנס רייד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי איינער וואָס טראַכט: ס׳וועט פון דעם קאָרן קיין ברויט ניט זיין. עכל דערפון קיין פּרנסה ניט האָבן...

און איינער איז געווען מיט גרויסע, פייערדיקע אויגן. אַ ברוגזער איז גרייט געווען זיך מיט יעדן צו קריגן און יעדערן צו זידלען.

— עץ זאָגט, אַז ס׳איז וויל, אַז ס׳איז גוט, טאָ לאָזט מיך אַרויס פון געשעפט! כ׳טרעט אָפּ מיין חלק.

ער האָט אויף אַלעמען געשרפהט מיט בייזקייט און שפּאָט. די רייד האָט ער געזאָגט ניט נאָר מיטן מויל, זיי האָבן אַרויסגעשריגן פון די אויגן, פון געשטעל, פון יעדן קער.

און געווען איינער אַ שטילינקער מיט אַ שיטער בערדל און מידע אויגן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, דער אָטעם איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז און ער האָט ניט געקאָנט גאָרנישט אַרויסריידן. דאָס איז געווען דער מונ־קאַטשער חסיד, ער האָט לסוף אַרויסגעבראַכט עטלעכע ווערטער וואָס זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען אין דעם געזעמל.

און געווען איינער אין דיקע ברילן־גלעזער, אַ שניידער פֿון בעזוין, און אַ וואָלינער יאַריד־גייער מיט אַ טונקל־ברוין ביינערדיק פּנים. ער האָט גע־ריסן זיך צום יונג מיט דער ברוגזער צורה.

— ווער האַלט דיך צו, קענסט גיין!

די שרפה אין יונגס פּנים האָט זיך געלאָשן. ער איז שטיל געוואָרן. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. די מענטשן זענען זיך ניט צעגאַנגען. זיי זענען גע־שטאַנען שווייגנדיקע מיט די פּנימער צום גרויסן טונקעלן מעטשעט. וואָלקנס זענען אָנגעשווומען פֿון מערב. די הרי־יהודה האָבן זיך געהילט אין דינע שלייערן פֿון זיידנס געוועבט.

— ס׳צוגעזאָגטע לאַנד... — האָט עמעצער געזאָגט. קיינער האָט ניט געזען יענעמס פּנים. קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט. יעדער איז געווען פֿול מיט אייגענעם זאָרג און האָט די זאָרגן אַוועקגעטראָגן מיט זיך צו די ליימווענט פֿון די אָרעמע שטיבער.

ווידער האָבן נאָפּט־פּלעמלעך אויפֿגעצאַפּלט. מוינע איז געגאַנגען לענג־אויס די געסל־ווענט, אַראָפּ מיטן סאַברע־וועגל צום פֿעלד. די טונקלקייט איז גיך צוגעפֿאַלן. אַ געדיכטע ווינטער־פֿינצטערניש האָט ווי פֿעך צוגעדעקט פֿעלד און באַרג. ער האָט געשפּירט ווי די פֿינצטערניש רינט אַריין אין אַלע שפּאַלטן. אַ טרויעריקע חשכות האָט אים אַרומגענומען. ער האָט ניט געצונדן קיין ליכט דעם אָוונט נאָר געלעגן אין די קליידער אויפֿן בעטל אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין.

— ג —

נאָכן יורה זענען ווידער געקומען זוניקע טעג. דאָס ים־ווינטל איז גע־וואָרן אין די מיטיק־שעהן קילער און שאַרפֿער. געדיכטע וואָלקנס האָבן זיך געזאַמלט אויפֿן מערבדיקן הימל. דאָס פֿאַרוואָרלאָזטע פֿעלד ביי מוינעס שטוב האָט זיך געענדערט. צווישן די אָפּגעבראָכענע, פֿאַרטרוקנטע שטעכ־קוסטעס האָט זיך גענומען באַווייזן אַ צאַרט גרין גראָז. די שטיינערדיקע ערד איז דורך עטלעכע טוי־נעכט באַדעקט געוואָרן מיט אַ מילד גרינעם אויס־שפּראָץ.

ער איז אומרואיקער געוואָרן, מוינע, מיט יעדן טאָג. צו ערשט האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען פֿון וואַנען דער אומרו נעמט זיך. פֿאַר טאָג איז ער אָפּט אַרויס פֿאַר דער שוועל און געקוקט צום מעטשעט־בערגל. ערגעץ ניט ווייט

האָט אַ פרוי צעהאַנגען אַ שנור מיט וועש וואָס האָט געפּלאַטערט אין פרי־מאָרגן־ווינטל. עמעץ האָט פאַרראַכטן אַ צעשאָטענע ליים־וואַנט. אַן אייזעלע האָט זיך געטאָרגלט אין זאַמד און אויפגעהויבן אַ שטויב־וואָלקן.

די טרוקענע שטעכלקעס, די שאַרפשפּיציקע, מיט אויסטערלישע בעכערס, די געשניצטע גרוי־זילבערדיקע בלעטער האָבן געלויכטן מיט טוי־טראָפּנס. מוינע האָט געשפּאַנט איבערן פעלד ביז צום וואַדי און דערנאָך צוריק. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָפּט זיך אָפּגעשטעלט. די ערד איז נאָך האַרט געווען, די טרוקן־קוסטעס האָבן געסקריפּעט אונטער זיינע טריט, די ריטלעך האָבן זיך געבראָכן. אַלץ האָט דאָ געגאַרט נאָך דעם אַקער וואָל זאָל זיך טיף איינשניידן אין דעם פעלד. די ערד האָט געוואַרט, אַז דער בלאַנקענדיקער שטאָל זאָל זי אַ הייב־טאָן און באַפרייען די פלאַך פון גרויען שאָל־פּאַנצער און אַנטפּלעקן דעם רויט־פליישיקן באָדן פאַרן ליכטיקן טאָג.

דעם טאָג איז ער ניט אַרויס צו זיין אַרבעט ביים פאַרריכטן די הייזער. עפּעס מזומן האָט ער געהאַט — דאָס זענען געווען זיינע ערשטע אָפּשפּאַרונגען אין לאַנד. ער האָט געוואַלט אַרומקוקן זיך אַרום זיין הייזל, האָט געטראַכט צוצוגרייטן זיך צום ווינטער, אויסרוימען דאָס הייפל, פאַרריכטן די ליימווענט, דאָס הויפּטירל און דערנאָך אויפזוכן זיינע פריינד, נאָכפרעגן זיך אויף אייגענע.

אין געסל האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע באַלעגאָלעס. זיי זענען געשטאַנען מיט די אייזעלעך ביי דער וואַסער־רער. מוינע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַן אייזעלע און געגלעט די אייזלפּעל.

פיניאַק איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ לייטער.

— העי, מוינע, וואָסער יום־טוב איז אויף דיר?

— ער האָט אַראָפּגעשטעלט דעם לייטער און פאַררויכערט.

— גייסט עפּענען אַ געוועלבל? ווערן אַ סוחרל?

ער האָט געטייטלט אויף דער לאַנגער שורה קלייט־שטעלעכלעך וואָס זענען געשטאַנען אין ביידע זייטן וועג.

מוינע האָט געשוויגן. דאָס אייזעלע האָט געשפּיזלט מיט די אויערן. שאָלקע נאַזדרע איז פון ערגעץ געקומען אַ פאַרשטויבטער. ער האָט געפירט אַ פערד פאַרן ציימל. קוטשמעס שוואַרצע האָר זענען געפאַלן אויף זיין קורצן שטערן, אויף די אויגן. ער האָט געפּאָרסקעט מיט די אַנגעשוואָלענע ליפּן, געשריען אויפן פערד מיט גויישער רוגזה.

— שטיי נאַר! — האָט איינער פון די אייזלטרייבער גערופן צו נאַזדרען.

— האַר נאַר אַ מעניטקאָ! זעי נאָ ס׳יוגעניש! לאָז אָנקוקן די שקאָפּע!

נאַזדרע האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס גרויע פערד איז ניט איינגעשטאַנען, ס׳האָט זיך געדרייט אין אַ קרייז, געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אינעם זאַמד, געשטויבט און געוואָרפן דעם עק. די אויגן פון פערד זענען געווען

טונקל־גרינע און גרויס, די אויגנווינקלען — פייכט און אַ ראַי פון קופּערנע פליגן האָט זיך געטראָגן איבער זיי מיט געזשומעריי.

איינער האָט זיך איינגעבויגן און אונטערגעהויבן דעם פּערדס אונטער־שטן פוס און באַקוקט די קאָפּיטעס. אַ צווייטער, מיט אַ ביינערדיק פּנים, איז צו צום פערד פון פאָרנט, אַ כאַפּ געטאָן די גריווע, דערנאָך די מאָרדע און אויפגעריסן דעם פערדס מויל. ער האָט אַנטפּלעקט אַ שורה ציינער פול מיט ווייסן שוים. דער יונג האָט געווישט די הענט פון פערד־סלינע אין זיינע הויזן און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט דערמיט אויסגעדריקט זיין גוטע מיינונג וועגן סוס.

— ווו האָסטו אים פּאַטשאַפּעט?

— אַן אַנדערער האָט דורכגעפירט זיין האַנט איבערן פערדישן קאַרק, אַריינקוקנדיק דערביי טיף אין די גרויסע אויגן.

— די באַרווע איז נשקשהדיק. די שליפיעס — געזונטע.

— מ׳קאָן מיט אים אַרבעטן אַ שיינע פּאָר יאָרעלעך.

— אוי קאָן מען!

ס׳איז אַן אַקער־פעלד. — האָט אַ זייטיקער צוגעגעבן, — כ׳דערקען לויטן שפּרייזן.

מוינע איז אַריין אין דער מיט פון די באַלעגאָלעס. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צום פערד, מען האָט אים פּלאַץ געמאַכט. „אַן אַקערפערד", די ווער־טער האָבן אים געשלאָגן אין זיין מוח, ער האָט זיי איבערגעחזרט.

צופוסנס פון מעטשעט־געסל ליגט דאָס פעלד, געפאַנגען פון דערנער־קוסטעס, פון שלאַנגען־גראָזן, פון בריעכץ און ביטערן פּאָלין. דער ווינט טראָגט איבער די פלאַכן די סמיקע שטויב־זריעה...

— אַן אַקערפערד? טאָקע אַן אַקערפערד? — האָט ער עטלעכענע מאָל איבערגעפרעגט. נאָזדרע האָט אַ ריס־געטאָן ס׳פערד ביים ציימל, עפּעס אויס־געברומט, דערנאָך געוויזן אויף די פיס פון פערד.

— עך זעט אַ געשטעל?

פיניאָק איז אַלץ געשטאַנען מיטן לייטער און געוואַרט אויף מוינען. נאָר מוינע איז מערער און מערער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם גערייד וועגן פערד, ער האָט איינגעטענהט מיט נאָזדרען, געפרעגט, געדונגען זיך. נאָזדרע האָט אים עטלעכע מאָל אַ נעם געטאָן פאַר די אַקסלען, געזוכט מוי־נעס האַנטפלאַך און מיט דער גאַנצער קראַפט געפּאַטשט האַנטפלאַך אַן האַנטפלאַך. פיניאָק האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף מוינען, ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק מיטן לייטער צום געסל־געוויקל.

דעם טאָג האָט מוינע אַריינגעפירט צו זיך אין הייפל דאָס פערד וואָס ער האָט געקויפט ביי נאָזדרען. ער האָט עס געפירט טריט ביי טריט, די געסל־ווייבער האָבן נאָכגעקוקט דעם יונגענמאַן מיט די טיף־אַריינגעשניטענע אויגן, באַרעמטע מיט געדיכטע ברעמען. זיין הולך, זיין גאַנצער באַנעם איז

ניט געווען פון קיין באַלעגאַלע. ביז עס איז טונקל געוואָרן איז שוין געווען צונויפגעקלאַפּט אַ שטעלעכל, צווי וועגט האָט ער צוגעשטעלט צום הויף־ווינקל און געדעקט אַ דעכל פון אַלטע בלעכן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט לרוב אין אַלע הייף פון דאָרף. ביינאַכט איז ער געזעסן ביים נאַפּט־קאַנעץ און געחשבונט, געציילט די עטלעכע געלט־פּאַפּירלעך וואָס זענען אים נאָך געבליבן. ער דאַרף נאָך קויפן אַ געשפּאַן, אַן אַקער, אַ וואָגן און פּאַשע אויף עטלעכע וואָכן. אין מיטן דער נאַכט איז ער אַרויס צום פערד. ער האָט גע־גלעט דעם רוקן, דעם קאַרק, גערופן אים קאַרער.

דאָס פערד איז געשטאַנען שטיל, געקייט די ציינער. פון צייט צו צייט איז אים אַ צוקן דורכגעלאָפן איבערן רוקן אַזש ביז די קניען, דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן אַ פוס און אַ שטויס־געטאָן אין ווענטל.

ניט לייכט איז אָנגעקומען מוינען צונויפצושאַפן דעם געשפּאַן, אַ גוטן אַקער, אַ בראָנע און אויך אַ וואָגן. עס האָט אויף אַלעם ניט געסטייעט קיין געלט. ער האָט בלויז פאַרן געשפּאַן אַרויסגעלייגט די לעצטע פּאַפּירלעך. דערצו נאָך האָט ער געמוזט קויפן האָבער. דער טאָג ווען ער האָט זיך גע־גרייט אַרויסצוגיין אין פעלד אַריין אַקערן איז אָפּגעלייגט געוואָרן. דערווייל זענען אָנגעקומען די ווינטער־רעגנס. עס האָט געפּלייצט פון די גרויע הימ־לען מיט שווערע רעגנשטראָמען. אַרום שטוב איז געוואָרן גרין. אַפילו דאָס טויטע טרוקנפעלד איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ גרינעם דעק.

מיטן וואָגן געשפּאַנט אין קאַרן האָט מוינע זיך אַרויסגעלאָזן אין דער נאָענטער שטאָט אַריין אויף פאַרדינסטן. אין די פאַרנאַכטן איז ער צוריקגע־קומען אַ מידער און דורכגעווייקטער פון די פּלוצעמדיקע רעגנס וואָס זענען אין די טעג געפאַלן אָן שום אָנזאָג און סימן אַז עס וועט פאַלן אַ רעגן. דער־נאָך איז ווידער לויטער געוואָרן.

אין די אָוונטן איז אָפּטמאָל געקומען פיניאַק. זיי זענען געזעסן שווייגנ־דיקע ביים נאַפּטלאָמפּ, געלאָזן קנוילן רויך אין חדרל. אין סופּיט־ווינקל איז אַ שפּין געהאַנגען. אין אַ וואַנט־שפּאַלט האָט געזשומעט אַ פליג.

פיניאַקס אויגן־טאָרבעלעך זענען געווען טונקל און אָנגעלאָפן. די טיפע צווי שניטן וואָס האָבן געפירט פון די נאָז־ווינקלען ביז צו די מויל־ווינקלען זענען געוואָרן שאַרפער און אָנגעצויגענער.

— זי בענקט, מאַרוסיע, זי בענקט אַ היים...

מוינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געדרייט זיך אויפן בענקל, געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געפונען קיין ווערטער.

— זי וועט אויסגיין פון טרויער... וויינט אין די נעכט, יאָמערט, אַזוי ווי די שאַקאַלן הייבן נאָר אָן דעם געיאָמער, אַזוי העלפט זי זיי צו. די וואָלגע רופט איר צוריק צו אירע ברעגעס. נאָר דער באַרקע־טרייבער פיניאַק האָט זי אָוועקגעפירט... ווייט אַוועקגעפירט...

אַזוי ווי אין אַ גרויס פאַרפּלייצעניש גייען פיש אַרויס פון זייערע ברעגן

און טראָגן זיך מיט די וואַסערן, אַזוי האָט מאַרוסיען געפירט איבער גרע־נעצן און לענדער אַ פרעמדער יונג.

— זאָג, פיניאַק, דו אַליין בענקסט ניט? ווילסטו שוין אייביק בלייבן צווישן די בערג און דעם ים, אויף דעם מעטשעט־בערגל לעבן די פלאַכן?

פיניאַק איז אויפגעשפרונגען. ער האָט זיך געוויגט אויף זיינע קורצע פיס. געגאַנגען פון איין עק חדר צום צווייטן.

— בענקען? נאָך וועמען.

דאָס נאָפט־לעמפל האָט געצאנקט, דאָס פלעמל איז אַראָפּגעפאַלן. גרויסע צווייי שאָטנס האָבן זיך געוויגט אויף דער בלאָ־געקאַלכטער וואַנט. מוינע האָט געוואָלט אַרויפדרייען די קנויט, נאָר פיניאַק האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף מוינעס פינגער.

— מ׳דאַרף ניט...

זיי זענען געבליבן אין דער טונקלקייט פון חדר.

דער שטילער שטראָם־רייד איז געקומען פון פיניאַקס גוף, פון זיינע פאַרשאָטנטע הענט.

— ער האָט דערזען, מוינע, אַ קליין פויליש שטעטל. אין פאָליש, ביים איוון, ליגט דער דאָרף־שלעפער חנינעלע. ער ליגט אין צעריסענע טראַנטעס, פאַרבלאָטיקט, פאַרלייזיקט, פון מויל שלאָגט אים אַ פּיענע, פון גוף טראָגט זיך אַן אָוועך. טרעגער־יונגען שטייען אין אַ קרענצל, עמעץ רופט: גייטס, זאָגט אַן ראַצן, אַז דער אוצר האָט זיך אָפּגעפונען, דער שאָדן איז דאָ! חנינעלען האָט אַ פויער געפונען ליגן ביי אַ זייטיק וועגל און אים געבראַכט אין בית־מדרש. די יונגען האָבן געטראָגן דאָס טהרה־ברעט, אַרויפגעלייגט דעם לעבעדיקן חנינעלע. דאָרט איז געלעגן אַ קנויל שמאַטעס, צעפליקטע און צעשליסענע, ניט קיין מענטש. אַן אַלטער ייד האָט געשריען: גויים, שקצים, מען טאָר ניט. ער לעבן דאָך! די טרעגערס זענען אַוועק. זיי האָבן אים גע־טראָגן צום בית־הקברות. די קינדער פון געסל זענען נאָכגעלאָפן ביז העלפט וועג און זיך צוריקגעקערט, נאָר איין יינגעלע, אַ באָרוועסער איז געלאָפן ביזן טהרה־שטיבל. ער האָט געזען ווי מען הייצט אונטער דעם קעסל מיטן וואַסער, ווי די טרעגערס וואַשן אַרום דעם אויסגעדאַרטן גוף פון זיין טאַטן. ער האָט געוואָלט שרייען, וויינען, איז אים די קעל טרוקן געוואָרן, אַלע טרערן אויסגערונען. מען האָט חנינהלען אָנגעטאָן אַ פּאָר אַלטע הויזן. אַ רעקל, אַ היטל. זיי האָבן אים געפירט געאָרמט צו אַנשלען אין רעסטאָראַ־ציע און געשטעלט ספּירט.

פיניאַקס האַנט האָט געציטערט. זי איז געווען וואַרעם און מילד.

— איך בין געווען דאָס באָרוועסע יינגעלע. איך... — האָט פיניאַק איבערגעחזרט.

מוינע האָט אים באַגלייט אַ שטיק וועגס. זיי האָבן געשוויגן. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע, אָן שטערן, פאַרוואָלקנט.

— ווען וועסטו אַקערן דאָס פעלד?
— וויעסנע.
— נאָך די רעגנס? — האָט פיניאַק איבערגעפרעגט.
— יאָ.
— טוסט גוט, מוינע. אָבער איינעם אַליין איז שווער.

אין פיניאַקס פּענצטערל האָט אויפגעצאַפּלט אַ ליכטיק פייערל. אַ פויר־האַנגל האָט זיך אונטערגעהויבן און אַ פּרויען־קול האָט גערופן.

— שוין האַלבע נאַכט, מען מוז גיין, — האָט פיניאַק געזאָגט און פאַרשווונדן אין הייפל.

— ד —

וואָס נענטער צום פרילינג אַלץ אומרואיקער איז דאָס פערד געוואָרן אין שטאַל. ס'האָט זיך געריסן צום גרינעם גראָז וואָס איז בשפע געוואקסן אין אַלע ווינקעלעך. אין הויז איז געלעגן אַן אַקער, אַ בראָנע. דאָס געשפּאַן איז געהאַנגען אין צימערל אויף אַ גרויסן טשוואָק.

אין די רעגנדיקע טעג האָט עס מוינען געטריבן פון שטוב. ער איז גע־גאַנגען איבער די געסלעך, געלאָזט פאַלן אויף זיך די שווערע טראָפּנס רעגן פון די ליימדעכער. טייל מאָל האָט ער זיך פאַרהאַלטן פאַר די געוועלבטע ברונעמוועגט און לאַנג געשטאַנען אין די שטיינערנע נישעס, אין די מויער־אויסהוילענישן מיט שטיין־קאָרעטעס ווו מידע גייערס האָבן געשטילט זייער דאָרשט אין די חמסינען־טעג. אין די אונטן האָבן זיך פון מעטשעט־בערגל אָנגעזען די ווייטע פייערלעך פון דער שטאָט. די דין־שפּיזלדיקע ליכטער האָבן זיך געמיניעט אין דער פייכטער ווייטעניש מיט בלאָלעך־קאַלטן שי־מער. אַרום מוינען איז געווען שטאָק־פינצטער. צופוסנס פון באַרג האָבן קוים־קוים זיך אָנגעזען די קאַלך־שטיינער פון אַלטן אַראַבישן בית־הקברות. די שטיינער האָבן אַרויסגעקוקט פון די טונקעלע גראָזן. דער שיקמה־בוים האָט געטראָגן אין זיינע צווייגן שטיקער גליווערדיקע פינצטערניש. ער האָט זיך איינגעהילט אין רעקל, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און געשפּירט ווי דער קאַלטער רעגנווינט נעמט אים אַדורך.

עס האָט אים געצויגן צו דער שטאָט, צו דעם נאַכטליכט וואָס פאַלט אויף פייכטע טראָטוארן, צו די גרויסע באַלויכטענע שוי־פענצטער מיט נעאָן־ליכטער, צו די טריטלדיקע שפּרייזן פון אַ פאַרשפּעטיקטער דורכגיי־ערין מיט אַ פריש פּנים און פייכטע וויעס באַזעצטע מיט שפּליטער־טראָפּנס. ער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קאַפע און איינגעאָטעמט דעם ריח פון פרישער קאַווע, אויפגעכאַפּט די מוזיק־קלאַנגען פון הילכערס וואָס פאַלן פון צעעפנטע טירן ווי גלאָז־געבראָזג.

ערגעץ דאָרט, אין די ווייטע גרויסע שטעט, טראָגט זיך איצט יאָלאַנעס

קול, אין זאַלן באַלויכטענע פון שפּיגל־ליכט, אין פייערלעכער שטילקייט וויגט זיך איר ניגון, ווי אויף כוואַליעס פון זילבער־אַזיערעס וויגט זיך אַ זונ־שטראַל.

ווו איז זי די בלאַ־אויגיקע, די ליכטיק־לאַנגדיקע יאַלאַנע?

ווי דער שאַרף פון חלום־גראָז איז איר אָטעם געפאַלן אויף אים, ווי דאָס ליכט פון מילכוועג, וואָס רוט אויף אַן איינזאַמען איילבירט, אַזוי האָבן גערוט אויף אים יאַלאַנעס אָרעמס אין יענער ווייטער נאַכט אויף די אַלטע פּוילישע וועגן.

ער האָט געוואָלט לויפן אנטקעגן די שטאָט־פייערלעך וואָס האָבן געמינעט אַהער. ער האָט געוואָלט גיין צו דער שטאָט, איבערלאָזן דאָס מעטשעט־בערגל מיט די וויקל־געסלעך, מיט די טריִיעדיקע ווייבער, אַוועק פון די נאַפּט־לעמפּלעך, פון ליימיקן הייפל מיטן פאַרוואָרלאָזטן פעלד.

ווען ער האָט דערהערט דעם פערדס הירזשעדיי איז ער גיך אַוועק צום שטעלעכל, געעפנט דאָס טירל און געגלעט דעם קאַרן איבער דעם רוקן, אי־בערן קאַרק, אַרייַנגעקוקט אים אין די אויגן.

פון אָפענעם הויף־טירל האָט זיך געטראָגן דער פרישער ריח פון בלי־ענדיקן פעלד. אַ שאַרף־אָטעמדיק ווייען פון פעלד־קימל, אַ פאַרשיכורנדיקער טעם פון בריעכץ האָט זיך אָפּגעזעצט אויף זיין גומען.

ניין. ער וועט פון דאַנען ניט אַוועק. ער וועט דאָ בלייבן. ער מוז דאָ בלייבן.

מוינען איז שווער געווען זיך אַליין גובר צו זיין. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער, געקוקט אין די נאַכטיקע שויבן און געזוכט אַ באַשייד אויף זיין איינזאַמקייט און אויף דעם ווילן דאָ צו פאַרבלייבן.

ס'האָט דערוואַכט אין אים דאָס בלוט פון זיין פאָטער, דעם וואַרשע־ווער יונגערמאַן, וואָס האָט אויך קיין רו ניט געפונען אינעם דאָרף קוכאַר, און געלאָזט זיך אין דער גרויסער און אומהיימלעכער וועלט. אָפט קומט צו גיין די מאַמע. אַ שטילע און רואיקע גייט זי איבער די האַרבסטיקע מאַזאָווישע וועגן, זי גייט צו דער דאָרפסמיל נאָך פריש געמאָלן קאָרנמעל. ער געדענקט די היים: מען קלויבט איבער אויףווינטער די קאַרטאָפל פון קעלער, דער זיידע שיט אָרום די שטוב מיט ערד... פויערים פירן קלאָפּטערס האָלץ... כאַר דער טיר רעדט מען גוייש, דאָס דינגט זיך די מאַמע מיט אַ כאַפּטע גויים... זיי שטייען מיט בלאַנקע העק און שאַרפציינִיקע זעגן... מען גייט דעם טאַטן אַנטקעגן... ער קומט אויף יום־טוב פון דער גרויסער שטאָט. נאָך יום־טוב בלייבט די מאַמע ווידער אַליין. די שטאַלן זענען פוסט, די שייערן ליידיק. צעלאָפן זענען זיך די פעטערס איבער די אַרומיקע שטעטלעך, די הויך־ריידנדיקע, די אומרואיקע פעטערס פון יידישן דאָרף קוכאַר — — —

ניין. מוינע וועט דאָ בלייבן. ער וועט אַרויס מיטן אַקער און אויפרייסן די פאַרווילדעוועטע ערד. ער וועט זיך דאָ איינשניידן ביז דעם טיפן ערד־

פלייש, ביז די שיכטן ווו ס׳גרייכן ניט די פאַרדאַרבנדיקע קרייטעכצער. ער וועט זייערע וואָרצלען אַרויסשליידערן אויף דער אויבערפלאַך און שפּעטער וועט זיי די ציינערדיקע בראָנע אויסקאַמען און צונויפזאַמלען אין קופּעס.

גוט איז אים צופוסנס פון די יהודה־בערג. אָפּט שווימען אָן די קילע בערג־שאָטנס. ס׳קייקלט זיך פונעם גֿעסל ביים מעטשעט; אַ קינדעריש קול, אַ פרויען־רוף, אייזל־געוויין און ס׳קוואָקען פון אַ הון. ציט זיך מוינע אויס אין זיין גאַנצער גרייס אויפן היי און זיינע אויגן שווימען מיט די פרילינג־וואָלקנס צו די ווייטע ראַנדן פון די הימלען.

קאַפּיטל צוויי

— א —

מיט יאָרן צוריק אויף די פּעלדער פון מאַזאָוויע.

מוינע האָט גוט געקענט די וועגן וואָס האָבן געפירט קיין קוכאַר. ער
איז געגאַנגען נאָר אין די נעכט. בייטאָג איז ער געלעגן איינגעגראָבן אין די
קאַרטאָפל־פעלדער, אין די קוסטעס. דאָס זענען געווען האַרבסטיקע טעג מיט
רעגנדלעך, מיט נידעריקע וואָלקנס און בייזע ווינטן. די נעכט זענען געווען
פינצטערע, מיט צווייגן־געשאָרך, מיט שטענדיקע אויפצאַפּלענישן ביי יעדן
טריט, מיט רעגן־פלוסקעריי אין די וועג־קאַלוזשעס. ער האָט זיך געהאַלטן
אויף די זייטיקע וועגן, געשפּאַנט איבער פעלדער, דורכגעשניטן זאַגייני־
קעס פון אָלשינעס, אויסגעמיטן די פּאַדוואָרפענע ווירטשאַפטן וואָס זענען
געלעגן אין חשכות. ער האָט זיי דערפילט לויטן ריח פון בהמה־מיסט וואָס
דער ווינט האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן, ער האָט אַרומגעקרייזט די באַלעבאַ־
טישקייטן. ס׳פלעגט זיך דאָרט אויפהייבן אַ הינט־בילעריי וואָס האָט אָנגעע־
האַלטן ביז האַלבער נאַכט. טירן האָבן געסקריפּעט, אין אַ פענצטערל איז אַ
פלעמל אויפגעשפּרונגען און ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן אַרום כוטאָרל.

ער האָט אויסגעמיטן די טויטע ווינט־מיל. ער איז געגאַנגען צו דער
אַלטער ווערבע, דער אויסגעהוילטער פון אַ בליץ. אונטער מוינען איז גע־
לעגן פלינצק. די פייערלעך האָט מען שוין ניט אָנגעזען פון שטעטל. די
יידן האָבן ניט געצונדן אין די נעכט קיין ליכט. זיי זענען איצט פאַרשפּאַרט
אַרום קאָזשע־געסל און דער שול־גאַס.

אַן אַכט וויאָרסט איז אים געבליבן. ער מוז זיי דורכמאַכן אין דער
נאַכט ביז עס וועט ליכטיק ווערן. וואָס נענטער צום דאָרף קוכאַר איז מוינע
אומרואיקער געוואָרן. און דאָך האָט עס אים געצויגן צו דעם דאָרף מיט אַ
פיבערדיק צאַפּלעניש. ער איז געגאַנגען אַהין פון וואַנען זיינע עלטערן זע־
נען מיט יאָרן צוריק אַוועק, צו דעם אַמאָל גרויסן יידישן דאָרף קוכאַר,
דאָס גוטס פון די פּויזנערס. אַ צענדליק יאָר ווי קיין יידן וווינען שוין ניט
דאָרט, זיי האָבן זיך צעשפּרייט איבער די נאָענטע שטעטלעך, איבער
פלינצק און טשעכאַנאָווע, סאָכאַטשין און ניישטאָט, זיי האָבן אַרומגע־
גאַרטלט מיט שטריק די ברוינע פּויערישע שפּענצערס און געוואָרן טרע־
גערס, יאַריד־גייערס און בהמה־טרייבערס. זיי זענען געזעסן אין די ווינ־
טערדיקע טעג אין די באַלמעלאָכישע בתי־מדרשים, געוואָרפן שטשאַפּעס־

האַלץ אין די ליימיקע איוונס און דערציילט ביי צעגליטע איוונוועוועט מעשיות, וועגן דער מיל מיט די גרעבליעס, וועגן דעם פּריצישן הויף פון די פויזנערס ווו יום ולילה זענען געקומען קאַטשן מיט אַ פערדגעשפּאַן פון ריינעם זילבער, וועגן די פינקלדיקע קאַנדעליאַבערעס וואָס האָבן געלויכטן אין פּאַלאַץ מיט אַלע פּאַרבן פון רעגנבויגנס, די גרויסע בעלער וואָס האָבן אָנגעהאַלטן נעכט און טעג. זיי האָבן געזען די פּאַראַקערטע פעלדער, די וועלדער, און אומעטום יידן, יידן וואַלד־היטערס, יידן פישערס, יידן מיל־נערס, יידן מיט צעווינטיקטע בערד און טלית־קטנס אין פרילינג־ווינט פירן אַקערס.

דערנאָך זענען אַריבער יאָרן, דאָס דאָרף איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון יידן. אין די זומערן פלעגן זיך אַמאָל יאַריד־גייערס באַווייזן, אַרומ־קוקן זיך איבער די פעלדער און נעלם ווערן. אַמאָל פלעגט אַן אַלטער פויער קומען אין די שטעטלעך און נאָכפרעגן זיך אויף די יידן פון קוכאַר און זוכן עמעצן פון זיי אין מאַרק צווישן די טרעגערס.

צו איינעם אַזאַ אַלטן פויער, אַ שכן פון מוינעס זיידע איז איצט גע־גאַנגען מוינע. ער האָט אים ניט געקענט און ניט געוווסט אויב דער אַלטער לעבט נאָך. ער האָט אַפילו ניט געוווסט ווו זיין כאַטע געפינט זיך. ער האָט נאָר געדענקט, אַז אין די רייד פון דער מאַמע האָט זיך שטענדיק דורכגע־פלאָכטן דער נאָמען פון פויער קאַנקאַל.

מוינע איז אַריבער דעם הילצערנעם בריק, געגאַנגען דורך דער גרעבליע. די שטיינדלעך האָבן זיך געקאַלערט אין טייך אַריין, ביי יעדן שפּאַן, און ווי פיש געפּליוסקעט אויף דעם שפּיגל־פלאַכן ברעג. די ערשטע פייערלעך פון די פויערישע שטיבער זענען אים אַנטקעגן־געשפּרונגען. ער איז פאַרביי דעם פּריצישן הויף, געזען פון דער וויטנס די האַלב־רונדיקע געוועלבטע פענצטער. אַ ליכטיקייט איז געפאַלן פון זיי. ער איז דערגאַנגען ביזן ראַנד פון דאָרף, ווייטער פירט שוין אַ זייטיק וועגל צום קליינעם דערפל ראַכעלקאַ וואָס פויזנער האָט מיט יאָרן צוריק אויפגעבויט אויף זיין ווייבס נאָמען. און ניט ווייט פון דאָרט ליגט דאָס דערפל זלמנקע. אַרום ציען זיך די סאָסנע־וועלדער, שיטערע, מיט פאַרשרפהטע צווייגן.

אַ פענצטערל טיקט זיך אין אַ געל־וואַקסן ליכט. דער שטרוי־דאַך איז נידעריק, גרייכט ביז די שייבלעך. מוינע ליגט אין אַ קוסט לעבן פעלד־וועגל. ער איז דורכגעווייקט, מיד און הונגעריק. אַריינגיין אָדער ניט אַריינגיין? ער וואַרט אויס. אויף וואָס, ווייסט ער ניט.

— העי, גוטער מענטש, מאַך אויף!...

דאָס פייערל אין כאַטע ווערט ליכטיקער, שאָטנס שפּרינגען אויף און פאַלן צו דער ערד. אַ פויערטע קוקט אַרויס פון פענצטערל.

— ווער איז דאָרט?

— אַן אייגענער... לאָז אַריין אַלטשיטקע. — זיין שטים איז פול מיט

טרויער און געבעט. די טיר האָט זיך צעפּראַלט. דאָס שטיבל איז אָרעם און קליין. פון אויוון קוקט אַראָפּ אַ בערדיקער פּויער. די פּויערטע האָט זיך איבערגעצלמט און שעפּטשעט נעמען פון הייליקע.

— אין אַזאַ שליוכאַטע, גייסטו איבער וועגן, אין דער נאַכט?...

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דער אויוון־באַנק. פון די קליידער איז געררונען וואַסער, אַ צאָן האָט געקלאַפּט אין אַ צאָן. ס׳איז אים שווער געווען אַרויסצוברענגען אַ וואָרט. דער אַלטער האָט שווער געזיפצט און אַראָפּ פון אויוון.

זיי זענען געזעסן ביים טיש און מוינע האָט געגעסן מיט אַ הילצערנעם לעפל פון אַן ערדענער שיסל. די אַלטיטשקע האָט געקניט פאַר די הייליקע בילדער און געזאָגט איר נאַכטגעבעט. אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צו פּליוצן אַ נייער רעגן און געוואַשן די קליינע שייבלעך מיט וואַסער־שטראָמען.

— ווו איז דאָ קאָנקאָלס שטוב? — האָט מוינע געפרעגט.

דעם אַלטנס צעשויבערטע באָרד איז געלעגן אויף פאַרלייגטע הענט.

— צו וועמען דאַרפסטו פּאַניטש?

— דעם אַלטן קאָנקאָל דאַרף איך.

— ער איז שוין באַלד טויט ס׳פינפטע יאָר. הייליקע רו אים, אַדאָם קאָנקאָלן. פרעמדע זיצן אין זיין שטוב.

עס איז שטיל געוואָרן. די גויע איז נאָענט צוגעקומען, אַרומגעווישט די טיש־ברעטער, אַריינגעשאַרט די קרישקעס אין פאַרטעך.

— וועמענס ביסטו? זעט אויס פון די מקומות... זאָל דער באַרעמ־הערציקער דיך שוינען, — האָט די אַלטיטשקע געזאָגט, — אפשר ביסטו פון די קוכאַרער. מיר האָבן דאָ אַלעמען געקענט, מיר געדענקען דעם פּאַן פּאָזנערס צייטן...

— כ׳בין פון די עליאַשעס, עליאַש איז געווען מיין זיידע.

זי האָט פאַרלייגט די הענט אויפן פּנים.

— גאָט אין הימל, עליאַש! דאָס איז דאָך געווען אונדזער שכן. גוט וואָס גאָט האָט אים באַצייטנס אָוועקגענומען און ער דאַרף ניט זען די ליידן פון אייעריקע.

זי האָט געשעפּטשעט, גערעדט, אומקלאָרע רייד, אָנגערופן נעמען פון מענטשן, פון דערפער און פעלדער. דער אַלטער איז געווען שווייגנדיק, אָנגעכמורעט. ער איז אויפגעשטאַנען און געשפּרייזט פון אויוון־ווינקל צום טיש און צוריק. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די ביינערדיקע הענט אָן דער וואַנט, אין טיש־באַנק, און געבליבן שטיין פאַר מוינען.

— הער וואָס אַן אַלטער וועט דיר זאָגן, יונגער עליאַש. די מענטשן דאָ זענען שלעכטע, ניט־גלויביקע פּאַגאַנעס. אייעריקע הרגעט מען דאָ. דייטשן קומען אין דאָרף אַריין. קענסט ביי מיר בלייבן עטלעכע טעג.

זיי זענען ביידע אַרויס אין הויף און אַרויפגעקראָכן אויפן היי. דער

אַלטער איז געזעסן מיט מוינען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. ער האָט זיך דערוווסט פון פויער וועגן דעם זיידנס פעלדער, ווו זייערע גרענעצן זענען דורכגעגאַנגען, פון דער גרויסער שטוב מיט די שטעלער און סטאַדאָלעס. פון אַלטנס רייד איז אויפגעשווומען אַ שטיק יידיש דאָרף־לעבן.

ווען דער פויער איז אַראָפּ פון היי־בוידעמל האָבן די הענער געררופן אין שכנותדיקע הייף. מוינע איז ניט איינגעשלאָפן. ער האָט אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך פון ווינט, דעם רעגן־געפּויק. אַ הינט־בילעריי פון צווייטן עק דאָרף האָט אים באַאומרואיקט. ניט ווייט האָט אַ פערד געהירזשעט אין אַ לויז־געשפּאַנטן וואָגן. מען האָט געהערט דייטלעך דעם געשפּאַן־געקלימפּער וואָס איז געקומען פון זייטיקן וועגל. ערגעץ האָט געסקריפּעט אַ וואָגן־אַקס. פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף פון אַ מידמאַטן וואָגלער.

— ב —

אַזוי איז אַדורך איין טאָג און אַ צווייטער. די אַלטיטשקע האָט אַרויפּ־געבראַכט צוויי מאָל אין טאָג אַ שיסעלע געקעכץ. אין די פאַרנאַכטן האָט זיך אַרויפגעכאַפּט דער אַלטער. ער האָט אונטערגעהוסט און דערנאָך זענען זיי געזעסן אויפן היי, אין דער פינצטערניש, און גערעדט וועגן אַלערליי פּאַסירונגען פון דאָרף. מוינע האָט ניט געזען דעם אַלטנס פּנים און דער אַלטער האָט ניט געזען מוינען, נאָר אָפט האָט אַ שוואַרצאַפּל פון מוינעס אויג אַ גלי־געטאָן ווי אַן אָנגעצונדן פלעמל.

— די גאַוראַשעס זענען רייך געוואָרן מיט אָנגעראַבעוועט יידיש פאַרמעגנס.

— דער גמינע־שרייבער כוואַסין חברט זיך מיט דייטשן. ער נישטערט איבערן דאָרף. זיינע אויגן זענען אומעטום פול. ביי דער גרעבליע האָט מען געכאַפּט עטלעכע יידן.

געזאָגט דאָס אַלץ, איז ער צוריק אַראָפּ פון בוידעם און אַריין אין שטוב. מוינע האָט געהערט זיין הוסטן. אין דער אָרעמער כאַטע איז שטיל געוואָרן.

דער אַלטער האָט ניט געהאַט קיין פעלד. געלעבט האָט ער פון בעט־לעריי. פאַרטאָג איז ער אַוועק מיט אַ טאָרבע איבער די דאָרפישע הייזער, געגאַנגען צו די נאָענטע דערפלעך און געבעטלט. ער איז שטיין געבליבן פאַר זאַטע הייף, געקלאַפּט מיטן שטעקן אין די פענצטערלעך און געבעטן מיט אַ זינגענדיק פרום קול. זיין שטוב איז געווען די אָרעמסטע אין דאָרף, געשטאַנען נעבן די זאַמד־פעלדער, דאָרט ווו מ'האָט זיך געצויגן אויף ווייטע מיילן דער אָפּגעברענטער סאָסנע־וואַלד.

אין קוכאַר האָבן אַלע געקענט דעם בעטלער גזשעמאַל. איז עמעצער

געווען אויפגעלייגט האָט ער אָפּגעשטעלט דעם אַלטיטשקן און געפּלוידערט. קיינער איז צו אים ניט געקומען אין דער כאַטע אַריין, ער האָט אויסגעמיטן די דאָרפס־איינוווינער און די דאָרפס־איינוווינער האָבן אויסגעמיטן יענץ זייטיקע ווינקל וואָס איז געווען אַן אָרט פון שדים און ניט־גוטע. דאָרט ניט ווייט פון די זאַמד־פעלדער און אָפּגעברענטן וואַלד איז געווען דאָס יידישע בית־הקברות. גויים וואָס זענען אין די נעכט פאַרבייגעפאָרן דעם וואַלד האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געזען טויטע יידן אין טליתים אונטער אָפּגעברענטע סאָסנעס.

איין מאָל איז דער גמינע־שרייבער כוואַסטין געקומען צום אַלטן גזשעמאָל. דאָס איז געווען אין אַ זונטיק פאַר מיטאָג. אין די זונטיקס איז דער אַלטער ניט געגאַנגען איבערן דאָרף.

מוינע האָט דערהערט אַ הונט־בילעריי אין הויף. דאָס בילעריי איז געוואָרן העפטיקער.

— גזשעמאל, כ׳בין געקומען זען דאָס בריקל וואָס מען דאַרף פאַרריכטן, טראַכט איך, מ׳דאַרף אַריין צו דיר, זען וואָס דו מאַכסט.

די אַלטע האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו כוואַסטינען.

— מ׳לעבט אַזוי אויף די אַלטע יאָרן אין דער כיזשינע. מ׳קען זיך ניט העלפן, גאָט וויל אַזוי... אַז דיר איז ליב, קום אַריין וואַצעק, נשמה מיינע...

ער איז געבליבן אויף דער שוועל, אַרומגעקוקט זיך. דאָס איז געווען אַ נידעריק פּויערל מיט כיטרע אייגעלעך, פלינקע, זיי זענען געשווומען ווי קליינע סאַזשקע־זשאַבעס. איין אַקסל איז געווען ביי אים אַ נידעריקער און אַז ער איז געגאַנגען האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געוויגט.

— ס׳מוז דיר זיין שווער, גזשעמאל, דו גייסט אָפּט איבער די כאַטעס...

— האָט... האָ... — האָט דער אַלטער געברומט און געהוסט.

— טאָרבעס טראָגסטו שווערע, פולע... — האָט ער זייטיק געקוקט אויפן אַלטן, געפרעגט זיך וועגן וועג־בריקל, ווער האָט דען געקענט אַוועקגנבענען די העלצער, — האַ, גזשעמאל? דער אַלטער האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— גאָט ווייס... היינטיקע צייטן...

כוואַסטין איז אַרויס פון הייפל. די אַלטע לייט זענען אים נאָכגעגאַנגען. דער הונט האָט זיך געריסן מיט די פעדערשטע לאַפּעס צום צוגעלענטן שטאַל־טירל. וויפל מאָל מען האָט אים ניט גערופן איז ער ניט אָפּגעטרעטן. ער האָט זיך איינגעגראָבן מיט דער מאָרדע אונטער דער שוועל פון שטאַל. כוואַסטין איז צוגעקומען צום שטאַל און געפרעגט.

— איז דען עמעצער דאָרט דאָ, וואָס רייסט ער זיך אַזוי דער הונט?

— ער האָט דערשפּירט אַוודאַי דעם קראָט וואָס ראָיעט דאָ אונטער די

ווענט — האָט דער אַלטער געזאָגט, געעפנט די שטאַל־טיר, כדי צו ווייזן וואַצעקן אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ. דער הונט איז צוגעשפּרונגען צום לייטער, געריסן זיך מיט אַ בילעריי. כוואַסקין האָט זיך אַרומגעקוקט און איז אַרויס אויף דער גאַס. די אַלטיטשקע האָט געטריבן דעם הונט פון שטאַל, געיאָגט אים מיט רוגזה:

— גיי דו טשאָרט, דו טייוול, בייזער דיאַבעל איינער!

דער אַלטער איז געשטאַנען אַ ווײַלע מיט וואַצעקן אין געסל. זיי זענען געווען אויסגעקערעוועט מיט די פּנימער צום אָפּגעשרפהטן וואַלד. צווישן די שוואַרץ־ברוינע נאַקעטע סאָסנעס האָבן זיך אַרויסגעזען ווייסע מצבה־שטיינער, איינגעזונקענע, קליינע, אומגעוואָרפענע אין אומאָרדענונג. דער זאַמד־באָדן איז געווען אָנגעהויפט מיט צווייגן, שישקעס און בהמה־מיסט. דורך דאַנען האָט מען אין די זומערן געטריבן די דאָרף־סטאַדע צום טייך.

— הער גזשעמאַל, איך וועל עפּעס דאַרפן פון דיר. כ׳וועל קומען אַ צווייט מאָל...

ער האָט די ווערטער געזאָגט מיט גרויס ערנסטקייט און באַלד דער־נאָך אַוועק.

דער בעטלער איז צוריק אַריין אין דער כאַטע.

כוואַסטין האָט דעם זונטיק נאָכמיטאָג פאַרבראַכט אין דאָרף. ער איז געווען אין שענק, אַרומגעדרייט זיך צווישן די בראַנפן־טרינקער, אַרייגגע־קוקט אין יעדן ווינקל. עמעץ איז אים אַנטקעגן געלאָפן מיט אַ פלאַש וואָדקע און געשריען:

— פּאַניע כוואַסטין, אַ קראַפּלקע נאָר! זע, קיין סך איז ניט גע־בליבן. קום זעץ דיך.

דער שיכור האָט געהאַט גלאָזיקע אויגן, פאַרלאָפענע מיט אַ פייכטן טוי, זיינע וואָנצעס זענען געווען פאַרקעמט אויף אַרויף מיט גערונדיקטע שפּיצן ווי פיש־האָקנס.

די איבעריקע זײַנען געווען אויפגעלייגט און טומלדיק. מ׳האָט אַרומ־גערינגלט דעם גאַסט, געצויגן אים פאַר די פּאָלעס און גוט־ברודעריש גע־קלאַפּט אין דער פּלייצע.

ער איז אַרויס פון דער שענק דורך אַ זייטיקער טיר. דער נידעריקער שטערן איז באַזעצט געווען מיט גרויסע שווייס־טראָפּנס, די אויערן האָבן אים געפלאַמט. ער האָט געשפּאַנט מיטן פעלד־וועגל וואָס איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ און געפירט גלייך צו דער כאַטקע מיט די ווייסע פאַרהאַנגלעך, צו די צוויי אַלטע פּאַנעס די גלינעצקיס. די פאַרהאַנגלעך האָבן געווונקען צו אים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ניין, קיינער קוקט אים ניט נאָך, זיי קאָ־נען נאָך צוטראָגן זיין אַלטער קלעמפּע. האָ, האָ, וועט זיין דערנאָך אַ טועכץ.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דורכן פריצישן סאָד, ער האָט געדאַרפט נאָך

אַ פינף מינוט גאַנג צום שטיבל פון די פאַננעס. נאָר דאָ איז ער געבליבן שטיין. פון אַ פענצטער פון פריישן הויף האָט אַ שלאָג־געטאָן אַ ליכט. אַ יונג מיידל איז געשטאַנען אין פענצטער, דאָס ליכט איז געקומען פון אירע קליידער', פון די הענט.

— וואַרט נאָר... וואַרט נאָר פאַניע כוואַסטין, לויף ניט אַזוי... — האָט ער אַליין צו זיך גערעדט. — וואָסער כישוף איז דאָס? ווער וווינט דאָ? ווער איז דאָס?

ער האָט געריבן זיין הייסן שטערן מיט דער האַנט, געוואָלט ווייטער גיין, נאָר די אייגעלעך זיינע זענען אַלץ געהאַנגען אין ליידיקן פענצטער.

כאַ־כאַ־כאַ. ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול. זיין שיכור געלעכ־טערל האָט זיך געקייקלט מיט שדישער פאַרשייטקייט איבער דעם סאָד און געפאַלן צו די שויבן פון הויז ווי זאמד־שטויב אין אַ שטורעם.

— קאָפּ, מיין קאָפּ, שיכורער קאָפּ... האָט ער געברומט, דאָס איז דאָך די דירה פון פאַן גאַיעווסקי, דעם אַלטן גימנאַזיאַל־לערער. כאַ־כאַ־כאַ... פאַרגעסן אַז די יונגע דאַמע איז זיין פּלימיעניצע פון בידגאָשטש... אָטאָ די, וועלכע ער האָט איינגעמאַלדן מיט אַ פּאָר טעג צוריק אין דער גמינע...

ער איז געשטאַנען אין האַרבסטיקן סאָד און געלאַכט וואָס אַמאָל הילכיקער. ער האָט פאַרגעסן אָן די אַלטע פאַננעס וואָס וואַרטן יעדן זונטיק אויף זיין באַזוך. עס איז אים נמאס געוואָרן זייערע פליישיקע באַקן, די אויסגעגייטע קאַנאַפּע־קישעלעך, דאָס גאַנצע דאָרף קוכאַר. ער וואָלט גע־קאָנט איצט אַ לעבן מאַכן אין דער שטאָט וואָס איז ליידיק געוואָרן נאָך די זשידעס. ער וואָלט דאָרט אַ וואַזשנער מענטש געוואָרן, אַ שטאָטישער, ניט דאָ אויסגיין פון אומעט צווישן די גרעבליעס פון פאַרברענטן וואַלד.

— ג —

דער גימנאַזיע־לערער טאַדעוש גאַיעווסקי איז געקומען קיין קוכאַר האַרט פאַר דער מלחמה. ער האָט אויפגעגעבן זיין הויז אין פּלאָצק און באַ־שלאָסן פאַרברענגען די עלטער אין דאָרף. ער איז געווען איינזאַם אין די מלחמה־יאָרן. די אַלטע פריינד זענען אויסגעשטאָרבן, די לעבן־געבליבענע זענען אַוועק אין די גרויסע שטעט, זיי האָבן פאַרוואָרפן די פאַרבינדונגען מיט דעם פּראָווינצער טשודאַק, דעם „בוימוואָרעם" ווי זיי האָבן אים אין שפּאַס גערופן, מחמת זיינע משונהדיקע עקספּערימענטן מיט פלאַנצן. זיי זענען געוואָרן גענערעלער, דעפּאַרטאַמענט־שעפן און מיניסטאָרן. מיט איי־נעם פון די אַלטע שול־פריינד האָט ער אָנגעהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ און געווען מיט אים פאַמיליאַר־באַפריינדעט — דאָס איז געווען מיט סטאַניס־לאַוו פאָזנער, אַ פּוילישער סענאַטאָר. אין זייערע בריוו האָבן זיי אַ יאָר־צענדליק געפירט אַ דיספּוט וועגן פּוילנס צוקונפט, וועגן די קולטור־בריק

וואָס ווערט אויפגעשטעלט צווישן מזרח־ און מערב־אייראָפּע. פּאַזנער האָט געהאַלטן אַז די באַצייכענונג פּאָליאַק, מיינט ניט בלויז מענטשן פון איין ביאָלאָגישן שטאַם, נאָר די וואָס לעבן אין פּוילן, שאַפן דאָ גייסט־ווערטן און זייער שפּראַך איז פּויליש אָדער יידיש. יעדע שפּראַך וואָס ווערט גערעדט אויף פּוילנס ערד מוז האָבן אין זיך עלעמענטן פון פּוילישקייט, פון פּוילישער לאַנדשאַפט, פון פּוילישן קלאַנג. ערגעץ טרעפן זיך אַלע שטראָמען צונויף אין איין גרויסן ים פון פאָלקס־קולטור.

גאַיעווסקיס בריוו זענען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט ביישפּילן פון דער וועלט פון געוויקסן. דער אַלטער באָטאַניקער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג אין קליינעם גערטנדל, אין די ספּעקטן, זיינע צימערלעך זענען פול געווען מיט וואַזאָנעס און בלומען־טעפּ. אַ טייל פלאַנצן פון זיין פלאַצקער גאָרטן האָט ער אַריבערגעבראַכט קיין קוכאַר און דאָ זיך פאַרנומען מיט זיי. אין די מלחמה־יאָרן איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ להכעיסדיקער בייזקייט צו דער וועלט. עפּעס האָט אים אויפגעהערט צו געפעלן דער גאַנצער וועלט־סדר. ער וואָלט געוואָלט אַלץ איבערקערן, איבעראַנדערשן. אין די פאַריקע יאָרן האָט ער מיט ליבע פאַרנומען זיך מיט זיינע פליושטשן, געלאָזט זיי שלענגלען זיך אויף די ווענט, אַראָפּהענגען פון סופיט, געהאָדעוועט אַ ציטרוסבוים וואָס האָט געטראָגן קליינע גרינע פּרוכט, אַלערליי פאַרביקע פּעלאַרגאָניעס. איצט אין קוכאַר האָט די להכעיסדיקייט צו דער וועלט זיך אויסגעדריקט אין זיינע משונהדיקע געגנג מיט די געוויקסן. ענדערן דאָס פּנים פון דער וועלט האָט ער אָנגעהויבן ביי זיך אין גערטנדל. ער האָט דעם רויזנקוסט געצוווּנגען צו וואַקסן ווי אַ בוים מיט איין שטאַם, ער האָט אומרחמנותדיק געשניטן מיט דער גאָרטן־שער יעדער זייטיקן אַרויסשפּראָץ. ער האָט דאָס זעלביקע געטאָן מיט דער מאַלינע־קוסט — פאַרוואַנדלט אין אַ ביימל. ער האָט אַ באַרנע־בוים געמאַכט פאַר אַ קלעטער־קוסט וואָס קלאַמערט זיך אויף ווענט. ער האָט די זריעה פון וואַלד־סאָסנעס פאַרזעצט אין קליינע ליימענע טעפּלעך און געהאָדעוועט זיי אויפן פענצטער־ברעטל. ער האָט דעם שלאַנקן טאָפּאָל אונטערגעשניטן ביים וואָרצל און אים געצוווּנגען צו גדייען ווי אַ טאָפּאָל־קוסט. ער האָט עפּל־ביימלעך געפלאַנצט אין ספּעקטן און געמאַכט אַז זיי זאָלן אין מיטן ווינטער צוויטן. ער האָט געוואָלט איבערקערן דעם לוח פון בליונג און וועלקונג. איבעראַנדערשן, פאַרקערט מאַכן, אַנדערש ווי דער בורא האָט באַשאַפן. ער האָט געקרייצט אַלערליי פלאַנצן גאָרניט לויטן אָנגענומענעם שטייגער, ווילד, מיט שפּאַט, געוואָלט האָדעווען קריפּל־ביימער, מיט קרוינען ווי צלמים, ווי שטערן, אָדער האַלבע לבנות. ס׳רוב, האָבן די פלאַנצן וועגעטירט, זייערע בלעטער זענען געוואָרן געל, גערונצלט, מיט ברוינע אָנגעלאָפענע בלאַט־אָדערן און האָבן אויסגעזען ווי די הויט פון אַלטן לערער. ער פלעגט שטיין אין אַ פאַרשאָטנט ווינקל פון חדר מיט אַ פאַרגליווערטן שגעון־געלעכטערל, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט, און דערנאָך

צוגיין מיט זיינע שטילע טריט, פּאַרטייעט צו איינע פון די פלאַנצן וואָס איז אויסגעגאַנגען מיט אַ קראַנקן געלן טויט און פייערלעך אויפגעהויבן דעם וואַזאָן און אים אַרויסגעטראָגן צום קליינעם פלאַנצן בית־עולם וואָס האָט זיך געפונען נעבן זיין פענצטער, ביים שייער.

אין איינעם אַ זונטיק נאָכמיטאָג, טראַגנדיק אַזוי אַ פאַרוויאַנעטן פלאַנץ האָט זיך דער אַלטער לערער אָנגעטראָפן מיט כוואַסטינען.

דער גמינע־שרייבער האָט זיך טיף פאַרנויגט, אויסגעטאָן זיין הוט און הויך אויסגערופן:

— מיין אַכטונג אייך, הער פּראָפעסאָר.

דער אַלטער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט, פאַרזיכטיק אַוועקגעשטעלט דעם וואַזאָן אויף דער ערד, אויסגעגלייכט זיך און שטיל געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

— איר דערקענט מיך ניט, הער טאַדעוש גאַיעווסקי, — האָט זיך כוואַסטין אָנגערופן. איך בין געקומען צו אייך.

זיי זענען אַריין אין צימער. דער גמינע־שרייבער איז געשטאַנען ביי דער שוועל. דער אַלטער איז געווען פאַרכמורעט און געהאַלטן די הענט אויפן בוזעם. ער איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, אַרויסגערוקט עטלעכע שופלאָדן, געזוכט אין זיי און לסוף אַרויסגענומען אַ העפטל. ער האָט דאָרט אַריינגעשריבן עטלעכע אייליקע שורות: „היינט, זונטיק, איז אויסגעגאַנגען דער פיקוס. זיינע אייניקע טעג געל געוואָרן". פּאַרטיק געוואָרן מיטן פאַר־שרייבן האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער טיר ווו ס'איז געשטאַנען דער גמינע־שרייבער און מיט פּלוצעמדיקער אויפגעלייגטקייט געזאָגט:

— זייט באַגריסט, הער וואַצעק, אויב כ'האָב קיין טעות ניט, רופט מען אייך כוואַסט... כוואַסט...

— כוואַסטין, — האָט דער גמינע־שרייבער אים אַרויסגעהאָלפן.

— יאָ, יאָ, פאַרגעסן אין גאַנצן אַז כוואַסטי... פּאַניע כוואַסטי... — האָט דער אַלטער לערער זיך ווידער פאַרהאַקט, — אַנטשולדיקט מיר, עס קריכט מיר אין קאָפּ אַריין נאָר כוואַסטעס*), כ'האָב אַ גאַנץ לעבן צו טאָן מיט געוויקסן און מיט כוואַסטעס... ער האָט זיך אַריינגעשמייכלט אין דער וואָנצע און דער גמינע־שרייבער האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט רויטקייט, כלומרשט געשמייכלט און דערווייל נענטער צוגעקומען צום טיש.

דער בראָנפן־טשאַד איז אים אויסגעוועפּט געוואָרן, ער האָט פאַרלוירן דעם פריערדיקן קוראַזש, דער גמינער־שרייבער. נאָר עפּעס האָט זיך געשאַרפט אין זיינע שלייפן, אַ ביטערקייט, אַ פּויעריש־עקשנותדיקע איבערגעשפּיצט־קייט.

---

*) קרייטעכצער. אויף פּויליש „כוואַסטי".

— אַהאַ, דער אַלטער איז ניט אַזאַ טשודאַק ווי ער מאַכט זיך. ווער ווייס וואָס ער באַהאַלט אויס.

— וואָס זאָגט איר גוטס, הער וואַצלאַוו כוואַסטין, — האָט דער פּראָפעסאָר אַ פרעג געטאָן, זאָגנדיק דערביי דעם נאָמען וואַצלאַוו מיט אַ באַזונדערער אַקצענטירונג ווי ער וואָלט געוואָלט ווייזן דערמיט, אַז ער רעכנט זיך מיטן גאַסט.

— ביטערע צייטן, הער גאַיעווסקי, מלחמות... רעקוויזיציעס, ניט־גוט, פאַרדעכטיקע מענטשן קומען אין דאָרף אַריין... ס'קען נאָך ברענגען אַן אומגליק אויף אַלעמען...

ער האָט אויפגעהויבן די רעכטע וויע פון וואַסערדיקן אייגל און אייַנגעקוקט זיך אין אַלטנס פּנים.

אין שכנותדיקן צימער האָט זיך עמעצער געפּאָרעט. מען האָט געהערט שטילע טריט.

— פּאַניע וואַצלאַוו, אַזוי אַזוי...

דער לערער האָט עפּעס געברומט און פאַרשעריש געקוקט אויפן אומגעריכטן גאַסט.

כוואַסטין האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, אָנגערירט די פלאַנצן, געפּרווט די האַרטקייט פון די צווייגלעך, געשמעקט צו זיי. מיט יעדן טריט וואָס ער האָט געמאַכט איז ער געוואָרן דרייסטער, היימישער, די צונג איז אים געוואָרן אויפגעבונדענער, ער האָט גערעדט וועגן די דאָרפס־ענינים, אַז מען שוינט ניט דאָס פאַרמעגן פון דער גמינע, מען האַקט אויס די ביימער, מען גנבעט די געהילצער פון די וועג־בריקלעך, דער עולם שיכורט און וויל ניט צושטעלן די דייטשן די קאָנטינגענטן, מען באַאַרבעט ניט די פעלדער. ער איז געבליבן פלוצעם שטיין פאַר דער טיר וואָס פירט אין צווייטן צימער און טייטלענדיק מיטן פינגער געפרעגט:

— די פּלעמיעניצע אייערע, די וואָס מיר האָבן פאַרשריבן אין דער גמינע?

— יאָ.

גאַיעווסקי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָך מיין זעליקער שוועסטער, זי איז געבליבן אַליין אין ווייטן בידגאָשטש. זי וועט מיר העלפן אויף די עלטערע יאָרן.

— געוועזן דייטשן אין גמינע.

דער גמינע־שרייבער האָט דאָס זאָגנדיק, צוגעבויגן זיך צום אַלטן און שטיל געשעפּטשעט: — זיי האָבן דורכגעקוקט די דאָקומענטן פון די ביי־אָנגעקומענע אין דאָרף, געפרעגט זיך ווער עס איז די געזאַנג־לערערין יאַלאַנע פּאַזנאַנסקאַ, צי עמעצער קען איר פון פאַר דער מלחמה. איך האָב זיי געזאָגט, אַז די פּאַננע פּאַזנאַנסקאַ איז מיר באַקאַנט פון לאַנג, זי איז דעם פּראָפעסאָרס פּלימיעניצע, אַז זי איז אין די פריערדיקע יאָרן דאָ געוועזן. ווי

גאָט איז מיר ליב, הער פּראָפעסאָר, איך האָב אַזוי געזאָגט, אַ ליגן האָב איך זיי געזאָגט גלייך אין די פּנימער אַריין.

דער אַלטער איז אויפגעשפּרונגען.

— דו האָסט ניט געזאָגט קיין ליגן. מיינסטו דען אַז די פּאַננע יאַלאַנע איז ניט מיין שוועסטערן־טאָכטער? גלייבסטו דען ניט וואָס איך זאָג? כוואַסטין האָט ניט געענטפערט.

דער גימנאַזיע־לערער איז געלאָפן פון איין עק צימער צום צווייטן, וואַצלאַוו איז אים נאָכגעגאַנגען.

— איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען הער טאַדעוש, ניט פאַרשטאַנען, איך האָב זיי געזאָגט, אַז פריילין פּאַזנאַנסקאַ איז מיר באַקאַנט שוין פון לאַנג, פאַר דער מלחמה און איר האָט זי מיר קיין מאָל ניט פאַרגעשטעלט.

די טיר פון שכנותדיקן צימער האָט זיך אויפגעפּראַלט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען די פריילין יאַלאַנע. זי איז געווען אין אַ העל זיידן קלייד, די פלאַקסענע האָר פאַרלייגט ווי אַ ליכטיקע קרוין איבערן שטערן. די גרויסע שיינע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ גוטמוטיקן חידוש.

דער גמינע־שרייבער האָט זיך פאַרלוירן, געדרייט אויפן בענקל. איר דרייסטער געשטעל, די אָדלער־נאָז, די געשניצטע ליפּן, דאָס ליכט פון אירע האָר, דאָס אַלץ האָט אָפּגענומען ביי אים ס׳לשון. אַלע חשדים זיינע זענען צערונען געוואָרן. פאַר אים איז געשטאַנען אַ וווּנדערשיינע יונגע פּוילישע שליאַכטשאַנקע. ער האָט זיך געניגט, אָנגערופן זיין נאָמען, געוואָלט דער פריילין קושן אין דער האַנט און ניט געוווּסט ווי אַזוי נענטער צוצוגיין צו איר. ער האָט אויסגערעדט עטלעכע ווערטער. אים איז אויסגעקומען אַז ס׳קול איז ניט זיינס, אַ פרעמד קול, אַ פאַרשעמט ציטערדיקס.

ער געדענקט ניט ווי אַזוי ער איז אַוועק פון דעם אַלטן לערער, צי ער האָט זיך געזעגנט מיט דער יונגער דאַמע. ער איז געבליבן אין סאָד ביים פּלויט. אַ הונט איז אים באַפאַלן מיט אַ וויסט בילעריי. ביי די אַלטע פּאַננעס, — די שוועסטער גלינעצקיס איז ליכטיק. ניין, ער וועט ניט גיין צו זיי. ער וועט אַ היים גיין. עס איז שוין פינצטער געווען ווען כוואַסטין איז אַרויס אויפן שליאַך. אַ גרויסער פאַרדרוס און בושה איז אין אים אויפגעגאַנגען, ער ווייס ניט, וואַצעק, אויף וועמען דער פאַרדראָס און פאַרוואָס די בושה. ער האָט זיך דערזען אַזוי שפּלדיק און געפאַלן. פאַראַן שיינע וועלטן, ליכטיקע אַזוי ווי ס׳פּנים פון דער פריילין יאַלאַנע, נאָר ער, וואַצעק, איז געבוירן געוואָרן ניט צו יענע וועלטן. זיין וועלט איז די וועלט פון דאָרף, די וועלט פון זיין ווייב די שדיכע און פון די אַלטע מוידן צו וועלכע יעדער פאַראָבעק קען צוקומען. פון פאַרדראָס און בושה איז ער געוואָרן אין כעס. אַ כעס צו זיך, צום דאָרף און צו דעם אַלטן לערער מיט זיין פּליעמיעניצע.

זיין שאָטן איז אים פאַרויסגעלאָפן, געקנוילט זיך, ער איז געגאַנגען אַ וויגנדיקער, פאַרטשעפּעט זיך אָן צווייגן, אַריינגעקראָכן אין קאַלוזשעס, גע־

שאָלטן זיך, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין שטוב. זיין הונט איז אים אַנט־קעגן געלאָפן, ער האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן, אַרומגענומען זיין האַלדז. דער שאָטן פון מענטש און הונט האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין טונקעלן נאַכט־פלעק וואָס איז געפאַלן אויפן בלאָטיקן דאָרף־געסל.

— ד —

סטאַניסלאַוו פּאַזנער האָט זיינע לעצטע יאָרן פאַרבראַכט אין גרויס איינזאַמקייט. ער איז מיט אַ מאָל אַלט געוואָרן, זיין רויט־קנאַכיק פּנים האָט פאַרלוירן די פרישקייט, ס'איז געוואָרן גערונצלט און מאַט. די געקרייזלטע האָר האָבן מער ניט דערמאָנט אין אַ צעכוואַליעטער אַזיערע־פלאַך פון אַ פרילינגדיקן שטורעם. עס האָט אויסגעזען ווי די ווינט־שטראָמען ציען נעבן אים פאַרביי און רירן נישט אָן דעם הויכן געבויגענעם אַלטן מאַן, כאָטש ער איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ הפקרדיק־צעשטורעמטער צייט.

ער איז געבליבן ביז זיין טויט אַ פּוילישער סענאַטאָר. די גאַס האָט אים ניט געקענט, ניט זיינע שריפטן וועגן פּוילישער קולטור, ניט זיינע רעדעס אין סענאַט. נאָר אַ קליינער קרייז פון מענטשן וואָס האָבן אויסגעטראָגן דעם געראַנגל פאַר פּוילן האָבן געוווּסט ווער סטאַניסלאַוו פּאַזנער איז געווען. זיי זענען אָבער אַוועק פון פאָלק וואָס האָט זיי גרויס געמאַכט, זיי זענען אַוועק פון המון וואָס האָט אויף די הענט זיי געטראָגן ביזן בעלוועדער. פּאַזנערס אַלטע פריינד זענען דאָס געווען די מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן פון פּוילן, די אַרמיי־פירערס און שרייפטשטעלער.

ער האָט אָבער פון פּוילישן המון, פון די מאַזאָווער פּויערים ניט גע־קאָנט אַוועק. ער איז געווען גלייכגילטיק צו זייער געראַנגל, ס'זענען אים פרעמד געווען די פּרימיטיווע זאַצן פון דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר", אים איז געווען נאָענט זייער שטייגער־לעבן. ער האָט ליב געהאַט דעם המונס אַנטבלויזטע קעפּ אויף פּוילישע גאַסן, די אַנגעצונדענע אויגן וואָס האָבן מיט אַ קלויסטער־שטילקייט אויפגענומען יעדן באַוועג פון רעדנער. דאָס איז אַ טייך וואָס שטראָמט און פאַרפּלייצט, און אויף די רוקנס פון די צעוויגטע כוואַליעס ווערט ער געטראָגן, ווי איינער פון זיי, ווי אַ טייל פון פאָלק. אַוועקגיין פון גרויסן פּויערישן המון, פון דער מאַסע אַרבעטער האָט באַטייט פאַר פּאַזנערן אָפּרייסן זיך פון פּוילישן שטאַם.

צוויי פּאַסירונגען האָבן פּאַזנערן טיף אויפגעטרייסלט, זיי האָבן אַנט־פּלעקט פאַר אים אַ תהום. ער האָט דערזען זיין איינזאַמקייט. אַלע פעדעם האָבן זיך גענומען רייסן, פעדעם וואָס האָבן אים פאַרבונדן מיט דעם פאָלק.

די געשעענישן זענען אין פלוג געווען אויבנאויפיקע, זייטיקע, פּערזענ־לעכע, זיי האָבן אין זיך געטראָגן דעם חותם פון אַ טרויעריקער צייט וואָס קומט אָן. זיי זענען געווען ווי אַ וויסטער שטראָם פון אַ ווינט וואָס צע־

פּראַלט טיר און טויער, רייסט זיך אין די ווייטסטע חדרים אַריין מיט רוגזה און אָנזאָג, אַז דער שטורעם קומט אָן.

דאָס איז געשען אַ יאָר פֿאַר זיין טויט.

דער מאַרשאַל פֿון פּוילן איז געווען מיט פּאָזנערן באַפֿריינדעט פֿון די יונגסטע יאָרן אָן. זיי האָבן זיך אָפט דורכגעשריבן און פֿון צייט צו צייט באַגעגנט.

פּאָזנער האָט געוואַרט אין אויפֿנאַם־צימער פֿון שלאָס ווו עס איז גע־זעסן דער הויפּט פֿון דער מדינה. מ׳האָט אים דאָס מאָל געלאָזט וואַרטן לאַנגע שעהן. ער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף זיין יוגנט־פֿריינד. דער מאַרשאַל האָט זיך ניט געאיילט, ער איז אים ניט אַקעגנגעגאַנגען מיט צעשמייכלטע וואָנצן, ווי אין די פֿריערדיקע יאָרן. עס האָבן זיך שוין באַלד געענדיקט די אַמט־שעהן. אַ סעקרעטאַריך איז אָנגעקומען פֿון אַ זייטיקער טיר און ניט־גריסנדיק אַ פֿרעג־געטאָן:

— פּאַן סענאַטאָר?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—דער מאַרשאַל קען אייך ניט אויפֿנעמען. — זי איז געווען ערנסט און העפֿלעך.

— האָט דער מאַרשאַל באַשטימט די אויפֿנאַמע אויף אַ צווייט מאָל?

— ניין! — האָט זי קורץ אָפּגעהאַקט.

ער איז אַרויס פֿון די קאָרידאָרן, געגאַנגען איבערן הויף, ניט אומגע־קוקט זיך און ניט געענטפֿערט אויף די באַגריסונגען פֿון באַקאַנטע.

די ווייסל איז געווען דעם טאָג געל־ליימיק און אומרואיק. ער איז אַוועקגעפֿאַלן אויף דער סאָפֿע. די טאָכטער האָט אים צוגעטראָגן אַ גלאָז וואַסער, צעקנעפּלט דעם קאָלנער, לויז געמאַכט דעם קראַגן.

דער דאָקטער האָט פֿעסטגעשטעלט: אַ האַרץ־אַטאַק. ס׳וועט אפשר איבערגיין, לאָמיר האָפֿן, פּאַננאַ יאַלאַנאַ, אַז אייער פֿאָטער וועט איבער־האַלטן.

פּאָזנערס געזונט־מצב האָט זיך פֿאַרבעסערט. ער האָט באַנייט זיינע באַזוכן אין סענאַט. ער איז געקומען די לעצטע צייט אין באַגלייטונג פֿון דער טאָכטער. ער איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און מידער.

די צווייטע געשעעניש וואָס האָט אים טיף אויפֿגערודערט איז געשען אין סענאַט־קלוב קורץ נאָך דעם פֿאַל מיטן מאַרשאַל. עמעצער האָט רעפֿע־רירט אַ פּלאַן צו לייזן די יידנפֿראַגע פֿון פּוילן, וועגן אַ מיליאָן פּוילישע יידן וואָס מ׳דאַרף אַרויסשיקן פֿון לאַנד. יידן זענען דאָ פֿרעמדע, זיי זענען ניט קיין באַשטאַנדטייל פֿון דער פּוילישער קולטור. מ׳דאַרף זיי צווינגען צו עמיגרירן. דאָס איז ניט קיין יידן־שנאה, דאָס איז עלעמענטאַרע רעכט פֿון באַלעבאַטים פֿון דער פּוילישער ערד...

אויף דער באַגעגעניש זענען געווען דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן, שרייבערס

און קולטור־טוער, מענטשן פון עלטערן דור פרייהייטס־קעמפער פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט. זיי האָבן אַלע איצט געקוקט אויף פּאַזנערן. ער האָט גע־פילט דורך די געדיכטע ווייס אַלעמענס בליקן אויף זיך. זיי האָבן געוואַרט וואָס ס׳וועט זאָגן דער ייִד פון דאָרף קוכאַר.

ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן. די פּנים־קנייטשן זענען געוואָרן שאַרף און טיף. די אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. ער האָט געפילט אַן ענגשאַפט אַרום זיין ברוסט. ער איז געשטאַנען איינגעבויגן, אָנהאַלטנדיק זיך אָן דער שטול.

— פּאַנאָוויע, — האָט ער שטיל אָנגעהויבן — מ׳האָט דאָ געזאָגט, אַז ייִדן זענען ניט קיין באַשטאַנדטייל פון פוילנס קולטור. ער האָט איבער־געריסן אַ ווײַלע, אַ רויטקייט האָט אַ שלאָג־געטאָן אין זיין פּנים, שוויס־טראָפּנס האָבן זיך געקייקלט. די געדיכטע ייִדישע ברעמען זענען זיך צו־נויפגעגאַנגען. ער האָט זיך אַ רוק־געטאָן פון דער שטול און מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען צו פוילנס גרויסע מאַפּע וואָס איז געהאָנגען אויף דער פּראָנ־טיקער וואַנט אונטער אַ מעשענעם אָדלער.

— ייִדן זענען דאָ ניט קיין פרעמדע! עס זענען דאָ שטחים ערד אין פוילן וווּ ייִדן זענען פריער געווען ווי די פּאָליאַקן!

זיין שטים האָט געהילכט מיט אַ מעטאַלענער קלאָרקייט.

— אָט דאָ ליגט מאַזאָוויע, קוקט! ניט ווייט פון פּלאָצק און פלינצק שפּרייטן זיך דערפער, מיין אָפּשטאַם־דאָרף קוכאַר, און ווייטער פון דאַנען אַ צענדליק דערפער. וועך האָט זיי געבויט? ייִדן! זיי האָבן אויסגעלייזט די ערד פון די פּרוסאַקעס, זיי האָבן איר באַאַרבעט דורות גאַנצע! זיי, די ייִדן האָבן געלערנט די מאַזאָווער און קויאַוון מלאכות. ייִדן האָבן באַרייכערט די פּוילישע שפּראַך און פּוילישע קולטור. ייִדישע ווערטער זענען געוואָרן פאַרפּוילישט און פּוילישע פאַרייִדישט. דאָס איז געווען דער שענסטער זיווג אין דער געשיכטע פון פעלקער. ייִדישער גייסט גרייכט ביז די העכסטע שפּיצן פון אונדזער ליטעראַרישן שאַפן. פּוילישער שטאָלץ און פּוילישע ווערדע איז געוואָרן אַ טייל פון ייִדס כאַראַקטער. נאָר דאָ האָבן געקענט אויפקומען די יאָסעלעוויטשעס און ראַבינער מייזלס. איר זאָגט, אַז אַ מיליאָן ייִדן איז דאָ איבעריק — זענען ניט איבעריק מיליאָנען פּויערים צוליב זייער ערד־לאָזיקייט? פּירט דורך די ערד־רעפאָרם און קיין איבעריקע וועלן ניט זיין.

אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע האָבן זיך איבערגעקוקט. עמעצער האָט איבערגערוקט אַ שטול. מען האָט זיך ניט געריכט אַז פּאַזנער זאָל אַזוי אָפן אַרויסטרעטן אין אַ ייִדישן פּראָבלעם. ער האָט דאָס ביז איצט קיין מאָל ניט געטאָן. אין סענאַט איז ער געשיקט געוואָרן פון די פּוילישע פּויערים, ער איז געווען ווייט פון זיין ייִדישן פאָלק.

— איך בין אַ פּאָליאַק, כאָטש כ׳בין געבוירן געוואָרן אַ ייִד. קיינער קען מיין פּוילישקייט ניט אויסמעקן!

ער איז אַוועק באַגלייט פון זיין טאָכטער. זי האָט אים געהאַלטן אונ־טערן אָרעם, געפּילט ווי ער ציטערט פון אויפרעגונג. די מענטשן האָבן גע־מאַכט אַ וואַרע פאַרן אַלטן מאַן. זיי האָבן ניט אַראָפּגעלאָזן די בליקן פון דער וווּנדערשיינער טאָכטער, דער באַקאַנטער זינגערין יאָלאַנאַ. אירע האָר, די פלאַקסענע, דער גאַנצער געשטעל איז געווען אַזוי ווייט פון יידישן אָפּשטאַם. זי איז געווען אַזוי עכט פויליש, און אירע פאָלקס־ניגונים האָבן מיטגעריסן המונים פון איבערגעפולטע זאַלן. קיינער האָט ניט אַזוי אויסגע־זונגען דאָס ליד פון מאַזאָוויע און קויאַווע ווי יאָלאַנאַ.

דאָס איז געווען סטאַניסלאַוו פּאָזנערס לעצטער אַרויסטריט. קורץ נאָך דעם איז ער געשטאָרבן. עטלעכע אַלטע פריינד האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

— ה —

דעם גמינע־שרייבער כוואַסטין האָבן געמאַטערט וויסטע חלומות. ער האָט געזען אין די נעכט: טשאַטעס וואָראָנעס טראָגן זיך איבערן אָפּגע־ברענטן וואַלד, דאָרט ווו ס׳געפינט זיך דער יידישער בית־הקברות. ער לויפט צווישן די קברים, עמעץ יאָגט אים, די וואָראָנעס לאָזן זיך אַראָפּ און פּיקן אויס דעם מאַרך פון זיין צעפלאַצטן שאַרבן. ער שרייט, רופט הילף. אָנשטאָט קולות שפריצט פון זיין מויל פייער. די ניט־דערברענטע וואַלד־שטאַמען צינדן זיך אין פלאַמען און אין מיט פון ברענענדיקן הימל גרויליט אַרויס דאָס פּנים פון יאָלאַנען. די פייערן האָבן ניט קיין שליטה אויף איר, זיי באַלויכטן נאָר אירע אויגן, דעם קרוין פון פאַרפלאָכטענע צעפּ אויף איר קאָפּ. ניט אַנדערש ווי אַ בייזער כישוף איז אים באַפאַלן, עמעצער האָט אים אַוודאי פאַרשפּיגט מיט אַדערן פון טויטע, אונטערגעוואָרפן ביי זיין שוועל דאָס אַש פון עם אַלטן פאַרוואָרלאָזטן בית־הקברות.

ער איז געשטאַנען אין דער גמינע מיט גלאָצנדיקע אויגן צו די אַלטע שאַפעס. די טונקל־רוקנדיקע ביכער האָבן אויסבאַהאַלטן פאַר אים אַ גרויסן סוד וואָס ער דאַרף דערגיין.

שפּעט ביי נאַכט האָט ער זיך אומגעקערט אַ היים, געהילט אין מאַנטל, פאַרלייגט איין האַנט אין דער צווייטער. אַ דאָרף איז אויפגעריכט געוואָרן, רייך געוואָרן זינט דער דייטש האָט באַזעצט ס׳לאַנד, נאָר ער, וואַצעק, איז געבליבן דער זעלביקער וואָס פריער. וואָס איז פון אים געוואָרן? אין די נאַכט־חלומות. זעט ער נאָר די פאַננע יאָלאַנאַ. זי גייט אים נאָך מיט אַ טרויעריק פּנים. אָט איז זי לעבן אים, ער ריט אָן איר האַנט. אַ גאָט! זי שוויגט, זי בעט עפּעס מיט טרערן, אירע אויגן זענען פול מיט פּחד, עפּעס אַ יידישע שרעק טליעט אין זיי.

כוואַסטין איז געזעסן אין גמינע אַרום צעעפנטע ביכער מיט רשימות

פון מענטשן. ער האָט געלייענט הונדערטער נעמען פון קוכאַר און פון די שכנותדיקע דערפלעך. ער האָט געבלעטערט, געמישט, געוואָרפן די שווערע דיקע בענד פון איין אָרט אויפן צווייטן. דער פאַנאַר איז געשטאַנען נעבן אים און באַלויכטן אַ גרויסן קיילעך פון דער פאָדלאָגע. אויף די ווענט האָבן געטאַנצט שאָטנס אַ משונהדיקן שאָטן־טאַנץ, אָט האָבן זיך זיינע דאַרע הענט צעוויגט ווי צוויי טויט־פליגל, ס׳האָט אַ ווייע געטאָן אַ שאָטן פון אַ בלאַט און צוריקגעפאַלן ווי ס׳פאַלט אַ מצבה־שטיין אויף אַ הפקרדיקן בית־עלמין.

זיינע אויסגעקרומטע פינגער האָבן געטייטלט אויף אַ נאָמען. ער האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן זייט פון בוך ווי ער וואָלט געוואָלט איינהאַלטן די אָנגעשריבענע אותיות זיי זאָלן ניט אַוועקפליען. די אויגן האָט ער אויפגעהויבן צום פאַרטונקלטן סופיט און ס׳מויל האָט געשעפטשעט:

— פאָזנער... פאָזנער...

דער גמינע־שרייבער איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד, אַוועקגעלייגט דאָס בוך אויפן סאָסנע־טיש און אַוועקגעשטעלט דעם פאַנאַר. ער האָט געלייענט:

— זאַלמאַן פאָזנער, רחל־מאַטילדע ווערטהיים־פאָזנער, מאַוריצי פאָזנער, סטאַניסלאַוו...

דאָס דאָרף איז שוין לאַנג געשלאָפן. ווייט אין אַ כוטאָר האָט געהאַווקעט אַ הונט. ער האָט פון שופלאָד אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר און מיט געציקלטע שריפט איבערגעשריבן די נעמען פון די פאָזנערס מיט די דאַטן פון זייער געבורט. מיטן נאָמען סטאַניסלאַוו איז די רשימה פון די פאָזנערס איבערגעריסן געוואָרן אין די ביכער. ער האָט אין אַ זייט פון בייגעלע פּאַפּיר אָנגעשריבן מיט קליינע בוכשטאַבן: יאַלאַנאַ פאָזנער און אין קלאַמערן (פאָזנאַנסקאַ). ער האָט פאַרראַכטן ס׳פייער פון פאַנאַר און ווידעראַמאָל איבערגעלייענט די איבערגעשריבענע נעמען, איינגעקנייטשט דאָס בייגעלע פּאַפּיר און אַריינגעלייגט עס איז אַ בוזעם־טאַש. ער איז געגאַנגען איבערן שטילן דאָרף־געסל מיטן פאַנאַר אַרומגערינגלט פון אַ לייכטיקן קרייז.

צומאָרגנס האָט וואַצעק געקלאַפּט אין גזשעמאַלס אָרעמער כאַטע.

— אַ געזונט דיר, פּעטער גזשעמאַל! עפן די טיר!

דער גרייז־גרויער בעטלער האָט געקוקט פון פענצטערל מיט צעשראָקענע אויגן. ער האָט געעפנט די טיר און דער גמינע־שרייבער איז אַריין.

זיי האָבן זיך געזעצט ביים טיש.

— וואָסערע גוטע ווינטן האָבן דיך פאַרטראָגן, וואַצעק, צו מיינע אָרעמע שוועלן?

— גאָרניט, אַלטיטשקער, אַזוי זיך... אַ ביסל אַ מוטל־טאָן וועגן אַמאָליקע צייטן...

— אַמאָליקע צייטן, האָ, האָ, דערמאָן בעסער ניט, דאָס האַרץ טוט וויי. די מילן האָבן טאָג און נאַכט געמאָלן... די פעלדער זענען געווען פאַרזייט,

די שפּייכלערס פול, די יאַרמאַרקעס פריילעכע, די שיכורים גוטמוטיקע, דער פּריצישער הויף — איינער אין דער מדינה, און היינט? — די וועלדער פאַר־ברענט, די גרעבליעס פאַרוואָרלאָזט, קיינער שיט ניט אָן קיין נייע שטיינער, די שפּייכלערס — ליידיק, די שיכורים — מעסערשטעכערס און דער פּרי־צישער הויף אויסגעראַבירט...

— וואַרט נאָר, גזשעמאַל, וואַרט נאָר... דו האָסט געזאָגט אַז דער פּרי־צישער הויף איז געווען איינער אין דער גאַנצער מדינה — געדענקסטו דען די פּאָזנערס?

— די פּאָזנערס? — האָט דער אַלטער איבערגעפרעגט, — האָ, האָ, די פּאָזנערס, שוין איינמאָל געווען פּריצים! אַזאַ פּאַלאַץ, אַזעלכע קאַטשן, און גוט זענען זיי געווען די פּריצים צום פּאַראָבעק.

וואַצעק איז צופרידן געווען וואָס דער שמועס איז אַוועק אויף אַ גוטן וועג. ער האָט זיך איינגעהערט אין אַלטנס שילדערונגען און אומגעריכט אַ פרעג־געטאָן.

— געדענקסטו, גזשעמאַל, די קינדער פון די פּאָזנערס?

— אַ יאַקושע, וואַצעק קרוין, אַ יאַקושע.

— ווי אַזוי האָט מען זיי גערופן?

— געווען צוויי זין, איינער מאַוריצי און דער צווייטער סטאַניסלאַוו.

— ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעזען?

— פרעג ניט, זיי זענען געווען הויך, ליכטיק, אמתע פּאַניטשעס.

— האָבן זיי געהאַט טעכטער, דער פּאַן מאַוריצי און סטאַניסלאַוו?

— דאָס ווייס איך ניט, זיי זענען דאָ זייט דער ערשטער מלחמה ניט געווען. געוואָרן אין וואַרשע גרויסע מענטשן, האַ־האָ — האָט דער אַלטער ביי יעדן ענטפער אַ זאָג־געטאָן מיט אַזאַ פאַרהוילן קול ווי עס וואָלט גע־קומען פון יענער זייט טייך. כ׳דערמאָן מיך איצט, אַז סטאַניסלאַוו איז איין מאָל געקומען און גלייך צוריקגעפאָרן. איך בין דעמאָלט געווען אין ראַ־כעלקאָ...

דער אַלטער האָט געקנייטשט דעם שטערן, געוואָלט זיך עפּעס דער־מאָנען און צוגעגעבן:

— סטאַניסלאַוו איז דאָ יענץ מאָל געווען מיט דעם לערער גאַיעווסקי, זיי זענען חברים פון קינדוויז אָן.

וואַצעק האָט אויפגעשפּרונגען. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. די רויטע אָדערלעך פון די ווייסלען זענען אָנגעלאָפן געוואָרן און געלאָשן זיך אַזוי ווי ס׳לויפן אָן בליצן אויף אַ פאַרוואָלקנטן הימל און לעשן זיך אונטער די וואָלקנס.

דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן פאַר אים. זיין צעשויבערטע באָרד האָט געציטערט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער איקאָנע און געצלמט זיך.

— אַזוי, אַזוי, אַלטער... — האָט גערעדט וואַצעק האַלטנדיק די הענט

אין די קעשענעס, די פּיס — צעשפּרייט. זיין קול איז געווען האַרט, בייז און הייזעריק. פאַרן אַוועקגיין האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין אָרעמען הייפל. די אַלטיטשקע האָט גיך צוגעלענט די שטאַל און אַוועקגעשטעלט זיך מיטן רוקן צו דער שטאַל־טיר. צופוסנס פון דער אַלטער איז געלעגן אַ צעשפּאַל־טענער ליימענער טאָפּ וואָס איז איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

— האָסטו כודאָבע אין שטעלכל?

— ניין פּריץ האַרציקער, ניט קיין כודאָבע, בעטלער זענען מיר, אָרע־מע לייט...

כוואָסטין האָט זיך דערמאָנט אין פריערדיקן באַזוך, ווען דער הונט האָט געראַיעט אין דר׳ערד אַרום שטאַל און זיך געריסן צו דער טיר.

— נאָך וואָס טראָגסטו טעפּ אין שטאַל אַריין? האָדעוועסט עפּעס אין שטאַל? נאַרסט אַלטיטשקע, נאַרסט... דו פּאַשעסט אוודאי אַ חזרל אויף ווייַנאַכט... ועסט מאַכן אַ סעודה.

דער קוראַזש איז אין אים געשטיגן, ער איז האַסטיק צוגעלאָפן צו דער שטאַל־טיר און געזאָגט:

— לאָז מיך, אַלטיטשקע! מען זאָגט אַז אויפן זשידאָווסקי צמענטאַזש לעבן יידישע מענטשן, טויטע... זיי שלעפּן זיך אַרום איבער סטאָדאָלעס. זייט די דייטשן האָבן אויסגעהאַרגעט די לעבעדיקע זשידעס זענען די טויטע אַרויס פון די קברים, דערפאַר פאַלן אַיין די מצבה־שטיינער. יאָ, אַלטיטשקע, זיי טוען אָן כישוף...

ער האָט לייכט אָפּגעשטופּט די אַלטע און אַריין אין שטעלכל.

— אפשר איז דאָ אַ יידישער שד פון גוטן־אָרט באַהאַלטן.

דער לייטער איז געווען אָנגעשפּאַרט אין היי־דעכל. ער האָט געשטעלט לייכטע, כמעט קעצישע טריט אויפן לייטער־שטאַפּל. זיין קאָפּ האָט שוין דערגרייכט צום ביידעמל.

מוינע האָט געהערט טריט אויפן לייטער. ער האָט דערזען צוויי קע־צישע אויגן פאַרזשמורעטע, שטעכיק־בייזע. וואַצעק האָט זיך אַ הויב־געטאָן, געוואָלט אָנכאַפּן זיך מיט די הענט אָן דעם בוידעם־ברעט. ער איז שוין געווען ביז אין דער העלפט אויפן בוידעם, נאָך איין בויג און זיי וועלן זיך טרעפן פנים צו פנים.

די שטאַל איז פּלוצעם פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ סנאָפּ ליכט. דאָס האָט מוינע אויפגעריסן אַ שטיק פון שטרוי־דאַך און זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער צווייטער זייט שטעלכל. ווי אַ ווינט האָט ער זיך געטראָגן צו דעם אָפּגע־ברענטן וואַלד, צו דעם בית־הקברות. ער האָט נאָר אויפגעכאַפּט דאָס געשריי פון פרעמדן.

— אָ יעזו! זשיד! זשיד!

מ׳האָט אים נאָכגעיאָגט, אָבער דאָס לויפעריי האָט לאַנג ניט אָנגע־האַלטן. אַרום אים איז געווען שטיל. ער איז געלעגן אין וואַלד צווישן די

פאַרקוילטע שטאַמען, צופוסנס פון אַ סאָסנע. אין דעם ווייטן וואַלד־פּערטל איז נאָר געווען אָפּגעבערענט דער אַנגעהויפטער וואַלד־דעק. די ביימער זענען געווען ניט־געריירטע, מיט אַ ברוינלעך־שוואַרצן אַש איז געווען באַדעקט דער וואַלד־באָדן. אויף די שמאָלע וואַלד־וועגעלעך וואָס זענען געווען אַזוי ברייט ווי אַן אַקס פון אַ פויעריש פורל זענען געלעגן הויפנס פאַרטריקנטע נאָדלען. זיי האָבן פאַרשאָטן די סליאַדן פון פירלעך וואָס פלעגן אַמאָל אין זומער דאָ פאַרבייפאָרן. קיין סמנים פון מענטשישע טריט האָבן זיך אין ערגעץ ניט אָנגעזען. שטיקלעך טאָג־ליכט זענען געלעגן אויף זיי צעשאָטן ווי גלאָז־שערבלעך.

ער איז לאַנג ניט געבליבן אויף איין אָרט. ס׳האָט אים געטראָגן פון איין וואַלד־ווינקל צום צווייטן. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן אויסטערלישן טויטן וואַלד, ניט געוואָלט דאָ בלייבן איינער אַליין און אומקומען צווישן די פאַרקוילטע שטאַמען און אַשיקן וואַלד־באָדן. וואָס מער ער איז געגאַנ־גען, אַלץ מערער האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט. ער האָט דערקענט די זעלביקע ביימער, געבראָדזשעט אויף די זעלביקע שטעגלעך און געקרייזט אין דעם זעלביקן קרייז — דער קרייז וואָס פירט פון לויערנדיקן טויט צום לעבן, און פון לעבן צו אַ לויערנדיקן טויט.

— ו —

אין דאָרף האָט מען גערעדט אַז ביים אַלטן גזשעמאַל האַלטן זיך אויף די טויטע פון פאַרברענטן יידישן בית־עולם, אַז גזשעמאַל איז פאַרכישופט, אַז ניט־גוטע האָבן אים געגומען אין די נעגלדיקע לאַפּעס, אַז די אַלטע האָ־דעוועט די טויטע מיט טאָרבעס ברויט וואָס ער בעטלט צונויף אין די הייזער.

איינער נאָר האָט געוווסט דעם אמת, דאָס איז געווען וואַצעק כוואַסטין. וויפל ער האָט זיך ניט געשוואָרן, אַז ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען אַ ייד אין גזשעמאַלס שטאַל, און אַז דער ייד איז אַנטלאָפן און ער האָט אים נאָכגעיאָגט, נאָר עס איז פאַרשווונדן פון אונטער די הענט — האָט מען אים ניט געגלייבט.

די פויערים האָבן געקוקט אויף גזשעמאַלן מיט מיטלייד און פחד. ווער ווייס וואָס זיי פראַווען מיט אים די בית־עולם־יידן, אָרעמער גזשעמאַל. אַנדערש איז אַז מען וווינט אין מיטן דאָרף, מיט שכנים, ניט ערגעץ ביים פאַרברענטן צמענטאַזש.

איין מאָל איז גזשעמאַל צוגעקומען נאָענט צום פּלויט פון גאַיעווסקיס גאָרטן. גראָד איז אָנגעקומען דער אַלטער לערער. דער האַלדז איז ביי אים געווען פאַרהילט אין אַ רויטן וואָלענעם שאַל, ער האָט געטראָגן אַ וואַטענעם שפּענצער, פאַרשנאָרוולט פון פאָרנט מיט אַ גרינער שנור, אויפן אָרעם האָט

ער געהאַלטן אַ געלן בלומענטאָפּ מיט עפּעס אַ גרוי צווייגל. דער גימנאַזיאַל־לערער האָט זיך פּאַמעלעך איינגעבויגן און אַראָפּגעשטעלט דעם ערדענעם בלומענטאָפּ אויף דר׳ערד.

אין דעם האַרבסט זענען אים אַ סך פלאַנצן אויסגעגאַנגען. ס׳איז זיי באַפאַלן אַ געלע צרעת. די געלקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין די בלעטער־שפּיצן און אַרומגעכאַפּט אפילו די צווייגעלעך. טייל בלעטער זענען באַזעצט געוואָרן מיט אַ גרויזן טוי און זענען אַראָפּגעפאַלן ווי פאַרשמאַכטע נאַכט־פלאַטערס. ער איז געוואָרן טרויעריק, דער פּאַן גאַיעווסקי, ער האָט געפילט אַז דער אַלמעכטיקער וואָס האָט איינגעשטעלט דעם וועלט־סדר באַזיגט אים, ער פאַרשפּילט זיין מלחמה מיט דעם באַשאַפער. זיין קאַפּויערדיקייט האָט ניט קיין האָפּט. דער פלאַנצן־בית־עולם ווערט גרעסער און גרעסער. די וועלט האָט אירע שטרענגע געזעצן, זי האָט אַלץ באַשאַפן לויט איר קאַפּריז. ריר זיך נישט צו מענטש, וועסט גאָרניט אויפטאָן, וועסט ניט איבערקערן די הימלען. איז וואָס, אַז דו קרייציקסט אַ ווילדפלאַנץ און שאַפסט עפּעס מער שלימותדיקס ווי גאָט אַליין האָט באַשאַפן? זע אָבער, בן־אדם, דאָס שלימות־דיקע וואָס דו האָסט באַשאַפן בענקט צוריק צו איר אַמאָליקן שטאַנד, ווען די פרוכטן זענען געווען קליין, ווילד און געטראָגן די ביטערע זאַפטן פון הפקרדיקע פעלדער... לאָז נאָר אָפּ דיין האַנט, לייג אַוועק דאָס קרייץ־מעסער אַ, דו גערטנער און די קומענדיקע דורות פון דיין באַשאַף וועלן אומקערן זיך צוריק צו זייער ווילדקייט און טראָגן פעלד־פּירות מיט אַ פאַרדאַרבנדיקער ביטערניש. אַזוי איז עס אויך מיטן מענטשן, זיי ווערן ווידער דאָס, וואָס זיי זענען געווען, זיי גייען צוריק צום מקור...

אַזוי האָט געטראַכט דער אַלטער גימנאַזיע־לערער טאַדעוש גאַיעווסקי אין יענעם טרויעריקן האַרבסט, ווען ער האָט געטראָגן די טויטע פלאַנצן צום פּלויט פון גאָרטן.

אויף דער צווייטער זייט גאָרטן־צוים איז אַלץ געשטאַנען דער בעטלער גזשעמאַל.

— גוט מאָרגן, פּאַניע גאַיעווסקי...

— גוט מאָרגן גזשעמאַל, קום אַריין! קום!

דער בעטלער האָט געעפנט דאָס גאָרטנטירל און נאָכגעגאַנגען דעם לערער.

— וואָס ווילסטו זאָגן גוטס?

— גוטס.. גוטס... — האָט געזאָגט דער בעטלער — איז דען דאָ גוטס אויף דער וועלט? עי, עי, פּאַן גאַיעווסקי, דאָס קאַפּעלע גוטס וואָס איז נאָך דאָ אין קוכאַר בעטל איך ביי זיי אויס, מאָן עס ביי זיי יעדן טאָג, שטרעק אויס די האַנט ניט נאָכן שטיקל ברויט, נאָר צו דעם פּיצעלע גוטס וואָס בלאַנקעט אין זייערע נשמות...

— מ׳זאָגט, אַז ביי דיר אויפן בוידעם זענען דאָ שדים פון צמענ־

טאָזש... היינט איז דאָ געווען דער לאָמער באָלעק, דער וואַסער־פירער, האָט עס מיר דערציילט.

גאַיעווסקי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ טרוקן געלעכטערל.

— כאַ ־ כאַ ־ כאַ...

דער בעטלער איז געווען פאַרטראַכט. ער האָט זיך גראָד דערמאָנט אין מוינען וואָס בלאָנקעט אַרום שוין די דריטע נאַכט אין וואַלד. די נעכט זענען האַרבסטיקע, קאַלטע. אוי, אַ שאָד עליאַשעס אייניקל, פאָטער הייליקער.

גזשעמאַל איז נענטער צוגעגאַנגען צום לערער און שטיל געזאָגט:

— ניט קיין שדים איז עס געווען אין יענעם טאָג... אַ מענטש... אַ מענטש... עליאַשעס אַן אייניקל... עליאַש, דער שכן מיינער, דער יידישער פויער פון קוכאַר, פאָזנערס פויער, געלעבט דאָ ביזן סוף... געשטאָרבן ביים אַקער... עליאַשס אַן אייניקל. די פאָזנערס זענען אַוועק אָבער עליאַש איז איינער געבליבן אין דאָרף... איצט וועט אומקומען דער לעצטער קוכאַרער ייִד...

גזשעמאַל האָט אויפגעהויבן די הענט, אַרויפגעלייגט זיי אויף דעם לערעס אַקסלען און די צוויי אַלטיטשקע לייט האָבן זיך שווייגנדיק אָנגע־קוקט.

אין ווינקל פון חדר, נעבן אַ פאַלמע־וואַזאָן איז געזעסן יאַלאַנאַ און געשטריקט. דער טונקעלער וואָל־קנויל איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט און געקייקלט זיך צו גזשעמאַלס פיס. זי האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון שטול. גזשעמאַל האָט געוואָלט אַוועק. מען האָט אים פאַרגעלייגט עפּעס צו עסן. ער האָט אָפּגעזאָגט.

זיי זענען שווייגנדיקע געגאַנגען פון די גאָרטן־טרעפּלעך. ביים צוים האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. גאַיעווסקי האָט זיך אַרומגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— זעסט דעם שייער? איך האָב דעם שליסל פון אים, כ׳וועל אים עפענען היינט ביי נאַכט, קענסט אַהער ברענגען עליאַשעס אייניקל. זאָל ער זיך דאָרט באַהאַלטן. דער שייער איז גרויס, אין האַרבסט גייט קיינער ניט אין גאָרטן, עס איז דאָ רואיק...

— ז —

ניט לייכט איז אָנגעקומען גזשעמאַלן צו געפינען מוינען אין וואַלד. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן בית־הקברות, געגאַנגען איבער די שטעג־לעך, געזוכט שפּורן און ניט געטראָפן מוינען. עס האָט שוין געפינצטערט און דער בעטלער האָט זיך צוריקגעקערט אַ מידער און טרויעריקער.

נאָך האַלבער נאַכט האָט די אַלטע דערהערט טריט, געדוכט האָט זיך איר, אַז מ׳שטייט ביים פענצטערל. עמעצער הערט זיך איין. זי איז צוגע־

גאַנגען צו די שייבלעך, אָפּגעווישט דעם טרעריקן הויך פון די שויבן און גאָרניט געזען. דערנאָך האָט מען שטיל גערופן:

— גזשעמאַל...

מוינע איז געשטאַנען אויף דער שוועל. ער איז אַריין אַ וואַקלדיקער. דער אַלטער האָט אַראָפּגענומען פון אַ טשוואַק די בעטל־טאָרבע און אַריינגעשטעקט אַ האַנט און געגנישטערט דאָרט. ער האָט אַרויסגענומען שטיקער פּלעצלעך. מוינע האָט זיי געריסן מיט די ציין, געוואָרפן זיך אויף די קאָרנע פּלעצלעך מיט אַן אויפגעוואַכטן הונגער.

זיי האָבן אין דער נאַכט אַרומגעקרייזט ס׳דאָרף, פאַרגאַנגען דורך די נאַכטיקע פעלדער, אויסגעמיטן די געסלעך און צוגעקומען צום פּריצישן הויף. דער שייער איז געווען אָפן. מוינע איז אַריין אין דער סטאַדאָלע, געבליבן אין חשכות. ער האָט געשפּאַנט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, געזוכט אין עפּעס אָנצוהאַלטן זיך. עס האָט אים געפירט דער ריח פון היי. אַט איז ער שוין ביים סטויג, ער האָט זיך איינגעגראָבן אינעם פרישן גראָז, פאַרדעקט זיך און איינגעשלאָפן.

גזשעמאַל האָט צוגעלענט דעם טויער פון דער סטאָדאָלע און אַהיימגעגאַנגען. ער איז אַרויס פון סאָד, צוגעגאַנגען צום פּאַלאַץ און אַוועק מיט דער דאָרף־גאַס. די הינט האָבן געבילט. זעט אויס אַז אַ פרעמדער הונט פון אַ ווייטן הויף האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט און לויפט אַרום איבער דאָרפישע זאַגראָדעס, די דאָרפסהינט האָבן אים ערגעץ נאָענט אַרומגערינגלט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ הינטישער נאַכט־געשלעג.

פויערים שלאָפן שלעכט אין אַזעלכע נאַכט־שעהן. די בייזסטע חלומות חלומט זיך זיי. זיי גייען צו די פענצטערלעך און מיינען אַז ס׳ברענט ביים שכן. פון די פענצטערלעך האָט מען אָבער גאָרניט געזען אויסער דעם איינגעבויגענעם שאָטן פון פאַרכישופטן בעטלער גזשעמאַל.

דער אַלטער גימנאַזיע־לערער האָט אין דעם שפּעטן האַרבסט געהאַט אַ סך אַרבעט. די שכנים פון די נאָענטע ווירטשאַפטן האָבן אים געזען אָפט טראָגן צום שייער פאַרדאַרטע פלאַנצן אין ליימענע טעפּ. ער האָט די אויסגעגאַנגענע קליינעביימלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויף הינטער זיין פענצטער איבערגעטראָגן אין שייער אַריין. און אַז דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ קראַנקער האָט די פריילין יאַלאַנע געהאָלפן אין דער אַרבעט. זי האָט עטלעכע מאָל אין טאָג געטראָגן וואַזאָנעס אין שייער אַריין.

אָפט פלעגט זיך גזשעמאַל אַוועקשטעלן פאַר זייערע שוועלן מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, עפּעס שעפּטשען און אַראָפּלאָזן זיך אויך די קני אין פענצטער האָט זיך באַוויזן דאָס געל־גערונצלטע טרויעריקע פּנים פון פּאַן גאַיעווסקי.

מוינע האָט געוואַרט אויפן געסקריפּ פון שייער־טיר, אויפן שאָרך פון

יאַלאַנעס קליידער, אויף די שטילע שוועבנדיקע טריט וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן אין זיין האַרץ ווי דער ווידערקול פון אַ וויטן פליגל־געפלאַטער.

די ערשטע טעג האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם בלומענטאָפּ אויף דער ערד, אַוועקגענומען די געלע צווייגן און די בלעטער וואָס האָבן פאַרדעקט דאָס עסן און אַלץ געלאָזן. דערנאָך האָט זי זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, געוואַרט אויפן שטילן גערויש וואָס וועט קומען פון היי און ווען זי האָט דערהערט די סמנים פון אַ לעבעדיקן מענטש איז זי רואיק געוואָרן. ער איז דאָ! ער לעבט!

עס איז איר באַפאַלן דער ווילן צו זען דעם מענטש. פון די רייד האָט זי געוווסט, אַז ער איז אַן אייניקל פון די יידישע דאָרף־איינוווינער. זי איז געבליבן אין שייער און געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

פון היי־בוידעם האָבן אַראָפּגעקוקט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, טרויעריקע יידישע אויגן, פייכטע, טיף אַרייגעזעצטע אין פּעך־שוואַרצע וויעס און ברעמען.

זי האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— גוט מאָרגן...

איר געפּליסטער איז געהאָנגען אין חלל ווי אַ זילבערנער שפּעט־זומערדיקער געוועב וואָס טראָגט זיך איבער די שיינע פּוילישע פעלדער און פאַרהאַלט זיך אין אַ גרינעם צווייג, אַזוי איז יאַלאַנעס קול געבליבן הענגען אין מוינעס אויערן און אים פאַרוויגט מיט זיידענעם געשאָרך.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי געוואַרט ביז מוינע איז אַראָפּ פון שייער. ער איז געווען שלאַנק, די שוואַרצע האָר־קרייזן זענען געפאַלן אויפן גרויסן שטערן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ווייטער און פרעמדער גאָט, אַן אוראַלטער פּאַגאַנען־גאָט וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַ דורותדיקן שלאָף אין די פּוילישע וועלדער. זי האָט זיך געשראָקן פאַר זיין אָטעם, פאַר זיינע רייד. זי איז געבליבן אַ צוגעשמידטע צום אָרט. עס האָט איר געצויגן צו דעם יידישן בחור, צום מיראזש פון אַ צווייטער וועלט, אַ פאַרבאָרגענער, אַ געהיימער וואָס די שליסלען צו איר ליגן אין די הענט פונעם יידישן בחור.

איין מאָל האָט זי געפרעגט.

— ווי רופט מען אייך?

— מוינע.

— מוינע... — האָט זי נאָכגעזאָגט — און מיך רוף יאַלאַנע.

— אַ שיינער נאָמען.

ער האָט איבערגעחזרט דעם נאָמען עטלעכע מאָל אין באַזונדערע טראָפּן יאַ־לאַ־נע. פון זיינע ליפּן זענען אַרויס ניט טראָפּן נאָר אַ ניגן פון אַ געבעט, פון אַ פרעמדער תפילה.

זי איז אַוועק פון שייער און איבערגעלאָזט דעם געציטער פון אירע רייד. די רייד האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום די שלייף־אָדערן מיט אַ וואַרעמען

געפלאַטער אַזוי ווי עס זעצן זיך אויס שייער־פייגל אויף נאַכט־רו אונטערן באַלקן.

אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט ער געזאַמלט אירע רייד ווי עמעצער וואָס צילעט צעשאָטענע קרעלן אויף אַ דינעם ליכטיקן פאָדעם.

***

דער גמינע־שרייבער האָט זיך די לעצטע צייטן אָפט געדרייט אַרום פּריצישן הויף. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט כלומרשט אייַנטענהן מיט די שכנים. זיינע אייגעלעך, די קליינע און פאַרזשמורעטע האָבן געשטאָכן מיט שפּיזלדיקער שאַרפקייט די פענצטער פון פּריצישן הויז. אין די נעכט האָט מען אים געזען גיין מיטן פאַנאַר, ער איז אומגעריכט אויסגעוואַקסן אויף אַ הויף און נעלם געוואָרן. אין דער שענק איז ער מער ניט געקומען. די גמינע איז געווען פאַרמאַכט, ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן גאַנצע טעג.

איין מאָל אין אַ פאַרטאָג איז ער פּלוצעם געקומען צום גימנאַזיאַל־לערער. ער האָט ניט געוואַרט ביז מ׳וועט אים אַריינבעטן. זיינע באַשטיוולטע טריט האָבן שווער געסקריפּעט אויף די שטיגן. ער האָט געעפנט די טיר און דרייסט געבליבן שטיין אַנטקעגן יאַלאָנען.

— די פאַננע וועט ניט זיין בייז, איך דאַרף צום פאַן טאַדעוש גאַ־יעווסקי... הם... אַנגעטראָגן אַ ביסל בלאָטע...

ער האָט כיטרע געקוקט איר אין די אויגן, געזשמורעט אַן אייגל, גע־קנייטשט דאָס שמאָלע שטערנדל.

זי האָט דערפילט זיין בייזן בליק זיך גליטשען אויף אירע פּלייצעס, אויף די אַקסלען און אויף די פיס. יאַלאָנע האָט געציטערט פון אומרו.

דער לערער איז געזעסן אין אַ גרין־געבעטער שטול און שווער געעטעמט.

— גוט מאָרגן, הער פּראָפעסאָר.

דער אַלטער האָט אַ ברום געטאָן.

— זעט, הער גאַיעווסקי, נאָר איך איינער קום זיך פרעגן אויף אייער געזונט, אַלע זענען זיי כלאָפּעס, פאַרשטייען ניט קיין פּיצל איידלקייט. — ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן נאָר דער לערער האָט אים איבערגעריסן.

— נאָך וואָס ביסטו גמינע־שרייבער געקומען? זאָג!

— איך... איך בין געקומען הער טאַדעוש, אַזוי צו זאָגן, פּריוואַט... ריין פּריוואַט, און אַז איר ווילט...

— כ׳וויל גאָרניט! — האָט דער אַלטער שטרענג אים איבערגעריסן.

— כ׳מיין, אַז איר ווילט איז מיין באַזוך אַפילו ניט פּריוואַט, כ׳בין אויך אַמטלעך...

דער אַלטער האָט געעפנט זיינע גרויסע אויסגעלאָשענע אויגן.

— איז דען ניט בעסער, אַז איך בין געקומען איידער עפּעס אַ שוואָב, אַ כאָליערע, עפּעס אַ דייטש, האַ? הער פּראָפעסאָר?

וואַצעק האָט געוואָלט דערמיט ווייזן, אַז ער איז גאָר אויסן דעם אַלטנס טובֿה, אַז ער איז אים אַ גוטער פריינד.

— מיר זענען דאָך עפּעס פּאָליאַקן. בעסער גמינע־זאַכן צווישן זיך צו דערליידיקן. איז דען וואַצעק ניט גערעכט?

דער אַלטער האָט געזוכט מיט זיינע געלע פאַרמעט־פינגער דעם אָנלען פון דער שטול, זיי האָבן געציטערט, די לאַנגע אויסגעטרוקנטע פינגער אויף דעם מאָכיק־גרינעם פּליוש. ער איז אויפגעשטאַנען. מיט קאַלך־פלעקן איז באַדעקט געווען זיין פּנים.

— אַ נאַרישע קליינִיקייט, ס'לוינט זיך ניט צו באַאומרואיקן — האָט גערעדט דאָס גמינע־שרייבערל — מ'דאַרף וויסן, ווען אייער זעליקע שוועס־טער איז געשטאָרבן, אָט אָ די פון בידגאָשטש... כ'האָב אַפילו געקענט פרעגן דער פאַנגע יאַלאַנע, נאָר כ'וויל איר ניט דערמאָנען אין דער טרויע־ריקער דאַטע... האָ פּראָפעסאָר? איז וואַצעק ניט גערעכט, כאָטש אַ פּויער, אָבער איך פאַרשטיי זיך אויך אויף איידלקייט...

ער האָט זיך צעלאַכט און געוויזן צוויי שורות געלע ציין, שפּיציקע ווי קלאָען פון זויג־חזירימלעך. וואַצעק האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'איז ניט שיין צו לאַכן, דאָס געלעכטער איז ניט אויפן אָרט און ניט אין דער צייט און איז דערפאַר גלייך טרויעריק געוואָרן.

— אוי, הער גאַיעווסקי, אַזוי פיל צרות, אַזאַ ביעדאַ, כ'קען ניט הערן די מעשיות ווי מען פּייניקט מענטשן, אוי, טרויעריקע צייטן...

ער האָט געזוכט די פריילין. זי איז געזעסן אין ערשטן צימער. ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— דאָס איז אַמאָל געווען אַ פּאַלאַץ, אַ הויז, איר געדענקט הער פּראָ־פעסאָר? ניט פאַר וואַצעקס צייטן. דאָ האָבן די פאַזנערס געוווינט, אין דעם פליגל האָט געוווינט זייערס אַ לערער, דער פּראָבאָשטש האָט עס מיר דער־ציילט, יאַק באָגאַ קאָכאַם...

— דער גימנאַזיאַל־לערער איז געוואָרן אומגעדולדיק. דאָס גמינע־שרייבערל האָט געקנייטשט דעם שטערן, געריבן זיך אין די שלייפן.

— מען זאָגט, אַז סטאַניסלאַוו פאָזנער איז געווען אייער חבר? אייער אַ בעסטער חבר?...

וואַצעק האָט ניט אַראָפּגעלאָזן די אויגן פון דער טיר ווו עס האָט זיך געפונען יאַלאַנע און פאַמעלעך זיך אַרויסגערוקט פון צימער איבערלאָזנדיק אויף די דילן בלאָטיקע פלעקן פון זיינע שטיוול.

— ט —

די לעצטע צייטן איז יאַלאַנע געגאַנגען אין שייער אַריין נאָר אין די אוונטן. זייט כוואַסטינס באַזוך איז דער לערער גאַיעווסקי אַריינגעפאַלן אין

טרויעריקע מחשבות. ער האָט זיך מער ניט פאַרנומען מיט די פלאַנצן. די צימערן ווו די אַלע וואַזאָנעס זענען געווען, האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ שפּעט־האַרבסטיקן גאָרטן, וואָס די בייזע אָסיען־ווינטן האָבן דורך אַ פאַרזען דער־ווייל אויסגעמיטן. יאַלאַנע האָט אַלץ געטאָן כדי די פלאַנצן אויפצוהאַלטן ביים לעבן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

איין מאָל האָט זי זיך לענגער פאַרהאַלטן אין שייער. מוינע האָט איר ניט געזען, נאָר אין איר קול האָט ער דערפילט אומרו און פּחד. איר שטים האָט זיך געבראָכן און טרויעריק געפאַלן אין דעם היי אַריין. זי האָט אָנ־געריךט ניט־ווילנדיק מיט איר האַנט זיין פּנים. ער האָט געשפּירט דאָס ציטערן פון אירע פינגער. זי האָט געשעפּטשעט.

— מוינע, דו האָסט ניט מורא?

ער האָט געהאַלטן איר האַנט. אַ צווייג האָט אויפגעשאָרכט. די סטאָ־דאָלע־פייגל וואָס נעכטיקן אונטערן דאַך האָבן געפּאַטשט מיט די פליגל.

— דאָס זענען די שפּאַקן וואָס נעכטיקן דאָ...

זי האָט געעפנט דאָס קליינע שייער־טירל און גענומען גיין צום הויז. אַ גרויס פייערדיק ראָד איז איר פאַרלאָפן דעם וועג. דאָס פייער־ראָד איז אַרויסגעשפּרונגען פלוצעם פון צווישן די ביימער־שאָטנס. זי איז געשטאַנען אין מיט פון אַ באַלויכטענעם קרייז. נעבן איר איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן וואַצעק כוואַסטין מיט דעם פאַנאַר אין האַנט. ער איז גע־שטאַנען מיט צעשפּרייטע הענט און פיס.

— העי, פאַננע יאַלאַנע... ניט מורא האָבן פאַר וואַצעקן...

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט. זי האָט געשפּירט דעם שאַרפן ריח פון זיין אָטעם.

— כ'האָב מיך אַפילו ניט געגריסט, אוי, אוי, ווי וואַצעק איז דער־צווּיגן...

זי האָט געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק.

— גוטאָוונט אייך, פאַננע יאַלאַנע פאַזנער! — ער האָט געעפנט אַ גרויס מויל און געלאַכט, — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ, געמאַכט אַ פעלער, געדאַרפט זאָגן: פאַזנאַנסקאַ, כאַ־כאַ־כאַ... עס איז פאַר וואַצעקן אַלץ איינס, ווער דו ביסט, אַבי דו ביסט שיין. אַבי דו וועסט זיין גוט צו מיר...

זי האָט זיך אַלץ גערוקט אויף צוריק און דערשפּירט אונטער דער פּליי־צע דעם שייער.

— וואַצעק וועט דיך ניט אויסגעבן צו די דייטשן, מיך אַרט ניט אַז נאָך אַ זשידוווקע וועט לעבן. קענסט ניט וואַצעקן, אַ וואָרט איז הייליק...

ער האָט געוואָלט אָננעמען פאַר דער האַנט. זי האָט זיך מיט דער פּלייצע אָנגעשטויסן אין טירל. ס'האָט זיך געעפנט. וואַצעק איז איר נאָכ־געגאַנגען. זי האָט געשפּירט אויף דער ברוסט זיין גליווערדיקן בליק.

— זיי גוט פאַננע, זיי גוט צו מיר פריצהלע... ווילסטו דען, אַז די דייטשן זאָלן דיך דערשיסן און ווערסט זיך וואַלגערן אין דעם אָפּגעברענטן וואַלד ווי אַ פּגר צווישן זשידאָווסקע קברים?... זיי גוט קאָביטקעלע... זיי קלוג...

ער איז געוואָרן מיט יעדער שפּאַן וואָס זי האָט געמאַכט אין שייער דרייסטער ער האָט געמיינט, אַז יעדער קער אירער צום היי־סטויג באַדייט הסכמה און הכנעה. זי איז דערגאַנגען ביזן היי. ווייטער האָט זי זיך ניט געקענט רירן. זי איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע הענט און פאַרלאָפּענע אויגן פון טרערן.

הינקענדיק איז ער צוגעקומען נאָענט, אַוועקגעשטעלט דעם פאָנאַר צו־פוסנס. זי האָט אַ געשריי געטאָן, און אַז מוינע האָט דערהערט איר געשריי איז ער צוגעקומען צום עק פון היי־בוידעם, דאָרט וווּ עס האָט זיך געלויכטן אין דער נידער. דער פאָנאַר איז ווי אַ שווערער ברוך־וואָלקן אַראָפּגעפאַלן אויפן רוקן פון גמינע־שרייבער. וואַצעק האָט זיך געראַנגלט ביז די לעצטע כוחות, ער האָט געוואָרפן מיט די באַשטיוולטע פיס, געזוכט מיט די הענט, נאָר זיין האַלדז איז געווען איינגעשלאָסן אין מוינעס הענט, זיי האָבן זיך געקייקלט איבער דעם שייער, שטיקער היי־וויעכעטשעס זענען געפלויגן. פלוצעם איז דער פאָנאַר געפאַלן אין היי אַריין, דאָס פאָנאַר־גלאָז איז צע־שלאָגן געוואָרן מיט די פיס און אַ פלאַם איז אויפגעשפּרונגען. וואַצעק כוואַסטין האָט אַ כאָרכל־געטאָן און זיינע הענט און פיס זענען געפאַלן געליימטע. ער האָט איצט אויסגעזען ווי אַ טונקל בערגל. מוינע האָט אַרויפגעשאַרט אויף אים היי.

יאָלאַנע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט טויט־גליווערדיקע אויגן. זי האָט ניט געקענט שרייען, ניט געקענט זיך רירן פון אָרט. זי האָט דערשפּירט אַרום זיך אַ היץ, איר פּנים איז ליכטיק געוואָרן פון אַ ליכטסנאָפּ וואָס האָט אויסגעשאָסן פון אונטערן היי מיט אַ טרעסקנדיקער רוגזה.

זיי זענען געלאָפן איבער פעלדער, געטאָפּטשעט אין די בלאָטיקע אָסיען־גערטנער. דורכגעלאָפן דורך דער גרעבליע און דערשלאָגן זיך צום ראַנד פון טויטן־וואַלד. פלאַמען האָבן זיך אויפגעהויבן איבער קוכאַר. דער הימל איז באַלויכטן געוואָרן אַזוי ווי בייטאָג. דער שייער האָט געברענט, דער פריצישער הויף האָט זיך אָנגעצונדן. פלאַמען האָבן זיך געריסן פון דער שטאָקיקער געביידע. אין די ליכטיק־געוואָרענע געסלעך האָט מען אַרויסגעטראָגן קופערטן מיט די פאַרמעגנס, מען האָט אויסגעהאָנגען אויף די פענצטער די בילדער פון הייליקע. ווילד־געוואָרענע פערד און בהמות זענען געלאָפן פון די שטאַלן, מען האָט זיי געטריבן צו די טונקעלע נאַכטפעלדער.

נאָר איין ווינקל פון דאָרף ווו דער שיין פון דער שריפה האָט ניט דערגרייכט, ווו די פינצטערניש איז געלעגן אַזוי ווי אַ וואָלקן־דעק און געהויערט מיט יענערוועלטיקער שרעק איז געווען דאָס פאַרוואָרלאָזטע יידישע

בית־עולם פון דאָרף קיכאַר וואָס האָט זיך געפונען ביים ראַנד פון די גרויסע פוילישע וועלדער, לענגאויס די ברעגן פון טייך ווקראַ.

— י —

פאַרטאָג האָבן זיך נאָך געקנוילט איבער קוכאַר געדיכטע רויך־וואָלקנס. דער ווינט האָט צעטראָגן די סמאָלינעס איבער די ווייטע האַרבסטיקע פעלדער און וועלדער. דאָס געריוועריי פון בהמות האָט אויפגעהערט. אַ מאָל פלעגט זיך דערטראָגן אַ לאַנגער הינטישער געוואָי און אַ סקאַמלעריי פון אַ משוגע־געוואָרענעם הונט.

מוינע האָט אַוועקגעפירט יאַלאַנען אין וואַלד־טיפעניש, דאָרט ווו ער האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן עטלעכע נעכט ווען ער איז אַנטלאָפן פון גזשעמאַלס בוידעם. די וואַלד־גרוב איז געווען אויסגעבעט מיט הויפנס טרוקענע נאָדלען און פאַרדעקט מיט צווייגן. דאָ האָט מוינע געמאַכט זיך אַ באַהעלטעניש אין יענע נעכט כדי זיך צו שיצן פון די ווינטן. יאַלאַנע איז אַ מידע געפאלן אויף די סאָסנע־נאָדלען. מוינע איז פאַרבליבן אין דרויסן. זיינע הענט און ס׳פנים זענען געווען צעריסן. ער האָט דערפילט אַ ווייטיק. די נאַכט־קעלט האָט אים דורכגענומען.

זי האָט גערופן,

— מוינע... מוינע...

ער האָט ניט געענטפערט, ער איז געזעסן מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן צווישן די קני. יאַלאַנע האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָנגערירט זיינע האָרקודלעס, געגלעט זיין קאָפּ. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. ס׳האָט שוין געליכטיקט. זי האָט דערזען זיין צעריסן פנים און האָט אים געוואָרעמט מיטן אָטעם. זיינע הענט האָבן געציטערט. זי איז צוגעפאלן צו אים מיט פייכטע ליפּן און געהיילט די צעריסענע הויט. ער האָט געגלעט די פלאַקסענע האָר, מיטגעטעטעמט מיט אירע קליינע בריסטן. ער האָט צו ביסלעך אָנגעהויבן צו דערוואַכן פון זיין מידקייט. זי האָט געדרוקט צום האַרצן דעם שוואַרץ־לאָקיקן קאָפּ פון אַ פרעמדן העלד וואָס האָט איר פאַרפירט פון איר זיידנס פּאַלאַץ אין אַ וואַלד־קיניגרייך...

לעבן מוינען איז געלעגן אַ שיינער ליכטיקער שטערן וואָס איז אַראָפּגעשווומען פון מילכוועג, ער איז געקומען צו אים פון ווייטע מרחקים. אַנדערע זעען נאָר דעם אָפּשיין, נאָר ער, מוינע פילט די ליכטיקייט ביי זיין האַרץ.

צוויי נאָענטע און דאָך הימלווייטע וועלטן האָבן זיך אין דער האַרבסט־נאַכט, אין די וועלדער פון אַמאָליקן יידישן דאָרף קוכאַר באַגעגנט; די וועלט פון די פּאַנערס און די וועלט פון יידישן ערד־אַקערער עליאַש, דעם מיטן שטריק־געגאַרטלטן אָרעמען פויערס אַן אייניקל — מוינע.

די צווייטע נאַכט זענען זיי געגאַנגען צו גזשעמאַלס שטיבל. מוינע האָט געקענט דעם וועג, ער האָט יאָלאַנען געפירט דורך דעם בית־הקברות, זיי דורכגעשפּרייזט דאָס פעלדוועגל, דאָס קליינע וועג־בריקל, אָט איז שוין דאָס אָרעמע הייזל פון אַלטן בעטלער.

גזשעמאַל האָט זיי אויפגענומען מיט פרייד.

— מוינע, עליאָשס אייניקל, דיין גאָט שיצט דיך...

ער האָט דערזען נאָך אַ שאָטן פון אַ מענטשן.

— דאָס איז יאָלאַנע... יאָלאַנע, דעם לערער גאַיעווסקיס.

יאָלאַנע איז צוגעקומען און זיי זענען אַלע אריין אין הייפל.

— זאָג פּאַטער, זאָג, ווו איז דער פאַן טאַדעוש? ווו איז ער?...

— ווו איז דער פאַן טאַדעוש, — האָט מוינע איבערגעפרעגט.

— ער איז דאָ... ער לעבט! איר וועט אים זען... ער שלאָפט אויפן אויוון... דער גאַנצער הויף איז פאַרברענט געוואָרן... וואַצעק כוואַסטין איז אויך פאַרברענט געוואָרן. אַנדערע זאָגן אַז ניט־גוטע האָבן אים פאַר־נאַרט אין דער סטאַדאָלע...

דעם אַלטנס ווערטער האָבן זיך געשאָטן גיך, מיט טרוקעניש און הוס־טעריי. ער האָט דערציילט וועגן דאָרף און וועגן דער שרפה.

פאַרטאָג האָט דער בעטלער גזשעמאַל באַגלייט דעם לערער טאַדעוש גאַיעווסקי מיט זיין פּלימיעניצע קיין פּלאָצק. דער אַלטער גימנאַזיאַל־לערער האָט גאָרניט געהאַט מיט זיך. ער האָט געטראָגן דעם בעטלערס אַן אַלט רעקל, זיין האַלדז איז געווען פאַרהילט אין אַ טונקעלעם שאַל. אויך די פּלימיעניצע האָט גאָרניט געהאַט מיט זיך, אַפילו ניט קיין וועג־רענצל.

מוינע האָט אָבער ניט געקענט אַוועק פון דאָרף. ער האָט ניט געקענט וואַנדערן איבער די וועגן, ער האָט געמוזט זיך אויסהיטן פאַרן שיין פון טאָג, זיין יידישער חותם איז געלעגן אויף אים צו שטאַרק, אַז ער זאָל זיך קענען פריי אַרויסלאָזן איבער דער גויישער וועלט.

ער איז פאַרבליבן אין די קוכאַרער וועלדער.

קאַפּיטל דריי

— א —

דער פרילינג איז געקומען. מוינע איז נאָכגעגאַנגען דעם אַקער וואָס האָט אויפגעריסן דעם פאַרווילדעוועטן טאָל. שטיקער רויט־ערדיקע גרודעס האָבן זיך געלייגט לעבן אַקער־שאַרף. דאָס פערד איז געגאַנגען אין אַ גלייכער רייע, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, דעם קאַרק — אָנגעשטרענגט, די מוסקלען אָנגעצויגן. די אונטערשטע פיס פון קאַרן האָבן געזונקען אין די ערד־גריבער, דער חמרה־באָדן איז נאָך געווען פייכט פון די שפּעדיקע רעגנס, ער האָט זיך געקלעפּט צו דעם פערדס קאָפּיטעס, און מוינע אַליין איז געווען פול מיט שטיקער ערד וואָס זענען געפאַלן אויף אים פון פערדס שפּאַן. ער האָט געמאַכט דעם ערשטן קרייז אַרום פעלד און שטיין געבליבן ווייט פון זיין שטוב, ביים וואָדי. דאָס פעלד איז געווען אַרומגענומען מיט אַ רויט־אויפגעשניטענעם ערד־רינג.

— דאָס אַלץ איז מיינס, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן.

די גאַרונג נאָך ערד האָט זיך געוועקט אין אים מיט אַ פויערישער תאווה. ער האָט געטראַכט צו פאַראַקערן נאָך אַ שטיק פעלד וואָס איז טיף געלעגן ביים וואָדי און פאַרקערעוועט מיטן אַקער. דאָס פערד האָט געריסן דעם אַקער, מוינע האָט אונטערגעטריבן, די אונטערשטע פיס פון פערד האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין באָדן און אַ שלעפּ־געטאָן. שטיקער שוואַרצע וואָרצלען האָבן זיך אַנטפּלעקט פון דער ערד אַרויס. דאָס פערד איז געגאַנגען ווייטער, נאָכגעשלעפּט פאַרקלעמטע וואָרצלען, אַ שוים האָט פאַרדעקט דעם קאַרנס רוקן. מוינע האָט אויסגעמיטן די דאָרנקוסטעס בזם ראַנד פון וואָדי און געאַקערט נאָר דאָס פלאַכלאַנד וואָס איז געלעגן אָפן פאַר אים ווי די פלאַך פון דער אייגענער האַנט.

פאַרנאַכט איז דער ערשטער טיפער אַקער געווען פאַרענדיקט. ער האָט געשפּאַנט ס׳פערד, אָנגעפּאָיעט און געפּאַשעט, אַרומגערייניקט די פערדישע פיס פון שטיקער קלעביקער ערד און אַריינגעפירט דעם קאַרן אין קליינעם שטעלעכל.

ער איז געזעסן ביים טישל, געגעסן דאָס שוואַרצע ברויט פּאַמעלעך, מיט חשיבות, ער האָט געמאַכט זיך קאַווע און געבליבן ביים טישל ביז אין אָוונט אַריין.

אין די נאַכט־שעהן זענען אים געקומען אויפן זינען די וואָגלענישן אין

די וועלדער פון קוכאַר. ער האָט דערזען יאַלאַנעץ, די שרפה, דאָס גליטשיקע פּנים פון גמינע־שרייבער, וועלדער אין די טרויעריקע האַרבסט־נעכט. אַמאָל איז אַנגעשוואומען די שיף וואָס האָט אים געפירט איבערן ים... דער רויט־ערדיקער טאָל...

ווייזט אויס מ׳דאַרף צוגיסן נאַפט, די קנויט פאַלט אַראָפּ. אַ פולע לבנה קוקט אַריין דורכן קליינעם פענצטערל. ער פאַרלעשט דאָס ליכט און פילט אַ מידקייט אין אַלע גלידער נאָכן אַקערן. אַ זיסע מידקייט נאָך אַן אָפּגעטוענער אַרבעט וואָס טראָגט אין זיך אַנזאָג פון שפע.

דאָס לבנה־ליכט איז געפאַלן מיט אַ זילבערנעם בליאסק אויפן שטיק צעאַקערטן פעלד. דער פירעק האָט זיך אין דער נאַכט אויסגעטיילט פון די אַנדערע פעלדער מיט איר אומרואיקער צעכוואַליעטקייט.

דער אַרום איז געשלאָפן אין אַ שטילן נאַכט־שלאָף, די בערג, די פאַר־טרוקנטע פרדסים, די פאַרווילדעוועטע פאַשע־פעלדער און אַקער־פעלדער. אַ מאַט לבנה־ליכט האָט זיי איינטאָניק באַלויכטן. דאָס פרישע צעאַקערטע פעלד איז אָבער געווען פול מיט אויפגעוואכטער אומרו. די לבנה האָט זיך איינגעקאַרבט אין די ערד־גרודעס וואָס האָבן צוריקגעשפּיזלט מיט אַן איגער־לעך טיף־ערדיש ליכט וואָס האָט זיך פון זיי אַרויסאַנטפּלעקט. דער אומרו פון דער הפקרדיק ־ פאַרלאָזענער ערד האָט אויסגעשריגן צו די נאַכט־הימלען, צו דער לבנה און צו די שטערן דאָס גרויסע געשריי פון פאַר־יתומטקייט. אַן אומגעריכטער מענטש האָט געשטערט זייער שלאָף, ער האָט זיי מער ניט געלאָזט ווילדעווען און פאַרוואַנדלען דאָס ריזיקע פלאַכלאַנד אין אַ מידבר ווו ווינטן טראָגן סטעפּזאַמד און זריעה פון מיסטגראָזן, קריי־טעכצער און שגעון־גראָז. אַ מענטש איז געקומען מיט אַן אַקער. ער האָט געשניטן די ערד טיף ביז וואַנען עס גרייכן די וואָרצלען פון די ווילד־גע־וויקסן, דער אַקער האָט צעשטערט די אונטערערדישע נאָרעס פון די פעלד־מייז וואָס האָבן זיך געמערט אין דער ווילדעניש, אין דער אָפּגעלאָזנקייט און מיט שאַרפע ציינער אָפּגעגריזשעט די וואָרצלען פון די פלאַנצן. אַ גרויסער פירעק איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון שלאָף און אויפגעוועקט גע־וואָרן צום לעבן.

פאַרטאָג האָבן די תושבים פון מעטשעט־געסל דערזען ווי אונטן ביים סוף פון געסל, ווו ס׳געפינט זיך דאָס גרויסע פלאַכלאַנד ליגט אַ שטיק פריש צעאַקערט פעלד.

— זע נאָר, זע נאָר — האָט געטייטלט איינער מיט דיקע ברילן־גלע־זער, דער שניידער פון בעזוין, — מען אַקערט דאָ אויך? — ער האָט אַ פרעג געטאָן, סתם אַזוי אויס נייגעריקייט, מיט גרויס ערנסט.

אַ צווייטער, דער געל־בערדיקער פון מונקאַטש איז אַרויף אויף אַ שטיין כדי בעסער צו זען.

— וואָס קען דען אַ שטייגער דאָ וואַקסן?

— כ'ווייס ניט צי ער וועט האָבן פּרנסה פון דעם עסק, צי ס'געשעפט לוינט זיך. — האָט געזאָגט אַ פּעסט־געבויטער רויט־פּנימדיקער.

— ער האָט דערוויַיל גאָרניט פון דער האַרעוואַניע... קוק אין הימל־אַריין און בעט אַז זאָלסט עפּעס צרויסנעמען, ס'איז אַזוי ווי אויף אַ לאָטעריע, שטעלסט איין...

— טאַקע אַ לאָטעריע... און אַז ס'געראָט ניט? — האָט געפרעגט דער געלער — אַז ס'געראָט ניט, טויג דאָך טאַקע ניט... אוי פּאָטער אין הימל...

איינער פון די באַלעגאָלעס האָט אַ ברום געטאָן צום געלן ייד:

— דרייט ניט דעם מוח. ס'וועט שוין געראָטן, איר וועט תהילים זאָגן...

— לוינט זיך טאַקע אַ פערד צו שפּאַנען און אַ מענטש זאָל אַ גאַנצן טאָג נאָכגיין דעם אַקער און עפּעס אַמאָל אַראָפּנעמען פון פעלד, כ'ווייס ווען און כ'ווייס וואָס? איך האָב ליב: אָפּגעאַרבעט — באַצאָלט, ריבי־פּיש געלט אויפן טיש...

דער בעזוינער האָט אויסגעטאָן די דיקע ברילן־גלעזער און זיי אויסגע־ווישט. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געקנייטשט דעם שטערן:

— כ'וואָלט שוין געוואָלט עלטער זיין מיט אַ זומער און זען וואָס וועט עפּעס פון דאָרט אַרויסוואַקסן.

— פאַרוואָס וועט ניט וואַקסן? — האָט געפרעגט דער באַלעגאָלע.

— פאַרוואָס? — האָט דאָס שניידערל איבערגעחזרט, — דערפאַר וויל ס'פעלד געפעלט מיר ניט, ס'איז ניט קיין פעלד ווי אונדזערע פעלדער, עפּעס אַ רויטע ערד, ווייס איך וואָס...

ער האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און זיך אָפּגעטראָגן.

די איבעריקע מענטשן האָבן צווישן זיך איינגעטענהט. מען איז געוווינט געוווען צו זען דורך דער נאַכט בייַע קרעמלעך וואָס זענען אויפגעשטעלט גע־וואָרן פון אַלטע לייַטן, פון בלעכן. מען האָט אָפּגערייניקט אַ ווינקל, אויס־געגלייכט די ערד און אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן קאַסטן. די קאַפּעטן האָבן אין די אָוונטן גערוישט פון די גראַמאַפאָנען. די נייַע תושבים האָבן זיך געזאַמלט אויפן מעטשעט־געסל און געקנאַקט יאָדערן. פאַרטאָג איז מען אַוועק צו אַלערליי אַרבעטן; צו די וועגן, צו בוי־אַרבעטן, מען איז געפאָרן קיין תל־אָביב און געאַרבעט אין די קליינע וואַרשטאַטלעך, אַזוי זענען אַדורך טעג — אָבער אַקערן, דאָס האָט נאָך קיינער ביז איצט ניט געטאָן. עס האָט אויס־געזען פרעמד און ווייט. כ'ווייס, אַ קליין גערטנדל ביי דער שטוב, דאָס איז נאָך צום פאַרשטיין, אָבער וועלן מאַכן דערפון אַ פּרנסה, דערצו נאָך האַלטן אַ פערד, דאָס האָבן מוינעס שכנים ניט געקאָנט באַגרייפן.

דאָס פעלד איז שוין געווען פאַראַקערט, אָפּגערייניקט פון גראָז, פון וואָרצלען, צעטיילט אין גלייכע שיינע בייטן. איצט האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע טעג פון פלאַנצן און זייען. מוינע האָט זיך פאַרנומען דאָס יאָר נאָר מיט גרינוואַרג כדי ניט לאַנג צו וואַרטן אויף הכנסות. געלט האָט ער

געדאַרפט אויף צו קויפן פאַשע פאַרן פערד, אויף הוצאותן צום לעבן, אויסער דעם האָט מען געמוזט אויפשטעלן אַ געמויערטע שטאַל און לייגן אַ פּאָדלאָגע אין צימערל. ער איז איצט געווען גאַנצע טעג אין פעלד. דאָס פערד האָט זיך געפּאַשעט אין וואדי און האָט דאָרט געהאַט אַ סך גראָז. די זריעה און פלאַנצן האָבן אויך באַטראָפן אַ היפשע סומע, ער האָט געמוזט דערפאַר עטלעכע מאָל אין דער וואָך זיך אַרויסכאַפּן אין שטאָט אַריין צו פאַרדינען עטלעכע פונט. ער איז געשטאַנען אויף די פאָרשטאָטישע שטייפּלעצער און געוואַרט ביז מ׳וועט אים דינגען צו פירן סחורות. אין יענע טעג איז ער געווען אומגעדולדיק, ער האָט זיך געריסן וואָס גיכער צוריקצוקומען אַהיים.

די טאָמאַטן־שטחים האָבן זיך גוט אָנגענומען. אויפן דריטן טאָג האָבן זיי אויסגעגלייכט די בלעטלעך. די פלאַנצן האָבן פאַרנומען אַ גרויס שטיק פעלד, דעם גרעסטן טייל פון פאַראַקערטן פעלד. אויף די בייטן האָבן געפלאַצט די ערד־הייטלעך. דער ערשטער אָנזאָג, אַז ס׳גייט אויף די זריעה פון מייערן, האָט אים אָנגעפילט מיט פרייד.

מוינע האָט זיך געפונען אין גרויס שפאַנונג. ער האָט דערוואַרט פון דער ערד אַז זי זאָל אים ענטפערן מיט גוטסקייט אויף זיין מי. און די ערד איז געווען גוט צו אים, זי איז געווען מילד און הכנעהדיק. אַ זאַטע ירקות האָט פאַרדעקט דאָס פעלד, אַ היימישע, געגאַרטע און אויסגעחלומטע גרינקייט, אַ חלום־גראָז איז דאָס געווען וואָס האָט מיט פרישקייט געלויכטן. די קנייטשן פון מוינעס שטערן זענען פלאַכער געוואָרן, דאָס פנים גוטמוטיקער און אַ רואיקייט האָט געהויערט אין זיי ווען ער איז געשטאַנען צווישן די בייטן און געקוקט אויף דעם אויפגייענדיקן גאָרטן.

וואָס אַ מאָל איז געוואָרן מערער אַרבעט אין גאָרטן, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג. מען האָט געדאַרפט רייניקן די בייטן פון ווילדגראָז און דערנאָך ווייך־מאכן דאָס ערד־הייטל.

די פעלדער זענען געווען מיט ווילדגראָז. כאָטש מוינע האָט טיף געאַקערט און די ערד איז ריין געווען פון אַלע קרייטעכצער בשעתן אַקערן — האָט אָבער דער פרילינג־ווינט פאַרטראָגן פון די שכנותדיקע הפקרדיקע פעלדער די זריעה פון קראָפּעווע און בריעכצער. דער ערשטער אַרויסשפּראָץ זייערער איז געווען אַזאַ איידעלער, אַזאַ פריש־גרינער מיט ציטערדיקע פאַלשבלעטלעך, און דערנאָך, מיט אַ וואָך שפּעטער זענען זייערע וואָרצלען טיף אַריין אין דער ערד, די בלעטער האָבן באַקומען שטעכלקעס אין די שפּיצן.

ער איז טעג גאַנצע געווען צווישן די בייטן, גערייניקט זיי, געפּלעגט, אונטערגעשאָטן ערד אַרום די פלאַנצן, אונטערגעשפּאַרט די טאָמאַטן־צווייגן און ווייך־געמאַכט דעם ערד־דעק.

אין די טוי־נעכט האָבן די פלאַנצן דערוואַקט. זייערע בלעטער האָבן געלויכטן מיט דער גוטער פייכטער נאַכט־ליכט פון טוי־באַזעצטע בלעטער

אַנטקעגן די מילך־ווייסע נעפּל־ווייטענישן. ביי טאָג איז די זון געוואָרן שאַרפער און געטריקנט די ערד־קאָרע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון באַוואַסערן. מוינע איז פלוצעם געבליבן פאַר אַ שווערן ענין. ווו נעמט מען וואַסער? ס׳האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז די וואַסער־רער וואָס געפינט זיך אויפן מעטשעט־בערגל איז אַ קליינע, זי וועט ניט קענען באַוואַסערן מוינעס פעלד. דער ברונעם אין הויף איז אַ פאַרוואָרלאָזטער, דער מאָטאָר צעבראָכן, די רער ביז אין דער העלפט פון דער ברונעם־טיפעניש איז ניט געווען.

— ב —

די פרילינג־רעגנס זענען זעלטענער געוואָרן. עס האָט אַ רעגן־געטאָן, דורכגעווייקט דעם דינעם ערד־שיכט, באַפּערלט דאָס יונג־גראָז מיט גרויסע טראָפּנס. די קנאָספּן פון תות־בוים און פייגנבוים זענען געוואָרן אָנגעדראָלן און פון די האַלב־פאַרשלאָסענע קנאָספּ־שפּעלטלעך האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ גרין פאַספאַר־ליכט.

וואַסער האָט מוינע גענומען פון מעטשעט־בערגל. ער האָט אויסגעפונען אין די פאַרלאָזענע פּרדסים די בעטאָן־קאַנאַוועס וואָס האָבן צעפירט דאָס וואַסער, איצט זענען זיי געווען ליידיק, זיי האָבן זיך געצויגן איבער דעם פּרדס־פלאַך צווישן די געדיכטע רייען טויטע מאַראַנצן -ביימער. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט. ער האָט געמוזט אַרומגראָבן די ערד פון די צע־מענט־קאַנאַוועס, אויסהאַקן שטיקער שטיין־קאָרעטעס און זיי לייגן לענגאויס דעם גאַנצן וועג וואָס האָט געפירט פון מעטשעט־בערגל ביז זיין גאָרטן. דאָס איז געווען אַ מרחק פון אַן ערך הונדערט און פופציק מעטער. אַזוי ווי זיין פעלד איז געלעגן אין טאָל, האָט געקענט דאָס וואַסער פון געסל לייכט אַראָפּפליסן און פון דאָרט וועט אים זיין מעגלעך צו צעפירן עס איבער די בייטן. די שטיקער שטיין־קאָרעטעס זענען געווען שווערע, אַ וואָך צייט האָט ער געאַרבעט ביים אָנטראָגן זיי און אויסלייגן לענגאויס דעם וועגל. ער האָט זיי אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן און געפירט ביזן פלאַץ ווו דאָס וואַסער האָט געדאַרפט פליסן, דערנאָך האָט ער מיט צעמענט פאַרגאָסן די שפּאַלטן פון די קאָרעטעס, צונויפגעהעפט זיי אין איין גרויסער שטיינערנער קאָרעטע. אוודאי וואָלט געווען בעסער צו קויפן אייזערנע רערן, ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין געלט. די אַרבעט אין גאָרטן, באַזונדער דאָס אַרויסרייסן די ווילדגראָזן, האָבן אים פאַרשלונגען דעם גאַנצן טאָג און ער האָט ניט געקענט זיך אָפּרייסן אויף אַ זייטיקן פאַרדינסט אין דער שטאָט אריין.

אַ קליינער וואַסער־שטראָם איז איצט טאָג און נאַכט געפלאָסן באַרג־אַראָפּ פון מעטשעט־בערגל מיט דער צעמענט־קאַנאַווע צו זיין פעלד. ער האָט

צעפֿירט דעם וואַסער־שטראָם אין אַ סך דינע וואַסער־אָדערן וואָס האָבן באַוואַסערט די בייטן.

אַרומגייענדיק איבער די פֿאַרוואָרלאָזטע פּרדסים, די האַלב־פּאַרטרי־קנטע, מיט טויטע דערנער־קרוינען, פֿאַרפּלאָנטערטע אין סאַברע־קוסטעס פֿון די פּלויטן, האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף עפּל־ביימלעך, אויף פֿלוימען־קוסטעס און וויינשטאָקן. זיי האָבן נאָר וואָס געעפֿנט די קנאָספּן. מוינע האָט זיי אויסגעגראָבן מיט שטיקער ערד אין די וואָרצלען, פֿאָרזיכטיק זיי אָפּגעפֿירט אַ היים. ער האָט די ביימלעך פֿאַרפּלאַנצט ניט ווייט פֿון די ווייס־געקאַלכטע ווענט פֿון זיין ליימען הייזל. מיסט האָט ער געהאַט פֿון שטעלעכל. אַ באַזונ־דערן אַכט האָט ער געלייגט אויף די וויינשטאָק־ביימלעך, וואָס ער האָט אין אַ גרויסער צאָל פֿאַרפּלאַנצט אַרום הויז, ער האָט געוואָלט שפּרייטן אַרום זיין שטוב שאָטן, די ליימווענט זאָלן זיך ניט אָנהיצן פֿון דער זון. ער האָט געוואָלט דערצו אויסנוצן די וויינשטאָקן און זיי פֿאַרציען ביזן דאַך.

אָפּט איז דער וואַסער־שטראָם פֿון דער צעמענט־קאַנאַווע געוואָרן קלע־נער און קלענער ביז וואַנען ס׳וואַסער האָט אויפֿגעהערט צו פֿליסן. מוינע איז געלאָפֿן אויפֿן מעטשעט־בערגל דערוויסן זיך וואָס ס׳איז געשען ביי דער וואַ־סער־רער. ווייזט זיך אַרויס, אַז ערגעץ אין אַ ברונעם וואָס גיט דאָס וואַסער פֿאַרן דאָרף איז דער מאָטאָר קאַליע־געוואָרן. דאָס פֿלעגט אָפּט טרעפֿן און גראָד אין די טעג ווען מ׳האָט ס׳וואַסער געמוזט צעפֿירן צו די פּאַרטריקנטע בייטן.

דער אומרו פֿאַר טרוקעניש האָט אים ניט געלאָזט צומאַכן קיין אויג אין די פֿרילינג־נעכט. עס וועט גיין לאיבוד זיין גאַנצע אַרבעט. די ווילד־געוויקסן פֿון וואָדי וועלן זיך צוריק אַריינרייסן אין גאָרטן און פֿאַרדעקן אַלץ מיט אַ גרוי שטעכעניש. די טאָמאַטן־בלעטער האָבן זיך געוויקלט, געוואָרן שמאָל און קליין, זייערע שפּיצן זענען אַראָפּגעפּאַלן נאָענט צום באָדן און ערשט אין די קילע נעכט האָבן די פּלאַנצן אַ ביסל אויפֿגעפֿרישט.

דער ברונעם אין הויף האָט זיך געפֿונען אין ווינקל, האַרט ביי דער ליימוואַנט ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס פֿערד. די געוועלבטע ברונעמווענט זענען געווען פֿון ווילדן שטיין. אַ דעמפּיקע קילקייט האָט דאָ געשלאָגן פֿון יעדער שפּאַלט און די שווערע שטיין־בלאָקן. די לעצטע טעג איז מוינע אָפּט געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און פֿאַרטראַכטער אָנגעשפּאַרט אין די גרויסע געטעסעטע ברונעם־שטיינער. פֿון מאָטאָר איז געבליבן נאָר דער שאַרבן, עמעץ האָט ווייזט אויס, נאָך ערב מוינעס באַזעצן זיך, צענומען יעדעס שרייפֿל וואָס האָט זיך נאָר געלאָזן אַראָפּדרייען. דער ברונעם איז געווען טיף און אויסגעמויערט מיט שטיין. אַ קיילעכדיקער ברונעם־שפּיגל פֿון דער טי־פֿעניש, אַ שוואַרץ־בלענדיקער האָט געשפּיגלט זיין פּנים. ער האָט זיך דאָרט דערזען ווי ער וואָלט דערזען אַ ווילד־פֿרעמדן פֿון יענער זייט וועלט־גבול. ער האָט ניט געוווסט וואָס פֿאַראַ שייכות האָט ער צו דעם מענטש

וואָס שפּיגלט זיך אונטן אין דער ברונעם־טיף און זיך שטאַרק געקלאַמערט אָן ברונעם־שטיין, זיינע פּיס האָבן געפּרוּווט די פעסטקייט פון דער ערד אויף וועלכער ער שטייט. דאָס שווימענדיקע פּנים אין דער ברונעם האָט אים געשראָקן, ער האָט דערשפּירט ווי די קיילעכדיקע ברונעם־ווענט נעמען אים אַרום, עטעמען אויף אים מיט סודות פון ווייטע און איינזאַמע וועלטן. ער האָט געוואָלט פון זיי אַנטלויפן, אַנטרינען פון פּנים וואָס קוקט צו אים אַרויס פון ברונעם און לאָזן די ליכטיקע באַרג־ווייטן שפּרייטן זייער ליכט אויף זיינע מידע און טרויעריקע אויגן.

דעם טאָג האָט מוינע באַשלאָסן אַז ער מוז נעמען וואַסער פאַר זיין פעלד פון דעם אייגענעם ברונעם. דער מאָטאָר וועט נאָך טרייבן דאָס וואַסער פון ברונעם צו זיינע פעלדער.

דאָס זענען געווען די שווערסטע טעג פון זיין קומען אין לאַנד אַריין. פאַר טאָג האָט ער געשפּאַנט דאָס פערד און געפאָרן צו די אייזן־הענדלער אין די דרום־געסלעך פון תל־אביב. ער האָט גענישטערט ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן, כדי צו באַקומען די שרויפן און מאָטאָר־טיילן וואָס זענען נייטיק געווען אַז דער ברונעם זאָל אויפגעלעבט ווערן.

— ג —

דאָס פאַרוואָרלאָזטע אַראַבישע דאָרף איז גרויס און זיינע זייטיקע שטעגלעך ציען זיך איבער גרויסע פעלדער און פּרדסים. די ברונעמער זענען אומעטום געווען הפקרדיק פאַר יעדן איינעם. מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט די ברונעם־רערן, ס׳האָט צענומען די מאָטאָרן און זיי אַוועקגעפירט אין די לאַגערן פון אַפּוטרופּס. די ישובים זענען געווען אָן וואַסער. ערגעץ ווו איז געבליבן אַ ניט־געריררטער מאָטאָר, האָט ער געטריבן וואַסער פאַר אַ גאַנץ דאָרף. די קליינע גערטנדלעך וואָס מענטשן האָבן דעם ערשטן זומער געמאַכט זענען איינגעטריקנט געוואָרן. אַפילו דיביימער וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די טריקעניש פון אַ גאַנץ יאָר ביז ס׳זענען געקומען די נייע תושבים האָבן אויך אָנגעהויבן צו דאַרן. וואַסער! וואַסער! — האָט מען גערופן פון אַלע געסלעך, און דאָס וואַסער האָט געוואַרט אין די הפקרדיקע ברונעמער, אַז עס זאָל עמעץ קומען און נעמען. עס האָבן אין לעכצונג געגאַרט די פעלדער נאָך דער דערפרישנדיקער פליסיקייט, און די אַלע מאָטאָרן, צעשרויפטע, צעפּיצלטע, שאַרבנס פון מאָטאָרן, שטיקער ברונעם־רערן, ציין־רעדער, פאַסן פון לעדער און שטריק זענען געלעגן אָנגעהויפט אין די לאַגערן פון פאַרזשאַווערטן אייזן. מ׳האָט זיי פאַרקויפט אויף ברוך, אויף שמעלצונג, מ׳האָט דאָס אייזן געוויגן אויף גרויסע אייזנוואָגן און פאַרקויפט אויפן פּוד. די אייזנהייף זענען געווען איבערגעפּאַקט פון דעם אייזנשמעלץ. דעם אייזנברוך האָט מען צוגעשטעלט אין די איבערגעפּאַקטע לאַגערן פון אויפזעערס איבערן פאַרוואָרלאָזטן

פֿאַרמעגן. אין יענע טעג זענען געלאָפֿן שווערע לאַסט־מאַשינען מיט רערן, מאַשין־טיילן אין די מחסנים, דאָרט האָט מען עס געשליידערט פֿון די מאַשינען אויף די קופּעס אייזנוואַרג און אַז די לאַגערן זענען איבערגעפּולט געוואָרן, האָט מען דאָס אייזנוואַרג געשיקט אין די אייזנהייף פֿון דרום־טייל פֿון תּל־אָביב און פֿאַרקויפֿט אויף דער וואָג.

צוויי וואָכן האָט מוינע פֿאַרבראַכט אין די אייזנהייף, ער איז געקראָכן אויף די גרודעס אייזן, געניששטערט אין די אייזן־קופּעס, איבערגעוואָרפֿן גאַנצע הויפֿנס רעדער, רערן, מאָטאָר־שאַרבנס און אייזערנע אַקסן, ער האָט די פּאַסיקע טיילן אַוועקגעלייגט אויפֿן וועגעלע און ווידער געזוכט. אַלע אייזן־סוחרים האָבן אים שוין געקענט. ער האָט צונויפֿגעזאַמלט כמעט אַלץ וואָס ס׳איז נייטיק געווען כּדי צו לאָזן דעם מאָטאָר פֿין זיין ברונעם. דערווייל האָט ער באַוואַסערט דעם גאָרטן מיט דער הילף פֿון דער צעמענט־קאַנאַווע. ביינאַכט איז דער וואַסער־שטראָם געווען אַ שטאַרקערער. צו די בייטן איז ס׳וואַסער ניט דערגאַנגען, האָט ער עס צוגעפֿירט מיט פּעסער. ער האָט אַזוי געאַרבעט ביז ס׳איז ליכטיק געוואָרן און דערנאָך איז ער אַ מידער געפֿאַלן אויפֿן בעטל.

ער האָט נאָך געדאַרפֿט קויפֿן אַ פּאַס אויף צו טרייבן דאָס ראָד. עס האָט אים אויסגעפֿעלט געלט, האָט ער געמוזט וואַרטן אַ טאָג־צוויי כּדי צו פֿאַרדינען אויפֿן שטיי־פּלאַץ. אפֿשר וועט זיך עפּעס מאַכן אַ נסיעה.

איין מאָל, קומענדיק אַהיים נאָך אַ טאָג אַרבעט, מיט געלט אין טאַש אויף צו באַצאָלן פֿאַר די לעצטע טיילן צום מאָטאָר, האָט מוינע דערזען. אַז אַ לאַסט־אויטאָ פֿאָרט אים אַנטקעגן פֿון דעם וועגל ווו ס׳געפֿינט זיך זיין שטוב. דאָס טויערל פֿון הייפֿל איז געווען צעפּראַלט. ער האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט דער לאַסט־מאַשין, זיי האָבן זיך גענומען אויסמיידן, און פּלוצעם האָט מוינע דערזען אויפֿן אָפֿענעם לאַסט־וואָגן אַ ברונעם־מאָטאָר. די מאַשין איז געפֿאָרן פּאַמעלעך, ווייל דאָס וועגל איז געווען שמאָל, און ער האָט ניט געהאַט וווהין אַראָפּצוקערעווען מיטן וואָגן כּדי צו געבן פּלאַץ דער מאַשין.

מוינע איז אויפֿגעציטערט געוואָרן. די שלייפֿן האָבן אים גענומען זעצן.

— העי, שטייט נאָר! שטייט! עץ זענט געווען ביי מיר אין הויף?

ער האָט געוויזן מיט דער האַנט אויפֿן אָפֿענעם טויער פֿון זיין הייפֿל.

— וואָס איז? — האָט מען אים געענטפֿערט.

מוינע האָט געוואָרפֿן די לייצעס און אַרויפֿגעשפּרונגעם אויפֿן לאַסט־וואָגן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ער איז צו צום מאָטאָר און אויסגעשריען:

— טראָגט שוין צוריק פֿון וואַנען איר האָט אים גענומען! שטעלט צוריק דעם מאָטאָר אויפֿן אָרט! גנבֿים! — זיינע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט, די שלייף־אָדערן זענען שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען, אַזוי אָנגעדראָלן זענען זיי געוואָרן.

די מענטשן פון דער לאַסט־מאַשין האָבן זיך איבערגעקוקט, איינער, אַ נידעריקער, מיט לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס האָט געזאָגט:

— אדון, דער מאָטאָר איז אויף אייער מיסט געוואַקסן? איר האָט אים פון דער היים מיטגעבראַכט?

זיי האָבן זיך הילכיק צעלאַכט. דאָס פערד מיט די לויזע לייצעס איז אומרואיק געוואָרן, עס האָט אַ צי־געטאָן דעם וואָגן, די רעדער האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין אויטאָ.

די לאַסט־מאַשין האָט אָנגעהויבן צו רוישן און די רעדער האָבן גערירט פון אָרט.

— איר וועט פון דאַנען ניט אַוועקפאָרן! גיט צוריק דעם מאָטאָר! — האָט מוינע געשריגן. דער מיט די שפּיציקע וואָנצעלעך האָט ווידעראַמאָל אָנגעצינדן דעם מאָטאָר, מוינעס וועגעלע האָט זיך איבערגעקערט, דער קאַרער האָט טרויעריק געהירזשעט. ער איז איצט געווען אַ פאַרפּלאָנטערטער אין געשפּאַן, די הינטערשטע רעדער פון וואָגן האָבן זיך איבערגעקערט און דער וואָגן־אַקס איז צעבראָכן געוואָרן.

די לאַסט־מאַשין איז געפאָרן מיט אַ שווערן גערויש אַרויף צום מעטשעט־בערגל. ביי דער שטיינערנער מעטשעט־וואַנט איז געשטאַנען אַ קרענצל מענטשן. מוינע האָט געשריגן:

— גנבים! גנבים! גיט אָפּ דעם מאָטאָר!

פּיניאַק איז גראָד געגאַנגען פון דער אַרבעט. ער האָט דערהערט מוינעס געשרייען און צוגעלאָפן צו דער מאַשין. די מענטשן פון געסל האָבן אַרומגערינגלט דעם יונגענמאַן מיט די וואָנצעס, מען האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער מאַשין. פּיניאַק איז געשטאַנען אויפן מאַשין־טרעפּל און געהאַלטן דאָס שאָפער־ראָד.

— עס׳ט נישט אַרויספאָרן פון דאַנען!... שטיי זאָג איך! שטיי!

די מאַשין האָט זיך פאַרלאָשן. דער רויט־פּנימדיקער בעל־עגלה האָט געשריען:

— זע נאָר, ווי זיי נישטערן דאָ אין יעדן ווינקל! צעשלעפּן וואָס ס׳לאָזט זיך פון דאָרף! איצט זענען מיר דאָ די באַלעבאַטים! מ׳דאַרף האָבן די מאָטאָרן אין דאָרף. מיר וועלן ניט בלייבן אָן וואַסער!...

— ווער זענט עץ? — האָט פּיניאַק געפרעגט דעם מיט די שפּיציקע וואָנצעס, וואָס איז מיט רוגזה געשפּרינגען יעדן איינעם אין פּנים אַריין.

— ווער מיר זענען? מ׳עט שוין זען! זעט נאָר, געקומען כ׳וויס פון וואָגן, געבראַכט זיי אויפן גרייטן, גיב זיי נאָך מאָטאָרן, ברונעמער און הייזער!... ווער האָט אונדז געגעבן? ווער האָט פאַר אונדז פאַרגרייט?

מוינע האָט געוואָלט זאָגן עפּעס דעם יונגן בחור, געוואָלט ענטפערן, נאָר ער האָט ניט געקענט, ניט געוווּסט ווי אַזוי אָנצוהייבן, ווי זיין טבע

האָט ער געשטאַמלט, באַוועגט מיט די ליפּן און אַ רויטקייט איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויפן פּנים, אויפן שטערן, און די הענט האָבן אים געציטערט.

— ס׳איז דאָך געווען אַ הוילער מאָטאָר־שאַרבן... איך האָב אַריינגעלייגט געלט און אַרבעט... זעט... אַ סך טיילן זענען נייע, געקויפטע...

— ס׳גייט אונדז ניט אָן, מיר האָבן אַ באַפעל אַלע מאָטאָרן צונויפצוזאַמלען אין די לאַגערן!

— ס׳פעלד וועט פאַרטריקנט ווערן... קוקט אַט־אָ איז מיין פעלד... — האָט זיך מוינע געבעטן.

די דאָרפס־איינוווינער האָבן געקוקט צום טאָל וווּ ס׳האָט זיך געשפּרייט אַ גרין־פּירקאַנטיק פעלד.

דער יונג מיט די וואָנצעס איז אַריין אין דער מאַשין, צוגעקלאַפּט דאָס טירל און געשריען צו מוינען.

— העי, דו, מיר פאָרן אַוועק! גיי אַראָפּ פון דער מאַשין!

מוינע איז ניט אַראָפּ. ער האָט מיטביידע פויסטן געקלאַפּט אין בלעך פון לאַסט־וואָגן.

— גיט אָפּ די וואַסער־פּאָמפּע! גיט אָפּ!

די מאַשין האָט געריירט, דער מאָטאָר־גערויש האָט פאַרשריגן די מענטשישע קולות. פּיניאַק האָט זיך איבערגעבויגן איבערן מאַשין־פענצטערל און אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויפן שאָפער־ראָד. אין זיינע אויגן איז געווען עפּעס באַצווייפלטס. אַלע זענען מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. ער האָט אַ רעווע געטאָן, געדוכט האָט זיך אַז שווערע שטיינער קייקלען זיך ערגעץ באַרג אַראָפּ פון אַ שיפּועדיקן פעלדז.

די לאַסט־מאַשין האָט צוריק פאַרקערעוועט צום וועגל וואָס פירט צו מוינעס הייפל. דער געסל־המון איז נאָכגעגאַנגען שטיל, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, נאָך דער מאַשין. דער קאַרער איז געשטאַנען נעבן צעבראָכענעם וואָגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשלאָגן מיט אַ פאָדערשטן פוס אין באָדן. מ׳האָט אַראָפּגעטראָגן דעם מאָטאָר.

— נעם אַביסל רעכטס, צו זיך, האַלט די זייט... — אַזוי האָט באַפוילן מוינע אין דער אַלגעמיינער שטילשווייגעניש.

די לאַסט־מאַשין איז אַוועק אַ ליידיקע און איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ געדיכטן רויך, אַ טשאַדנדיקן. די מענטשן זענען צוריק געגאַנגען אין זייערע שטיבער. ס׳איז שוין געווען טונקל. פּיניאַק האָט זיך פאַרהאַלטן אַביסל ביי מוינען אין חדר. זיי זענען געזעסן אָנגעשפּאַרט אויפן אייזערנעם בעטל און געשוויגן.

פּיניאַק האָט איבערגעריסן ס׳שווייגעניש.

— טרייב אַריין דעם קאָרן אין שטאַל. ער איז געבליבן אין געסל.

זיי זענען אַרויס. דאָס הויף־טירל איז געווען צעפּראַלט. דאָס פערד איז אומרואיק געוואָרן. מוינע האָט אויסגעשפּאַנט און געפירט ס׳פערד אין

שטעלכל. פּיניאַק האָט זיך געפּאַרעט ביים וואָגן, זיי האָבן אים צוגעשלעפּט צום טיר׳ל.

— די אונטערשטע אַקס איז צעבראָכן, — האָט מוינע געזאָגט.

די פינצטערניש איז גיך צוגעפּאַלן. מוינע האָט אָנגעצונדן אַ נאַפט־לאָמפּ. פּיניאַק איז אַוועק אַהיים. ער איז געגאַנגען איבערן וועגל צום מע־טשעט־בערגל.

צומאָרגנס האָט דער ברונעם־מאָטאָר אָנגעהויבן שטיל צו קלאַפּן. אַ שטראָם־וואַסער האָט געפּליישט פון דעם ברונעם און צעגאָסן זיך איבערן פעלד, איבער די גליינע קאַנאַוועס. די ערד האָט גיריק געטרונקען דאָס ברונעם־וואַסער און ניט געקענט שטילן דעם דורשט.

מוינע איז געלאָפן פון איין בייט צו דער אַנדערער, פון קאַנאַווע צו קאַנאַווע, מיט אַ רידל אין דער האַנט. ער איז געווען באָרוועס, זיינע פיס האָבן געקענטן די צעווייקטע ערד, ער האָט געקערעוועט דעם וואַסער־שטראָם צו די ווייטסטע בייטן וואָס זענען געלעגן ביים וואַדי. דער בלאָער מיטאָג־הימל איז נידעריק געוואָרן איבער מוינעס פעלד. לייכטע וואָלקנדלעך. פאַר־ביקע, פון יענע זייט בערג זענען געקומען זיך אָנטרונקען פון זיינע וואַסער־קאַנאַוועס, זיי זענען מיטגעשווומען מיטן וואַסער־אָדער, פאַרהאַלטן זיך דאָרט ווו ס׳וואַסער האָט זיך פאַרהאַלטן און איבערגעלאָזט די קילע שאָטנס אויף די דערוואַכטע פלאַנצן.

— ד —

ניט ווייט פון די אַלטע מעטשעט־ווענט, די גרויע מיט מאָכיקע שטיי־נער, מיט ווילד־גראָזן אין די שפּאַלטן, געפינט זיך אַ געוועלבטע נישע מיט אַ מירמלנע שוועל. די שוועל איז אויסגעהוילט ווי אַ קאָרעטע. פון דער שטיינערנער וואַנט קוקט אַרויס אַ שטיק אייזערנע רער. דאָס איז געווען די שטיינערנע וואַסער־שוועל, ווו מידע גייערס, וואָס האָבן געוואָגלט פון איין דאָרף צום אַנדערן האָבן געשטילט זייער דורשט. דאָ האָבן גערוט די אייזל־טרייבער פון סאַלמה, זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף דער שטיינערנער ערד אַרום דער שוועל און גערוט אין די קילע שאָטנס פון די הויכע מע־טשעט־ווענט. אַהער זענען געקומען די ווייבער פון די ליימיקע וויקל־געס־לעך, פון הפקר־באַרג צווישן אַראַבישן בית־הקברות און מעטשעט, זיי האָבן געבראַכט גאַנצע שטויסן פאַרביקן שטאָף און מיט קלאַפּ־ברעטלעך געפּליעס־קעט די קאָפּ־טיכלעך און טונקל־פאַרביקע הויזן אָן דער מירמל־שוועל, וואָס איז געווען פול מיט וואַסער. די וואַסער־שטראָמעלעך וואָס זענען אַריבערגע־רונען פון דער קאָרעטע, אויסגעמישט מיט זייף־בלעזלעך פון די געוואַשן זע־נען אויסגעלעקט געוואָרן פון סטאַדעס דורשטיקע הינט, וואָס האָבן מורא געהאַט נאָענט צוצוקומען ביזן שטיין פון דער קאָרעטע.

אַלטעטשקע שיקמה־קלייבער און סאַברע־רייסער, האָבן דאָ אַוועקגעשטעלט זייערע קיישלעך, געפלאָכטענע פון פאַלמע־בלעטער און טאָפּאָלריטלעך און געדרימלט פון מידקייט. די אייזלען האָבן געשריגן; איין אייזעלע האָט געטאָרגלט זיך אויף דר׳ערד, ס׳האָט אויסגעזען ווי די אויפגעשטעלטע פיס דראָען די הימלען וואָס איבערן מעטשעט:

— געבענטשט זיי אַלמעכטיקער וואָס דו שטילסט דעם דאָרשט פון די יעכצנדיקע, וואָס דו שענקסט קילן שאָטן דעם היימלאָזן גייער...

אַזוי האָט געשעפּטשעט אַן אַלטיטשקער מאַן, אַ פרעמדער, מיט אויסטערלישע קליידער, אין איינע פון די זומערדיקע פרימאָרגנס ביי דער שטיינערנער שוועל. קיין וואַסער איז אין דער מירמלנער קאָרעטע שוין ניט געווען. די שטיינער האָבן געטראָגן אויף זיך סמנים פון וואַסערן וואָס זענען לאַנגע יאָרן דורך זיי געפלאָסן. זיי זענען געווען, די שטיינער, ליכטיקע, געשייערטע, מיט געלע און ווייסע שטיין־אָדערן. דער מענטש איז געזעסן ביז שפּעט נאָך מיטאָג און קיינער האָט אים ניט באַמערקט. אפשר האָט ווער פון די געסלדיקע ווייבער יאָ געזען דעם מענטש מיטן לאַנגן כאַלאַט, מיטן קאָפּטון, און זיך ניט אומגעקוקט. ווייל וואָס איז דען געווען זיך אומצוקוקן. זיצט אַ מענטש אויף דער שטיין־שוועל אין אַ הייסן טאָג, זיינע ליפן שעפּטשען עפּעס, די אויגן זענען ברייט־צעעפנט, קוקן צום דאָרף, צו די טרוקענע פעלדער און אין די אויגן, — אי מידקייט, אי בענקשאַפט, אי פייערדיקע אויפצאַפּלעניש, אי שינאה, און פּלוצעם ווידער גאָרניט־מיינענדיקער בליק, אַ בעפלדיק תמעוואַטעו׳.

ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ קליין ייִנגעלע פאַרן אַלטיטשקן און פאַרגאַפט געקוקט אויפן פרעמדן, באַלד איז אַ פרוי צוגעקומען, דערנאָך איינער פון די צופעליקע פאַרבייגייערס איז געוואָרן אַ קרענצל. קוקט מען אויפן אַלטן מאַן וואָס זיצט שוין דאָ אַזוי פון פאַרטאָג און רירט זיך ניט פון אָרט. פרעגט זיך אַ פרוי מיט גרויסע מאַנדל־אויגן:

— ווער ביסטו אַלטיטשקער, אפשר דאַרפסטו עפּעס?

דער פרעמדער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און עפּעס געמורמלט. זיין לשון האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען. איינער פון די מענטשן האָט געזאָגט.

— וואָס פרעגט איר, מ׳זעט דען נישט, אַז דאָס איז אַן אַראַבער.

— אַן אַראַבער? — האָט מען מיט חידוש נאָכגעשעפּטשעט. — אַן אַראַבער?

דער פרעמדער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שוועל. ער איז איצט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן דער נישע. זיינע אויגן האָבן געלויכטן אַזוי ווי גלאָז אויף וועלכן ס׳פאַלט אַ שיין פון דער לבנה. מיט דער לינקער פויסט האָט ער געשלאָגן זיך אין האַרצן און גערעדט:

— ערבי... ערבי... ערבי אני...

די רעכטע האַנט האָט ער געהאַלטן ביים גאַרטל פון טונקעלן כאַלאַט.

צו האָט אַלעמען געקוקט אין די אויגן אַריין ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, ווי ער וואָלט עפּעס דערוואַרט פון די מענטשן.

איבערן געסל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אין דאָרף איז דאָ אַן אַראַבער. מען האָט זיך געזאַמלט ביי דער שטיינערנער קאַרעטע. וואָס אַמאָל זענען מערער איינוווינער געקומען און געשטעלט זיך אין האַלב־קרייז אַרום פרעמדן.

— אַן אַראַבער... אַן אַראַבער...

איינער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— וואָס לויפט עץ, ס'האָט נאָך ניט געזען אַ מענטש.

— אַזוי ווי אַלע מענטשן איז ער, — האָט אַ פרוי געענטפערט.

— נאָך וואָס איז ער געקומען?

— וואָס הייסט נאָך וואָס?

— ער טאָר דען נישט?

— אַוודאי מעג ער, אָבער...

— ער האָט אפשר געוווינט אין דעם געסל? — האָט עמעצער געפרעגט, — בענקט זיך אים אַ קוק צו טאָן.

דער האַלב־קרייז פון מענטשן אַרום אַראַבער איז געוואָרן ענגער.

— לאָזט דעם מענטשן אַליין, גייט אַוועק — האָט געזאָגט די פרוי מיט די ברוינע מאַנדל־אויגן, זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן נאָר אַ וואָלקנדל איז אָנגעשוווּמען פון די גרויסע ווייסלען און פאַרהילט אין אַ פּייכטן שי־מער. זי איז טרויעריק געוואָרן. — אָט שטייט זי. אין מיטן מאַרק אין אַ זונ־טיק, אַזוי ווי דער אַלטער איצט, אָנגעשפּאַרט אַן אַ וואַנט... אַ המון אַרום איר. העי, לודזשע, אַ זשידוווקע! ניין, בראַטאַק, ביסט זיך טועה, אַן אונ־דזעריקע. אַן אונדזעריקע! אַ פּאָליאַטשקע?... צעיושעטע בליקן פון אַ המון עסן זיך איין אין איר, רייסן שטיקער מיט זייער מאַנענדיקן ענטפער. אַ יידישקע?? זי שפּירט אונטער זיך דעם קילן ציגל פון דער וואַנט. איין ווילע און זי איז פאַרלוירן. אַ רגע בלויז. דער המון שטורעמט: אַ יידישקע? אַ יידישע?!... זי האָט זיך אַ ריס־געטאָן, אירע מאַנדל־אויגן האָבן זיך אָנגע־גאָסן מיט בייזקייט, מיט שינאה, זי איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָדלערין צום פלי, געוואָרפן זיי אין פּנים אַריין, ווערטער, משונהדיק־פּוילישע ווער־טער, געשרייען, קללות, זי האָט אירע אַרישע פאַפּירן געשטופּט זיי אין די אויגן אַריין. זעט! זעט! וועמען פאַרהאַלט איר! וועמען? איר אַזעלכע און אַזוינע! — — —

— וואָס שטייט איר דאָ, מענטשן, לאָזט אים זיצן, לאָזט אים דאָ, גייט זיך געזונטערהייט — האָט גערעדט די פרוי מיט די שיינע מאַנדל־אויגן. זי האָט געבערענגט פון שטוב ברויט.

— נעם אַלטיטשקער, נעם — האָט זי זיך געבעטן. — דער אַראַבער האָט אַ גלעזל־געטאָן די אויגן און שטאַר געקוקט פאַר זיך.

געווען איינער פון די געסל־תושבים וואָס האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געטראַכט: אפשר ווין איך אונטער זיין דאַך? און אַ צווייטער האָט זיך געטרייסט: איך האָב אים ניט פאַרטריבן פון דאַנען, קיינער האָט אים ניט פאַרטריבן, זיי זענען אַליין אַוועק. און אַ דריטער איז געווען וואָס האָט געזאָגט:

— און ווען עס איז פאַרקערט, ווען אַ ייד קומט צו זיי אין דאָרף אַריין?

ער האָט געוואָרט אַז מען זאָל אים גערעכט געבן, נאָר אַלע האָבן געשוויגן.

און עס איז געווען איינער וואָס האָט מיט חשד און בייזקייט געקוקט אויפן אַראַבער און אומרואיק געשטופּט זיך פאָרויס צו דער שטיינערנער שוועל. זיינע אויגן, די הענט, דער זיכערער און ברייטער געשטעל האָבן ווי גערעדט צו די מענטשן:

— לאָזט צורו אייערע איינרעדענישן און די אויגן־גלאָצעריי, מ׳דאַרף אים פאַרטרייבן פון דאַנען דעם אַלטן פוקס, זאָל ער גיין צו אַלדי שוואַרץ יאָר, דער פרעמדער, מיט דער טשאַלמע.

די געסל־יידן זענען אַהיימגעגאַנגען מיט אַ סך טרויער, מיט אומרו, וואָס האָט אויפגערודערט די איינגעשטילטע און האַלב־פאַרדרימלטע זכרונות. עס האָט זיך געדרייט אַ ראָד, דאָס ראָד פון גורל, פון מענטשלעכן גורל אין אַ קאָפּשווינדלערישער שנעלקייט: היים, היימלאָזיקייט, חורבן, פרעמדענישן, ווייטקייטן, שיפן אויף ימען און ווידער היים. און איצט האָבן זיי צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז דאָס איז ניט בלויז יידישער גורל, נאָר גורל פון מענטש, פון פעלקער, פון דער גאַנצער וועלט...

— אַמאָל מיר, אַן אַנדערש מאָל זיי... — האָט געזאָגט דער בעזוינער שניידער און געווישט די אָנגעהויכטע דיקע ברילן־גלעזער. אפשר איז די פייכטקייט געקומען פון שווייס און אפשר פון פאַרבאָרגענע טרערן. דער מונקאטשער חסיד מיטן געלן בערדל איז טרויעריק געווען:

— וואָס עמער טיען... גאָט פירט אַזוי דאָס וועלטל... אַ ברירה האָבן מיר... האַ, שניידער פון בעזוין, וואָס זאָגט איר?..

— ה —

דער ירקות־מאַרק פון דער שטאָט תל־אביב געפינט זיך אין די דרום־קוואַרטאַלן. די שמאָלע געסלעך זענען שטענדיק איבערגעפּאַקט מיט לאַסט־וועגענער, מיט אייזלען געשפּאַנטע אין צווייראָדערדיקע וועגעלעך, מיט טרעגערס און באַרוועסע יונגען וואָס שטופּן פאַר זיך האַנטוועגעלעך. פון די גרויע פאַרטאָגן קומען זיי אָן פון אַלע וועגן. די געסלעך ווערן פאַרשטאָפּט פון די וועגענער. צעשרפעטע יונגען, די קעפּ פאַרוויקלטע אין ווייסע טיכער, וועקן אויף די געסלעך מיט זייערע געשרייען. די קליינע אייזעלעך

באַנטערן זיך צווישן די רעדער פון די שווערע לאַסט־מאַשינען. אַ הויכער דאַרער יונג מיט שוואַרצע ברעמען ווי האַלבע רעדער־רייפן טראָגט אויף זיין קאָפּ אַ שטויס מיט פריש־געבאַקענע קאָרענע פלעצלעך. אין סאַמע מיט פון געסל, צווישן שורות אויטאָס, און לאַנגע פאַרוויקלטע רייען פון טרעגערס מיט האַנטוועגעלעך, שטייט איינער מיט אַ ניקלנעם סאַמאָוואַר און האַרפּט אונטער שטיקלעך קויל. אַרום אים שטופּן זיך פאַרשלאָפענע יונגען מיט קליינע פאַיאַנס־טעפּלעך אין די הענט, און טרינקען עפּעס אַ געדיכט געטראַנק. די אויטאָס לאָזן אַרויס קנוילן שטיקנדיקן רויך. אין שכינותדיקן געסל צעשרייט זיך אַן אייזל, הייבט פּלוצעם זיך אויף אַ גרויס געשריי פון צענדליקער אייזלען וואָס געפינען זיך אין אַלע געסלעך און הייף אַרום ירקות־מאַרק. אין די הייף זענען אָנגעוואָרפן שטויסן קעסטלעך, פאַרזשאַווערטע בלעך טויערן. אַלע וועגענער שלעפּן זיך צום גרויסן ירקות־מאַרק. די פערד און אייזלען וואַרטן געדולדיק אויף דער ריי אַריינצובאַקומען זיך אין גרויסן שטיי־פּלאַץ וווּ ס'זאַמלען זיך די וועגענער מיט די אָנטרייבערס. מען פירט פאַר דער גרויסער שטאָט ירקות. די גרינוואַרג־סוחרים וואַרטן דאָ פאַר די דראָטענע צוימען פון די לאַגערן, קלאַמערן זיך אין די אייזנס, טומלען, זענען אומגעדולדיק און זוכן דעם הויפּט־פּאַרקויפער, ער זאָל צעעפענען דעם גרויסן דראָטענעם טויער. נעבן זיי שטייען כאָפּטעס יונגען מיט האַנטוועגעלעך, צעבראָכענע, מיט קרומע רייפן. מען טרייבט זיי פון שמאָלן טראָטואַר, מען יאָגט זיי פון דער גאַס, די וועגענער קענען ניט דורכפאָרן, זיי האָבן ניט קיין אָרט. עמעצער שרייט:

— העי, דו אייזל־יונג, וואָס דיין טאַטע איז אויך אַן אייזל געווען און דיין מאַמע אַן אייזעלינע, רוק זיך פון דאַנען!

אַ שאָפער האָט האַסטיק צעעפנט דאָס טירל פון דער קאַבינע און אַראָפּגעשפּרונגען פון די מאַשין־טרעפּלעך. ער איז צו צו איינעם פון די אייזל־טרייבער.

זיי שטייען איצט פּנים־אל־פּנים, מיט פאַרביילטע פויסטן, אויגן אָנגעצונדענע, בייזע. דער איילטרייבער האָט צעכראַסטעט זיין העמד און אַנטפּלעקט אַ האָריקע ברוסט:

— שלאָג, דו ממזר איינער, שלאָג!

די סוחרים וואָס וואַרטן ביי די אייזערנע שטאַכעטן קערן אויס די פּנימער צו דער גאַס. זיי ברומען און שרייען.

דער שאָפער שפּרינגט צוריק אין זיין מאַשין. דער אייזליונג לאַכט הירזשענדיק און אַנטפּלעקט דערביי צוויי שורות געלע ציין.

דער גרינוואַרג־מאַרק איז אַ געדעקטער, דער טומל הילכט דאָ דריי־פאַך אָפּ און קייקלט זיך ווי אַ ווייט דונערן. די געשטעלן מיט פריש ברויט און זעמל זענען פול מיט פורמאַנעס. זיי שטייען דאָ און צערייסן די ברייט־לעך אויף דער העלפט און שטופּן דאָס פרישע געבעקס אין די אָפענע מיי־

ל'ער. די אייזלטרייבער האָבן געלאָזן זייערע וועגעלעך אין גרויסן שטיי־הויף און דרייען זיך דאָ אַרום צווישן די ירקות־געשטעלן ווו מען קען באַקומען אַלץ וואָס ס'האַרץ גלוסט, זיי גייען דאָ געאָרעמטע מיט חברים ל'ענגאָויס דעם פיש־מאַרק און וואַרפן צו הילכיקע ווערטער צו די פישער־קעס. די יונגען לאַכן, קנייטשן פאַר געלעכטער די שטערנס, צעשפּרייטן די נאָזלעכער און בייגן זיך פון יעדן זאָג ווי אין בויך־קראַמפּן. אַ דיקע פיש־יידענע מיט רויט־באַשמירטע ליפּן און נאַסע הענט, פול מיט שיפּן, שרייט צו זיי מיט אַ קוויטש:

— גויים! שקצים! יידישע לאָבסעס!...

די קייכענדיקע אייזל־יונגען און ירקות־טרעגער טרעטן ניט אָפּ. זיי ווינקען מיט די אויגן, שלעפּן אַ גרויסן ים־פיש פאַרן עק און וואַרפן אים אויף דער וואָג. די פישערקעס קענען שוין די געסט, זיי כאַפּן אַ שעפל מיט וואַסער און איידער זיי באַווייזן זיך נאָך אומצוקוקן זענען די יונגען נישטאָ. זיי גייען צום טיי־הויז וואָס געפינט זיך דאָ, אין די מאַרק האַלעס. די טישלעך זענען שוין באַזעצט מיט גרינוואַרג־סוחרים, פּויערים, טרעגערס, באַלעגאָלעס און אייזל־יונגען. פאַראַן אויך דאָ סתם יאַריד־גייער, די וואָס נישטערן דאָ אַרום, קלויבן דעם אָפּפאַל פון גרינס אין זעק און שלעפּן עס אַוועק צו די בלעך־שטיבלעך וואָס געפינען זיך אונטערן שטאָט, און האַ־דעוועט מיט דעם גרינוואַרג אָפּפאַל, אַ ציג, אַ פּאָר הינער און אַליין פאַרן אייגענעם געברויך, קלויבן זיי עפּעס אויס פאַר זיך צום עסן. אַ טייל, וואָס האָבן שוין קיין אָרט ניט געפונען, זיצן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און האַלטן אין די הענט הייסע גלעזער טיי. איינער האָט זיך צעשפּרייט ביי אַ טישל, זיינע אויגן זענען קליין, נאָר שוואַרצע וויע־פאַסיקלעך זעט מען אַרויס, ער בלאָזט אין דער טיי אַריין האַלטנדיק דאָס גלאָז אין ביידע הענט. אַז ער זאָגט עפּעס צו זיינע מיט־זיצערס עפנט ער אין רעכטן אויג אַ קליין שמאָל שפּעלטל, גיט אַ בליאַסק מיט אַ טויט־ווייסן ליכט ווי דער לבנה־שאַרף אין אַ פאַרטאָגס צווישן וואָלקנס.

ביי איינעם ציטערן די גרויסע נאָז־ווענטלעך. די קינבאַקן זענען שפּי־ציק און שאַרף. אַ שטיק ברויט ליגט אויף זיין שויס. ער בייסט פון דעם ברויט שטיקער און לייגט צוריק דאָס אָנגעביסענע ברייטל אויף די קני. אַ צווייטער טראָגט אַ הייסע גלאָז טיי און קען ניט אַדורכגיין דורך די מענטשן וואָס ליגן אויסגעצויגן אויף די שטיינער, ער געפינט אַ ליידיק ווינקל און בייגט זיך אַראָפּ. ער זעצט זיך ניט אויף די שטיינער, ער הענגט אַזוי אָנגעשפּאַרט אויף די פיס האַרט צום באָדן, ניט אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן געזעס אָן די שטיינער. אַזוי זיצט מען דאָ שעהן גאַנצע. עמעצער האָט צעוויקלט אַ שמוציקע טאַרבע און קלייבט פון דאָרט אַרויס שטיקער צעפּאַלענע פּלעצלעך. ער איז מכבד דערמיט זיינע שכנים — די טיי־

טרינקערס זיי פּאַטשן מיט די ליפּן, שרייען און רימען די גאָלדענע פינגער פון דער באַלעבאָסטע וואָס האָט אַזאַ טייג געקנאָטן.

— טעם גן־עדן...

— אַ שאָד אַזוי ווייניק.

— מיט טוי קען מען קיין ברונעם ניט פול מאַכן... — לאַכט איינער און ס׳לאַכן אַלע פון דעם טישל.

— אוודאי, מיט קיין קרישקעס קען מען זאַט ניט ווערן...

דער וואָס האָט זיי מכבד געווען, זאָגט עפּעס, דערנאָך טרייסלט ער אויס די טאַרבע אויפן טישל, קרישקעס שיטן זיך אַרויס, זיי כאַפּן די קרישקעס אין די הענט אַריין און שמייכלען.

פון דעם טיי־הויז פירן ברייטע שטיינערנע טרעפּ צום אַרויסגאַנג פון די האַלעס. די טרעפּ זענען באַזעצט פון ווייבער. יונג און אַלט איז דאָ צו טרעפן. טייל זיצן און אַ טייל שטייט. זיי וואַרטן דאָ ביז שפּעט אין טאָג אַריין. ערשט דעמאָלט ווען די אייזל־יונגען טרייבן צוריק זייערע וועגעלעך ווערן די טרעפּ ליידיק. ביז דער שעה וואַרטן זיי אויף די שטאָטישע ווייבער וואָס קומען נאָך דינסטן אויף טאָג־אַרבעט. די טרעפּלעך זענען באַקאַנט אין שטאָט ווי „דער מאַרק פון דינסטן“.

זיי זיצן שטילע, צונויפגעטוליעטע אויף די שטיינערנע טרעפּ, וואַרטן ביז אונטן אין גאַס וועט זיך באַווייזן אַ פרוי מיט אַ קיישל, דעמאָלט עפענען זיי גרויסע שוואַרצע יידישע אויגן. די עלטערע זענען אומגעדולדיק, זיי לויפן פון איין טרעפּל צום צווייטן.

אָפט בלייבט שטיין איינער פון די אייזל־טרייבער אַ שטילער, אַ צו־ר׳קגעצויגענער און שעפּטשעט עפּעס מיט איינע פון די דינסטן.

— ו —

יעדן אינדערפרי קומט צום מאַרק מוינע מיטן פערד און וואָגן. ער פירט אַרויס זיין גרינוואַרג. ער פאַרפאָרט אויפן גרויסן שטיי־הויף, מאַכט לויז דעם פערדס געשפאַן און וואַרפט צו דעם קאַרן אַ שטויס קוקורוזע־בלעטער. די סוחרים וואַרטן שוין אויף אים, זיי וואַרטן אז ער זאָל אָוועקגעבן זיין סחורה צו דער „תנובה“־וואָג. זיי שפּאַרן זיך אַרום וועגעלע, באַטראַכטן די קעסטלעך מיט טאָמאַטן, מיט אוגערקעס, העלפן אויסלאָדן פון וואָגן און טראָגן צו דער וואָג, און אַז ער ווערט פאַרטיק, ציילט ער די געלט־פּאַפּיר־לעך, קנייטשט זיי איין און באַהאַלט אין בוזעם. ער לאָזט איבער דעם געשפאַן אין שטיי־הויף און גייט צום טיי־הויז. אינעם טומל פון באַלע־גאָלעס זיצט מוינע זייטיק, ביים עק פון אַ טישל און טרינקט אַ הייס גלאָז טיי. עס ציט אים צום דינסטן־מאַרק. וויפל מאָל מוינע גייט נאָר ניט פאַרביי דורך דאָנען שטעלט ער זיך אָפּ אַ פאַרטראַכטער. אַפילו ווען ער

טרינקט טיי זיצט ער שטענדיק מיטן פּנים צו די טרעפּלעך און קוקט אויף די ווייבער וואָס קומען דאָ אַהער כּדי צו פאַרדינען אַ טאָג אַרבעט. אײנע, מיט אַ בעלמע, אויף אַ גרויס צעעפנט אויג, שטעלט אַלעמען אָפּ:

— באַלעבאָסטע רוימען, ספּאָנדזשען...

אויף די טרעפּלעך זיצן יונגע מיידלעך, זיי האָבן טרויעריקע פּנימער. אויף די העלדזער טראָגן זיי גרויסע שטיינערנע קרעלן, די האַנט־אָרעמס זענען פול מיט בלעכערנע בראַנזאָלעטן. די מיידלעך האָבן געדיכטע פאַר־כמאַרעטע ברעמען.

אַז מוינע ווערט פאַרטיק מיט זיין גרינוואַרג, שטייט ער אין טיי־הויז און קוקט צו די טרעפּלעך. אונטן אין גאַס שטעלן זיך אָפּ פרויען פון די שכנותדיקע געסלעך. די מיידלעך שפּרינגען פון די טרעפּ, זייערע פלינקע באָרוועסע פיס פּאַטשן אין שטיין. שלאַנק זענען זיי, די מיידלעך, און וויגן זיך אַזוי לויפנדיק. טייל גייען אַוועק מיט די פרויען. די טרעפּלעך ווערן ליידיק אויף אַ צייט. ס'וועלן שפּעטער אפשר קומען אַנדערע. מוינען ווערט טרויעריק און באַנג הלמאי זיי זענען אַוועק. בלאָנקעט ער אַרום אין גאַס. מענטשן גייען פאַרביי אין געאייל, זיי זענען פאַרפּוצט, מיט לעדערנע טאַשן אונטער די אָרעמס, און ער, מוינע, זיינע שיך קויטיק, די הענט — געאַקערט פול מיט ריצן און מאַזאָליעס, דאָס פּנים — ווינטיק־צעברוינט און מיד. אין די נעכט טראַכט ער וועגן פעלד, וועגן פערד, וועגן די מיידלעך וואָס זענען אַזוי פלינק געלאָפן פון די טרעפּ און געוויגט זיך איי די היפטן. ער ווייסט איצט מוינע צו וואָס ער בענקט, צו וואָס זיין גאַנצע מי. ער וועט דאָ פאַרלייגן אַ היים, מיט אַ ווייב און קינדער. דאָס פעלד וועט אים שפּייזן, ער וועט אַ שטאַל אויפבויען. דער ברונעם איז פול מיט וואַסער און קען באַוואַסערן גרויסע שטחים, דער מאָטאָר אַרבעט, דער קאַרער העלפט אין די פעלד־אַרבעטן, אויך דאָס ליימיקע שטיבל איז אים געוואָרן נאָענט. אפשר וועט ער נאָך קויפן אַ בהמה? דערווייל איז דאָס פעלד פיל מיט ירקות. ער באַווייזט ניט אַראָפּצונעמען די פּאָמידאָרן. מ'דאַרף אונטערשטעלן שטעקלעך, פאַרקניפּן די פּאָמידאָרן־צווייגן זיי זאָלן ניט ליגן אויף דר'ערד, ס'פוילט דער צווייג.

צו מאָרגנס איז מוינע ווידער ביי די טרעפּלעך. די מיידלעך פון די שטיינערנע שטיגן דערקענען אים. זיי בייגן זיך איינע צו דער צווייטער און לאַכן זיך אַריין אין די פּנימער. די, מיט דער בעלמע אויף אַ גרויס אויג, קומט אים אנטקעגן.

— אדון, אפשר דאַרפסטו אַ מענטש צום רוימען?

ער ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. אַ פרוי מיט אַ האַנט־קיישל איז אָנגע־קומען, די מיט דער בעלמע איז אַוועק, די צוויי מיידלעך וואָס האָבן גע־לאַכט קומען צו נענטער.

— כ'האָב אַרבעט... — שטאַמלט ער אויס. זיי שמייכלען פאַרשעמט.

— אין גאָרטן, אַ סך אַרבעט... כ׳וועל באַצאָלן אַזוי ווי די באַלע־באָסטעס...

זיי האָבן זיך ווידער צעלאַכט די צווײ מיידלעך. מוינע איז אַוועק צום שטײ־פּלאַץ און פאַרשפּאַנט דעם קאַרן. ער איז צוגעפאָרן ביז די טרעפּ פון דינסטן־מאַרק און אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגן. ער האָט פון אונטערן קוקורוזו־שטרוי אַראָפּגענומען עטלעכע גרויסע רויטע פּאָמידאָרן און מכּבד געווען די מיידלעך. זייערע קליינע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין די רייטע פּרות. מיינע האָט געקוקט אויף זיי מיט גוטע און מילדע אויגן. איינע איז געווען שוואַרץ, די צווייטע רויט־האָריק ווי די ערד ביי זיין שטוב, זי האָט געהאַט שיפּע אויגן און נידעריק אַראָפּגעלאָזטע קינבאַקן.

— כ׳דאַרף מענטשן צו דער אַרבעט אין גאָרטן.

— דיין גאָרטן איז ווייט? — האָט די שוואַרצע געפרעגט.

— אַ האַלבע שעה מיטן פערד.

זיי האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן און זענען געפאָרן מיט מוינען, צו זיין פעלד.

די מיידלעך זענען ניט אַריין אין ליימען הייפל. זיי האָבן געוואַרט פאַרן טירל ביז מוינע האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד און אים אַריינגע־פירט אין שטעלעכל. זיי זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין וואָגן און גע־קוקט צום מעטשעט־בערגל.

די שוואַרץ־האָריקע סלימה איז נאָך כמעט אַ קינד. אירע הענט — טונקלהויטיק, דאַר, דאָס פּנים שמאָל, ביינערדיק. זי האָט געפּאַטשט איין האַנט אין דער צווייטער, געטייטלט צום מעטשעט־בערגל און געשריען מיט אַ שאַרף קולכל. חמרה איז געווען עלטער פון איר. דאָס פּנים ברייט, די אויגן העל, די האָר — צעווינטיקטע. אַז מוינע איז אַרויס פון הייפל זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען ביזן גאָרטן. ער האָט זיי געפירט ביזן ראַנד פון וואַדי. רייפע פּאָמידאָרן זענען געלעגן אויף די בייטן, געהאַנגען אויף די קוסטעס, טייל פּרות זענען שוין געווען איבערגערייפט מיט אַ רויט־שפּרודלדיקער זאַפטיקייט.

די מיידלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און צונויפגעזאַמלט די פּירות אויף איין אָרט. מוינע האָט געבראַכט קעסטלעך און זיי האָבן געלייגט די טאָמאַטן אין די קעסטלעך. זיי האָבן די אַרבעט געטאָן מיט פאַרזיכט, מוינע האָט געזען ווי חמרה ווישט אַרויס די טאָמאַטן מיטן ראַנד פון איר פאַרטעך. אירע פינגער, פּולע, לאַנגע, האָבן מיט איידלקייט געהאַלטן די פּרות און זיי אַוועקגעלייגט אין די קעסטלעך ריי נאָך ריי. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און צוזאַמען מיט די מיידלעך געאַרבעט. סלימה האָט אָפט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט צו די ווייטקייטן, אַמאָל איז זי פאַרטראַכט געוואָרן ביי דער אַרבעט און געזונגען מיט אַ האַלדז־ניגון.

— אדון, ווו איז דיין באַלעבאָסטע? — האָט געפרעגט סלימה — זי וויל אוודאי ניט העלפן אין גאָרטן?

— איך האָב ניט קיין באַלעבאָסטע.

— ניט גוט אָן אַ ווייב, ניט גוט אדון. — און סלימה דאָט זיך צע־לאַכט, אירע קליינע ברוסטן האָבן שטייף געמאַכט ס׳קליידל ביי די היפטן, זי האָט אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ און קוטשמעס שווארצע האָר זענען איר געפאלן אין די אויגן אַריין.

— ווו רופט מען דיך?

— מוינע.

סלימה איז געשטאנען מיט אויפגעדעקטע קני.

— ניט גוט, מוינע, ניט גוט... — זי האָט געלאַכט מיט אַ פאַרשייט געלעכטערל.

— פאַרוואָס איז ניט גוט? — האָט מוינע חידושדיק געפרעגט. ער איז פון איר קינדעריש דרייסטן געלעכטערל געבליבן אין פאַרלעגנהייט.

— ווייל דו ביסט אַליין, — האָט די קליינע געזאָגט און הכנעהדיק געבויגן זיך צום פעלד.

מוינע האָט די פולע קעסטלעך מיט רייפע טאָמאטן געטראָגן אין הייפל אַריין און ווידער געקומען נעמען פרישע קעסטלעך.

חמרה האָט געקניט צווישן די גרינע ירקות־קוסטעס. זי האָט אַרומגע־קליבן רויטע פרות. ער איז געבליבן שטיין און געזען אירע קיילעכדיקע קסלען, דעם אָנגעבויגענעם מיידלשן רוקן, דער פרימאָרגן־ווינט האָט גע־שויבערט אירע האָר. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט און צוגע־רוקט נענטער צו זיך דאָס קעסטל. אַ שטילע און צוריקגעהאַלטענע איז געווען חמרה. זי האָט ווייניק גערעדט, אירע שיפּע אויגן האָבן אַמאָל אַ ליכטיק־געטאָן און זענען דערנאָך פאַרזונקען געוואָרן צו די פּלאַנצן, צום רויט־ערדיקן פעלד אַזוי גיך ווי ס׳פאלן שווערע טוי־טראָפּנס. און אַז מוינע האָט זיך מיט זיי צונויפגעטראָפן האָט ער דערזען אַז חמרה זעט אויס ווי אַ טייל פון זיין פעלד. דאָס האַרץ האָט אים אומרואיק געשלאָגן.

ביינאַכט האָט ער געזען יאַלאַנען אַרומגענומען אין פלאַמען. זי שרייט ניט. ער איז פון יענער זייט באַרג. ער וויל אַריבערקריכן דורך די פעלדזן, זיי זענען רויט ווי קופּער. ער ווארפט זיך אויף די פעלדזן, קייקלט זיך איבער זיי, די קליידער צינדן זיך אָן. ער אַנטלויפט דורך אַ טרוקן פעלז. די פלאמען וואָס הילן אים צינדן אונטער ס׳פעלד. מיט יעדער שפּאַן וואָס ער מאַכט רייסן זיך נייע פלאמען צו די הימלען. ער איז שוין לעבן יאַלאַנען, אַ קליינער שטח טיילט זיי אָפּ. ווי אַזוי וועט ער צוגיין צו איר אַז ער אַליין איז בלויז פייער? זי וועט דאָך פאַרצערט ווערן אין זיין פייער וואָס ער טראָגט מיט זיך. אַ גאָט! דאָס איז דאָך ניט יאַלאַנע, דאָס איז ס׳מיידל וואָס האָט געאַרבעט אין פעלד! דאָס איז דאָך חמרה. אירע האָר —

פּלאַמיק רויט. פּלוצים ווערט אומעטום שאַטנדיק און קיל, און אַ טויוואָלקן נידערט אַראָפּ פון די ווייטע הימלען און הילט אים איין. — — —

— ז —

מיט טעג שפּעטער זענען די מיידלעך ווידער געקומען. אַרבעט איז איצט געווען אַ סך. מ'האָט געדאַרפט יעטן: ווילד־גראָזן זענען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך מיט אַזאַ קראַפט, אַז מ'האָט געמוזט זיי אויסהאַקן מיט אַ טוריה, דערגרייכן ביז די וואָרצלען וואָס האָבן געשטעקט טיף אין דער ערד. דאָס אוגערקע־פעלד איז מיט אַמאָל רייף געוואָרן. מוינע האָט געפירט יעדן טאָג אויפן מאַרק די שענסטע גרינסן, די פרישסטע, ווייל זיין פעלד איז געלעגן נאָענט צו דער שטאָט. ער האָט געדאַרפט הילף צו דער אַרבעט, געלט האָט ער שטענדיק באַקומען ווען ער האָט נאָר אַרויסגעפירט די גרינסן. ער האָט אַפילו ניט געהאַט קיין צייט נאָכצוחשבונען. אַ מידער איז ער געפאַלן אויפן בעטל און געוועקט זיך אין מיטן דער נאַכט, אַרויס צו דעם פעלד, צו דער שטאַל, צוגעשיט דעם פערד אַ ביסל האָבער.

געווען טעג ווען ער האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל אים אַרויסהעלפן, שווער צו באַקומען מענטשן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן דינסטן־מאַרק, נאָר קיינער האָט ניט געוואָלט גיין אויף דער אַרבעט אין פעלד. חמרהן און סלימהן האָט ער ניט געזען.

איין מאָל איז חמרה אַליין געקומען אין מוינעס גאָרטן. דאָס איז געווען אין אַ פאַרטאָג. ער האָט אַרויסגעפירט דאָס פערד פון שטעלכל און געשפּאַנט. פון מעטשעט־בערגל איז געקומען חמרה.

— יש עבודה? — האָט זי געפרעגט שטיל און פאַרשעמט.

ביים טירל האָט זי זיך פאַרהאַלטן און פאַרטראַכט אַרומגעקוקט. ער האָט דערזען איר פּנים, דאָס שיף־אויגיקע, מיט שאַרפע קינבאַקן. דער קאַוויער האָט געהירזשעט. אויפן וואָגן זענען געווען גרייט קעסטלעך מיט גרינס, ער מוז זיי אָוועקפירן צום מאַרק. מ'קען זיי ניט לאָזן אויף נאָך אַ טאָג.

חמרה איז אַליין געבליבן אין הויף. ער האָט איר געזאָגט וואָס זי דאַרף טאָן אין פעלד. מוינע איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און געפאָרן באַרג־אַרויף צום מעטשעט־בערגל, פאַרקערוועט רעכטס און מיטן גרויסן שאָסיי געטריבן ס'פערד ביזן גרינוואַרג־מאַרק.

דאָס מיידל האָט צעוויקלט אַ ווייס טיכל און אַרויסגענומען עטלעכע טרוקענע שטיקלעך ברויט מיט קעז און געגעסן. זי איז געזעסן ביי די שטיינערנע ווענט פון דעם ברונעם, מיטן פּנים צו מוינעס קליין הייזל. שפּעטער איז זי אַרויס צום פעלד, געגאַנגען צווישן די בייטן אָן אויפגע־לייגטע און זינגענדיק. די ערד־קאַנאָוועס זענען נאָך געווען פייכט, אויף

טייל ערטער האָט זיך געהאַלטן אַ בלאָטע־קאַלוזשע. דאָס האָט אַוודאי מוינע אין דער נאַכט באַוואַסערט ס׳פעלד.

זי איז ניט געווען געווינט, חמרה, צו דער שפע פון גרינס, צו דעם באַוואַסערטן פעלד, צו די זאַט־גרינע גראָזן אין מיטן זומער. זי קומט פון די באַרג־געגנטן, דאָרט ווו די באַרג־אָראַפּהאַנגען זענען באַקראַנצט מיט דערנער, ווו דער פייגנבוים וואַקסט אויף שטיינער, ווו די זיתים זענען נידעריק מיט זילבער־גרינע, שמאָלע און אייביק־פאַרשטויבטע בלעטער, און ביי די שטיינערנע צוימען שלענגלען זיך ווייַנשטאָקן. ביים קרישלדיקן פעלדז אייַנזאַמט דער דאָרנבוים.

מוינע האָט זיך פאַרזוימט אין שטאָט. ער האָט געמוזט אייַנקויפן פאַשע פאַרן פערד, דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס׳וועט ניט סטייען קיין קעסטלעך, האָט ער באַשטעלט צען ירקות־קעסטלעך.

ווען ער איז געקומען צו דער שטוב איז שוין געווען פאַרנאַכט. חמרה האָט זיך אומגעדולדיק אַרומגעדרייט אין הייפל און געוואַרט אַז מוינע זאָל קומען. זי האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן דאָס הייפל אויף הפקר. זי האָט זיך געאיילט צום וועגל. אַז זי איז שוין געווען ווייט פון טירל האָט מוינע נאָכגעשריגן:

— חמרה, קום ווידער, ס׳איז דאָ אַרבעט, אַ סך אַרבעט!

זי האָט געענטפערט, נאָר מוינע האָט ניט דערהערט. ווען ער איז אַריין אין שטיבל איז ער פאַרחידושט געוואָרן. דער דיל איז געווען אויסגעוואַשן, דאָס בעטל פאַרבעט, אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גלאָז מיט עטלעכע בלומען, אויפן קליינעם פענצטערל זענען געלעגן מיענטע־גראָזן. אַ פייכטקייט האָט באַדעקט זיינע אויגן. חמרהס פנים האָט געקוקט אויף אים. אַ פרעמד און ווייט פנים. אַ פולע און אַ שעמעוודיק־שטילע איז זי. איר אָטעם איז ווי דער ריח פון באַרג־גראָזן, איר לייב ווי פעלד־קימל. ער האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען פון אירע רייד. איר לשון איז געווען פאַרפלאָכטן מיט ווערטער וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אין אים ווי דער עכאָ פון אַ וואַסער־פּלעסקעריי אויף זוניק־צעגליטע שטיינער. ס׳איז אים געווען שווער מיט איר דורכצושמועסן.

צו מאָרגנס איז זי ווידער געקומען.

אירע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט אין די בייטן.

— חמרה, געפעלט דיר מיין גאָרטן? די ערד איז דאָ אַ גוטע, אַ בעטערע ווי ביי אייך אין די בערג...

זי האָט אָנגענומען אַ האַנט מיט פייכטער ערד.

— טוב מוינע, טוב, כמו זהב...

— ביסטו דאָך חמרה אויך גאָלד, לויטער גאָלד... דיינע האָר זענען ווי מיין ערד...

זי האָט זיך צעלאַכט און דאָס ערשטע מאָל געוויזן אים שורות בלענ־

דיק ווייסע ציין. ער האָט זיך אַנגעבויגן צו דער ערד. איר בוזעם איז געווען לויז און ער האָט געזען אין האַלדז־אויסשניט ביי איר אַ שמאָל ברוסט־וועגל.

חמרה האָט ניט געוואָלט איבערטרעטן די שוועל פון מוינעס צימערל ווען ער איז געווען אין הויף. זי איז געשטאַנען ביי דער שוועל און גע־רעדט. דאָס ערשטע מאָל ווי זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אָפן פּנים. זי האָט געקוקט אויף זיינע טיף־אַריינגעזעצטע אויגן און געפּאָרשט זיין יעדן קער. זי איז געווען ווי אַ פלאַטער וואָס איז געפאַנגען פון ליכט און וואָס צאַפּלט אויף פאַר דער נאָענטקייט פון פלעמל. אַז מוינע איז געווע־ אין הויף, געפּאָרעט זיך ביי דעם ברונעם איז זי געשטאַנען אין צימערל, אויסגעשטויבט די קאָלדרע פון גלעגער, געוואַשן די פּאָדלאָגע, אָפּגעריבן פעלד־בלימלעך און אָוועקגעשטעלט זיי אין גלעזער אין יעדן ווינקל, און אַז מוינע איז צוגעקומען נאָענט צו דער שוועל איז זי אומרואיק געוואָרן. געשוועבט אין חדרל פון איין ווינקל צום צווייטן, אויסגעמיטן זיין נאָענט־קייט און געריסן זיך צום טירל.

— שלום, מוינע... שלום...

זי האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אומרו, אַזאַ אומרו וואָס ס'איז נאָך זיך איבער אַ באַרג־הירשין וואָס לויפט מיט צעצווייגטע הערנער צווישן קוס־טעס מיט פרימאָרגן ־ טוי. אומעטום איז איצט פול געווען מיט ריח פון פעלדער און בערג. די מיענטע־גראָזן, דער פעלד־קימל, דער זיס־וואָרצל וואָס חמרה האָט צונויפגעקליבן אין וואָדי האָט זיך צעשפּרייט אין חדרל. די פרעמדע ריחות זענען אים געוואָרן נאָענט, זיי האָבן מוינען דערמאָנט אין פרעמדן מיידל, אין אירע ווינטיקע האָר. ער האָט געטעמט אין זיך די־ שאַרפע גראָז־ריחות און געזען ווי ס'גייט אויף אין דער נאַכט־טונקלקייט אַ ליכטיק מיידלש פּנים.

* * *

איין מאָל, פאַרנדיק פון גרינוואַרג־מאַרק, האָט מוינע באַגעגנט אויפן וועג אַ תושב פון מעטשעט־בערגל. דאָס איז געווען אַ שמאָל־אַקסלדיקער שטילער מענטש מיט אַן איינגעפאַלן פּנים און פאַרשאָטנטן בליק. מידרע האָט מען אים גערופן. מוינע האָט די ערשטע טעג צוזאַמען מיט אים געאַרבעט. דערנאָך איז ער ערגעץ אַוועק, באַזעצט זיך ביים ראַנד פון די זאַמדיקע פלאַכן, אויפן איינזאַמען אייזלוועג.

— שלום, שכן, — האָט מוינע געזאָגט.

מידרע האָט אויסגעבויגן זיין פּנים און געענטפערט מיט אַ קאָפּ־שאָקל.

— זעץ זיך אַרויף, וועל איך דיך צופירן.

זיי זענען געזעסן שווייגנדיקע און ניט געקענט פאַרקניפּן קיין שמועס.

עפּעס אַן אומהיימלעכקייט און אַ פאַרבאַרגענער טרויער האָט אַרויסגע־טונקלט פון דעם מידרע. וויפל מאָל מען האָט אים ניט געפרעגט אין די ערשטע טעג בשעת דער אַרבעט, האָט מען גאָרניט זיך דערוווסט. די מענטשן פון מעטשעט־בערגל האָבן ניט ליב געהאַט קיין שווייגערס, די וואָס זענען קאַרג אויף רייד. מען האָט געוואָלט זיך באַקענען, וויסן אייגנס פון צוויטן, פאַרטרייבן אַזוי אַרום די פרעמדעניש, פאַרטומלען די אומ־היימלעכע נאַכט־קולות פון קוויטשער־פויגל, פון דער סאָוועס־געוויין און שאַקאַל־יללות. און דאָ, נאָדיר גאָר עפּעס אַ מרוק!

מוינען האָט עס אָבער געצויגן צו מידרען און אויך מידרע האָט גע־פילט אין מוינען אַ נאָענטן, בשעתן מיטיק־אָפּרו האָט מידרע שטענדיק אויסגעקליבן אין יענע ערשטע טעג אַן אָרט נעבן מוינען.

— וואָס מאַכסטו, מידרע? — האָט מוינע געפרעגט נאָך אַ לאַנג שווייגן.

— אָט.. גאָרנישט... מ׳לעבט...

מידרעס רייד זענען געווען טרוקענע, ווי זעמדלעך וואָס פאַלן אויף צווייגן.

— וווּ אַרבעטסטו?

— איך מאַך פלאַנצן אוןביימלעך.

מוינע האָט זיך אויסגעפרעגט איינצלהייטן וועגן די פלאַנצן, גע־פרעגט וועגן זמן פון פאַרזעצן די פאַרשיידענע פלאַנצן. מידרע האָט גערן גערעדט וועגן די ביימלעך אין זיין הויף, דערציילט וועגן די אַלטע צווייַ אייקאַליפּטן וואָס שטייעןביים ראַנד פון די פלאַכן. ער האָט געוויזן מוינען בימער־זריעה וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפן אין שטאָט. ער וועט זיי פאַר־זייען אין בלעכערנע קעסטלעך.

אַז מידרע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, האָט אים מוינע נאָכ־געשריגן:

— קום צו גיין, מידרע, באַווייז זיך אין אַ פאַרנאַכט!

מוינע האָט אים נאָכגעקוקט, געזען ווי מידרע פאַרקערעוועט צום אייזלוועג, גייט לענגאויס דעם הויכן סאַברע־גדר. די שטעכיקע סאַברע־בלעטער שאָטענען זיך אויף מידרעס רוקן, פאַלן אויף זיין קאָפּ ביז זיי פאַרשלינגען אים.

ווער איז עט דאָס דער מידרע וואָס האָט אַזויפיל כוח פון אַלעמען אָפּצוזונדערן, אויסצוקערעווען זיך מיטן רוקן צום מעטשעט־בערגל, צו זיין ווינקל־געסלעך מיט אַלע אירע תושבים און פּירט אַן איינזאַם און זייטיק לעבן?

— ח —

אַ שמאָל אייזל־שטעגל פאַרבינדט די צוויי פאַרוואָרלאָזטע אַראַבישע דערפער. אויפן מעטשעט־בערגל, ביי דער שטיינערנער קאַרעטע, אין געסל־געוויקל, דאָרט ווו דאָרשטיקע שעפסן האָבן אין קילן שטיין פון קאַרעטעס געטרונקען דאָס קוואַלוואַסער, פון דאָרט פאַלט מיט האַסט אַ ליכטיק שטיגל, אַ צעכוואַליעטס, ווי אַן אויפגעדעקטער וואַסערפאַל און ווערט פאַרפּלאָנטערט פון קאַקטוסן און טרוקענע פרדסים. אָפּטמאָל לויפט דאָס שטעגל צווישן נידעריקע גראָזן פון קאַווע־קאָליר, מיט אַ ליכטיק־נאַקעטן זאמד־שטויב און שפיגלט זיך אין דער זון ווי אַ שלאַנג וואָס איז אַרויס פון פאַרבאָרגעניש.

די קוסטפייגל פליען ניט אין די הימלהייכן, זיי היפּן פון סאַברע־בלאַט אויף די וויקלצווייגן. זייערע קליינע פליגל זענען פול מיט שטויב. עס הערט זיך ניט קיין פייגל־צוויטשעריי אין די הייסע מיטאָג־שעהן, נאָר אַ שטיל געשאָרך פון פּאַראַיאָריקע דינע צווייגלעך, וואָס ברעכן זיך פון טרוקעניש און דערמאָנען, אַז ערגעץ אין דער צווייגן־געדיכטעניש ווימלט אַ פייגליש לעבן.

אַ שורה קאַקטוסן לייגן אַוועק די דינע קעפּ אויפן צעגליטן אייזל־שטעגל, איין זייט פון וועגל איז איצט האַלב פאַרשאָטנט, פול מיט קיילע־כיקע שאָטנפלעקן. דער געל־געפלעקטער הונט וואָס וואָגלט פון דאָרף צו דאָרף, גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האַלט זיך אין דער זייט פון וועגל ווו ס׳פאַלן די שאָטנס פון די גרוי־גרינלעכע קאַקטוסן.

ביים ריצנבוים איז דאָס וועגל דורכגעשניטן פון אַ ריזלדיקן שוואַרצן אָדער, וואָס ציט זיך אין דער גראָזן־געדיכטעניש אַריין — דאָס זענען די מוראַשקעס וואָס פלייצן איבערן לויטערן זאַמד, מוראַשקע נאָך מוראַשקע.

בלייבט דער היימלאָזער און מידער הונט שטיין פאַר דעם מוראַשקע־שנור, זיינע אויסגעטריקנטע נאָזלעכער הייבן אָן ציטערן, הייבט אונטער אַ פאָדערשטן פוס, קוקט זיך איין אין גראָזן־געציטער און גייט אַוועק.

צוויי ביימער דערהייבן זיך ביים ראַנד פון וועגל, אַ בוים אַנטקעגן אַ צווייטן בוים. דוכט זיך, אַז די הימלען זענען איבער זיי העכער, די טרויעריקע ווייט — נאָך ווייטער, און די וועג־קוסטעס, די קאַווע־קאָליר־גראָזן, דער גרויער ריטלעך־געפלעכט, די שטעכבלעטער און טויטער זשאַ־ווער־פאָלין — נישטיק און קליין.

איין בוים האָט צעשפּרייט זיינע רונדיקע צווייגן. ער נעמט אַרום די האָריזאָנטן. זיין גרין איז דאָס גרין פון קאַלטן שטאָל, זיינע צווייגן־בלעטער זענען לאַנג, שמאָל ווי מעסערס. די בלאַט־אָדערן — האַרט מיט אַ טויטער געלקייט פון העלפאַנט־ביין. דער שמאָלער שטאַם איז שיין, מיט קאַרבן ווי רינגען אויף די העלדזער פון די ווייבער וואָס האָבן אויף דעם וועגל גע־

שפּאַנט. אַ זילבערנער שטויב הענגט אין די נעכט און באַזיימט די צווייגן און די שטאַם־קאָרבן מיט לבנהדיקער פּראַכט. עס זעט אויס ווי דער בוים וואָלט אויפגעהאַלטן דאָס געוויכט פון די טרויעריקע ווייטן, זיינע צווייגן האַלטן אונטער די געוועלבטע הימלען, און אין די חאַמסין־טעג הייבט ער אויף זיין שטאָלצן קאָפּ צו די העכסטע פייערהויכן און זיין פוס קילט זיך אין אייגענעם שאָטן, אין קילן ווינטלדיקן שאָטן, וווּ עס זאַמלען זיך איין די גראָז־פייגל, — דאָס איז די פּאַלמע, די וווּנדערלעך־שיינע טייטלפּאַלמע.

דער צווייטער בוים טראָגט אויף זיינע דינע צווייגלעך אַ פרישע לויטערע גרינקייט, אַזאַ גרינקייט וואָס מען טרעפט נאָר אין די לענדער פון די ברייטע טייכן איינגעפּאַסטע אין פּאַשע־פעלדער, אָדער ביי אַ האַלב־פאַרשאָטענע קוואַלן. די בלעטלעך פון בוים זענען קליין, ציטערנדיק, דעם שטאַם זעט מען ניט אַרויס. פון דער ערד אָן ביזן שפּיץ איז ער אָנגעטאָן אין אַ שפּרודלדיק גרינעם בלעטער־קלייד, אַזאַ איידלס איז דאָס גרין אַזש ס׳ווערט דורכזעעוודיק דין, ווי גרינער פעלד־שפּינוועבס. אין זיינע צווייגן איז ניטאָ קיין שאָטן, די זון איז ניט אַזוי אומרחמנותדיק צו דעם בוים, איר פייער גליטשט זיך אַראָפּ פון די גרין־בורשטינענע בלעטלעך און בלייבט ליגן צו פוסנס פון דעם שמאָלן, באַבלעטערטן שטאַם.

אַ גאַנצן ווינטער שטייט ער אַ נאַקעטער, אַן אָפּגעשטאָרבענער, מיט צוויגלעך וואָס ציען זיך אין די הייכן, רייסן זיך צום שפּיץ, נאָר דער בוים־שפּיץ איז שמאָל, דין און וויגט זיך אין קלענסטן ווינטל. ער עפנט זיינע קנאָספּן אין שפּעטן מאַי, דעמאָלט ווען דער פייגנבוים און דער תות שפּרייטן שוין זייערע שאָטנס. ער שטייט אַלץ אַן אָנבלעטערדיקער אַפילו דעמאָלט ווען די ווייטן זענען גרין, געזעטיקט פון די שפּע׳דיקע רעגנס. זיינע דורכזעעוודיקע בלעטער פאַלן אַראָפּ אין פרישטן האַרבסט. דער בוים פירט זיך אַזוי, ווי אין זיין ווייטן אָפּשטאַם־אָרט, ערגעץ ביי די סלאַווישע וועגן. ער האָט איבערגענומען בירושה דעם אַלטן לוח פון בליאונג און וועלקונג און האַלט אָן דעם אַלטן ביימערישן שטייגער. דעמאָלט, ווען די ערשטע קאַלטע האַרבסט־ווינטן צעוויגן זיך אין די סלאַווישע לענדער, וואַרפט ער אַראָפּ זיינע בלעטער אויך דאָ, אויף דעם אייזלשטעגל, כאָטש דער זומער שטייט דאָ ווי פריער און עס זענען נאָך נישטאָ אַפילו קיין סמנים פון קעלטן. נאָר דאָרט אין זיין אָפּשטאַם־אָרט פאַלן איצט בלעטער — וואַרפט זיי דער בוים אויך דאָ. פון הונדערטער ביימערישע דורות, טראָגט ער אין זיך דעם סוד פון וועלקונג און בליאונג. ער עפנט זיינע קנאָספּן דעמאָלט ווען אין ווייסללאַנד איז די ערד שוין לאַנג צעוואָרעמט געוואָרן, נאָך דעם ווי דער שניי־דעק איז צעגאַנגען און אין ריטשקעלעך אָפּגעפלאָסן צו די טייכן, און דאָרט האָט דערוואַכט די צייט פון בליען... — דאָס איז דער טאָפּאָל וואָס האָט פאַרוואָגלט אין דעם לאַנד אַריין און מען טרעפט אים ביי די וועגראַנדן, ביי פּרדס־צוימען.

ווי אַזוי דער טאַפּאַל האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט דער פּאַלמע, דאָ אויף דעם פאַרוואָרלאָזטן אייזלשטעגל וועט שוין בלייבן אן אייביקער סוד. ווער האָט פאַרפלאַנצט די צוויי ביימער? וועמענס הענט האָבן אָפּגעהיט דעם יונגן אַרויסשפּראָץ? ווער איז אין זייער שאָטן געזעסן?

די פייגל־טריט אויפן וועגל זענען פאַרשאָטן, די יאַשטשערקע־שפּורן אין זאַמד פאַרווישן די לעצטע פוסטריט פון די שעפּסן־סטאַדעס. אין דער לינקער זייט פון וועגל זענען געבליבן שפּורן פון מענטשנס טריט, און דאָרט ווו די צוויי ביימער שטייען אַנטקעגן זיך זענען די שפּורן אָפּגעהאַקט געוואָרן און פאַרשוווּנדן.

קיינער ווייס ניט דעם סוד פון די צוויי ביימער, ניט די פוסטריט אין זאַמד וועלן דעם סוד אויסגעבן, ניט דער צעכראַסטעטער פויגל־געצוויטשער, דער צעריפּעטער און טרוקענער פויגל־געגראַגעריי וועט עפּעס אַנטפּלעקן פון דעם ליידיקן וועגל.

ווער האָט זיי צונויפגעפירט די צוויי ווייטע פרעמדע וועלטן אוז זיי געשטעלט פּנים צו פּנים? ווער האָט דאָס געפלאַנצט ביים ראַנד פון אייזל־שטעגל דעם האַרט־גרינעם גרוי־שטויביקן פּאַלמע־פלאַנץ נעבן דער ליכטיק־גרינער צאַרטער טאָפּאָליע?

די פּאַלמע־בלעטער שאָקלען אויס מיט זייערע אָדערנדיקע בלעטער דאָס ליד פון מידבריות, דאָס געזאַנג פון טרויעריקע ווייטן, די טאָפּאָל־צווייגלעך ציטערן אויס מיט זייד׳ענעם געשעפּטש דאָס ליד פון גרינע לאָנקעס.

ערגעץ דאַרף זיך דאָס געזאַנג באַהעפטן. ערגעץ פליסן דאָך הייסע און קילע קוואַלן און גיסן זיך צוזאַמען און אונטער אונדזערע טריט, אין די ערד־טיפענישן פלעכטן זיך וואָרצלען צוזאַמען אין איין געפלעכט.

אַ טונקל ־ שווערער טראַקטאָר האָט זיך געמאַכט אַ וועג אין דעם פאַרטריקנטן פּרדס. צווייגן האָבן זיך געבראָכן מיט טרעסקנדיקער איינגע־קוואַרטקייט, ברוינע וואָרצלען זענען אויפגעשפּרונגען מיט שטיקער רויערד און געפאַלן אויף אַ הויכן וואָרצלשטויס. אַ שטיק קאַקטוס־גדר האָט זיך אַ טרייסל געגעבן און מיט טויזנט קעפּ צוגעפאַלן צו דער ערד ווי זיי וואָלטן געוואָלט באַהאַלטן דעם צער פאַר דער ליכטיקער שיין.

דאָס האָט מען אָפּגערייניקט אַ גרויסן שטח צו שטעלן געצעלטן פאַר ניי־געקומענע. דער טראַקטאָר האָט לאַנג גערוישט צווישן די שטאַמען און טויטע וואָרצלען און פאַרנומען אַלץ מער און מערער פון אייזלשטעגל, ביז זיינע פעדערשטע רעדער זענען געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם טאָפּאָל. ער האָט לייכט באַרירט דעם הויכן גרינעם בוים, דער שטאַם האָט ניט קיין ציטער געטאָן. דערנאָך נאָך אַ מאָל. דאָס מאָל האָט דער טאָפּאָל־שפּיץ אַ שוידער־געטאָן ווי אַ האַרבסט־ווינט וואָלט דורך אים דורכגעלאָפן. דער טראַקטאָר האָט אויף אַ ווײַלע זיך צוריקגעקערט מיט אַ שטיל געטוקעריי, ווי דער מאָטאָר וואָלט געהאַלטן זיך ביים פאַרלעשן, דערנאָך האָט ער ביז

צערעוועט זיך, אַ הייב־געטאָן די אונטערשטע רעדער. שטיקער ערד זענען געפלויגן ווי צעשראָקענע פייגל, און מיט רעוועדיקן אימפעט אַ שטויס־געגעבן דעם שטאם. דער טאָפּאָל האָט זיך אויסגעבויגן, עטלעכע בלעטער האָבן זיך אָפּגעריסן. ער איז געפאַלן שטיל, לייכט, נאָר אַ געשאָרך פון גרינע בלעטער האָט זיך געהערט. דאָס איז גיכער געווען אַ לייכט שוועבן, אַ קורצאָטעמדיקער פלי פון אַ קראַנקן פויגל. דער טאָפּאָל איז געלעגן אויף דער ערד ניט מיטן שטאם, נאָר אונטערגעשפּאַרט אויף זיינע שטאַם־צווייגלעך. אַ טייל פון טאָפּאָלס וואָרצלען זענען נאָך געזעסן אין דער ערד. דער טראַקטאָר האָט ווידער געמאַכט אַ קרייז און זיך דערנענטערט צום טאָפּאָל. זיין גראָב־אייזן האָט זיך איינגעשניטן אינעם וואָרצל־געקניפּ, דער מאָטאָר האָט אַ רעווע־געטאָן. דער בוים האָט זיך געוואָרפן. נאַקעטע, העלע וואָרצלען האָבן זיך אַנטפּלעקט און געטרייסלט פון זיך אַ רויט־ערדיקן וואָלקן. פּלוצעם האָט זיך אַ הויב־געגעבן אַ שטיק פון זאמד־וועגל. די פּאַלמע, וואָס האָט רואיק זיך צוגעקוקט צום טויט פון טאָפּאָל, האָט אַ צעשפּרייט־געטאָן אירע רונדיקע צווייגן און דער שטאם איז מיט אַ הילכיקן דונער געפאַלן מיט דער געקאָרבטער שטאַם־ברוסט צו דער נאַקעטער ערד...

די וואָרצלען פון די צווייביימער זענען אין דער ערד־טיפעניש געווען פאַרקנופּט און צוזאַמען האָבן זיי געטרונקען פון די זעלביקע פאַרבאָרגענע ערד־קוואַלן. ווען דער טראַקטאָר האָט אַ ריס־געטאָן דעם טאָפּאָל ־ וואָרצל איז אויך די טייטל־פּאַלמע געפאַלן.

די צוויי טויטע ביימער זענען געלעגן מיט נאַקעטע פאַרפלאָכטענע וואָרצלען. די פּאַלמע־צווייגן האָבן ווי מיט הענט אַרומגענומען דעם צאַפּל־דיקן גרין פון טאָפּאָל־שטאַם.

— ט —

נאָך לאַנגע וואַגלענישן איז דער געלער הונט מיטן ווייסגעפלעקטן האַלדז צוריקגעקומען צום מעטשעט־בערגל. די שטיינערנע קאָרעטע איז אָבער געווען אויסגעטריקנט. ער האָט אַ שמעק־געטאָן, אַרויסגעשטעלט אַ פאַרטריקנטע צונג און אַוועקגעזעצט זיך אויף די אונטערשטע פיס.

דער ריח פון טרוקענעם ליים און אַ געזאַלצנקייט פון פאַרשאָטנטן קאָריטע־שטיין האָט אים געקיצלט אין די נאָז־ווענטלעך. דער הונט איז געווען דאַר, דער רוקן איינגעפאַלן ווי ער וואָלט איבערגעבראָכן געווען. די פאָדערשטע פיס — קליין, אויסגעבויגן. די אויגן — פאַרהילט אין אַ גרוי־זאַמדיקן שטויב. ער איז צוריק געקומען פון אַ ווייטן וועג. פון זאַמד־בערגל איז ער אַוועק צוזאַמען מיט די אַראַבישע דאָרפס־איינוווינער אין דער גרויסער בהלה. ער איז נאָכגעלאָפן נאָך די באַלעבאַטים, געפּלאָנטערט זיך צווישן די רעדער פון די קליינע האַנט־וועגעלעך, צווישן די אייזלען. אין די

נעכט האָט ער גענישטערט אינעם עסן־אָפּפאַל ביי די אויסגעלאָשענע פייערן. ער האָט גענעכטיקט צוזאמען מיט די שאָף, אין דעם זיתים־וואַלד ביי רמלה, געגנבעט פאַרטריקנטע שטיקלעך קאָרענע פּלעצלעך, אויסגעשטאַנען צרות פון גאַנצע מחנות הינט וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף די איינזאמע בלאָנ־קערס. ער האָט זיך שוין געהאט אומגעקערט אין היימישן דאָרף אַריין, איז ער אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועגס, געהאַלטן זיך ביים ראַנד פון וועג, געטראָטן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָבער ווי נאָר ער האָט דערהערט הינטער זיין רוקן אַן אייזלגעשריי, אַ מענטשיש קול, איז ער צוריק געלאָפן צו די נאַכט־פייערן פון זיתים־וואַלד, גענישטערט צווישן די געצעלטן, געשמעקט צו די דורכגייערס פיס און ווידער פאַרבליבן צווישן דער מחנה מענטשן. די קילע שטיינער פון דער מעטשעט־קאָרעטע פון זיין דאָרף האָט ער ניט פאַרגעסן. און אַז מ׳האָט אין אַ פאַרטאָג אָנגעלאָדן די אייזלשע רוקנס מיט געפּעק, די ווייבער האָבן פאַרבונדן זייערע קינדער אין פאַטשיילעס אויף די פּלייצעס, די מענער האָבן געשולעפּט די צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך אויפן שטעגל אַרויס און דאָרט זיי געשפּאַנט מיט די אייזעלעך, איז דער געלער הונט טרויעריק געוואָרן. די מענטשן האָבן אַפילו ניט געטראַכט פון אומקערן זיך. זיי זענען געשטאַנען מיט די פּנימער צו די בערג. די וועגענער זענען געווען אויסגעדרייט מיט די דישלס צום דרום. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם עק, די אויערן זענען אים שטייף־געוואָרן, זיי האָבן געציטערט, ער איז געלאָפן צווישן די זיתים־ביימער, גענישטערט צווישן די פאַרוויקלטע קלומיקעס. עמעצער האָט אים געטריבן מיט אַ שטעקן. אַז דער המון האָט גערירט איז דער געלער הונט אומרואיק געוואָרן, ער האָט אָנגעשפּאַנט זיין רוקן און אַ יאָג־געטאָן צום שפּיץ פון אייזל־קאַראַוואַן. ער איז זיי פאַרלאָפן דעם וועג מיט אַ לאַנגן ביל, אַן אויסגעצויגענעם, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּהאַלטן אַלעמען, ער האָט דערמיט געוואָלט זאָגן: אייער דאָרף ליגט דאָך אויפן בערגל, וווהין פירט איר אייזלען, איר בלאָנדזשעט דאָך...

קיינער האָט אים ניט געפאָלגט. דער זאַמדשטויב האָט זיך געהויבן און פאַרשטעלט דעם וועג. די בלאָע בערג זענען אַרויס פון צווישן די וואָלקנס.

— האַו! האַו! — איז דער געלער געלאָפן צווישן די וועגענער, גע־שפּרונגען איבער אייזעלעך מיט די שווערע פּעק, ווידער אַמאָל פאַרלאָפן דעם אָנהייב פון דער מענטשן־מאַסע, צוגעלאָפן צו איינעם פון די אַלטע לייט, די בערדיקע, אַוועקגעלייגט זיך פאַר זיינע פיס מיט הכנעה און אַ שטיל־בעטנדיקע הינט־סקלאַמעריי.

דער אַלטער מיט דעם גרויסן קאָפּטוך האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע. עמעץ האָט פון אונטן געשריגן, אַן אייזעלע האָט די אויערן געשפּיזלט און מיטן קאָפּ אַ שטויס געטאָן דעם אַלטן.

דער הונט האָט זיך אַ טראָג געטאָן מיט געוואָי צוריק צו דעם זיתים־וואַלד וואָס ביים וועג־ראַנד. אַוועקגעזעצט זיך אויף די אונטערשטע לאַפּעס.

די פּאָדערשטע לאַפּעס האָט ער אויסגעצויגן פאַר זיך און געגעבן עטלעכע ביל צו די מענטשן און צום אייזל־געקנויל וואָס איז שוין דערגאַנגען ביז דער ערשטער בערג־קייט.

ער איז געלעגן אונטער אַ זית, צווישן צוויי אַרויסשטאַרנדיקע וואָרצל־אָרעמס ביז אין מיטן טאָג. ווען ער האָט דערשפּירט אַ הונגער איז ער אויפ־געשטאַנען און געזוכט צווישן די ביימער פון וואַנען ס׳זענען פאַרטאָג אַוועק די מענטשן. ער האָט געפונען אַ ביין, אַ האַלב פּלעצל, פון אַ בלעכן שאַכטל האָט ער אויסגעלעקט אַביסל געקעכץ. ער איז אַוועק צוריק צום מעטשעט־בערגל פון וואַנען ער איז אַרויס צוזאַמען מיט אַלע איינוווינער פון דאָרף.

דער געלער הונט איז ניט געגאַנגען מיט דעם וועג מיט וועלכן ער איז געקומען. ער האָט געוווּסט, אַז דער ברייטער שליאַך ליגט אין דער זייט פון די דערפער און אַז קיין וואַסער איז דאָ נישטאָ. ער איז אַוועק אויף צו־ריק, דורך די פעלד־ער, דאָרט ווו אין דעם פלאַכלאַנד שניידן זיך אַריין וואַ־דיס. אין די קוסט־פאַרבאָרגענישן פון וואַדי, צווישן די שטיינדלעך וואָס די רעגן־שטראָמען טראָגן אָן פון די פעלדער, געפינט זיך רעגן־וואַסער וואָס דער לײמיקער באָדן זאַפּט ניט איין, און די זון קומט ניט צו אין די טאָלן. בלייבט דאָס וואַסער אַ גאַנצן זומער ביזן האַרבסט ווען ס׳קומען די בייע רעגנס.

צוליב דעם זוכן וואַסער האָט ער אָנגעלייגט אַ סך וועג. ער האָט אַרומ־געקרייזט פעלדער, געזוכט אין די טאָלן ביז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ וואַסער־אָדערל. ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן ביז דער דורשט איז געשטילט געוואָרן. אָפּט האָט זיך אים געדאַכט אַז ער בלאָנדזשעט. דאָס זענען געווען פאַרן הונט פרעמדע מקומות. דעמאָלט האָט ער הויך אויפ־געהויבן די שמאָלע מאָרדע און געבילט מיט אַ לאַנג אויסגעצויגן בילעריי. זיינע אויערן זענען דערנאָך אָנגעצויגן געוואָרן. זיי האָבן אויפגעכאַפּט דעם ווייטסטן אייזל־געשריי און אַ הינט־געביל. ער איז אַוועק אַהין פון וואַנען ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ קול פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אין די נעכט האָט ער אויסגעמיטן די שאַקאַלן. ער איז אַוועק פון זייערע געשרייען, באַהאַלטן זיך ביי די דיקע שטאַמען פון דער שיקמה אָדער אין די צעשויבערטע קוסט־האָר.

אין איינעם אַ דאָרף האָט דער געלער הונט זיך אויפגעהאַלטן אַ האַלבן זומער. ער האָט דאָרט באַגעגנט נאָך עטלעכע הינט, אויך געקומענע פון אַ ווייטן וועג, און צוזאַמען מיט זיי גענישטערט איבערן דאָרף. אין די שטיי־נערנע הייזלעך האָבן זיך אין יענע טעג באַוויזן נייע מענטשן. עסן איז גע־ווען לרוב. ער פלעגט צונויפזאַמלען שטיקער ברויט אויף עטלעכע ערטער און זיי פאַרשיטן אין זאַמד מיט די פּאָדערשטע לאַפּעס. דער געלער הונט האָט גוט געדענקט די ערטער פון די ברויט־באַהעלטענישן און ווען ס׳איז אים

באַפאַלן אַ הונגער האָט ער אַוועקגעשאַרט דאָס זאַמד און געגעסן דאָס באַ־האַלטענע ברויט.

אַז דער געלער הונט איז צוריקגעקומען אויפן מעטשעט־בערגל איז שוין געווען פרילינג. אַ גאַנצן זומער און ווינטער האָט ער פאַרבראַכט אין די פעלדער און פרעמדע הייף. עס האָט אים אָבער געצויגן צום בערגל. ער האָט שטענדיק אָפּגעלייגט דאָס גיין צו זיין אַלטער היים. סיבות זענען גע־ווען פאַרשיידענע: אָט האָט ער זיך צונויפגעחברט מיט אַ חברה הינט און ס׳וואָלט אים טרויעריק געווען אָן זיי, אָט האָט עמעצער אים פאַרנאַרט און צוגעבונדן אויף אַ שטריק, ער איז אָפּגעלעגן אַ געבונדענער אַ גאַנצן האַרבסט ביז דער שטריק האָט זיך צעווייקט, האָט ער זיך אָפּגעריסן און איז אַנטלאָפן.

אַ צווייט מאָל האָט ער אַנגעטראָפן אויף אַ זאַטער באַלעבאַטישקייט. ער וואָלט אפשר שוין דאָ געבליבן און ניט געזוכט זיין אַלטע היים, איז אָבער אויסגעבראָכן דאָרט אַ גרויס הינטיש געשלעג אין יענעם דאָרף און אַ כאָפּ־טע הינט האָבן אים צעריסן די פעל אין פאַריאָגט פון יענעם הויף.

ביי דער שטיינערנער קאָרעטע אויפן מעטשעט־בערגל האָט ער ניט גע־טראָפן קיינעם פון די אַלט־באַקאַנטע דאָרף־הינט. אויף די אויסגעטריקנטע, צעשפּאָלטענע שטיינער האָט ער ניט דערשמעקט קיין סמנים פון הינט וואָס זאָלן דאָ האָבן געווען — איז ער טרויעריק געוואָרן.

ער האָט ניט געקאָנט בילן מחמת גרויס איינזאַמקייט. ביי די גרויסע שטיינער פון מענטשעט וואָס האָבן זיך געפונען אין די ווינקלען פון דער גרויער געביידע ווו עס האָט אייביק געשמעקט מיט ריחות פון דאָרף־הינט, ווו אין זייער גרינעם שאָטן פון מעך האָט מען געטראָפן די קליינפּיסיקע און לאַנגבייכיקע הינט. און הינט מיט צעקאָלטנטע האַר און פוכיקע עקן. איז דאָס מאָל געווען פוסט. האָט ער זיך דעריבער געלאָזט צו די הייף, דורכגע־קראָכן דורך די לעכער פון די ליים־מויערן און אַראָפּגעלאָזן זיך מיטן וועגל צום וואַדי.

דער געלער הונט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ניט ווייט האָט געקלאַפּט מיט אַ דעמפּיק קלאַפּעריי אַ וואַסער־פּאָמפּע. ער האָט באַשמעקט דאָס טירל פון הייפל און אַריינגעשטעלט אַהין דעם שמאָלן קאָפּ. די נאָזלעכער האָבן גע־ציטערט, זיי האָבן דערפילט אַ ריח פון אַ שטאַל, פון ירקות. ער איז אַרי־בער די שוועל, צעוערשט מיט איין לאַפּע און דערנאָך מיט דער צווייטער. קיין אַנדער הונט איז אין הויף ניט געווען. ער האָט דאָס פעסטגעשטעלט לויט דעם ניוך. דער קילער וואַסער־אָטעם פון דעם ברונעם האָט אים גע־רופן. אַ שפּיגלדיק־בלאָע וואַסער־קאַלוזשע האָט געלויכטן ביי דעם ברונעם. ער איז צוגעגאַנגען און אַרויסגעשטעלט אַ צונג. די קילקייט פון וואַסער האָט אים אָפּגעפרישט און די אויגן־ווינקלען זענען באַהויכט געוואָרן מיט אַ בלענדיקן שימער.

דאָס קליינע הייפל איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון שטעלעכל, אַוועקגעלייגט זיך אין אַ בייגל אויף אַ הויפן טרוקן גראָז און פאַר תענוג צוגעמרוזשעט די אויגן. פון דעם טאָג אָן איז דער געלער הונט געבליבן ביי מוינען. אין די פאַרנאַכטן איז ער אַוועקגעגאַנגען פון הייפל, געשפּרייזט דורכן וועגל צום מעטשעט־בערגל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שטיינערנער קאָרעטע, באַשמעקט די שטיינער, אַרומגעקרייזט די וויקל־געסלעך און צוריק געקומען צו מוינעס הייפל. אָפט האָט ער באַגלייט מוינען אַ שטיק וועגס ווען ער איז געפאָרן מיט גרינוואַרג אין שטאָט אַריין, פריילעך אונטערגעבילט און ווידער צוריק־געלאָפן צום הייפל.

— י —

אויף די פאַרוואָרלאָזטע פעלדער האָבן אין יענעם יאָר געראָיעט די פעלד־מייז און קראָטן. זיי האָבן געגראָבן אונטער דער ערד קאַנאַלן, אונטערגעפרעסן די וואָרצלען פון קוסטעס, פון יונגע ביימלעך, זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן פון דער טיפעניש בערגלעך מיט פרישער ערד. מוינעס פעלד איז פול געוואָרן מיט ערד־בערגלעך וואָס די קראָטן האָבן אַרויסגעוואָרפן פון די ערד־קאַנאַלן. זיין פוס איז געזונקען אין די בייטן. אונטן איז געווען אויסגעהוילן פון די קראָטן. זיי זענען באַפאַלן די בייטן פון ציבל, מייערן און בוראַקעס. זיי האָבן זיך אונטערגעגראָבן אונטער די וואָרצלען און אַריינגעשלעפּט די ניט־רייפע ציבל אין די ערד־טיפעניש. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן פאַרזונקען געוואָרן, געבליבן איז נאָר אַ הוילעניש מיט טונקל־שמאָלע לעכער אויף אַ ווייך־געוואָרענער ערד. זיי האָבן זיך גענומען צו די בוראַקעס, צו די מייערן. מוינע האָט געזען ווי אַזוי דער בוראַק מיט די בלעטער וואַקלט זיך און ווערט פאַרזונקען, אונטן אין דער טיפעניש ביי די וואָרצלען גראָבט דער קראָט, באַלד וועט ער אַריינשלעפּן אין זיינע קאַנאַלן אַ האַלב פעלד מיט ירקות. מוינע האָט געגראָבן מיטן רידל, געטריבן די קראָטן פון די קאַנאַלן, פאַרגאָסן די ערד־לעכער מיט שטראָמען וואַסער. נאָר ס'איז ניט געווען קיין שום עצה קעגן די פעלד־מייז.

נאָך דעם טיפן אַקער אין פרילינג זענען די קאַנאַלן צעשטערט געוואָרן און ס'האָט געדויערט אַ צייט ביז וואַנען די פעלד־מייז האָבן צוריק אויסגעסטראָיעט זייערע אונטערערדישע גענג. די שכנותדיקע פעלדער זענען געלעגן וויסט, קיין שום אַקער האָט זיך ניט צוגערירט צו דעם הפקרדיקן באָדן. אין די פּרדסים האָבן געפוילט די הויפנס אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, אין די איינגעפאַלענע ליים־שטיבלעך, וואָס אויף דער צווייטער זייט פון מעטשעט האָבן זיך געזאַמלט די רעגן־וואַסערן אין די שטיינערנע נישעס די ווענט, געקלעפּטע פון קעמלמיסט, האָבן זיך געשאָטן. פאַרווילדעוועטע קעץ האָבן דאָ אָפּגעהאַלטן נאַכט־מלחמות מיט טשאַטעס מייז וואָס האָבן

דאָ געהאַט זייערע נאַרעס. און אַז ס׳איז אויפגעגאַנגען אין זײַער פּאַרוואָר־לאָזטער העק אַ שטיק פעלד מיט גרינקייט, מיט פּרות, האָבן זיך די קראָטן אַ וואָרף־געטאָן אויף דעם פעלד און דאָרט געבושעוועט.

אַפילו פייגל פון ווייטע מקומות זענען געקומען צו פליען אויף מוינעס פעלד. זיי האָבן באַזעצט די פּאַמידאָרן־קוסטעס און אויפגעפּיקעט די דינע הייטלעך פון די רייף־געוואָרענע טאָמאַטן, זייערע שאַרפע שנאָבלען האָבן געריסן דאָס רויטע פּאַמידאָרן־פלייש און דערנאָך זאַטע מיט רויט־געוואָרענע שנאָבלען געטראָגן זיך נידעריק איבערן פעלד. אַ צווייטער מין פייגל האָט זיך געוואָרפן אויף די יונגע קרויט־בלעטער, זיי האָבן געלעכערט מיט די שנאָבלען דעם יינגסטן בלאַט און איבערגעלאָזן נאָר די קרויט־אָדערן.

צום גליק, האָט זיך צוריק באַוויזן אין מוינעס הייל דער געלער הונט, אַ פאַרוואָגלטער פון יענער זייט גרענעץ.

דער געלער הונט איז באַפאַלן אַ פריש ערד־בערגל, וואָס האָט זיך נאָך געצירט פון קראַטס לאַפּעס און געבילט מיט באַנומענע קולות. דער הונט האָט מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן. ער האָט מיט לאַפּעס אַ שאַר־געטאָן אַ הויפן ערד און אָפּגעשפּרונגען, אַזוי עטלעכע מאָל ביז ער איז צו און גענומען מיט דער נאָז און פאָדערשטע לאַפּעס גראָבן, נישטערן און איז אַ מידער אַוועק אין הייפל אַריין.

די וואַסער־שטראָמען וואָס מוינע האָט געלאָזן אין די קראָט־קאַנאַלן זענען פאַרשליגגען געוואָרן פון דער אויסגעהוילטער ערד. מויגע האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפן גרינוואַרג־מאַרק ביי די יונגען וואָס האָבן געבראַכט ירקות אַן עצה קעגן די קראָטן. די אַלט־איינגעזעסענע פון גרויסע ווירט־שאַפטן, ווו ס׳איז אין זייער שכנותן נישטאָ קיין פאַרווילדעוועטער באַדן האָבן פון דעם אָנשיקעניש ניט געוווסט. מען האָט אים געעצהט צו שיטן סם־קערנער אין די קאַנאַוועס, אָנצושטעלן קלאַפּ־דראָטן, אַזעלכע לויערערס אין סאַמע דורכגאַנג פון דער קאַנאַווע, און די קראָטן וואָס וועלן נישטערן אין די אונטערערדישע דורכגענג וועלן זיך פאַרפּלאָנטערן אין די לויערערס און זיי וועלן איינגעקלעמט ווערן.

דער הונט איז געלעגן גאַנצע טעג אין פעלד, ביי יעדן אויפצאַפּל פון אַ בערגל האָט ער אָנגעשטעלט די אויערן און געיאָגט זיך מיט אַ בילעריי ער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן דרייסטער, ער האָט שוין געריסן שטיקער ערד און געטריבן די פעלדמייז פון די קאַנאַוועס. ער האָט אַלע בערגלער צעטראָטן, צעראַיעט אַרום זיי די ערד און אַריינגעוויעט דאָ־ט מיט הינ־טישער רוגזה.

עס איז שטילער געוואָרן מיט די קראָטן. מ׳האָט שוין ווייניקער אָנ־געזען די פריש־ערדיקע בערגלעך. זיי האָבן זיך איצט געמערט, די בערגלעך נאָר ביים וואַדי. אין די נאָך מיטיקן איז מוינע שטענדיק געווען צוריק פון מאַרק. ער האָט שוין איצטער ניט געדאַרפט פאָרן אַזוי אָפט. דאָס רייף־

געוואָרענע גרינוואַרג איז אויספאַרקויפט געוואָרן, אַ היפש ביסל איז פאַרציערט געוואָרן פון די קראָטן. ער האָט געטראַכט וועגן דער שטאָל וואָס ער דאַרף אויפשטעלן פאַרן פערד און לייגן שטיינערנע באַלאַטן אין צימערל. איין מאָל האָט ער געקויפט אין שטאָט אַ געל־בלימיקן טישטוך און פאַרשפּרייט דערמיט דאָס טישל. אַ פאָרהאַנגל אויפן פענצטערל, און עס אויפגעהאַנגען. אין שטיבל איז ליכטיקער געוואָרן און היימישער. אָ, ווען חמרה קומט איצט צו גיין, וואָלט זי זיך פאַרחידושט — האָט ער פּלוצים אַ טראַכט געטאָן. זי איז שוין טאַקע אַ היפשע צייט ניט געקומען. ער האָט איר ניט געזען אַפילו אויף די טרעפּלעך פון דינסטן־מאַרק. זי האָט דאָס לעצטע מאָל געזאָגט, אַז זי גייט אַוועק צו דער אַלטער מומער אינעם דערפל וואָס ליגט אין די יהודה־בערג, אַז זי וועט קומען אין אַ וואָך אַרום. ווען זי דען קומען? סלימה קומט שוין אויך ניט צום מאַרק, ער זעט איר ניט אויף די טרעפּ. איין מאָל האָט ער איר געטראָפן מיט איינעם פון די אייזל־טרייבער, פון די וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן פיש־מאַרק און טיי־הויז. דאָס איז געווען אַ הויכער יונג מיט שוואַרץ צעשויבערטע ברעמען.

— מוינע — האָט זי פריילעך אויסגעשריגן — דאָס איז מיין בחור, סעיד!

דער יונג האָט געקלאַפּט מוינען מיט אַ ריזנהאַנט אין דער פּלייצע.

— תביבי מוינע, קום אין טיי־הויז, קום.

מוינע האָט ניט געהאַט קיין צייט. זיי האָבן זיך געזעגנט. סלימה האָט גערופן:

— חמרה איז אַ גוטע, חמרה איז אַ צנועה, הער וואָס סלימה זאָגט דיר...

איר קליין קיילעכיק מיידלש פּנים איז פול געוואָרן מיט געלעכטער. זי איז געווען שמאָל אין די אַקסלען, דער יונג האָט איר פאַרדעקט מיט די גרויסע הענט. זיי זענען אַוועק צו די ענגע געסלעך וואָס אַרום מאַרק.

מוינע איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָט, געקויפט עטלעכע שטוב־קלייניקייטן און ס'ערשטע מאָל זייט זיין קומען אין לאַנד אַריין — אַ צייטונג. ער האָט איר איינגעקנייטשט און אַריינגעלייגט אין דער טאַש. ביינאַכט האָט ער אַרויפגעדרייט די לאָמפּ, אויסגעשפּרייט די צייטונג און צעבויגן געלייגט אות מיט אות. ער האָט געלייענט נאָר די גרויסע אותיות, די אייבערשטע שורות. עפּעס האָט ער זיך דערמאָנט, און זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעבראַכט שטילע קלאַנגען, ניט זיכערע. ס'האָט אין אים גענומען אויפטויכן אַ וועלט, אַ פאַרשווומענע, נאָר אויסצושטרעקן אַ האַנט און ער וועט אַהין דערגרייכן. די פאַרשוווּנדענע יינגל־יאָרן האָבן גענומען קרייזן אַרום אים מיט אַ בולטער שאַרפקייט אַזאַ ווי מען זעט עס נאָר אין אַ שטאַרקן שלאָף.

— אַ וואַסער־גרעבליע וואָס האָט זיך אָפּגעריסן און אַוועקגעטראָגן

אין סאַמע מיט פון די צעכוואַליעטע גרויסע וואַסערן אַ גאַנצע דאָרף־שטוב מיטן שטאַל, מיטן סטויג היי, מיט די בעל־חי פון הויף, און אין פענצטער שטייט אַ ייִנגעלע און קוקט אַרויס. ער אַנט ניט, אַז אַלץ שווימט און ער שווימט, און אַט, אַט וועט דאָס שטורעמדיקע וואַסער זיך אַריינרייסן. די קו מעקעט אין שטאַל, דער הונט בילט צו דער אַרומיקער וועלט וואָס שווימט אַוועק — — —

מוינע דאַרף נאָר אויסשטרעקן אַ האַנט און ער וועט די גאַנצע קינד־הייט דערגרייכן, זי שווימט אַרום אויף די צעכוואַליעטע וואַסערן אַזוי ווי יענץ דאָרפהייזל. עס שווימט פאַרביי... ער הערט די אַלט־באַקאַנטע קלאַנ־גען, וואָס טויכן אויף, און פון די קלאַנגען ווערן ווערטער, אַן אַלטע היי־מישע וועלט, דאָס שטיבל אין דאָרף קוכאַר, מיטן רבין און באָרוועסע חדר־ייִנגלעך — דאָס אַלץ טראָגט זיך פאַרביי און פאַרהאַלט זיך ביים קליינעם הייפל אין דעם פאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן דאָרף.

— יא —

די ווייבער פון מעטשעט־בערגל קוקן אַראָפּ צום וואַדי. זיי זעען דאָס פעלד מיט גרינוואַרג און שטייען שווייגנדיקע.

— וואָס זאָגט עך שכנטע, צו דעיעם? האַ, שכנטע? געוועזן אַ וויסטע־ניש און איצט אַ גן־עדן. כ׳זאָג ענק, פון אַלעם גיטן...

— מ׳וואָלט באַדאַרפט ביי עיעם קויפן אַ פעטרישקע צו דער פריי־טיקדיקער יאָעך, אַ פריש מייערל, וואָס זאָגט עך?

איין מאָל האָט איינע פון די ווייבער פאַרהאַלטן מוינען ווען ער איז צוריקגעפאָרן פון שטאָט.

— יונגערמאַן, כ׳בעט ענק, זאָאַטס מער מוחל, עך עט׳אפשר פאַר־קויפן אַ מייערל, אַ ציבעלקע, אַ ביסל פאַרבראַקעכץ? מ׳קען אַראָפּקומען צו ענק?

מוינע האָט אַ צי געטאָן די לייצן, פאַרהאַלטן דעם קאָרן.

אוודאי, נאָך וואָס האָב איך דען דעם גאָרטן? פאַר זיך?

פון דעמאָלט אָן זענען זיי אָפט געקומען אין הייפל אַריין, צו ערשט אומדרייסט אַרומגעקוקט זיך, געבליבן ביים טירל. שפעטער זענען זיי שוין באַכגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין, אַפילו צו דעם הייזל זענען זיי צוגעקומען, אַריין אין חדרל און געזאָגט:

— עך דאַרפט מיר מוחל זאַן, מיר זעמער סתם אַזוי...

געקומען צו מוינען איז איינע אַ נידעריקע מיט פאַרלייגטע צעפלעך. די גרויסע אויגן האָבן פאַרשעריש געקוקט מוינען אין פנים אַריין, זי האָט אים אַריינגעלאָכט אין די אויגן אַריין און געוויזן די רויט־געפאַרבטע ליפּן, קליינע און שמאָלע. ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען דעם שטעלכל האָט זי זיך

אָפּגעשטעלט, געזוכט אַ טרוקן אָרט ווי צו קענען אַריבערשטעלן איר פוס כּדי ניט אָנצוטרעטן אין פערד־מיסט. מוינע איז אויך געבליבן אויפן אָרט און געוואַרט. זי האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דעם זוים פון איר קלייד און אַנטפּלעקט אַ קליינעם פוס ביז די קני. זי איז געבליבן אַזוי מיט דער אויפגעדעקטער קני און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי האָט געזוכט מוינעס בליק.

— צ׳זענט ניט קיין פּאַצעט, יונגערמאַן...

ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, העלפן איר אַריבערשפּרייזן איבער דעם שמאָלן וועגל וואָס אַ קליין קינד וואָלט געקענט אַדורך, אָדער אַליין גיין אין גערטנדל נאָך דעם ביסל גרינס.

— וואַרטס דאָ אין הייפל, איך וועל אַלץ אַהער ברענגען.

די קליינע הינדע איז געוואָרן טרויעריק. מוינע איז שוין געווען אין גאָרטן. זי האָט אַפּגעלאָזט דעם זוים פון קליידל און אַוועק צום טירל וואַרטן ביז מוינע וועט צוריקקומען.

זי איז געקומען ס׳רוב אין די נאָך מיטיקן און אַ לאַכנדיקע געשטאַנען ביי דער שוועל פון חדרל.

— כ׳דאַרף אַ פּאָר ציבלקעלעך... כ׳בין אָבער מיד פון וועג. עס איז שווער צו גיין. — זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און געשאַרט מיט די קליינע פיס די פּאָדלאָגע.

— ס׳איז היינט אַ היץ. עץ זעט, ס׳קלעפּט אַלץ אויף מיר.

זי האָט אַ וואָרף געטאָן די צעפּלעך, לויז געמאַכט אויף זיך דאָס קלייד. איר פּנים איז געווען קליין, שמאָל און ביינערדיק. די אויגן האָבן געגלישטשערט אַזוי לאַנג אין דעם שטיבל ביז זיי זענען געבליבן הענגען אויף מוינעס שטאַרקע הענט, אויף דער ברוסט. ער האָט געפילט איר דרייסטן אויגן־שפּיל און אַ שיכּרות האָט אים געוויגט. ער איז טרויעריק געוואָרן מוינע, ווייל ר׳האָט מורא געהאַט פאַר זיינע אָנגעצונדענע הענט. הינדע האָט זיך אויפגעשטעלט און געבליבן פאַר מוינען.

— כ׳האָב ענק שוין לאַנג געוואָלט פרעגן, פאַרוואָס זענט עץ אַליין, אָן אַ וואַב?

ער האָט ניט געענטפערט. ביי אים איז געשטאַנען די קליינע הינדע. זי האָט הייס געעטעמט. פּלוצעם האָט זי אַרויסגעגליטשט זיך פון צימערל און געלאָפן צום גאָרטן:

— אוי, בין איך זיך דאָ פאַרזעסן, גיט מיר מוינע־קרוין די פּאָר ציבל..

זי איז ווידער געבליבן פאַרן קליינעם מיסט־בערגל נעבן שטעלעכל.

— מען שפּירט פון שטאַל, איך וואָלט דאָ ניט געקענט זאַאַן...

הינדע האָט אויסגעשטרעקט איר פוס, אויפגעהויבן דעם ראַנד פון קלייד און אָפּגעדעקט די קני. זי האָט געוואַרט ביז מוינע איז צוריקגעקומען מיט אַ בינטל גרינס. זי איז אַ ביוזלעכע אַוועק. דאָס גאָרטן־טירל האָט זיך

געוויגט. דער געלער הונט איז געלעגן אין שאָטן פון לײמענעם מויערל. מוינע האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעטל.

ער האָט ניט געקענט איינשלאָפן. די וואַנט זענען געווען מיט אומ־רואיקע שאָטנס. דער קאַרער האָט געהירזשעט אין שטעלכל, ווייזט אויס אַז דאָס פערד האָט זיך געשראָקן פאַרן פויגל־געשריי וואָס האָט אויפגעריסן די שטילקייט פון דעם פלאַכלאַנד. אַ נאַכט־סאָווע איז געזעסן אויף אַ טרו־קענעם צווייג און שטיל געהעשעט ווי דאָס ווידערקול פון אַ ווייט געוויין וואָס דער ווינט האָט פאַרטראָגן פון די פאַרהוילענע בערג־שפאַלטן.

ער איז געשטאַנען ביים טירל מיטן פנים צום געסל. אַ פלעדערמויז איז נידעריק אַורכגעפּליגן. מוינע האָט זיך אַראָפּגעבויגן, געמיינט אַז די פליגלען װעלן זיך פאַרפּלאָנטערן אין זיינע האָר.

אויפן מעטשעט־בערגל האָבן געצאַנקט נאַפט־לעמפּלעך מיט אַ געל־טרויעריקן שיין.

די נעכט זענען געווען אויסגעשטערנטע. דער מילך־וועג האָט זיך גע־שפּרייט איבערן געסל און זיין שיין איז געפאַלן אויף די דערנער־קוסטעס און זיי באַזילבערט מיט שטערן־ליכט.

ביי דער שטיינערנער ברונעם־קאַרעטע זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן. זיי האָבן הויך גערעדט. מוינע איז נאָענט צוגעקומען. זייערע שאָטנס זענען געפאַלן אויף זיין פנים. עמעצער האָט זיך אויסגעדרייט צו מוינען און געזאָגט:

— קום צו נענטער, שכן.

דאָס איז געווען דער הויכער מיט די אַרויסגעזעצטע ליפּן און אויפ־געדעקטער אייבערשטער שורה ציין.

געווען איז דאָ דער שניידער פון בעזוין מיט די דיקע ברילן־גלעזער. אָט האָבן די גלעזער געשאָטנט מיט נאַכט און אָט האָבן זיי אַ בלענד גע־טאָן מיט ריינעם זילבער פון שטערנליכט. ס׳איז אויך דאָ געשטאַנען איינער פון די סוחרים וואָס האָט ניט לאַנג צוריק געעפנט אַ קרעמל. געווען דאָ אַ באַלעגאָלע פון אַ געשפּאַן מיט צוויי אייזעלעך. עס האָט הויך געטומלט דער ווּקסיקער און געזונטער ייד. ער האָט אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס. אַז סע טויג ניט און עס קאָן ניט אויסהאַלטן דער גאַנצער עסק:

— עץ האָט שוין געזען אַז יידעלעך זאָלן קענען פירן אַ מדינה. ווו האָבן זיי זיך עס געהאַט צו לערנען, ביי זייערע זיידעס און באָבעס אין טראָמפּאָלנע?...

געווען אויך צווישן דעם קרענצל שאַלקע נאַזדרע. ער איז ניט לאַנג צוריקגעקומען מיט אַ פאָר אייזלען אַ מושב ביי רחובות. ער איז געזעסן אַ מידער אויף דער שטיינערנער קאַרעטע און הייזעריק גערעדט:

— איך זאָג ענק, עץ הערט, ס׳דאַרפט אָנקוקן די הייף, די שטעלער, די ווערטשאַפטן. אסור אויב כ׳האָב עס געזען ביי אונדזערע פּריצים. אַ

שאַנקייט, אַזעלכעס האָב איך נישט געזען, ניין... עץ דאָרפט זען די פּאַר־אַקערטע קיבוצישע פעלדער, די פּרדסים.

אַלע זענען שטיל געוואָרן, דערנאָך האָט איינער געזאָגט.

— ס׳וועט מאָרגן ווידער זיין אַ חמימה.

מ׳האָט געשאָקלט מיט די קעפּ. דאָס קילע נאַכט־ווינטל וואָס קומט פון ים האָט געוויקלט זיך אַרום די שטיינער און מילד באַרירט דיביימער־שפּיצן.

די טריט פון די געסל־איינוווינער האָבן אָפּגעהילכט, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ נאַכט־פויגל אין אַ בוים־שטאַם. זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, באַזאַכט, די הענט פאַרלייגט פון הינטן. די טירלעך פון די הייף האָבן זיך געוויגט. ערגעץ ווו האָט אַ הונט געהאַווקעט. ס׳איז נאַכט אויפן מעטשעט־בערגל. אַ טיף־אויסגעשטערנטע נאַכט מיט אַ ליכטיקן מילך־וועג וואָס שפּרייט זיך פונקט לענגאויס דעם געסל.

מוינע איז געגאַנגען צו זיין הויף. אַרום פעלד איז געווען שאַטנדיק. די הרי־יהודה האָט מען ניט אָנגעזען אין דער נאַכט. אַ נידעריקער טוי איז געלעגן איבער זיי. די אַליינקייט איז אים שווער געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אין הויף, דער געלער הונט איז אים געשפּרונגען אַנטקעגן. אויפן קליינעם פענצטערל זענען געשטאַנען די פאַרטריקנטע בלומען אין מענטש־צווייגלעך וואָס חמרה האָט אָוועקגעשטעלט אין אַ גלאָז מיט עטלעכע טעג צוריק. ער האָט זיי אָנגערירט און געשפּירט אַ שאַרפע טריקעניש.

***

פּיניאַק איז אין די לעצטע צייטן טרויעריק געוואָרן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער מיט אויסגעלאָשענע אויגן. איין מאָל איז ער געקומען אין אַ פאַרנאַכט צו מוינען. זיי זענען געזעסן אויף דער שוועל.

— מוינע, ס׳איז ניט גוט — האָט פּיניאַק געזאָגט.

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, מוינע, ס׳איז גאָרנישט געשען, נאָר ס׳טויג נישט.

זיי האָבן געשוויגן. דערנאָך האָט פּיניאַק אויפגעשטעלט זיך און אָנגעשפּאַרט זיין פּלייצע אין דער ליימיקער וואַנט.

— איך פאַרשטיי איר, מאַרוסיען, אוי פאַרשטיי איך איר...

אַן אַנדערש מאָל איז ער געקומען אַ שיכורער, ער האָט אַ סך געפּלוידערט, געזונגען רוסישע לידער און לסוף זיך צעוויינט.

— דו, מוינע, ביסט מיר ווי אַן אייגענער ברודער, דו וועסט פאַרשטיין פּיניאַקן... קיינער נישט, ניט מאַרוסיע, קיינער נישט, נאָר דו...

— יב —

מאַרוסיע איז געקומען פון דער וואָלגע. איר דאָרף איז געלעגן צווישן
די גרויסע פּאַשע־פעלדער. די הילצערנע הייזער זענען געווען אין איר דאָרף
פון סאָסנע־קלעצער, די שפּאַלטן אויסגעשטאָפּטע מיט פרישן מאָך, די
כּענצטער־ברעטלעך אויסגעשניצט מיט פאַרשידענע אוזאָרן, די גאַנעקלע־
פּאַרפּוצט מיט געשניצטע שטאַכעטן. די מיידלעך האָבן געטראָגן בונטע
סאַראַפאַנען. זי האָט דאָס אַלץ געלאָזן ווייט. אין די נעכט הערט זי די
האַרמאָשקע־קלאַנגען, זי זעט די ירידים פון די וואָלגע־דערפער. עס קומען
אָן באַפּעלצטע יונגען וואָס אָטעמען אַזוי שאַרף ווי די סטעפּ־ווינטן. זייע־
רע פנימער זענען פריש, באַשאָטן מיט שטערנדלעך שניי. די חלומות וועקן
אין , רופן איר, זי וואַרפט זיך אויפן געלעגער און וויינט אויס די לעצטע
טרערן פון אירע אויגן.

אין אַ ווינקל אין צימערל איז אויסגעקלעפּט מיט בילדלעך, וואָס זענען
איר נאָר אַריינגעפאַלן אין דער האַנט אַריין פון דער ווייטער היים; פאַר־
שנייטע פעלדער, טיפע וועלדער, טייכן, סטאַדעס שאָף אויף אַ פאַרנאַכ־
טיק פעלד, באַפּעלצטע פּויערים אויף אַ שליטן. אַלץ וואָס האָט דערמאָנט
אין דער היים. זי האָט אַפילו אויסגעפונען אין די צייטונגען בילדער פון
מלוכה־מענער פון איר לאַנד, אַזעלכע וואָס זי האָט געזען אויף אַלע מערק
און גאַסן, און האָט די בילדער אויך אויפגעהאנגען אין צימערל. ביים
נאָפּט־לעמפּל האָט זי אויסגעהאָפטן אַלערליי העמדלעך מיט בונטע פאַרבן,
געטראָגן היימישע קליידער, לויטן שטייגער פון אירע דערפער און געהאַט
אין קליידער־שאַנק שיינע סאַראַפאַנען.

פיניאָק האָט זיך אַריינגעריסן אין איר וועלט אַזוי ווי כ׳רייסט זיך
אַריין אַ שטורעם אויף אַ בליענדיקע לאָנקע. זי איז אַוועק מיט אים, מיט
דעם פרעמדן יונג פון אַ פרעמד לאַנד. זי האָט אים ערגעץ געטראָפן אויף
די הפקר־וועגן פון דער מלחמה און אַוועק מיט אים, ניט פרעגנדיק וווהין.
און ער, פיניאָק, האָט מיט אומרו געטראָגן זיך פון שטאָט צו שטאָט, פון
גרענעץ צו גרענעץ. ער איז געווען אין חרובן פוילן, געגאַנגען דורך די
קאַרפּאַטן מיט אַ המון לעבנגעבליבענע יידן, דורכגעשניטן עסטרייך, גע־
בליבן שטעקן אין די דייטשישע לאַגערן, געווען אין ציפּערן, ביז ער איז
געקומען אין לאַנד אַריין און זיך באַזעצט אויפן מעטשעט־בערגל.

ער איז געווען מיד פון די יאָרן נע־ונד. זי איז געווען יונג, פול מיט
אימפּעט. ער האָט געהאַט הינטער זיך אַ טרויעריקע קינדהייט, הפקר־לעבן,
געטאָ, צווישן פאַרשיקטע, הונגער, און זי איז געקומען פון אַ שטילע דאָר־
פישע היים, איר קינדהייט איז אַדורך אין שיינעם דאָרף־געסל צווישן אַלטע
ווערבעס ביים וואָלגע־ברעג. פיניאָק האָט געזוכט ביי איר רו. זי האָט שוין
זיך איינגעהערט אין אירע רייד וועגן דאָרף, וועגן די שכנים פאַסטעכער

און וואָלגע־פישער, וועגן די סטאַדעס פּי וואָס פּיטערן זיך אויף פעלדער פון איר היים־דאָרף, און אַ מילדקייט האָט אים אַרומגענומען. געהיילט אים אין איינגעשטילט די צעוויגטע און אומרואיקע געבליטן.

מאַרוסיע איז געשטאַנען אין אַראַבישן פענצטערל, געקוקט אויף די ברויעדיקע מעטשעט־מויערן, אויף די צעקרישלטע שטיינער, אויף דעם שטיק פאַרשרפּהטן הימל.

— אויף וואָס האָב איך אויסגעביטן מיין היים... אויף וואָס?... זאָג פּיניאָק, זאָג, אויף וואָס?

— נו, מאַרוסיע, הייבסט שוין ווידער אָן? מיר וועלן פאָרן אין צפון פון אונדזער לאַנד, אין גליל וועסט זען פעלדער און לאָנקעס...

זי האָט ניט געלאָזט צו זיך רעדן.

— דיר איז גוט, דו ביסט געווען אַ היימלאָזער. דו האָסט אַנדערש ניט געקענט, אָבער איך? איך?

ער האָט צוגעקלאַפּט די טיר און איז אַוועק. זי איז אים נאָכגעלאָפן, גערופן, איבערגעבעטן, נאָר ער האָט זיך געטראָגן איבערן געסל, איבערן שמאָלן וועגל.

***

חמרה איז געקומען אַ שעמעוודיק־שטילע און געוואַרט ביים טירל פון מוינעס הויף. דער געלער הונט האָט אַ האַווקע־געטאָן, אַרומגעקרייזט, אויסגעצויגן זיך מיט די פאָדערשטע לאַפּעס און פריינדלעך געוואָרפן מיטן עק.

מוינע איז געווען אין גאָרטן צווישן די פּאָמידאָרן־קוסטעס. זיי זענען געווען הויך און שיין־צעוואַקסן. די אויסגערוטע ערד האָט געגעבן אַ גרויס גערעטעניש. וויפל ער האָט ניט אַרומגעקליבן די רייפע פּאָמידאָרן, זענען אויפן צווייטן טאָג געווען נייע. מען האָט געדאַרפט די קוסטעס אונטער־שפּאָרן, זיי האָבן זיך געשלענגלט איבער די בייטן, צווייג אין צווייג האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און ס'איז ניט מעגלעך געווען צו שטעלן אַ טריט אויפן פּאָמידאָרן־פעלד, אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט אָנגעגאָסענע רויטע טאָ־מאַטן. אַ סך פון זיי זענען געווען אויסגעפּיקט, מיט העלע קערנדלעך וואָס האָבן זיך אַרויסאַנטפּלעקט — דאָס האָבן די פייגל צעפּיקט די פּירות. די בייטן מייערן זענען ווידער פאַרוואַקסן געוואָרן מיט אַ ברוינלעך־רויטן ווילד־גראָז. אַרבעט איז געווען לרוב, ער האָט אָבער אַלץ ניט געקענט באַ־וויזן צו טאָן אין דער צייט. דאָס פירן די קעסטלעך מיט ירקות האָט פאַר־נומען אַ האַלבן טאָג. די אָפּנעמערס פון מאַרק האָבן ניט געוואָלט שיקן צו מוינען אַ לאַסט־מאַשין, ס'האָט ניט געלוינט צו פטרן צייט און לייגן הוצאות. מוינע איז געווען אין דעם פאַרוואָרלאָזטן דאָרף פון די איינציקע

גערטנער. אין די נאָכמיטאָגן איז ער שוין מיד געווען פון דער פּאָרעניש צום מאַרק, און ערשט פאַרן זון־פאַרגאַנג איז ער אַרויס אין פעלד. אַפּטמאָל האָט ער אַפילו געאַרבעט ביים לבנה־שיין. דאָס געלט וואָס ער האָט באַקומען פאַר דעם גרינוואַרג האָט אים געסטייעט צו דעקן די קליינע הוצאות. אין מיטן זומער איז אים אַפילו געבליבן אויף צו מאַכן אַ געמויערטע שטאַל און לייגן אַ שטיינערנע פּאָדלאָגע אין צימערל. אָ, ווען ער האָט נאָך עמעצן וואָס זאָל אים העלפן. ער האָט ניט איין מאָל געטראַכט וועגן די ווייבער פון מעטשעט־בערגל, די וואָס זענען געקומען צו אים נאָך אַביסל גרינס אין די פּרייטיקן און די וועלכע ער זעט אין די פאַרנאַכטן אויף די שוועלן. יעדעס מאָל איז אים אַנטקעגנגעקומען די קליינוווקסיקע הינדע מיט די שמאָלע ליפּן. זאָל זי נאָך אַמאָל קומען, די הינדע, ער וואָלט אפשר אַנדערש געווען צו איר. איר קני איז קליין און ליכטיק.

דער געלער הונט האָט געהאַווקעט. מוינע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען צווישן די בייטן חמרהן. זי איז געגאַנגען צווישן די אוגערקעס, פאַמעלעך, געשפּרייזט איבער די וואַסער־קאַנאַוועס, אויסגעמיטן די פאַרוויקלטע אוגערקע־שטענגלעך, אַראָפּגעבויגן זיך און אויפגעהויבן אַ שיינע גרינע אוגערקע. ער האָט געזען ווי די צעשויבערטע וואָל־האָר ווינטלען זיך.

— שלום, מוינע, — האָט זי גערופן מיט אַ דין קולכל.

ער איז געשטאַנען מיט אַ פּנים פון חידוש און פרייד. אָ, ווען זי בלייבט דאָ אין הויף, ווען זי וויל ווערן זיין ווייב — האָט ער פּלוצעם און אומגעריכט פאַר זיך אַליין אַ טראַכט־געטאָן. די פּלוצעמדיקע מחשבה האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. זי האָט אים אומרואיק געמאַכט. ער האָט אַרויסגעלאָזן פון דער האַנט דעם רידל, אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון די הענט און אַ וויש־געטאָן ס׳פּנים פון שווייס מיטן אַרבל. די מחשבה איז אים באַפאַלן אַזוי ווי אַ ווירבל־ווינט פאַנגט אין שטורעם־קרייז אַריין אַ בלעטערקנויל. ער האָט זיך פון איר ניט געקאָנט באַפרייען, ער האָט וועגן עפּעס אַנדערש ניט געקאָנט טראַכטן. מוינע איז געווען פון די יונגסטע יאָרן אימפּעטיק אין זיינע האַנדלונגען. פאַרטראַכט עפּעס — איז גלייך אויסגעפירט. אַזוי איז עס געווען מיטן באַזעצן זיך אין פאַרוואָרלאָזטן דאָרף. ער האָט ניט איבערגעקלערט, ער איז ניט פעאיק געווען אויף אויסחשבונען, אויף אָפּמעסטן און וועגן זיינע מעשים. געווען עפּעס אין זיין בלוט וואָס האָט באַפוילן, באַשלאָסן, און ער איז געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען זיין גורל. אַפילו ווען ער וואָלט געטאָן דאָס היפּוכדיקע, וואָלט אַלץ אַרויסגעקומען אַזוי ווי דער גורל האָט פריער באַשטימט. ער האָט ניט געטראַכט וועגן זיינע עלטערן, ער האָט זיי ניט געוואָלט נאָכטאָן, דאָס לעבן האָט אים געפירט אין דעם זעלביקן שפּאַן. איז דען זיין קומען אין אַראַבישן דאָרף אַריין געווען אַ מקריב זיין זיך צו עפּעס? ניין. ער האָט אַנדערש ניט געקענט, ער האָט קיין צווייטן וועג פאַר זיך ניט געזען. דאָס זעלביקע איז געווען מיט די

איבעריקע תושבים פון געסל. זיי זענען אַהערגעקומען שטילע, מיט אַ סך טרויער און בענקשאַפט.

חמרה האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— כ׳זע אַז דו האָסט אַרבעט? דו האָסט געהאַט מיר געזאָגט אַז כ׳זאָל קומען.

איר בלאָ קלייד פון פראָסטן לייוונט מיט די ברייטע אַרבל איז געווען ניי־געוואַשן, אין די קליינע אויערן־לעפּלעך וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון די האָר זענען געזעסן גרויסע זילבערנע אוירינגלעך מיט צוויי פּור־פּור־רויטע קרעלן אַזוי גרויס ווי אַ צייטיקער קאַרש. זי האָט אויסגעטאָן דעם האַנט־רינג און געשפּילט זיך מיט אים.

— אויף אַ גאַנצן זומער איז דאָ אַרבעט. זעסט, חמרה, — האָט מוינע געוויזן דאָס טאָמאַטן־פעלד, — אָפּגעלאָזן איז אַלץ, נישטאָ ווער עס זאָל טאָן.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— כ׳האָב נישט ליב די שטוב־אַרבעטן ביי די באַלעבאָסטעס, כ׳וויל נית גיין אויפן מאַרק פון די דינסטן, מיר געפעלט בעסער דאָ...

חמרה איז רויט געוואָרן, זי האָט געוואָלט פאַריכטן דאָס לעצטע וואָרט, — כ׳מיין דאָ, ביי גערטנעריי, מיין מאַמע האָט אַ קליין גערטנדל אין דעם באַרג־דערפל.

ער האָט איר געוויזן די וואַסער־פּאָמפּע. מוינע איז צוגעגאַנגען צו דער קאַרעטע און אָנגעשאָטן קלייען.

זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון צימערל און געקוקט צו די פאַרהענגלעך וואָס מוינע האָט אויפגעהאנגען אין דער צייט ווען זי איז דאָ ניט געווען.

— כ׳וועל אויפמויערן אַ שטאַל, אין שטוב וועל איך לייגן פּאַלאַטן.

פאַרוואָס זאָגט ער דאָס חמרהן? ער איז אַ שווייגער און דאָס וואָס ער זאָגט קומט אים אויס ווי באַרימעריי פאַר אַ פרעמד מיידל.

חמרה האָט ביז זון־אונטערגאַנג געאַרבעט אין גאָרטן. מוינע איז ניט געזעסן אויף אַן אָרט. ער איז געווען אין אַלע ווינקעלעך. פון שטאַל איז ער געגאַנגען צום ברונעם־מאָטאָר, צעשרויפט, געפּאָרעט זיך ביי די צילינדערס, גערייניקט, געשמירט די טיילן מיט בוימל. דערנאָך געלאָזט אַלץ אין מיטן, געלאָפן צום וואַדי. אַז ער האָט צוריק צונויפגעשטעלט דעם מאָטאָר, האָט ער זיך איינגעהערט צו זיין אַרבעט, צום דעכען פון דער ברונעם־פּאָמפּע. ער האָט געמאָסטן ס׳ווינקל וווּ ער האָט בדעה געהאַט צו שטעלן די שטאַל, אויסגעחשבונט וויפל בלאָקן ער וועט דאַרפן, וויפל קאַכלעס ס׳וועט נויטיק זיין צו דעקן דעם דאַך. ער איז געגאַנגען איבערן גאָרטן מיט גרויסע שפּאַן, געציילט די טריט. ער האָט אַרומגעקרייזט די שכנישע פעלדער, געפּלאָנטערט זיך אין די שטעכקוסטעס, אין די קראָפּעווес, אַנ־

געקומען אויף זיך הונדערטער בערעלעך, פאַרטשעפּעט זיך אין די דערנער און געטראַכט דערביי — אַ שווער אַקערן וועט דאָ זיין, אַ סך דערנער און וואָרצלען אינעם פאַרטריקנטן פּרדס. מ׳וואָלט געדאַרפט צו דעם האָבן אַ טראַקטאָר. ניין, ער וועט דאָס אַליין מאַכן מיטן פערד. מוינע האָט גע־טראַכט וועגן פאַרגרעסערן דעם גאָרטן, דער ברונעם קען באַוואַסערן. עס קאָסט סיי ווי געלט דאָס לאָזן יעדעס מאָל דעם מאָטאָר, און דאָס פערד וואָס שטייט טעג לײדיק אין שטאַל? ער מוז סיי ווי קויפן פּאַשע פאַרן פערד. ער וועט באַוואַסערן אַ גרויס פעלד און האָבן אייגענע פּאַשע, אייגן היי. אָט־אָ דאָ וועט ער אויפשטעלן אַ גרויסן סטויג. ער וועט זייען קלעווער. ער האָט יענע וואָך געזען אויף די פעלדער פון מיקווה אַ גרויס קלעווער־פעלד. די שטאַל וועט ער מאַכן גרויס, ניט בלויז פאַר אַ פערד, עס דאַרף דאָרט זיין פּלאַץ פאַר בהמות. ער האָט אַלץ פּלאַנירט מיט גיכקייט און געחשבונט.

ער איז צוגעקומען צו חמרהן, געוואָלט איר זאָגן, דערציילן וואָס ער האָט אָקערשט באַשלאָסן. אַזוי און אַזוי חמרה, דאָס וועל איך טאָן, זעסט דאָס שכנישע פעלד, דאָס פאַרוואָרלאָזטע, עס וועט זיך צעגרינען מיט קלע־ווער. זעסט דאָס קליינע הילצערנע שטעלעכל — ס׳וועט דאָרט שטיין אַ גרויסע געמויערטע שטאַל מיט מעלקנדיקע קי...

מוינע האָט אָבער חמרהן גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַראָפּגעזעצט זיך אויפן גראָז און געשוויגן. ער האָט אָפּגעריסן אַ צווייגל, געצופּט די בלעט־לעך. אפשר איר זאָגן פּראָסט און פּשוט: הער חמרה, בלייב דאָ ביי מיר, זיי מיין ווייב.

ער האָט געקוקט אויף אירע קליינע אויערן־לעפּלעך וואָס זענען געווען פאַרהאָנגען מיט אויערינגלעך. זי האָט זיי ניט געטראָגן פריער. ער זעט איר ס׳ערשטע מאָל מיט די אויערינגלעך. האָט זי זיי אָנגעטאָן צוליב אים?

ווען זי איז אַוועק נאָך דער אַרבעט איז ער טרויעריק געוואָרן. זי וועט שוין אפשר מער ניט קומען? ער האָט איר געוואָלט באַגלייטן, געוואָלט שפּאַנען דעם קאָרן. זי האָט זיך געאיילט. ניט ווייט פון דאַנען, אין דרום־דיקן פאָרשטאָט פון תל־אביב, וווינט חמרהס אַ קרובה, זי שטייט איין ביי איר און מוז דערפאַר אָנקומען איידער ס׳ווערט טונקל. זי איז געלאָפן צום מעטשעט־בערגל. איר בלאָ קלייד האָט זיך געפאָלדעוועט. מוינע איז גע־שטאַנען ביים טירל.

— ווען קומען מאָרגן? — האָט ער גערופן מיט אַ בעטנדיק קול.

זי האָט פון דער ווייטנס גערופן, געמאַכט מיט דער האַנט און פאַר־שוונדן געוואָרן אינעם טונקעלן געסל.

נאָך חמרהס אַוועקגיין איז געוואָרן שטיל און טרויעריק. ער איז אַרומ־געגאַנגען איבער די בייטן, געזען די ריינע מייערן־בייטן, די אונטערגעבונ־דענע טאָמאַטן־קוסטעס. סאַראַ פלינקייט איז אין דעם מיידלס הענט. די

אַרבעט האָט געברענט אונטער אירע פינגער. זי האָט גוט געקענט אַלע אַר־בעטן אין גאָרטן. מוינע האָט געפאָלגט אירע עצות.

ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און ניט געקענט איינשלאָפן. חמרהס נאָמען איז איצט אַריינגעפלאָנטערט געוואָרן אין אַלע זיינע טראַכטענישן, אי וועגן גאָרטן, אי וועגן שטיק פעלד, אי וועגן די שטאַל וואָס ער דאַרף מויערן, אַלץ איז פּלוצעם פאַרבונדן געוואָרן מיט חמרהן. אָן איר קען ער גאָרנישט טאָן. ער מוז מיט איר פריער רעדן איידער ער נעמט זיך צו דער שטאַל. אפשר וועט זי אָפּזאָגן, זי וועט ניט וועלן בלייבן אין הייפל. צו וואָס דאַרף ער זיך אונטערנעמען אַלץ איצטער צו טאָן? פאַר זיך אַליין? פאַר זיך איז גענוג דאָס ירקות־פעלד. אַפילו צו גרויס איז זיין גאָרטן, ס'איז אים שווער אַליין צו באַאַרבעטן, מוז אָנקומען צו מענטשן מען זאָל העלפן.

די איינוווינער ווילן ניט גיין צו די פעלד־אַרבעטן אין גערטנדל. מען פאָרט אין שטאָט אַריין צו פאַרשידענע שטאָט־אַרבעטן. ווידער איז געקו־מען הינדע אויפן זינען. ער האָט איר געזען אין די נאַכט־חלומות. זי איז שטענדיק צוגעקומען צו אים, אָנגערירט אים מיט אַן אַנטבלויזטן אַקסל און אַריינגעשיקלט אין פּנים אַריין. זי האָט געטעמטט אויף אים מיט צוויי פולע בריסטן. אַ פאַרגאַסענער מיט שווייס האָט ער זיך געוועקט פון שלאָף. זי האָט געלאַכט מיט אַ שטעכעדיק בייז געלעכטערל, איר גאַנצער געשטעל האָט אויסגעדרוקט ביטל. אַלץ האָט געזעדט אין איר: זעיך נאָר אַ מאַנצ־פערשוין, אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן. זי איז אָפּגעשפּרונגען פון אים און געטראָגן זיך מיט באַליידיקונג און כעס. מוינע איז געווען אין פאַרלעגנהייט, געוואָלט איר איבערבעטן. ער האָט דאָך איר ניט באַליי־דיקט, געוואָלט איר רופן. ער האָט געטראַכט, אַז זי וועט קומען, זי וועט ווידער קומען און דעמאָלט...

— יג —

חמרה איז געקומען טאָג נאָך טאָג. מוינע איז ניט אָפט געפאָרן צום גרינוואַרג־מאַרק, ער איז געבליבן אין הויף. די אַרבעטן האָבן זיך אים ניט געקלעפּט. עטלעכע מאָל איז ער שוין צוגעגאַנגען נאָענט צו חמרהן און איר געוואָלט זאָגן וואָס ער טראַכט און וואָס ער האָט באַשלאָסן, נאָר ער האָט ניט געוווּסט ווי אַזוי.

— חמרה — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט די צוויי שיפע אויגן.

— כ'וועל פאַראַקערן דאָס פעלד...

— טוב, מוינע, טוב.

ער איז געבליבן שטיל, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געזוכט אינעם גראָז.

***

אין די הייסע זומער־חדשים איז דאָס ירקות־פעלד געוואָרן געל און פאַרוויאַנעט. די גערעטעניש איז שוין געווען אַראָפּגענומען. ערגעץ ווו האָבן זיך נאָך געגרינט פאַרשפּעטיקטע בייטן. עס איז געקומען די צייט פון אָפּ־רייניקן דאָס פעלד פון פאַרטריקנטע קוסטעס, פון דעם בלעטער־אָנהויף אויף די בייטן. עס איז די צייט פון זומער־אַקערן.

אין איינע פון די טעג איז חמרה אין מיטאָג־שעהן צוגעקומען צום הייפל און געזאָגט:

— איך גיי צוריק אין מיין דאָרף אַריין. ביי דיר האָט זיך די אַרבעט געענדיקט.

מוינען האָט זיך געדוכט אַז זי וויל נאָך עפּעס זאָגן. ער האָט געזען ווי זי שאַרט מיטן פוס דאָס זאַמד פון הייפל.

— כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן, חמרה.

זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין. חמרהס אַקסל האָט אַ צוק־געטאָן.

— קום.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען ביז צו דער שוועל פון חדר.

— זעץ דיך חמרה.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און געוואַרט אויף עפּעס. איר מיידלש פּנים איז געווען טרויעריק און שיין. די ווייס האָבן זיך געצונדן און ליכטיק גע־מאַכט דאָס ברייטע פּנים. אַזוי זעט אויס די לבנה וואָס באַווייזט זיך אין דעם לאַנד אין אַ פאַרנאַכט און שפּיגלט זיך אין אַ לעצטן ראַנד פון אַ רויט־פּורפּורענעם מערב־וואָלקן. זי האָט געפילט וואָס מוינע טראַכט, וואָס ער וויל איר זאָגן, זי האָט ניט פאַרשטאַנען זיין שווייגן. מוינע האָט ניט גע־ווּסט, אַז חמרהס איבערטרעטן די שוועל פון צימערל בשעת ער איז אי־נעווייניק, באַדייט הסכמה צו אַלץ וואָס ער וועט נאָר זאָגן, צו אַלץ וואָס ער וועט פאַרלאַנגען. זי איז גרייט געווען צו דעם. זי איז אומרואיק געווען פאַר יעדן וואָרט וואָס ער וועט אַרויסברענגען פון די לעפצן. זי האָט פון ווייטן פעלד געהאַט אויפגענומען יעדן שאָרך ווען ס׳האָט זיך נאָר באַוויזן עמעצער פון די מעטשעט־ווייבער אין הייפל. מיט אומגעדולד האָט זי גע־וואַרט ביז ער איז אין די מיטאָגן צוריקגעקומען פון מאַרק. עס איז גענוג געווען צו דערהערן זיינע טריט, דאָס קלימפּערן פון געשפּאַן אַז זי זאָל אי־בערגעפולט ווערן מיט פרייד.

— חמרה, כ׳וועל מאַכן די שטאַל, איך דאַרף שוין אָנהויבן אַקערן, ס׳פעלד ווערט ליידיק.

זי האָט געשוויגן.

— איך וועל קאַרטאָפל זעצן. מען פאַרלאַנגט קאַרטאָפל אויפן מאַרק

— האָט מוינע אַזוי זיך אַ זאָג־געטאָן, וועלנדיק אַזוי אַרום אָפציען מיטן שמועס. ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק, אַוועקגעזעצט זיך אויפן בעטל, אַריינגענומען דעם קאָפּ איןביידע הענט און אַ ווײַלע אַזוי געבליבן, דערנאָך ווידער געשפּרייזט און לסוף אָפּגעשטעלט זיך פאַר חמרהן. ער האָט איר איר אָנגענומען פאַר ביידע הענט. זי האָט זיך ניט געוועהרט. ער האָט איר געוואָלט אַרומנעמען, נאָר חמרה האָט אַריינגעפלאָכטן אירע פינגער אין זיינע פינגער. איר אָטעם איז געווען אַזוי ווי פון אַ טוי־פעלד וואָס די פרימאָרגן־זון האָט עס דערוואַרעמט. זי האָט געהאַלטן פאַרקלאַמערט זיינע פינגער. עס האָט געשלאָגן פוןביידן דער ריח פון פעלד־גראָזן.

— חמרה — האָט מוינע געשעפּטשעט, — בלייב ביי מיר... בלייב דאָ אין הייפל... בלייב... מיר וועלן זיין צוזאַמען...

— דו, מיינע, מיינסט עס אויף אַן אמת?...

— אויף אַן אמת, חמרה...

אירע פינגער האָבן נאָכגעלאָזן, זי האָט זיי אַרויסגענומען פון זיינע הענט און זיך אויפגעשטעלט. זי האָט געוואָלט לאַכן און ניט געקאָנט. אירע ליפּן האָבן אַ ציטער־געטאָן ווי צום וויינען.

— דו לאַכסט, טרייבסט שפּאַס פון אַ תימנערין... דו אשכינזי...

ער האָט איר אַ צי געטאָן צו זיך. זי איז געווען פאַר אים ווי אַ ניט פאַראַקערט פעלד, וואָס וואַרט אויף די גוטע הענט פונעם אַקערער, אויף דעם אַקערערס ליבע צו די ערד־גרודעס, צו יעדער זעמדעלע. דערפאַר וועט דאָס פעלד אָפּצאָלן מיט זיבן־פאַכיקער גוטסקייט, מיט שטילקייט, מיט שאָטנדיקער רו.

פאַרטאָג איז חמרה אַוועק צו איר אַלטער מאַמע אין דעם דערפל פון די יהודה־בערג אָנזאָגן איר, אַז זי וועט זיך איבערקלייבן צו מוינען, אַז זי וועט מיט דעם בחור חתונה האָבן.

— יד —

זי איז געגאַנגען צופוס דעם גאַנצן וועג. מוינע האָט איר צוגעפירט אויף זיין וואָגן אַ שטיק ביז נאָכן מעטשעט־בערגל. דאָס איז געווען אַ שפּעט־זומערדיקער פאַרטאָג. פאַר רמלה האָבן זיך געשפּרייט די גרויסע זיתים־וועלדער. זיי זענען געווען פול מיט פרימאָרגן־ליכט. די לעצטע נאַכט־שאָטנס האָבן זיך געוויקלט אַרום די אַלטע שטאַמען און נאַקעטן וואָרצל־געקנופּ. נאָך דעם זיתים־וואַלד, לענגאויס דעם וועג זענען געלעגן די רחבותדיקע פעלדער, די בערגלדיקע און פלאַכע. צו די הרי־יהודה איז געווען נאָענט. אויף אַ באַרג־אַראָפּהאַנג האָט זיך אָנגעזעצן אַ קליין דערפל. חמרה האָט גוט געקענט דעם וועג. ניט איין מאָל איז זי דורך דאַנען געגאַנגען. אָט איז דער אַלטער פייגנבוים, אָט ליגט דער אָנהויף פון די גרוי־

סע קאַלך־שטיינער. עס איז נאָך איר קיינמאָל ניט געווען אַזוי גוט און לייכט. דאָס וואָס זי האָט דערויף געוואַרט איז געשען. זי וועט זיין מיט מוי־נען. זי האָט געזונגען אַן אַלט און טרויעריק ליד וועגן אַ קוואַל וווּ מייד־לעך שעפּן וואַסער, און וועגן אַ וואָגלער, אַ פּרינץ וואָס קומט שטילן דעם דורשט ביים קוואַל. ער ווערט נעלם און לאָזט נאָך זיך אומרו און מיידלשע הערצער. אַלע ווייסן אַז איינע האָט געוווּנען זיין האַרץ, נאָר ווער איז די באַשערטע? ווער איז זי די איינע? קיינער ווייס נישט, ניט דער פייגנבוים מיט די האָניק־פּירות, ניט דער שיינער פויגל אויף זיינע צווייגן, ניט די מירמל־ווייסע קוואַל־שטיינער. איינע ווייס דעם סוד, און דאָס איז חמרה די טאָכטער פון דער אַלטער צלחה...

דאָס באַרג־דערפל איז געווען אַן אָרעמס. די הייזער — קליינע, פון ניט־געטעסעטן שטיין מיט פלאַכע ליים־באַשמירטע דעכער. די באַרג־אַראָפּהאַנגען פול מיט שטיינער, נאָר צווישן די שטיין־שפּאַלטן הייבן זיך אַרויס טונקל־שטאַמיקע, געמאַרשטשעטע איילבירטן מיט גרין־זילבערנע קרוינען. ביי די שמאָלע באַרג־וועגלעך וואָס וויקלען זיך דאָ ווי ליכטיקע אָדערן, וואַקסן גרויע קוסטעס. פון ווייט שאָטענען פייגנביימער. ביי יעדער הייזל קלעטערן אויף די שטיינערנע פלויטן ווינשטאָקן. זיי ליגן מיט צע־שפּאָלטענע צווייגן אויף די שטיינער און רוען זיך אויס אין דעם שפּעטן זומער נאָך דער שפע וואָס זיי האָבן אויסגעטראָגן. אין די טאָלן האָט מען צונויפגעלייגט די פעלד־שטיינער אין לאַנגע שורות, אָפּגערייניקט קליינינ־קע שטחים און פאַרפלאַנצט גריניסן.

די אַלטע צלחה האָט מען געקענט אין דערפל. זי איז עס געווען דער רופא פון די אַרומיקע ישובים. זי האָט צוגעשטעלט אין דער שטאָט אַריין אַלערליי קרייטעכצער וואָס די שטאָט־ווייבער האָבן גערן אויפגעקויפט. זי האָט געזאַמלט אין די טאָלן ביי די וואַסער־אָדערן די אַראָמאַטישע גראָזן ווי פעלד־קריפּ, מיענטע־גראָז. צלחה האָט געוווּסט אַלע קרייטעכצער וואָס היילן. זי האָט זיי געפלאַנצט און געפלעגט ביי זיך אין הייפל. די מאַלאַ־ריע־קראַנקע האָט זי געהיילט מיט דעם גאַמאַנדער־פלאַנץ וואָס בליט אין די חדשים מאַי און יוני. פון די טונקל־גרינע, שטאַרק ביטערע בלעטלעך האָט זי געמאַכט אַ געטראַנק און באַגאָסן מיט וואַסער. זי האָט געזאַמלט די קאַמיליע־פלאַנצן און זיי געטריקנט אין הייפל, געמאַכט דערפון געטראַנ־קען, אַזאַ טיי וואָס איז גוט צו ווייטיקן און מאָגן־קראַנקייטן. פון די מוס־קאַט־ניס האָט זי געקאָכט אַ ביטערן געטראַנק און געהאָלפן קראַנקע קינ־דער. זי האָט געקענט די פלאַנצן וואָס האָבן געשטילט קאָפּ־ווייטיק, קעגן רעוומאַטיזם. זי האָט בלעטער געקאָכט אין זיתים־אייל און געהאַלטן עס גרייט אין פלעשלעך פאַר די דאָרפס־קראַנקע. מיטן זאַפט פון אַ ניט־רייפן שוואַרצן פייג וואָס מען טריפט אַרויף אויף אַ בלוטנדיקן שניט, האָט זי געשטילט די ווייטיקן פון אַ פרישער ווונד.

מען איז געקומען צו איר פון די ווייטסטע דערפער. איר שטוב איז פול געווען מיט ריחות פון קרייטעכצער. זיי זענען געלעגן אויף דעם פענצ־טערל, אויפן אַלמער, זיי זענען געהאנגען אין הויף אויף די ווענט, צונויפ־געבונדענע אין קרענץ. זי האָט געטריקנט וואָרצלען אויף דער זון און זיי דערנאָך צעשטויסן אין אַ גרויסן קופערנעם מערזשל. זי האָט אין די נעכט דערקענט די גראָזן לויטן ריח. צלחה האָט געקענט די סביבה אויף לאַנגע מיילן אַרום, געוווּסט אין וועלכן טאָל עס וואַקסן די הייל־קרעטעכצער און ווו עס וואַקסן די גיפטיקע גראָזן וואָס מ׳דאַרף זיי ניט אָנרירן מיט די הענט. זי האָט געוווּסט אויף וועלכן באַרג־אַראָפּהאַנג אויסצוגראָבן פון אונטער דער שטיינערנער ערד די פלאַנץ־וואָרצלען וואָס זענען גוט קעגן הוסט. זי פלעגט צוריקקומען פון די בערג מיט שטויסן קרייטעכצער וואָס זי האָט זיי געטראָגן אויפן קאָפּ און אין די הענט. זי האָט געבראַכט צייַטיקע פייגן אין געפלאָכטענע קיישלעך, אָנגעגאָסענע מיט האָניק. דאָס קליינוואַרג האָט איר אָפּגעוואַרט ביים וועגל און גערופן:

— מומע צלחה גיב אַ פייג, גיב אַ פּרי.

זי האָט מכבד געווען דאָס דאָרף־קליינוואַרג מיט די שענסטע פייגן וואָס מען האָט נאָר אַמאָל געזען אין דער סביבה.

ווען חמרה איז געקומען אין דערפל אַריין איז געווען מיטאָג־צייט. צלחה איז געקומען מיטן זייטיקן וועגל און געפירט די ציג. חמרה איז גע־זעסן אויפן שטיינערנעם טרעפל. די ווייסע ציג מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן האָט דערקענט חמרהן. זי איז געלאָפן פאָרויס און געמעקעט. די אַלטיטש־קע האָט גערופן די ציג. די הויט פון צלחהס פנים איז געווען גערונצלט און איז לויז געהאָנגען אויף דעם קנאָכיקן פנים. זי איז געווען קליין און אייַנ־געשרומפּן. די טאָכטער איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען. די ציג האָט אָוועקגע־לייגט דעם קאָפּ אויף חמרהס שויס. דאָס מיידל האָט אַרויסגענומען די קאָלטנס פון דער ציגס באָרד, פון די לאַנגע האַלדז־האָר. די ציג האָט גע־קוקט אויף איר מיט די גרויסע פאַרגלאָזטע אויגן.

חמרה האָט געגעסן די טונקעלע פייגן פון קיישל און געפילט ווי דער פייגן־האָניק צעגייט אין אַלע געבליטן. צלחה האָט אַריינגעבראַכט דעם מי־טאָגדיקן אָפּמעלק פון דער ציג מיט ברכות פאַר דער איינהאָרנדיקער.

— כ׳וועל זי דיר טאָכטער אָוועקשענקען, וועסט איר נעמען אין דיין באַלעבאָטישקייט ווען וועסט חתונה האָבן...

חמרה האָט געוואָלט אַרומנעמען דעם מאַמען, דערציילן איר פון מוי־נען, פון מעטשעט־בערגל.

— ניין, כ׳וועל איר ניט נעמען, די ציג...

— ווייסט חמרה — האָט די אַלטע געזאָגט, — זכריה איז נעכטן דאָ געווען פאַרן זון־אונטערגאַנג. ער וועט היינט ווידער קומען, ער טרעט דאָ שטענדיק אָפּ ווען ער טרייבט די אייזלען פון וואַדי.

ווען די אַלטיטשקע האָט דערמאַנט זכריהס נאָמען איז חמרה אומרו־איק געוואָרן. זי האָט גענומען אַ בינטל מיענטע־גראָז און פאַרשטעלט דערמיט ס׳פּנים. צלחה איז געווען זיכער, אַז חמרה וועט איר פאָלגן, אַז זי איז דאָס אומגעריכטערהייט צוריקגעקומען פון דער שטאָט צוליב זכריהן.

— יונגע מיידלעך זענען ווי די יונגע ציגן. זיי שפּרינגען.

איר חמרה איז אַ צווייטע. זי האָט זיך אַוודאי באַטראַכט, אַנטלאָפן פון דער היים, ניט געוואָלט הערן זכריהס נאָמען, און איצט איז זי צוריק־געקומען. ווי דען? אַ מאַמע ווייס וואָס גוט איז פאַר אַ טאָכטער און וואָס שלעכט...

זכריה איז דער אייזל־טרייבער פון דערפל. ער האָט זיך געשדכנט צו חמרהן. יעדן פאַרנאַכט איז ער געקומען צו צלחהן און געשטאַנען ביי דער שוועל מיט תמעוואַטע אויגן. קוטשמעס געקרייזלטע האָר זענען אים אַראָפּ־געפאַלן אויפן שטערן, אויפן פּנים. זיי האָבן אַרויסגעקוקט פון צעפליקטן היטל. זיין פּנים איז געווען איינגערעמט אין אַ שוואַרץ־געקרייזלט בערדל. ער איז געשטאַנען און געגאַפט.

— צלחה, עס שמעקן די קרייטעכצער, האַ? מומע צלחה, זיי שמעקן טאַקע?

ער איז שטיל געוואָרן און אין אַ צייט שפּעטער ווידער געפרעגט.

— צלחה, האַ, מומע צלחה? חמרה איז אין שטאָט, זי פאַרדינט געלט? געלט פאַרדינט זי, חמרה?... — ער האָט די לעצטע ווערטער נאָכגעזאָגט און געגלאָצט אין דער שטוב־טונקלקייט אַריין ביז עמעצער האָט געקלאַפּט אין פענצטערל אַריין און געשריען:

— העי, דו טפּשו, אייזליונג, דיינע אייזעלעך זענען אין די גערטנער! זיי מאַכן אָן שאָדנס, זכריה! זכריה!

ער איז געלאָפן איבער דעם דאָרף־געסעלע, מיט צעשפּרייטע פּאָלעס, געטריבן די אייזלען און ווידער געשטאַנען אַ מידער און שוויגנדיקער ביי דער שוועל פון צלחהס שטוב.

— אַנגעליטן זיך אין שטאָט — האָט צלחה געטראַכט, — אָנגעהאָ־רעוועט זיך ביי פרעמדע מענטשן... בעסער דאָס היימישע דאָרף. ס׳איז גאָר אויף דער וועלט קיין צווייט אָרט נישטאָ ווי דאָס שטילע באַרג־דערפל. זכריה איז אַ שטילער יונג, אַ גוטער... זאָל זי בעסער דאָ בלייבן אין דער מאַמעס אויגן... און אַז חמרה האָט דערציילט דער מאַמען וועגן מוינען, וועגן זיין גאָרטן, וועגן דעם הייזל אויפן מעטשעט־בערגל, האָט די אַל־טיטשקע געווישט די אויגן, געוויינט אין דער רויטער פאַטשיילע אַריין. זי האָט ניט געוווּסט; אָפּרעדן איר, ניט אַוועקלאָזן פון דאָרף, בעטן, שרייען? נישטאָ זיך מיט וועמען צו עצהנען. דער אַלטער גמליאל איז שוין לאַנג ניטאָ, ער ליגט אין די בערג.

— חמרה... חמרה... — האָט זי געכליפּעט.

די אַלטיטשקע איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. זי האָט געשטעלט דער טאָכטער אַלערליי פראַגעס, צי איז מוינע אַ גוטער, וואָסער האָר האָט ער, העלע אָדער שוואַרצע.

— שוואַרצע, שוואַרצע, — האָט חמרה געענטפערט. די אַלטע איז צופרידן געווען וואָס דער אשכנזישער בחור האָט שוואַרצע האָר און שוואַרצע ברעמען.

— אַזוי ווי אונדזעריקע, פונקט אַזוי, אפשר נאָך שענער...

מיט אַ וואָך שפּעטער איז מוינע געקומען אין באַרג־דערפל מיטן פערד און וואָגן. ביי צלחהן איז געווען אַ שימחה, אַ האַלב דאָרף איז זיך צו־נויפגעקומען אויף חמרהס חתונה. אין דעם זעלביקן טאָג איז ער צוזאמען מיט חמרהן געפאָרן צוריק צום מעטשעט־בערגל. די אַלטיטשקע האָט גע־וואָלט אָוועקשענקען די ציג, נאָר ניט חמרה און ניט מוינע האָבן איר גע־וואָלט נעמען. זיי האָבן געמוזט דער אַלטיטשקער צוזאָגן, אַז איבער אַ יאָר, אם ירצה השם, וועלן זיי קומען נאָך אַ יונג ציגל.

ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון דערפל האָט חמרה דערזען זכריהן. ער איז געריטן אויף אַן אייזעלע. זיינע לאַנגע פיס האָבן זיך פּאַרטשע־פּעט אין די שטיינער פון וועג. ער איז אַראָפּ אין אַ זייט מיטן אייזעלע און נאָכגעקוקט די אַוועקפאָרנדיקע. זיינע אייזעלעך האָבן אויסגעשריגן אַ גרויס געוויין. דער קאַרער איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ, חמרה איז געווען אומגעדולדיק. זי האָט געוואָלט וואָס גיכער אַוועק פונעם אייזל־געיאָמער.

קאַפּיטל פיר

— א —

די שפּעטע זומער־טעג זענען שוין קילערע. דער טוי ליגט לענגער אויף די פעלדער, ער באַהאַלט זיך אין די האַלב־פאַרוויקלטע בלעטער, ער פערלט זיך אויף דעם יונגן אַרויסשפּראָץ ביז אין מיטן טאָג. אַ שיינער גרויסער פויגל מיט אַ סאַמעט־שוואַרצן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים אָקערשט אָפּגעטונקען אין אַ סאַזשלקע, זינגט אין די שפּעט־זומערדיקע פרימאָרגנס. דער אונטערשטער טייל פון זיין בייכל איז געל און פוכיק ווי פון אויס־געבריטע עופהלעך, די אויגן — שוואַרצע פּערל, נאָר וואָס אַרויסגעטויכטע פון אָפּגרונט.

— זע, מוינע, זע אָט־אָ דאָ, אויפן צווייגל...

זיי שטייען ביידע אין דעם סוף־זומערדיקן פאַרטאָג אין פעלד. ער קוקט אויף איר אויסגעשטרעקטער האַנט צום בוים.

— הערסט, הערסט... ער קומט איצט פון די בערג, פון די יהודה־בערג... דעם פויגל איז גוט אין טאָל... אַ גאַנצן זומער האַלט ער זיך אויף אין די באַרג־שפּאַלטן צווישן שטיינער, אין שאָטנס, און סוף זומער קומט ער אין טאָל אַריין...

מוינע האָט שוין אָפּגעריייניקט אַ גרויסן שטח אויף קאַרטאָפל און אויף קלעווער. ס'איז איצט אונטערגעקומען דער זמן פון קאַרטאָפל און גרייטן פּאַשע פאַרן פערד. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, מ'האָט ניט געקאָנט אַריינפאָרן אין פעלד מיטן אָקער. די דערנער־קוסטעס און שטי־קער נאַקעטע סענקעס האָבן פאַרטשעפּעט דעם אָקער־אייזן און ס'פערד האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. מען האָט געמוזט אונטערגראָבן די דערנער, אַרויסשלעפּן די וואָרצלען, און דערנאָך צוריק פאַרשיטן די גרי־בער אַז ס'פערד זאָל קענען גיין איבער אַ גלייך פעלד. די וואָרצלען זענען טיף געזעסן אין דער ערד, מ'האָט געמוזט זיי אַרויסנעמען ביזן סוף, ווייל אויף אַ באַוואַסערט פעלד קענען די איבערגעבליבענע וואָרצל־רעשטלעך אַרויסלאָזן יונגע שפּראָצונגען און דערנאָך וועט זיין טאָפּלט אַרבעט אויס־צוּוואָרצלען די יונגע וואָרצל־פלאַנצן.

חמרה האָט געהאַט אַרבעט אין הייפל, אַרום חדרל. זי האָט דערזען די וויינשטאָקן וואָס מוינע האָט געהאַט פאַרזעצט און דערנאָך פאַרגעסן אָן זיי. דורכן זומער זענען זיך די צווייגן צעוואַקסן. מ'האָט זיי געדאַרפט

אונטערשפּאַרן ווייל זיי זענען געלעגן אויף דר'ערד. די בלעטער זענען גע־וועןן פאַרוויאַנעט. זי האָט אַרומגעגראָבן די ערד אַרום די ביימלעך, אויס־געריסן די ווילד־גראָז, באַוואָסערט די ערד.

אין הייפל זענען שוין געלעגן בלאָקן וואָס מוינע האָט געקויפט, באַ־לאַטן אויף צו לייגן אַ פּאָדלאָגע אין צימערל. ער וועט מאָרגן גייז צום מעטשעט־בערגל און רופן אַ מויערער. חמרה וואַרט דערוויייל מיטן קאַלכן דאָס חדרל, זי וועט עס טאָן נאָכן לייגן די באַלאַטן. אוי, וועט זי דעמאָלט אויספּוצן דאָס שטיבעלע. זי וועט באַהענגען די ווענט מיט אויסגענייטע טישטעכלעך וואָס זי האָט געבראַכט פון דער היים. אין דער רעגן־צייט וועט זי קישעלעך העפטן. אַ סך אַרבעט וואַרט אויף חמרהן. זי וועט די אַרבעטן טאָן מיט ליבע. אירע ציטערנדיקע פינגער זענען אומגעדולדיק, זיי פּלעמלען אַזש. זי קילט זיי אין דער שוואַרצער טשופּרינע פון מוינעס צעשויבערטן קאָפּ.

— ב —

שטיל איז אין מעטשעט־געסל אין די מיטאָג־שעהן. אַ פרוי צעהענגט וועש אויף אַ ריצנקוסט. צוויי קינדער זיצן אין שאָטן און שפּילן זיך מיט קורקר־שטיינדלעך. אַן אייזעלע שטייט מיטן קאָפּ צו אַ מויער, ווי אויס־געקלעפּט פון ברוינעם ליים, נאָר די לאַנגע אויערן ציטערן־אויף פון צייט צו צייט און טרייבן דעם פליגן־ראַי.

אין די פאַרנאַכטן קומען די מענער פון די אַרבעטן, זיי זענען מיד און פאַרשטויבט. עטלעכע באַלעגאָלעס קומען פון ערגעץ אָן מיט פאַר־קאַלכטע וועגענער. זיי שפּאַנען אויס די פערד און טרייבן זיי אין די שטעלער, די וועגענער לאָזן זיי אין געסל.

אין די שבתדיקע נאָכמיטאָגן טרעפן זיך די געסל־תושבים אין מע־טשעט־הויף. אויסגעפּוצט, יום־טובדיק, קנאַקן זיי סעמעטשקעס, ריידן דאָס זעלביקע וואָס זיי האָבן גערעדט מיט אַ וואָך פריער, מיט צוויי וואָכן פריער, און וועלן מסתמא דאָס איבערדערציילטע ווידער דערציילן אין אַ שבת שפּעטער, סיידן עס וועט עפּעס געשען אַן אויסערגעוויינטלעכע פּאַסי־רונג.

דערציילט איינער פון אַמאָליקע פּרנסות, פון מסחר מיט דאָרפס־גוים, פון גוטע פאַרדינסטן, ברענגט יעדער איינער פון די צוהערער אַ ראיה פון זיך, וואָס באַשטעטיקט דאָס געזאָגטע.

— דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ צייט... אַט אַ שטייגער איך, ווי איר זעט מיך... — מען רייסט אים איבער, עמעצער איז שוין אַריין מיט זיינס אַ מעשה.

און אַז עס קומט צו רייד וועגן צרות וואָס יידן האָבן געליטן, איז

יעדער פול מיט אייגענע איבערלעבענישן, יעדער באַווייזט ווי גרויס די ליידן זענען געווען.

— איי, וואָס איז דאָ צו רעדן... איין מאָל דעק איך אַ דאַך ביים קריפּער פּריץ, אוי, איז דאָס געווען אַ שונא ישראל...

— וואָס בראַקסטו אַ מעשה מיטן קריפּער פּריץ, — רייסט מען איבער דעם בלעכערס רייד, — און איך וועל אייך בעסער דערציילן וועגן אַ פּאָליאַק, אַ באַאַמטן.

און עס קומען אויסטערלישע געשיכטעס וועגן רשעות, בייזקייט פון גוים, שינאה צום ייד. איין מעשה טרויעריקער פון דער צווייטער, ביז עמעצער גיט אַ זיפץ, אַ קרעכץ און הייבט זיך אָן קלאָגן אויפן נייעם לענדעלע ווו מ'האָט זיך באַזעצט, אויף דער ביטערער צייט.

— צוויי טויזנט יאָר, און מיך האָט עס געדאַרפט טרעפן... — זאָגט איינער מיט אַ ביטערן שמייכל. און באַלד גייט אַוועק אַ מעשה וועגן נייעם לאַנד, וועגן די נייע צרות, און יעדער באַווייזט שוואַרץ אויף ווייס, אַז ס'טויג ניט, אַז ס'איז ביטער, אוי, קינדערלעך, ווי ביטער... אַזוי גייט עס אַוועק אַ שבת נאָך אַ שבת. אין דער צייט פאַרריכט מען די פאַר־וואָרלאָזטע הייזער, מען מויערט צו צימערלעך, מען מאַכט פאַרצוימונגען, מען פלאַנצטביימלעך, טייל צעגראָבן די ערד אַרום די שטיבלעך, רייסן אַרויס די באַרג־שטיינער און מאַכן גרינוואַרג־גערטנדלעך. אין די הייף זענען שוין פאַראַן די ערשטע עופות. עטלעכע געסל־תושבים האָבן שוין אַפילו קעלבער, זיי וועלן זיי אויסהאָדעווען און האָבן יונגע מעלקעדיקע קי. די ווייבער זענען צוגעבונדן געוואָרן צו די נייע היימען, צו די ריינע און געקאַלכטע שטיבלעך מיט די ליכטיקע פענצטערלעך.

אָפּט קומען אין די שבתדיקע פאַרנאַכטן רעדנער. דעמאָלט רוקט מען צונויף די בענק אין מעטשעט־הויף און מען הערט וואָס דער פרעמדער וועט זאָגן. מען קנאַקט יאָדערן, איינער קנייטשט דעם שטערן און פרעגט דעם שכן:

— וואָס מיינט ער, שכן, האַ?... וואָס וויל ער?...

— עך ווייס... — שעפּטשעט אים דער צווייטער אין אויער אַריין.

דער מוליער, יצחק, איז מיד פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט. ער איז קליין, דאָס פּנים מיט קנייטשן. ס'ווייב מיט די קינדער וואַרפן אין דרויסן, זיי וועלן באַלד אַלע גיין שפּאַצירן. יעדן שבת נאָך מיטאָג גייען זיי שפּאַ־צירן ביזן וואַדי און צוריק.

— כ'ווייס... מע רופט אויף אַן אסיפה, דאַרף מעז גיין. לאָמיך עפּעס הערן.

ער גייט שבת דאַווענען אין קליינעם שולכל. קוים וואָס מ'שטעלט דאָרט צונויף אַ מנין. פאַרוואָס זאָלן יידן ניט קענען צוליב מיר דאַווענען, ס'פעלט שטענדיק אויס צום מנין. לויפט ער יעדן שבת אינדערפרי מיטן טלית.

דאָרט זאָגט מען אים אַ וואַרעמען גוט־שבת. מ׳וואַרט אויף אים, פֿאַרוואָס זאָל ער ניט קומען און ניט דאַווענען? עס ציט אים אין דרויסן אַרויס, צום ווייב מיט די קינדער, ער וויל גיין שפּאַצירן, נאָר ס׳פּאַסט ניט אַזוי סתם אַוועקצוגיין אין דער מיט פֿון דער אסיפֿה.

דער רעדנער רעדט דוכט זיך וועגן היימישע ענינים, נאָר זיי קומען אַרויס אַזוי פֿרעמד און אַזוי ווייט ווי זיי וואָלטן זיין אויסגעלאָשענע עכאָס, אַ נאָכקלאַנג בלויז פֿון נאָענטע פֿאַרלאַנגען און בענקשאַפֿטן.

נעבן יצחקן זיצט יאַנטל סטאָלער, אַ העל־האָריקער יונג מיט לע־בעדיקע אייגעלעך. זיינע הענט רוען נישט. ער איז ווי אַ שטיק צאַפּלדיקער פֿלאַם. אַ גאַנצע וואָך לייגט ער קראַקוועס אויף דעכער. ער לאַכט מיטן פּנים, מיט די הענט. זיין יעדער קער באַדייט: חבר רעדנער, איך קען שוין ס׳לידל פֿון אויסנווייניק, אַ שאָד די טירחה, האָסט געפּטרט רייזע־הוצאות...

דער יעקע האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף דער ליימוואַנט. ער ווייס נישט ווי אַהינצוטאָן די לאַנגע פֿיס. זיין אייזעלע האָט זיך עטלעכע מאָל צעהירזשעט. ער דאַרף אַ בליק־טאָן אין שטעלעכל, אפֿשר דאַרף מען עס אַרויסטרייבן אויף דער פֿריי. „יעקע" רופֿט מען אים ווייל זיין ווייב רעדט נאָר דאַטש און זי שרייט איבערן געסל צו די קינדער:

— מאָריץ נאָך האַוזע... — דער מאָריץ לויפֿט אַ באָרוועסער, אַ פֿאַריסטער, אַן אָפּגעריסענער און ממיתט אַלע היימלאָזע קעץ פֿון געסל.

קיינער ווייס ניט ווי איז דער אמתער נאָמען פֿון יעקע. ער קומט אין די פֿאַרנאַכטן פֿון דער שטאָט מיט פֿולע וועגענער בלעכן, אייזערנע בעט־לעך. זיין אייזעלע איז ברוין, אַזוי ווי דער זשאַווער פֿון אייזנוואַרג. אַז ער זעצט זיך אַוועק אויפֿן אייזעלע גרייכן זיינע פֿיס ביז דר׳ערד, די הענט הענגען אים נאָך.

עס איז געקומען דער בוכהאַלטער מיט די ברילן, העקסלער. ער זיצט אין דער ערשטער רייע און שמייכלט. אין געסל איז ער אויסגעקאָכט מיט אַלעמען. ווען ער טרעפֿט עמעצן פֿון זיינע שכנים צעשמייכלט ער זיך און פֿרעגט:

— שכן, וואָס מאַכט איר אַחוץ געזונט און פּרנסה?

אַזוי חזרט זיך איבער שבת נאָך שבת די זעלבע שאלה. ער לייענט יעדן טאָג אַ צייטונג פֿון קאָפּ ביז דער לעצטער זייט מיט אַלע מודעות. ער איז באַהאַוונט אין אַלע מעטשן וואָס זענען פֿאַרגעקומען אין די גרויסע שטעט. ער קען אַלע אַנאָנסן פֿון דירות וואָס זענען געווען אין דער וואָך. ער האָט איבערגעלייענט די רעדע פֿון פּוילישן פּרעזידענט וואָס ער האָט געהאַלטן ביי אַ יום־טוב. ער ווייס וואָס עס קומט פֿאָר אויף דער וועלט און קען זיך אויף די אַלע גענג פֿון די „קלוגע דיפּלאָמאַטן". דאָס וואָס דער רעדנער רעדט ווייס ער שוין פֿון לאַנג. אויך דעם באַברילטן בוכהאַלטער

ווערט לאַנגווייליק, בייגט ער זיך איין צו חיים רומענער און גיט אים אַ פרעג:

— שכן, האַ שכן? וואָס מאַכט איר אַחוץ געזונט און פּרנסה?...

וואָס חיים רומענער טוט, וואָס זיין פּרנסה איז, ווייס קיינער ניט. ער ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע וואָכן. ער קען גאָרנישט ענדיקן זיין דינסט אין דעם מיליטער. ס׳איז אים געבליבן נאָך אַ וואָך אָדער צוויי, און צום סוף פון חודש האַלט ער ניט אויס דעם נסיון און ווערט נעלם. זוכט מען אים אַרום, זוכט ס׳ווייב, זוכט מען אים פון זיין אָפּטייל ביז ער שטעלט זיך אַליין צו מיט וואָכן שפּעטער, אַקוראַט ווען ער האָט געדאַרפט באַ־פרייט ווערן. מוז ער אָפּדינען די צייט וואָס ער איז ניט געווען. און אַזוי דרייט עס זיך, און ער איז ניט אין דער היים, ניט אין מיליטער. ווער ווייס ווו ער איז. אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט פאַלט ער אַריין מיט אַ כאַפּטע חברים, צעשטעלט אַ גראַמאַפאָן מיט אַ הילכער ווי אַ טראָמפּייט, און אין די פּלאַטן זינגט מען:

אוי רומעניע, רומעניע, רומעניע...

אַמאָל אין אַ שבת קומט אויך מאַקסל צו גיין. ער שטייט מיט די קאָסאָקע אויגן ביי דער שוועל און רעדט עפּעס צו זיך מיטן אָנצייכנערדיקן מויל. זיין פּנים איז ווי אַ צעאַקערט פעלד, מיט ריסן און שניטן, דאָס שטערן־שייטל שמאָל, געמאַרשטשעט ווי אַ קאַטאַרינקע, אַן אָפּגעדייטע, אַן אָפּגענוצטע און אויסגעשפּילטע. ס׳דוכט זיך, אַז ער קוקט ניט מיט די אויגן נאָר מיט די צוויי נאָזלעכער פון דער פאַרריסענער קורצער נאָז. ער איז געווען איינער פון די יאַריד־שלעפּער און בהמה־טרייבער פון קויאַווע. ער איז געקומען פון די דייטשישע לאַגערן און גלייך אַוועקגעשטעלט אין ראָג פון געסל אַ בודקע מיט סאָדע־וואַסער און אייגן־פאַבריצירטן לימאַ־ניאַד. אין די נעכט קוילעט ער אייזלען אין וואַדי און פירט אַוועק ס׳אייזל־פליי קיין יפו. ער שלעפּט אין האַלב־נאַכט זיך מיטן אייזל־פליי דורכן וואַדי, איבער די פעלדער. ביי טאָג ליגט ער אין הייפל אויסגעצויגן אויף די שטיינער און שלאָפט. אַ פיענע זעצט אים פון מויל. זיין ווייב שטייט אין קרעמל און פאַרקויפט קאַלטן געטראַנק. שבת קומט מאַקסל צום מע־טשעט־הויף. אַלעמען רופט ער:

— דע, קים נאָר... דע, כ׳דאַרף דעך... — שפּרינגט דער יעקע פון ליימענעם פלויט, שטיקער שטיינער קרישלען זיך און פאַלן צעשטויבטע אויפן הייפל. עמעצער שרייט: שטילער! שטילער! דער יעקע בייגט איין זיין לאַנגן האַלדז, לאָזט אַראָפּ די הענט און שאַרט זיך אַרויס אין מיט פון דער דרשה אויף דער גאַס צו מאַקסלען.

אויבן אָן, ביי דער רעכטער זייט פון רעדנער זיצט דודל העלפער. דאָס איז דער עסקן פון בערגל, ער איז עס דער מענטש פון דער מועצה. ער

זיצט אָנגעשפּאַרט מיטביידע עלנבויגנס אין טיש, זיינע אייגעלעך שווימען אַרום אין הייפל, צווישן די רייען בענק.

— עך זאָג אַז עס זאָל זיין שטיל, זאָג עך... — ער רייסט איבער דעם רעדנער און שטעלט זיך אויף. זאָל מען אים אויך זען, ניט בלויז דעם רעדנער. אַז ס׳ענדיקט זיך די אסיפה שפּרינגט ער אויף דער באַנק און שרייט:

— עס איז נאָכ׳ניש געענדיקט, רבותי, מע דאַרף נאָך עפּעס זאָגן... מע דאַרף נאָך עפּעס צוגעבן... מע דאַרף נאָך עפּעס אויפקלערן...

דער וואָס דאַרף נאָך עפּעס זאָגן און אויפקלערן איז ר׳ דודל העלפּער אַליין. ער רעדט איצט ניט בלויז צו די מענטשן פון בערגל, דאָס רעדט ער איצט צום רעדנער, זאָל ער זען וואָס פאַראַ מענטשן עס געפינען זיך אויף די ערטער, זאָל ער זען צו וואָס אַזאַ ווי ער איז פּעאיק, זאָלן זיי דאָס וויסן דאָרט אין מרכז...

דער עולם גייט אַהיים. דער לעצטער גייט אַרויס פון הייפל יאַנקל קריפּער. ער טראַכט וועגן קעלבל וואָס ער האָט מיט אַ וואָך צוריק געקויפט. מ׳דאַרף פאַרגרייטן היי, ס׳קומט באַלד די צייט פון שניידן גראָז. גוט איז צו האָבן אין שטאַל אַ בהמה. דערווייל אַרבעט קריפּער ביים פלאַסטערן די וועגן. ער איז אַ וואָלינער, געלעבט אין די וועלדער און געווען איינער פון די געטאָ־אויפשטענדלער אינעם קליינעם שטעטעלע טורטשין. עס באַגלייט קריפּערן אַ שטיקל וועגס דער שכן זיינער כאַמעליע.

— איך גיי אומעטום הערן, וואָס אַרט עס מעך... — זאָגט כאַמעליע.

ער זיצט שטענדיק אין דער לעצטער שורה. אין אַ קרענצל פון מענטשן איז ער דער שווייגער. ער לאַכט ניט אויף יענעמס אַ ווערטל, ר׳איז שטיל, ערנסט און פאַרטראַכט. אַזאַ איז ער געווען אין געטאָ. אומעטום איז ער געקומען דער לעצטער, שטענדיק אַ פאַרשפּעטיקטער, און דאָס האָט אים געראַטעוועט ניט איין מאָל פון אומקום. אַזאַ איז ער געווען און אַזאַ איז ער פאַרבליבן אויך דאָ אויפן מעטשעט־בערגל.

גייען זיך אַזוי די צוויי יידן אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג און שווייגן, איינער טראָגט אַ העמד אין געל־בלאָע פּאַסן, פאַרקנעפּלט ביזן האַלדז, און דער צווייטער דעם יום־טובדיקן אַנצוג מיט אַ ראָספּער אין דער מאַרינאַרקע. אַ קיל פאַרנאַכטיק ווינטל ווייעט פון צפון. די הרי־יהודה ווערן טונקעלער, די בערג־שפּיצן טיילן זיך אָפּ פון די הימלען, די מענטשן גייען באַרג־אַראָפּ.

— האָסט שוין געזען דאָס שטיק פעלד? — זאָגט איינער.

ענטפערט דער צווייטער:

— ער פאַרגרעסערט עס, דאָס פעלד.

— מ׳וועט אים סייווי אַראָפּטרייבן, — זאָגט כאַמעליע פאַרטראַכט.

— וואָס הייסט אַראָפּטרייבן? ווער וועט עס דען אַראָפּטרייבן פון דער ערד?

— עך זאָג, אַז מ׳עט אים צונעמען די ערד. וואָסי, ס׳איז הפקר, יעדער וועט אַקערן ערד, וואָס פאַרע כאַפּעניש און אויסכאַפּעניש?

— וואָס דאַרף ער טאָן, ניט אַקערן?

— וואָס הייסט וואָס ער דאַרף טאָן? וואַרטן! וואַרטן דאַרף מען. מעט שוין קומען און אויסטיילן אַלעמען גלייכע שטיקער ערד. ער גייט זיך איי־נער אַליין און פאַרנעמט אַ פעלד. אומזיסט די האַרעוואַניע... אַפּגעריי־ניקט... געגראָבן וואָרצלען... עסט זען מ׳עט קומען און זאָגן: פאַרנעם זיך פון דאַנען... קענסט נישט די יידעלעך...

— אַזוי, כאַמעליע? אַזוי זאָגסטו?

— אוודאי זאָג איך, אַזוי ווי דו קוקסט מיך אָן, וואָלט איך אויך חשק געהאַט צו נעמען ערד, נאָר כ׳וואַרט מ׳זאָל קומען און אויסמעסטן, פאַר־שרייבן אין די ביכער אַרויסגעבן אַזאַ קוויט, דעמאָלט קויף איך אַ פערד, בוי אַ שטאַל. אָן אַ קוויט אויף דעם פעלד קענסטו אַמאָל בלייבן ווי יענער באַלעגאָלע מיטן בייטשל...

יאַנקל קריפּער איז טרויעריק געוואָרן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט. געטראַכט האָט ער זיך, אַז ס׳איז אפשר אַ גע־דאַנק פאַראַן אין כאַמעליעס רייד, ווער ווייס וואָס ס׳וועט נאָך זיין מיט די פעלדער, מ׳קען טאָקע אַראָפּטרייבן, ווייניק האָט מען דען געטריבן? ער האָט שוין געהאַט אויסגעקוקט אַ שטיק פאַרטרוקנטן פרדס אויף צו באַ־אַרבעטן, געוואָלט אפילו דינגען אַ פערד צום אַקערן. מ׳דאַרף וואַרטן. ער איז געבליבן דער כאַמעליע. עס לייגט זיך אויפן שכל. מ׳דאַרף אויך וואַרטן מיטן פאַרריכטן דאָס שטיבל, כ׳ווייס, אפשר? אַ קשיה אויף אַ מעשה?

זיי זענען אַוועק אין באַזונדערע ווינקלען פון געסל. ס׳האָט שוין גע־טונקלט. די מימאָזע־קוסטעס האָבן געשפּרייט איידעלע ריחות. די געלע פּוך־בלימלעך, געדיכט־באַזעצטע אויף די צווייגן, האָבן אויסגעזען ווי נאָענטע שטערן. אַ פלעדערמויז איז נידעריק אַדורכגעפלויגן. ער האָט זיך איינגע־בויגן, אַזוי ווי מען באַהאַלט זיך פאַר אַ געוואָרפענעם שטיין.

— עמ׳ער וואַרטן, וואָס טאָקע ס׳איילעניש? — האָט ער גערעדט צו זיך.

איבערן מעטשעט־געסל איז געהאַנגען אַ שפּעט־זומערדיקע לבנה.

— ג —

פּיניאָק האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין געסל. ער איז זעלטן געווען אין דער היים. מען האָט אים געזען אין יפו, אויפן אַלטוואַרג־מאַרק, אין די אַראַבישע ליקלעך, געשטאַנען ביי די שוועלן פון טומלדיקע קאַפעען, ביים ים האָט ער געקוקט אויף די מאַסטן פון פרעמדלענדישע שיפן, אויפן מענטשן־געלויף, אויף די לאַסט־אויטאָס וואָס האָבן זיך געיאָגט מיט אַ

בלעכן־געסקריפּעריי. ער האָט ניט פאַרשטאַנען דאָס לשון פון די שוואַרץ־ברעמענדיקע יונגען ביים טויער פון יפוער פאַרט. זיי האָבן הויך גערופן איינער דעם צווייטן, געשפּרונגען זיך אין די פנימער אַריין מיט געביילטע פויסטן, צו קיין געשלעגן איז עס ניט דערגאַנגען, פאַרקערט, נאָך אַזאַ שפּרינגעניש האָבן זיי גוט־ברודעריש געלאַכט און געאָרעמטע אַוועק אין די קליינע טונקעלע קאַפעען. ער האָט דאָ קיינעם ניט געקענט און געפילט זיך דערפאַר, קליין און פאַרלאָרן.

איין מאָל, ווען פיניאַק איז געשטאַנען ביי אַ קאַפע־טישל און געגעסן, איז עמעצער צוגעקומען און געזאָגט עטלעכע אומבאַקאַנטע פרעמדע ווערטער. ער האָט ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אַן אַנדערער, וואָס האָט זיך פון דער זייט צוגעהערט צו דעם פרעמדנס רייד, וואָס זענען געזאָגט געווען צו מוינען, האָט אים אַ צי־געטאָן ביים אַרבל. ער איז מיט זיי אַרויס אויף דער גאַס. זיי זענען געגאַנגען צום טויער פון האַפן, אַדורך די טויערוואַך און צוגעקומען צו אַ שיף וואָס איז געווען פאַראַנקערט. אַ מאַן צוואַנציק האָבן איילניק געלאָדן זעק. פיניאַק האָט זיך געשטעלט אַרבעטן. ער האָט פלינק געטראָגן די זעק. גענומען איין זאַק אויפן אַקסל און דעם צווייטן אונטערן אָרעם. מען האָט זיך איבערגעקוקט. עמעצער האָט שטיל געזאָגט עפּעס. פיניאַק האָט אים ניט פאַרשטאַנען, ער האָט אַראָפּגעצויגן ס'העמדל, ער איז געווען נאַס פון שווייס. די האַפן־אַרבעטער האָבן זיך אָפּגערוט, אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צום נייעם אַרבעטער. זיי האָבן געקוקט אויף פיניאַקס אויסטאַטואירטער ברוסט, אויף די מוסקלען, אויף די ברייטע אַקסלען. איינער איז צוגעקומען נאָענט און אין אַ גוט־ברודערישן קלאַפּ־געטאָן איבער דער פּלייצע.

— דו יידיש?

— יאָ, יאָ, — האָט פיניאַק געזאָגט.

— דו אַ האַנט גיב, דו יידיש, איך סאַלאָניקי... מיר יידן גלייך ביידע...

פיניאַק האָט געשמייכלט. זיי האָבן זיך געפּאַטשט אין די דלאָניעס. עס איז אים געוואָרן פריילעכער און היימישער. זיי האָבן אים צוגעוואָרפן אַ יידיש ווערטל און געהאַט פאַר אים גרויס אָפּשיי. די פאַרט־אַרבעטער האָבן באַוווּנדערט דעם פרעמדנס געשטעל, די לייכטקייט מיט וועלכער ער האָט אונטערגעהויבן די זעק. זיי האָבן געוואָרפן בליקן צו דער אויסטאַטואירטער נאַקעטער פרוי מיט צוויי היפטן, וואָס אין דער צווייטער העלפט איז די פרוי אַ פיש. זיי האָבן געזען אויף דער פּלייצע די געקרייציקטע מעסערס וואָס לעכערן דורך אַ האַרץ. די סודותדיקייט פון פרעמדן האָט זיי געלאָקט. דאָס איז ניט עפּעס אַ גרינער, אַ נייער עולה וואָס קומט זיך אָפּמוטשען אַ פּאָר וואָכן אין האַפן אַריין, קרעכצט און אָכצט ביי יעדן טריט, איז פאַרזויערט און וואַרפט אַן מרה שחורה אויף אַלעמען און אין אַ שיינעם טאָג ווערט ער נעלם און זאָגט אפילו ניט קיין גוטן־טאָג די

חברים פון דער האַפן־אַרבעט. ער איז פון אונדזעריקע, דער פּיניאַק, ער איז אַן אמתער חברהמאַן, ער איז ווי ביי זיך אין דער היים, אַן אייגענער.

נאָך דער אַרבעט האָט מען געטרונקען ביר אין שענק און פאַרביסן מיט געקאָכטע אַרבעס. מען האָט פּיניאַקן באַגלייט ביזן אויטאָ, געוויזן דעם וועג ווי אַזוי אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון די נאַכטיקע פּאָרט־געסלעך. ער איז געוואָרן מיט זיי היימיש און צוגעזאָגט מאָרגן ווידער צו קומען אין האַפן אַריין.

מאַרוסיע איז ניט געווען אין שטוב. ער האָט אָנגעצונדן די נאָפט־לאָמפּ און געשטאַנען אין מיטן פון פוסטן צימערל. זיין גרויסער שאָטן איז געפאַלן אויף די ווענט, אויפן סופיט. אין קיכל האָט ער געפונען דאָס אָוונט־עסן. ער איז אַוועק. יעדעס מאָל איז אים אָנטקעגן־געשפּרונגען אַ פלעמל פון אַ פענצטערל. ער איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ מיטן וועגל וואָס צווישן די דערנער.

— ד —

די איינציקע מיט וועמען מאַרוסיע האָט זיך באַפריינדעט איז געווען חמרה. די פריינדשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך דעם ווי חמרה האָט זיך באַזעצט אין מוינעס הייפל. מאַרוסיע איז געגאַנגען מיטן וואַדי, ס'האָט איר גערופן דער גרין־גראַזיקער טאָל. אין די נעפּל־נעכט האָט דער וואַדי אויסגעזען ווי אַ טייך צו וועמענס ברעגעס וואָלקנס קומען זיך אָנטרינקען. דער מיראַזש פון ברייטע טייכן איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט צו זיי געשפּאַנט, צו די טייכן, און קיין מאָל ניט געקענט דערגרייכן זייערע ברעגעס. געוואַרט אויף די רעגן־שלאַקסן, אויפן וואַסער־געפּליוך, זי וואָלט אירע האָר און פּנים אַנטפּלעקט פאַרן געוויטער. אין די חלומות איז זי געלאָפן מיט צעשויבערטע האָר מיט אַנטבלויזטע בריסטן אַנטקעגן דעם צעבליצטן הימל. זי האָט געוואַרט אַז אַ מעכטיקער דונער זאָל פאַרטויבן איר געשריי. פּיניאַק איז געווען גוט צו איר און מילד. ער האָט גערעדט שטיל, געגלעט די האָר און אַנטקעגנגעטראָגן אַ פאַרשעמטע מענערישע הכנעה. דאָס איז ניט געווען מער דער פּיניאַק וואָס זי האָט געטראָפן אויף די מלחמה־וועגן, דער פּיניאַק וואָס האָט איר ווי אַ שניי־וויוגע אַ פאַרהיל־געטאָן אַזש ס'האָט איר דער אָטעם פאַרהאַקט. ניין, ניט דער וואָס האָט זיך מיט פוסטן געוואָרפן אין די הפקר־וואַגאָנען פאַר אַ ווינקל וו מאַרוסיע זאָל קענען רוען, ניט דער, וואָס האָט געטריבן די ווילע יונגען פון דעם איינזאַמען מיידל מאַרוסיע און גענומען איר אין שוץ. ער איז דעמאָלט געווען צו איר, אַמאָל גוטמוטיק און אָפט בייז, גראָב, געטריבן איר פון זיך מיט קלעפּ. וואָס מער ער האָט איר געטריבן, אַלץ מערער איז זי אים נאָכגעגאַנגען, געקניט פאַר אים און אַרומגענומען זיין טשופּרינע מיט גוטע מיידלשע הענט. אַ שיכורן

האָט זי אים געפּירט פון די פאַרשנייטע וואַגאָנעס און געוואַכט איבער אים. אָבער דאָ איז ער געוואָרן אַ צווייטער מענטש, ניט דער פּיניאַק פון אַמאָל. ער איז ווי די פאַרגליווערטע צווייגן פון הויכעביימער אין די זומערן פון דעם לאַנד. זיי רירן זיך ניט, דער ווינט שויבערט ניט די בלעטער, מען זעט ניט קיין סימן פון לעבן, אַזעלכע זענען אויך די דערנער־קוסטעס, די פעל־דער. אַמאָל גיט אַ נאַכט־ווינטל אַ קעם־דורך די טאָלן, און אַלץ זעט שפּע־טער אויס ווי אין אַ פאַרגליווערטן חלום־לאַנד.

איין מאָל איז פּיניאַק געקומען שפּעט אַהיים. מאַרוסיע איז געזעסן אויפן בעטל און ניט געצונדן קיין ליכט. עס איז געווען שטאָק־פינצטער אין צימערל.

— מאַרוסיע, מאַרוסיע, — האָט פּיניאַק גערופן.

זי האָט עפּעס יאָ געענטפערט און ניט געענטפערט, זי האָט נאָר אַ ברום געטאָן.

— צינד אָן די לאָמפּ, גרייט דאָס אָוונטברויט.

— צינד אַליין! ס׳עסן איז ניט גרייט!

ער איז נאָענט צוגעגאַנגען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. פּיניאַק האָט געאָטעמט מיט בייזקייט. ס׳ערשטע מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן ווי ער איז בייז, האָט מאַרוסיע געטראַכט. זי האָט דערשפּירט דעם בראָנפן־ריח. די אָדערן פון שטערן־ווינקל האָבן איר געצוקט. ער האָט איר אָנגענומען מיטביידע הענט פאַר די אַקסלען. זי האָט זיך געוואָלט אַרויסגליטשן, נאָר ער האָט מיט די שטאַרקע פינגער איינגעפּרעסט זיך אין איר און געטרייסלט. אין דער פינצטערניש האָבן געבליאַסקעט זיינע ווייסלען. זי האָט געוואָלט שרייען, נאָר אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט; דאָס שלאָגן פון די שלייפן, דער אָטעם, די הענט זענען געליימט געוואָרן און די קני האָבן זיך געבראָכן. זי איז געוואָרן נאָכגיביק און געשטאַמלט עפּעס. מאַרוסיע איז געפאַלן אויפן דיל, אַרומגענומען זיינע פיס, געוואַרט אַז זיינע שטאַרקע אָדערדיקע הענט זאָלן איר אַ טראַג טאָן אין סאַמע שטורעם אַריין, אין דער צעוויכערטער בייזקייט זיינע אַריין. זי האָט געוואַרט אויף זיין פיס־שטויס, אויף דעם מענערישן כעס, אויפן שיכורן אָטעם, אויף די בליציקע ווייסלען פון די בייזע אויגן, זי האָט געלעכצט און געגאַרט צו דעם שטורעם וואָס איז אויס־געבראָכן אַזוי פּלוצעם און איר געשליידערט צו די אַלט־היימישע וועגן פון אַמאָליקע טעג פון יונגשאַפט, צו די טרויעריקע וועגן פון מלחמה־טעג.

פּיניאַק האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַוועקגעלייגט זי אויפן בעט, אָנגע־צונדן די נאַפט־לאָמפּ, געגרייט דאָס נאַכט־עסן. ער האָט געבעטן זיך ביי מאַרוסיען:

— זיי מיר מוחל, כ׳וועל מער ניט שרייען אויף דיר, כ׳וועל ניט טאָן אַזוי...

— כ'האָב דיך פיינט, פיניאַק, פיינט, — און זי האָט זיך צעכליפּעט אינעם קישן אַריין.

געווען איז דאָס אין אַ פאַרנאַכט. מאַרוסיע האָט שפּאַצירט ביים וואַדי. זי האָט געקליבן פעלד־בלומען. פּלוצים איז איר אַנטקעגן־געקומען חמרה. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געשמייכלט.

— שלום, — האָט חמרה געזאָגט.

מאַרוסיע איז צוגעקומען נעענטער. געענטפערט אויף דער באַגריסונג. זי האָט עפּעס געזאָגט און געוויזן די בלימלעך, געטייטלט צום מעטשעט־בערגל. זיי האָבן זיך ניט פאַרשטאַנען איינע די צווייטע.

מאַרוסיע האָט געקענט אַ פּאָר ווערטער אין יידיש. זיי זענען זיך געפעלן. חמרה האָט איר אָנגענומען פאַר דער האַנט און איר געפירט צום וואַדי. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק ביזן האַלב־פאַרטרוקנטן וואַסער־אָדער. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיינער, דערנעבן זענען געוואַקסן די מענטע־גראָזן. חמרה האָט דאָ אויסגעפונען אַלערליי שאַרף־ריחותדיקע בלעטער און זיי צונויפגעבונדן מיטן סטעפּ־האָר אין בינטלעך. מאַרוסיע האָט געדאַנקט און געלאַכט צו דער רויטהאָריקער חמרה. איינע האָט געהאַט פלאַקסענע האָר, גלייכע, ווי דאָס רייפע קאָרן־פעלד, אַ קורץ פאַררייסן נעזל און אויגן מיטן שיין פון אַ פאַרטאָגיקן הימל. די צווייטע האָט אויסגעזען ווי צעגליטער קופּער פון די בערג־שפּיצן, די אויגן — שיף, מאַנדלענדיק, דאָס פּנים — ברייט מילד און שמייכלדיק. חמרה האָט געוויזן מיט די טונקעלע הענט דעם גאָרטן, דאָס הייפל, געטייטלט צום צעאַקערטן פעלד און געלאַכט מיט בלענדיק ווייסע ציין.

חמרה האָט איר געפירט אין שטוב אַריין.

— אני, חמרה... חמרה... — זי האָט דערביי געוויזן מיטן פינגער אויף זיך.

— מאַרוסיע, מאַרוסיע אני, — האָט זי איר נאָכגעזאָגט.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען די שפּעט־זומערדיקע בייטן. מאַרוסיע האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט, געטייטלט מיט די פינגער און אָנגערופן די געוויקסן מיט היימישע נעמען, אויף רוסיש, אויף אַ גרייזיקן יידיש, זי האָט די שפּראַך צונויפגעמישט, פאַרפּלאָנטערט. זיי זענען געגאַנגען גע־אָרעמט ווי אַלטע פריינד וואָס קענען זיך פון לאַנגע צייטן.

פון שטאַל איז אָנגעקומען מוינע און געזען די צוויי פרויען, לאַכנדיקע, געאָרעמטע.

זיי זענען געזעסן אין צימערל און גערעדט. מוינע האָט פאַרטייטשט חמרהן וואָס מאַרוסיע זאָגט, עס איז אָבער געווען איבעריק דאָס פאַר־טייטשן. חמרה איז געזעסן מיט אַ ליכטיק פּנים און געשלונגען יעדן קלאַנג וואָס איז געקומען פון מאַרוסיעס מויל, זיי האָבן גערעדט מער מיט די

אויגן, מיט די שמייכלענדיקע ליפּן ווי מיט ווערטער. עפּעס האָט זיי פון ערשטן אויגנבליק דערנענטערט און געמאַכט פאַר פריינד. פון יענעם טאָג אָן איז מאַרוסיע אָפט געקומען צו חמרהן. זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען אין גאָרטן און אין אַ פרייען נאָכמיטאָג זענען זיי געפאָרן אין שטאָט אַריין.

אין הייפל האָט מוינע אָנגעהויבן בויען די שטאַל. מען האָט געמוזט צעוואַרפן אַ שטיק פון ליימענעם פלויט און פאַרברייטערן דעם הויף. מוינע האָט אויסגערעכנט אַז אין שטאַל זאָל זיין אָרט פאַר צוויי קי און אַ קאַלב און אַ באַזונדער ווינקל פאַרן פערד. די שטאַל־פאַדלאָגע האָט ער געוואָלט גיסן פון צעמענט און מאַכן שטיינערנע קאָרעטעס. ער האָט געדאַרפט געלט, אַ גרויסן חלק האָט ער געהאַט אָנגעקליבן. ער איז געפאָרן צום ירקות־מאַרק און דאָרט ביי עטלעכע פון די גרינוואַרג־סוחרים באַקומען אויסגעליען געלט ווי אַן אַדערויף אויף קאַרטאָפל וואָס ער וועט זיי דאַרפן צושטעלן אין נייעם סעזאָן. זיי האָבן אים געגעבן געלט פריער־אויס כדי זיך אַזוי אַרום צו פאַר־זיכערן מיט סחורה. עס איז געווען אַ גרויסער דוחק אין ירקות, וויפל מען האָט נאָך ניט געבראַכט איז אַלץ אויספאַרקויפט געוואָרן באַלד אין די פרי־מאָרגנס. מוינעס ירקות זענען געווען פון די שענסטע און גלייך פון פעלד.

צוזאַמען מיט אַ מויערער פון בערגל האָט ער געשטעלט די ווענט פון שווערע צעמענט־בלאָקן, געדעקט דעם דאַך, געגאָסן אַ פאַדלאָגע, געגראָבן אַ טיפן גרוב און אים אויסגעמויערט מיט שטיינער פאַר בהמה־מיסט. מען האָט געלייגט שטיינערנע פאַסאַדסקע אין חדרל, פאַרראַכטן דאָס הויף־טירל, אָפּגעקאַלכט די ליים־ווענט און פאַרוואָרפן די ווענט פון הייזל מיט צעמענט, די רעגנס זאָלן ניט אָפּשווענקען די ליימענע ציגל.

אין שטאַל איז געווען כמעט ליידיק, נאָר אין אַ קליין ווינקל האָט גע־האַט דער קאַרער זיין פלאַץ. אפשר אויף דעם צווייטן זומער וועט ער שוין האָבן אייגענע קי, דערוויל וואָלט ניט קרום געווען ערגעץ צו באַקומען אַ קעלבל, זאָל עס שטיין ביז איבערן ווינטער, צו זומער קען עס שוין זיין אַ יונגע קו. סיי ווי איז דאָ אָרט אין שטאַל, און פאַשע איז אויך דאָ. אַזוי האָט מוינע געטראַכט.

עס זענען אָנגעקומען די צייטן פון אַרבעט אין גאָרטן און אַרבעט האָט ניט געפעלט. ער איז אַרויס מיט חמרהן ווען ס׳האָט נאָך געשאַריעט. ר׳האָט איר ניט געוואָלט וועקן, נאָר זי איז תמיד גלייך אויפגעשטאַנען און געלאָפן אין פעלד אַריין. זיי האָבן געאַרבעט שווייגנדיקע, שטילע, יעדער ביי זיין בייט. אַז די זון האָט זיך געשטעלט איבער די בערג זענען זיי געגאַנגען עפּעס איבערבייסן. חמרה איז געשפּרונגען איבער די קוסטעס, אי־בער די צעאַקערטע שטיקער ערד. זי האָט פאַרגרייט אַ הייס גלאָז קאַווע, האָט געשניטן פּענעצער ברויט און אַז מוינע איז געקומען צום שטאַל האָט זיך פון קיכל דערטראָגן דער ריח פון פרישער קאַווע. דער היימישער וואַ־רעמער ריח האָט אים אויפגעמונטערט. עס איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ

היים־ליבשאַפט, זי האָט געלויכטן, די ליבשאַפט מיט אַ ברוינלעך־רויטן ליכט פון חמרהס האָר, מיט די רויטליימיקע פרוכפּערדיקייט פון זיין ערד. ער איז געזעסן ביים טישל אַנטקעגן חמרהן און פּאַמעלעך געגעסן דאָס ברויט, געזופּט די קאַווע, בנעימותדיק און שטיל.

אין די פאַרנאַכטן זענען זיי צוריק־געגאַנגען אַ היים, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן אריינגיין אין הויף און געקוקט צום פעלד. גלייכע שיינע בייטן זענען געלעגן ווירעדיק צעשניטן, אַ טייל זענען שוין געווען געדיכט באַדעקט מיט ליכטיק גרינע בלעטער. לאַנגע רייען קאַרטאָפל־קוסטעס זע־נען שוין אויפגעגאַנגען זיי האָבן שוין ווו ניט ווו געבליט מיט קליינע ראָזע בלימלעך. די אויסגעקרוטע ערד פון פאַרטריקנטן פּרדס איז געווען פרוכ־פּערדיק, דער טיפער אַקער האָט אויפגעריסן די פאַרווילדעוועטע ערד און איר באַצוווּנגען.

— קוק מוינע, די קאַרטאָפל געראָטן, זיי בליען שוין.

זי איז געגאַנגען נאָך זיינע טריט. ער האָט געלאָזן דעם ברונעם־מאָ־טאָר. די וואַסער־רער איז איבערגעפולט געוואָרן און שטראָמען האָבן גע־שלאָגן פון דעם ברונעם. מוינע האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס העמד און אַרום־געוואַשן זיך אין דער העלפט. ער האָט געקילט זיין קאָפּ אונטערן וואַסער־שטראָם. חמרה איז געקומען פון צימערל מיט אַ האַנטעך און מיט זייף. זי האָט אים אַרומגעווישט די פּלייצע, אַריינגענומען זיין שוואַרצן קאָפּ אין אירע הענט.

דאָס זענען געווען טעג פון גרויסן עול. זיי האָבן אַרומגעגראָבן די קאַרטאָפל, ווייך געמאַכט די ערד, אַרויסגעריסן די קלענסטע ווילדגרעז־לעך. דאָס קאַרטאָפל־פעלד איז גרויס, פאַרנעמט כמעט אַזויפיל שטח וויפל דאָס טאָמאַטן־פעלד. חמרה האָט געאַרבעט ביי די קרויט־בייטן, ביי די בור־רעקעס און ציבל. די קרייטעכצער פון דעם שפּעטן זומער וואַקסן גיך און פאַרמיסטיקן די בייטן, זיי שפּראָצן אַרויס נעבן דעם פלאַנץ, פאַרוויקלען זיך אין זיינע וואָרצלען, און עס איז שווער אַרויסצורייסן די שלאַנגען־גראָזן און דעם קריכווייץ. זייערע וואָרצלען זיצן טיף אין דער ערד און קריכן פון בייט צו בייט און לאָזן וואָרצלקנופּן. טייל קרייטעכצער זענען ענלעך צו די קרויט־פלאַנצן, צו מייערן און בורעקעס. עס דויערט אַ צייט ביז זיי צע־וואַקסן זיך. ערשט דעמאָלט דערקענט מען אַז דאָס האָבן זיי אָפּגענאַרט מיטן אויסזען, נאָר זייערע וואָרצלען האָבן זיך שוין באַוויזן איינצוגראָבן אין דער בייט. חמרה דערקענט די פאַלש־פלאַנצן גלייך פון דער ערשטער רגע ווען זי דערזעט זיי. זי דערקענט זיי לויטן גרינעם שימער, לויט דער בלאָלעך־געלן וואָרצל־קני וואָס קוקט אַרויס פון דער ערד.

— ה —

אין די נאָכמיטאָגן צינדט מוינע אָן דעם ברונעם־מאָטאָר און ס׳רעגל־מעסיקע קלאַפּן פון דער וואַסער־פּאָמפּע, כּאָטש אַ שטילס, גרייכט ביזן מע־טשעט־בערגל און צווינגט די מענטשן פון געסל אַראָפּצוקוקן צו מוינעס גרינע פעלדער.

פון דער צווייטער זייט וואָדי שפּרייטן זיך פעלדער, פאַרוואָרלאָזטע גערטנער און טרוקענע פּרדסים. אַ שמאָל קעמל־וועגל וויקלט זיך צווישן די סאַבּרע־קוסטעס און פלעכט־גראָזן, טייוולס־האָר און קלעטער־פּאָדעם. דאָס וועגל איז ליכטיק. קיינער וואַנדערט ניט איבער די פעלד־וועגלעך און פּרדס־שטעגלעך. די סאַבּרע־קוסטעס פוןביידע זייטן האָבן זיך נענטער צוגעבויגן מיט זייערע קעפּ און אַרויסגעשטעלט די שטעכיקע פלאַכן צו דער זון. עס טרעפט אַז אַ היימלאָזער אייזל בלייבט שטיין פאַר די סאַבּרע־קוסטעס און וואַרפט זיך אויף זיי מיט די קלאָען פון די פאָדערשטע פיס. עס רייצט אים דער זאַפטיקער גרין פון די סאַבּרע־בלעטער. אין די נעכט דערטראָגט זיך פון די פּרדסים אַ שאַקאַלן־געוווי, דאָס איז אַוודאי אָן ענטפער פון אַ שאַ־קאַלן־סטאַדע צו אַ פאַרבלאָנקטן שאַקאַל וואָס איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין די פלעכט־גראָזן און קען ניט געפינען קיין וועג צו די שאַקאַלן.

מוינע כאַפּט זיך אויף אין האַלב־נאַכט און גייט צום שטאַל. דאָס פערד אָטעמט אויף אים מיט אומרואיקע נאָזלעכער. אַ צעפּאַרעט וואַרעמער און פייכטער ריח פון פערדמיסט נעמט אים אַרום. אין הויף איז פינצטער, די פעלדער ליגן פאַרהילט אין אַ נעפּלטוי. פון דער ים־זייט בלינצלען דורך דעם נעפּלשלייער טויזנטער פייערלעך ווי אַ ווייט חלום־ליכט. זיין הויף געפינט זיך אין דער מיט פון צוויי וועלטן. איין וועלט — די פעלדער, דאָס שאָטנדיקע מעטשעט־געסל, דער נאַכטיקער טוי אויף הפקר־וועגלעך, און פון דער צווייטער זייט — די נאָענטע שטאָט, די לאָקנדיקע נאַכט־פייערלעך. ער וואָלט איצט געוואָלט גיין איבער די גאַסן, אויסמישן זיך אין דער גע־דיכטעניש פון אַ המון וואָס פלייצט אַרויס פון אַ ליכטיקן זאַל. אַריינגענומען ווערן אין דער מאַסע, לאָזן זיך טראָגן מיטן מענטשן־שטראָם, שפּירן ביים רוקן פרעמדע מענטשן, אויפכאַפּן ברעקלעך רייד, אָפּגעריסענע, אָן צוזאַ־מענהאַנג, געלעכטערס און שעפּטשערייען.

חמרה שלאָפט, זי וועקט זיך קיין מאָל ניט איבער אין די נעכט. איר שלאָף איז אַ שווערער און געזונטער, ווי דער אָטעם פון פרישׂ צעאַקערטער ערד. אירע הענט שמעקן מיט קרייטעכצער. ער ווייס ניט מוינע פאַרוואָס, נאָר ס׳ווערט אים טרויעריק אין די נעכט. ער קען ניט איינשלאָפן און צו מאָרגנס גייט ער אַרום אַ פאַרטראַכטער. זיינע באַגעגענישן מיט חמרהן דערמאָנען אין די רעגנס וואָס פאַלן פלוצעם, צעווילדעוועטע, און דערנאָך ווערט אַלץ איינגעשטילט. זי שענקט אים אַלץ אַוועק, חמרה, אירע האָר,

איר פּנים, דעם אָטעם. זי ווערט דערנאָך שטיל ווי אַן אויסגעלאָשן פעלד נאָך זון־פאַרגאַנג. בײַטאָג גיט זי אַוועק איר מי און ליבשאַפט דעם פעלד, פאַר מוינען האָט זי ניט קיין צערטלעכקייט, קיין לאַסקעס. ער וואַרט אויף זיי, נאָר זי איז פּשוט און שטיל אַזוי ווי דער נעפּל וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבערן וואַדי און פאַרטאָג הייבט ער זיך אויף צו די הימלען און פאַרשווינדט.

די לעצטע צייט ציט עס מוינען צו דער שטאָט. ער קומט דאָרט אין די מיטאָגן און וואַנדערט בײַם ים־ברעג, אַרום די שיינע גאַסן. ער שטעלט זיך אָפּ פאַר די פּיל־שטאָקיקע הייזער און קוקט צו די באַלקאָנען. אַמאָל כאַפּט ער זיך אַרײַן אין אַ קינאָ, שטופּט זיך אין געדרענג בײַ דער קאַסע, גייט איבערן וואַרט־זאַל וואָס איז פול מיט גלאָז און ליכט. ער זעט זיך אין די שפּיגלען און ווערט אומעטיק. זײַן קליידונג איז אָפּגעטראָגן, די שיך מיט סמנים פון פערדשטאַל, זײַנע האָר — צעפּאַטלט. ער גייט מיט אַ פרעמדן גאַנג, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך אויסצוגליטשען. די הענט הענגען אים אַראָפּ און ער קען קיין אָרט פאַר זיי ניט געפינען. ער זעט אויפן לײַוונט פרעמדע שטעט, לויפנדיקע באַנען, שיינע זאַלן, פרויען אין וווּנדערלעכע קליידער, זייערע אָרעמס זענען שלאַנק און די פינגער דינע און לאַנגע. און ליכט פון אַלע זײַטן — בלענדיקע קרישטאָל־ליכטער. אַ גרויסע און שיינע וועלט, אַ צעזונגענע און ליכטיקע. און אין דער וועלט איז יאַלאַנע. ערגעץ איז זי דאָך דאָ. געדענקט זי אין מוינען? ער געדענקט איר, ער זעט איר אין בלענד פון ליכטער. דער המון פון קינאָ האָט זיך אַרויסגעשאָטן אין זײַטיקן ים־געסל. מוינע איז געגאַנגען פאַמעלעך, ער האָט געזוכט פרעמדע בליקן, אויפגעכאַפּטע ווערטער וואָס זענען לעבן אים געפאַלן. ער האָט געזען פרויען ענלעכע צו יאַלאַנען. אָפט איז ער זיי פאַרגאַנגען דעם וועג, אײַנגעקוקט זיך אין פרעמדע פּנימער. אז ער האָט זיך דערנאָך אומגעקוקט איז ער געוועזן אַליין. די מענטשן זענען אַוועק און ער איז געבליבן בײַנאַכט בײַם ים. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַן אײַזערנעם אַנלען און פאַרזונקען זײַן קאָפּ צום אויסגעלאָשענעם זאַמד. ווײַט אין מיטן ים האָט געשאָטנט דער שפּיץ פון אַ מאַסט. שוים־וועלן האָבן אויפגעטויכט און פאַרגאַנגען.

— ו —

פּיניאַק האָט אַ צוק־געטאָן מיט אַ מויל־ווינקל. אַ שאַרפער שניט האָט זיך געטונקלט אויף זײַן באַק.

— כ׳בין אומעטום אַ פרעמדער, — האָט ער געזאָגט צו מוינען — אומעטום פרעמד, אין פאַרט בײַ די סאַלאָניקער, אויפן מעטשעט־בערגל, אין דער היים. ניטאָ צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. מאַרוסיאַ לויפט פון שטוב. דער אומעט טרײַבט מיך...

די נאַכט־סאָווע וואָס איז געשטאַנען אויפן שפּיץ פון אַ שיקמה האָט שטיל געגרופן. איר רוף, כאָטש אַ שטילער האָט אָפּגעשלאָגן זיך ווי אַ פאַרדעמפטע קול אין אַ ברונעם־טיפעניש און געשפּרייט אוונט־טרויער אויף מרחקים. ס׳איז אויסגעקומען ווי דאָס וואָלט ניט געווען אַ סאָווע־רוף נאָר דער עכאָ פון אַ מענטשיש געוויין וואָס איינער האָט דאָ מיט דורות צוריק געוויינט און איצט, נאָך וואָגלעניש איבער מידבריות, איז עס צוריקגע־קומען אויפן זעלבן אָרט פון וואַנען דער ווינט האָט דאָס געוויין אַוועק־געטראָגן...

מיר זענען אויך צוריקגעקומען אַהער ווי ס׳קומט צוריק דער עכאָ פון אַן אַלט געוויין, האָט מוינע געטראַכט. ביידע האָבן געשוויגן. ווייל וואָס האָבן זיי געקענט רעדן אין דעם שפּעט־זומערדיקן פאַרנאַכט?

אויפן מעטשעט־בערגל, ביים קאַפע האָט מען שוין אָנגעצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ. ס׳זאַמלען זיך דאָרט די איינוווינער, זיי קנאַקן יאָדערן, דער גראַמאַפאָן הילכט מיט געטומל און בראַזגעריי ווי ס׳וואָלטן זיך שויבן געבראָכן.

מוינע און פּיניאַק שטייען ביי דער באַלויכטענער שענק. די מענטשן רוקן זיך ענגער צונויף, זייערע פּנימער זענען מיט שאָטנס. הינדע גייט פאַרביי און טראָגט אַ טונקל קלייד, לאָזט איבער נאָך זיך אַ ריח פון פאַרפום. זי פאָרט אין שטאָט אַריין. פון אַ ליימיקן גדר האָט זיך אַרויס־געשאַרט שאָלקע נאָזדרע אַזוי ווי אַ נאַכט־שאָטן וואָס שווימט אַן פלוצעם פון ערגעץ. ער איז צוגעקומען נאָענט, איינגעבויגן זיך מיטן נידעריקן אַקסל און מיטן פאַרזשמורעטן אויגל געפינקלט צו דער נאַפט־לאָמפּ.

— האָסט עפּעס געהאַנדלט? — האָט שימאָ אים הייזעריק געפרעגט.

— אַ שיקלדיקע פרידה האָב׳עך... — האָט שאָלקע געזאָגט און גע־טייטלט אויף הינדען וואָס איז אַדורכגעגאַנגען צום הויפּטוועג. ער איז אין כעס אויף הינדען. שימאָ ווייס פאַר וואָס נאָזדרע איז אין כעס. אַנומלט האָט אים שאָלקע געבעטן איבערצורעדן מיט דער שכנה, זאָגן איר, אַז עפּעס בעסערס ווי שאָלקע נאָזדרע איז אויף דער וועלט נישטאָ, און מ׳דאַרף איינקלאַפּן און זיפּן בראָנפן און ברעכן טעלער... נאָר הינדע האָט געעפנט די שמאָלע ליפּעלעך און געגעבן אַזאַ ענטפער:

— וועס? עך מיינט דעם פערד־טרייבער? גייץ און זאָגץ עיעם, אַז ער זאָל זיך אויסזוכן אַן אַנדערע פאַר אַ וואַאַב, ביי די שוואַרצע. מוינע וועט עם שוין געבן אַן אַדרעס ווי מ׳קען זיי זוכן... — הינדע האָט זיך דעמאָלט צעלאַכט מיט אַ שטעכיק געלעכטערל, אַ טרוקנס, אַ בייז׳ס און צוגעהאַקט די טיר. פון דעמאָלט אָן איז זי אין כעס אויפן געסל און קומט שוין מער ניט צו מוינען נאָך גרינסן, זי מיידט אויס דעם שכן נאָזדרע. ער ברענגט יעדן טאָג פון די אַרומיקע אַלטע ישובים פערד און אייזלען, ער בינדט זיי צו אונטערן פענצטערל פון הינדעס צימער, דרייט זיך דאָרט אַרום און שיקלט

אַריין מיטן קליינעם פאַרזשמורעטן אויג. דאָס ווייסע פאַרהאַנגל איז שטענדיק פאַרהאָנגען. ער זעט איר דאָרט קיין מאָל ניט.

— הע, הע, זי פאָרט אין שטאָט אַריין, פאָרט זי... — האָט איר נאָזדרע נאָכגעטייטלט.

דאָס שניידערל פון בעזוין זאָגט:

— ווען איך וואָלט געווען איר שכן, וואָלט זי ניט אַוועקגעפאָרן, נאָר אַז זי האָט דיך, נאָזדרע, פאַר אַ שכן, אַנטלויפט זי פון דיר אַזוי ווי דײַנע אייזלען וואָלטן אַנטלאָפן ווען דו בינדסט זיי אָפּ...

— בינד איר דײַן הינדען...

— בינדן מיט שטריק... בינדן... כע, כע, כע. — האָט נאָזדרע געהאַלטן זיך פאַר די זייטן — די וואַבער, אוי די וואַבער...

— וואָסי? — האָט זיך איינע צוגערוקט נענטער — כ'הער אַז ס'געפעלן ענק ניט די וואַבער. קוקט'ס נאָר אָען מאָנע מאַנצפאַרשוינען, די צעלייגערס, די אויפטוער'ס!

זי איז אַריין אין דער מיט פון קרענצל, פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס און איינעם אַ שטויס געטאָן.

— יונגערמאַן, פאַלט ניט... האַלט זיך...

די אַרומיקע האָבן זיך צעלאַכט. פּיניאַק איז געבליבן אין קרענצל ביים קאָפּע און געקנאַקט באַניעקערן. מוינע איז אַליין אַוועק. אויף העלפט וועגס, ביים וועגל וואָס פאַלט באַרג אַראָפּ, איז אים אַנטקעגן געקומען זיין געלער הונט. ער איז געשפּרונגען מיט די פאָדערשטע לאַפּעס, געלעקט מיט דער צונג מוינעס האַנט. ביים טירל האָט געוואַרט חמרה. דאָס נאַכט־עסן איז שוין געווען גרייט.

— מען דאַרף מאָרגן אָנהייבן אויסגראָבן די קאַרטאָפל, — האָט חמרה געזאָגט. מוינע האָט ניט געענטפערט.

ערגעץ ניט ווייט פון דאַנען ברענען הונדערטער גאַסן־לאָמפּן. מענטשן ווימלען איבער באַלויכטענע גאַסן. נאָענט, גאָר נאָענט טראָגן זיך געלעכטערס, געזאַנגען. דאָרט זינגט אויך יאַלאַנע. זי לעבט ערגעץ אין די גרויסע שטעט...

— ז —

חמרה איז פרי אויפגעשטאַנען. זי האָט זיך געוואַשן ביי דעם ברונעם. ער האָט דערזען איר רוקן, דעם לאַנגן האַלדז און די שיינע שמאָלע אַקסלען, זיי זענען מירמלדיק און ראָז. מוינע איז צוגעקומען נאָענט. זי האָט זיך פאַרדעקט מיטן האַנטוך. זי איז געווען ווי אַ פרימאָרגן־קוסט מיט טוי.

— וואָס איז, מוינע?

— גאָרניט... — ער האָט געוואָלט צולייגן זיינע ליפּן צו אירע אַקסלען. ער האָט געוואָלט זאָגן שטילע און גוטע ווערטער.

די קאַרטאָפּל זענען געראָטן. אונטער יעדן קוסט צענדליקער שיינע קאַרטאָפּל. מוינע גראָבט זיי אויס מיט גרויס פּאַרזיכט. אַזאַ גערעטעניש! דאָס פעלד איז געווען פול מיט קאַרטאָפּל. אויסגערוטע ערד, קיין מאָל ניט באַאַרבעטע, פּעטע ערד מוז געבן אַ גערעטעניש.

חמרה האָט איבערגעקליבן די קאַרטאָפּל און געלייגט זיי אין זעק. מאָרגן וועט מען זיי פירן אויפן מאַרק. די קליינע קאַרטאָפּל האָט מען אָפּגעלייגט אין אַ זייט — דאָס זענען זריעה־קאַרטאָפּל.

מוינע איז געווען איבערפולט פון פרייד. ער האָט זיך ניט געגלויבט די אייגענע אויגן. ווי גוט עס איז די ערד צום מענטש, ווי זי צאָלט אָפּ פּאַר מי וואָס מ׳גיט איר אָוועק. אָט איז געלעגן אַ וויסטעניש, אַ פּאַרטריקנט פעלד מיט טויטע וואָרצלען, מיט ווילדפלאַנצן און דערנער, איז געקומען אַ מענטש און צעאַקערט, פּאַרזייט, באַוואָסערט און ס׳פעלד האָט אויפגעוואַכט.

מוינע איז געקומען דער ערשטער אויפן ירקות־מאַרק מיט קאַרטאָפּל. די גרינוואַרג־סוחרים האָבן געטאַפּט די זעק, אַרויסגענומען אַ קאַרטאָפּל און געוויגן איר אויף דער האַנט־פלאַך.

— זעט נאָר׳ זעט, וואָסער׳ סאָרט!

די תנובה־מענטשן האָבן אים אויפגענומען מיט אַ ברוך־הבא, מען דאַרף מאכן אַ שהחינו!

דעם אַנדערן טאָג האָט מען געשיקט צו אים אַ לאַסט־וואָגן נעמען די קאַרטאָפּל. אַ וואָך האָט געדויערט דאָס אויסגראָבן די קאַרטאָפּל. די לעצטע טעג האָט אויך מאַרוסיע געהאָלפן.

— אַזוי ווי ביי אונדז... אַזוי ווי אונדזערס אַ פעלד... אַזאַ סאָרט...

— האָט זי געשעפּטשעט. זי האָט זיך איינגעבויגן און אויסגעריסן אַ קוסט. די קאַרטאָפּל־באַטווע איז געווען אַ גרויסע און אַ צענדליק קאַרטאָפּל ווי די עפּל זענען נאָכגעהאנגען. מאַרוסיע האָט געאַרבעט פלינק און מיט אַ סך געניטשאַפט. מיטאָג האָבן זיי צוזאַמען געגעסן אין חדרל. מאַרוסיע האָט פאַר פרייד אַזש געוויינט. עס וואַקסט דאָ אויך... אַ גאָט, איך האָב געמיינט אז כ׳וועל שוין קיינמאָל ניט זעען קיין קאַרטאָפּל־פעלד... אַזוי ווי אין דער היים... קענען דאָ אויך בליען עפּל־סעדער? קאָרן־פעלדער? זאָג, מוינע!

חמרה האָט איר געקוקט אין די אויגן אַריין, געזען די טרערן, ניט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט. זי האָט אָבער געזען ווי מאַרוסיען האָט אַרומגענומען אַ פּלוצעמדיקע פרייד, אַזאַ פרייד גייט אויף ביי אַ פּאַרוואָגלטן וואָס האָט פּלוצעם דערזען זיין היים.

די שכנים זענען געקומען ווען מ׳האָט געצונדן אַ נאַפט־לאָמפּ. עס איז

געווען צווישן טאָג און נאַכט. מאַרוסיע האָט געשוויגן נאָר פּיניאָק האָט געזאָגט:

— מיר ווילן נעמען דאָ ערד, נעבן אייך, און באַארבעטן אַ גאָרטן.

מארוסיע האָט פאַרשעריש געקוקט אויף מוינען, געוואַרט אויף אַן ענטפער און אומרואיק געפינטלט מיט די אויגן.

זיי זענען אַרויס אין פעלד אַריין. עס איז שוין געווען טונקל. די שאָטנס פון די בערג זענען אָנגעלאָפן.

— רעכטס איז די ערד בעסער, פּרוכטיקער און לייכט צום באַוואַסערן, זי פאַלט שיף אַראָפּ צום וואַדי, די וואַסער־קאַנאַוועס קענען דערפירן וואַסער ביזן סוף פון פעלד. לינקס — איז דער באָדן אַ שווערער און אַ ניט־גלייכער.

אַלע האָבן געשוויגן. פּיניאָק האָט געהערט מוינעס אויפקלערונג מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. דערנאָך האָבן זיי גערעדט וועגן אופן פון אָפּרייניקן ס׳פעלד פון די קוסטעס און טרוקענעביימער.

— דו נעם זיך קודם צו די דערנער און צו די וואָרצלען, גראָב זיי אַרויס, פאַרשיט די גריבער, רייניק אָפּ ס׳פעלד, טראָג דעם אָפּפאַל צונויף אויף קופּעס און שפּעטער, אַז ער וועט ווערן אויסגעטריקנט וועסטו אים פאַרברענען.

פּיניאָק האָט זיך איינגעהערט. דער שטערן איז אים באַזעצט געוואָרן מיט שווייס־טראָפּנס.

— זי וויל אַ גאָרטן, גייט אויס נאָך אַרבעט אין פעלד.

— און דו? — האָט מוינע געפרעגט.

— איך? — ער האָט געשוויגן.

זיי זענען געקומען צו דער אַרבעט אין באַגינען. מאַרוסיע איז אַ גאַנצן טאָג געווען אויפגעלייגט, אויך פּיניאָקן איז גוט געווען אויפן האַרצן. ער האָט אויסגעגראָבן וואָרצלען, אויסגעהאַקט די פאַרטריקנטע דערנער. זיי האָבן אַזוי געאַרבעט טאָג נאָך טאָג. דאָס אָפּגערייניקטע פעלד איז געוואָרן גרעסער, צום סוף וואָך איז שוין געשטאַנען אַ קליין גאָרטן־שטיבל וואָס פּיניאָק האָט צונויפגעקלאַפּט פון אַלטע ברעטער און בלעכן.

דער קאָרער איז סיי ווי געשטאַנען טעג ליידיק און געווען אויסגערוט. פּיניאָק האָט איבערגענומען דאָס אַקערהענטל מיט ציטערניש, ער האָט ניט געוואָלט פאַרשעמט ווערן פאַר מאַרוסיען. „זע נאָר דעם מוזשיק וואָס קען קיין אַקער ניט פירן״ — וועט זי זיך מסתמא טראַכטן. ער האָט געדריקט דאָס אַקערהענטל, געשטעלט שווערע און גרויסע טריט, אַריינגעגליטשט זיך אין דער ערד־קאַנאַווע וואָס דאָס אַקערמעסער האָט אויסגעשניטן, פאַרכאַפּט שטיקער ערד און געהיט, אַז דער אַקער זאָל ניט שפּרינגען איבער די בייטן און זיך גליטשען און צעראַצן די ערד איבערלאָזנדיק גאַנצע ניט־פאַראַקערטע סטעזשקעס. מיט אַלע כוחות האָט ער אָנגעשפּאַרט זיך

מיט דער ברוסט אָן אַקער און טיף איינגעשניטן זיך אין דער ערד. מאַ־רוסיע האָט געפּירט דעם קאָרן פאַרן ציימל. מוינע איז געשטאַנען ביי דער צווייטער זייט פון פעלד, נעבן וואַדי און געווּפן:

— טיפער! האַלט גלייך דעם אַקער! טיפער!

ער האָט געמאַכט אַ קרייז אַרום פעלד, דערנאָך אַ צווייטן, און ווידער־אַמאָל אַ קרייז. דאָס פעלד איז געווען אַרומגענומען מיט אַ בראַנדזענעם צעאַקערטן רינג.

„דאָס איז שוין מיינס, — האָט פּיניאַק געטראַכט, — דאָס וואָס מיין אַקער האָט פאַרנומען".

— ח —

צוויי שווערע טראַקטאָרן האָבן געדרישט אויף יענער זייט וואַדי. זיי האָבן דורכגעשניטן זיך אַ וועג דורך די פעלדער און פאַרטריקנטע פּרדסים, צעריסן דאָס קעמל ־ וועגל, אַריין אינעם סאַברע־געקנויל, אויפגעריסן דעם קאַקטוס־צוים און געיאָגט מיט רוגזה איבער דער נאַקעטער ערד. די שאַרפע מעסערס האָבן געפּערטלט די ערד, אַראָפּגעטראָגןביימער און קוסטעס און זיי פאַרשלעפּט ביזן וואַדי. אַ רויט־זאַמדיקער שטויב איז געהאַנגען איבערן טאָל. אַלץ האָט געפּאַרעט מיט ריחות פון ערד און וואָרצל־פּוילעניש. פאַר־נאַכט־צו איז שוין ניט געווען קיין סימן פון אַ קעמל־וועגל וואָס האָט דורות געשלענגלט זיך פון ישוב צו ישוב. אַ פינפהונדערט ־ יאָריקע שיקמה איז געלעגן אויפן ראַנד פון וואַדי ווי דער רוקן פון אַן אַלטער זעגל־שיף וואָס אַ ים־שטורעם האָט פון טיפע תהומען דערטראָגן אויף דער טרוקעניש. אַ פּאַלמע האָט געהאַלדזט אַ טאַפּאָל, אַ טרוקענער מאַראַנצן־בוים איז געלעגן מיט אַ סאַברע־קוסט, און אַן איידעלע מימאָזע מיט אַ דאָרנבוים.

איינער פון די טראַקטאָר־פירער איז געקומען נאָך אַ טרונק וואַסער. חמרה האָט אים געפרעגט:

— וואָס מאַכט מען דאָ?

— אַ ישוב וועט דאָ זיין! מ׳וועט אין קורצן אָנהייבן בויען הייזער פאַר עולים.

דאָס איז געווען אַ וויכטיקע ידיעה פאַר די מענטשן פון מעטשעט־בערגל. ס׳וועלן זיין שכנים פון דער צווייטער זייט וואַדי, האָט מוינע גע־טראַכט. ער איז אָבער אויך אומרואיק געוואָרן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר זיין גאָרטן. אַזוי פיל מי, און ווער ווייס וואָס ס׳קען נאָך איינפאַלן איינעם אַזאַ, פון עפּעס אַן אַמט און אַהערשיקן אַ טראַקטאָר אויך אויף דער זייט וואַדי.

דער אומרו איז ניט געווען קיין אומזיסטער. איין מאָל זענען געקומען עטלעכע פרעמדע מענטשן, מיט מכשירים צו מעסטן די ערד. זיי האָבן

אַרומגעשטעלט זיך אויף מוינעס פעלד, אַוועקגעשטעלט רויט־ווייסע שטעקנס, געמאָסטן, צעוויקלט פּאַפּיר־ראָלן, געשריבן אין זיי. זיי זענען געווען אין פיניאַקס פעלד, לענגאויס דעם וואדי, און ווען זיי זענען קריק־געגאנגען מיטן וועגל האָט מוינע זיי געפרעגט:

— מען גייט דאָ עפּעס בויען? זעט איר די גערטנער? דאָ האָבן מיר אַליין אָפּגערייניקט די פעלדער...

— איר ווינט דאָ?

מוינע האָט געטייטלט אויף זיין הויף.

— דאָ? — האָט דער מענטש פאַרחידושט געפרעגט. ער האָט פאַמע־לעך געעפנט דעם שלאָס פון דער טעקע, אַרויסגענומען אַ ראָל פּאַפּיר און צעוויקלט.

— דאָס זענען אונדזערע גערטנער, — האָט פיניאַק צוגעגעבן, ער איז גראָד אָנגעקומען פון וועגל.

דער מענטש האָט געזוכט אין דער מאַפּע, געפּירט מיט אַ פינגער אי־בער די בלאָע שטריכן און שאַרף געזאָגט:

— לויטן פּלאַן זענען דאָ נישטאָ קיין גערטנער, ניט קיין ליימיקער־גדר מיט אַ הויף, ניט דער ברונעם וואָס כ׳זע דאָ. דער שטח איז באַשטימט פאַר מגרשים, מ׳עט דאָ בויען מחסנים, לאַגערן.

— און וואָס וועט זיין מיט די גערטנער, מיט דעם הויף?

— וואָס? איר עקסיסטירט ניט לויטן פּלאַן.

— איר ווילט פאַרבויען די ערד, און וואָס וועט מען טאָן אויף די זאַמדן? מאַכן גערטנער?

— קום! רעד ניט מיט אים! — פיניאַק האָט מוינען געצויגן פאַרן אַרבל.

מוינע האָט אַפילו ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך די מורא פאַר זייןווירטשאַפט. ער האָט געטריבן פון זיך די רייד פון פרעמדן וואָס האָט דאָ אויסגעמאָסטן דעם טאָל. וואָס הייסט, מען וועט אים הייסן גיין פון דאַנען? צונעמען דעם גאָרטן?

— ט —

שבת טוט שאלקע נאָזדרע אָן די טונקל־געשטרייפטע מאַרינאַרקע מיט אַ ליכטיק־בלאָ־העמד. ער שטייט אין געסל, נעבן דעם מעטשעט. דעם שוואַרצן אָגער מיטן ווייסן שטרייף אונטערן האַלדז וועט ער איבערלאָזן פאַר זיך. ער וועט אים ניט פאַרקויפן. אַ שטיק אין שבת אַריין האָט ער גע־פוצט ס׳פערד, גערייניקט די פעל, צעקעמט די גריווע, סאַראַ רוקן! וואָ־סערע פיס! דער קאָזשימינער פריץ וואָלט אַוועקגעגעבן אַ מאַיאָנטעק פאַר אַזאַ פערד. ער האָט אים פאַטשאַפּעט אין אַ ווייט דאַרף ביי די אַראַבער־

נאָזדרע איז געקומען אויף אים צו רייטן ביזן געסל. אין שטאַל וועט ער קומען צו זיך און אין אַ וואָך אַרום וועט מען ערשט זען וואָסער פערד דאָס איז. וואָס וועט ער אָבער טאָן מיטן פערד? האַלטן עס פּאַר שיינקייט? קאָסט דאָך פּאַשע. ער וועט מאַכן אַ געשפּאַן. קויפן פיר גומענע רייפן און מאַכן אַ ברייטן וואָגן, אַ גרויסן ווי אַ לאַסט־מאַשין, געפאַרבט אויף גרין. דער אָגער וועט דערשלעפּן די שווערסטע משא. אַזוי טראַכט שאָלקע און זעט הינדען. נאָכן קויפן דעם אָגער איז ער געוואָרן האָפערדיקער. מיט אַזאַ פערד קען מען איינשטיין אויף די שענסטע פלעצער. הינדע איז פאַרביי־געגאַנגען. איר פּנים איז אויסגעדרייט צו דער וואַנט, זי מאַכט זיך ניט זעען נאָזדרען. די הויכע אָפּצאָסן זינקען אין זאַמד און די געפאַרבטע לי־פּעלעך זענען פאַרשנאָרוולט. אַז זי טרעפט אים אַמאָל אין הויף אייגעם אַליין איז זי אין כעס און שרייט:

— נאָזדרע, נעמץ אַוועק די אייזלען, כ׳האָב מורא אַדורכצוגיין.

ער גייט דעמאָלט צו די אייזלען, לייגט אַרויף אַ האַנט אויף אַ רוקן און זאָגט:

— הינדאָ, גייץ אַדאָרעך, אָץ ניש מורא.

ער ציט מיט די גרויסע נאָזלעכער אַריין דעם ריח וואָס די שכנה לאָזט נאָך זיך, אַ קאָפּ־פאַרטשאַדנדיקער זיסלעכער ריח פון הינדעס האָר פאַר־פּלאָנטערט זיינע מחשבות. ווען ער איז מיט אַ וואָך שפּעטער אַריינגעפאָרן אין הויף אַריין מיטן גרין־געפאַרבטן לאַסט־וואָגן מיט די גומענע רעדער און אייזערנע רעסאָרן געשפּאַנט אין אָגער, און וואָסער געשפּאַן איז דאָס — ביקל און מעש־קנעפּ, איז הינדע אַרויס פון הויף און געבליבן ביי דער מויער. נאָזדרע איז פּאַמעלעך אַריינגעפאָרן און געפינטלט מיט די צע־שפּרייטע נאָזלעכער אויף הינדען:

— גייץ אַ ביסעלע רעכטס, כ׳זאָל ענק ניש איבערפאָרן.

— וואָסי, כ׳האָב דען קיין אויגן ניט? — זי האָט זיך ס׳ערשטע מאָל צעלאַכט און געוויזן אים אַ קליינע קנאַכיקע גאָמבע. עס איז אים געוואָרן וואַרעם אונטערן האַרץ־גריבל. ער איז היימיש געוואָרן מיט איר אין דער רגע און אַראָפּ פון אויסגעבעטן געזעס.

— הינדאָ, צ׳זעט דעם געשפּאַן, קוקץ אָען ס׳פערד, האַ, שוין איין מאָל אַן אָגער? זעיץ די גזשיבאָ, און דאָס ווייסע שטרייפל אונטערן האַלדז...

זי האָט פאַרצויגן דאָס פּנימל און אויסגעבויגן זיך מיט אַן אַקסל צו נאָזדרען.

— עץ זענט אַ מבין, שאָלקע, אַ גוטער מבין אויף פערד, נאָר אויף דעם וואָס מ׳דאַרף קענט עץ זיך ניט. אַזעלכע מאַנצפאַרשוינען זענען עס דאָך אין געסל...

זי איז צוגעקומען נענטער און ער האָט דערפילט פון אירע האָר דעם היימישן ריח פון פריש־געצוואָגענעם קאָפּ מיט די ריחות פון נאַפּט און

זייף. זי האָט געקוקט אויף אים מיט פאָרוואורף. יעדער קער אירער האָט גערעדט: עך זעט מיין געשטעל, מיין פיגור, מיין גוטסקייט, עך קענט זיך כאָטש דערוויף, האַ, דו פערד־יונג, ווערסט כאָטש פאַרשטיין?

און נאָזדרע האָט פאַרשטאנען. דאָס איז געווען די ערשטע חתונה אין מעטשעט־געסל. אין אַ שבת־צו־נאַכטס האָט מען געטרונקען ביר און ליי־מאָניאַד. אין דער שענק האָבן זיך צונויפגעזאמלט אַ גרויסע צאָל געסל־תושבים, דער בעזווינער שניידער האָט זיך געפּאַרעט ביים גראמאַפאָן און הויך אויסגערופן די נעמען פון די פּלאַטן וואָס ער וועט איצטער אָנדרייען:

— אַ שטיקל פון ראָזענבלאַטס חזנות! שאַט... שאַט...

— „אַ יידישע מאמע"...

אַלע זענען שטיל געוואָרן. מען האָט געקוקט אין דעם הילכער אַריין. הינדע האָט זיך געווישט די אויגן מיט אַ זיידן טיכל.

— אַ יידיש־ע־ע־ע מאַ־אַ מ ע . . .

מען האָט נאָכגעזונגען מיט וויינענדיקע קולות. דער געל־בערדיקער ייד פון מונקאַטש האָט גערעדט, אויסגעמישט פסוקים מיט ווערטלעך, דאָס איז געווען אַזאַ מין בדחנות. ער האָט גערעדט דייטשמעריש און געגלעט זיך ס׳בערדל:

— פאָטער מאָשע ווען ער איז געשטאַנען אונטער דעם זאָ גענאַנטן באַרג סיני...

דער מונקאַטשער האָט ניט געקענט פאַרענדיקן זיין דרשה. דער רומע־נער איז אים אַריין מיט אַ ליד, ער האָט געזונגען:

האָב איך אַ ווייב, עסט זי מאַמעליגע...

אוי, מ אַ ־ מ ע ־ ל י ־ ג ע . . .

איבערן מעטשעט איז געהאַנגען אַ ליכטיק־צעשטערנטער הימל.

— ז —

דעם געלן הונט איז ניט געווען באַשערט אויסצולעבן זיינע יאָרן אין די הייף פון מעטשעט־געסל. נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין מוינעס שטאָל איז ער זעלטענער געגאַנגען צו דער שטיינערנער קאָרעטע, ניט אַרומגעשמעקט מער די ווענט־שטיינער, ניט געהאווקעט סתם אין די נעכט צו דער לבנה. ער איז געלעגן אין הויף און געדרעמלט. און אַז מוינע און חמרה האָבן געאַרבעט אין פעלד איז ער דאָרט געווען מיט זיי. איין מאָל האָט מוינע דערזען ווי אויף אַ בייט פון ציבל הייבט זיך די ערד און אַ גרינער ציבל זינקט אַריין אין דער ערד. דאָס האָט דער קראָט אונטער־געפרעסן די ציבל־וואָרצלען און אַריינגעשלעפּט אין די ערד־קאַנאַלן אַ גרויסע שיינע ציבל. מוינע האָט געכאַפּט דעם רידל און אויף די פינגער־

שפּיצן צוגעגאַנגען צום בייט. די ציבל האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן. מוינע האָט איינגעשניטן זיך מיטן רידל אין דער ערד און אַ וואָרף געטאָן דאָס ערד־בערגל. אַ בלינד־געוואָרענער קראָט פון דער פּלוצעמדיקער ליכטיקייט האָט זיך געוויקלט אויף די בייטן, געלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן און זיך אָנגעשלאָגן אָן שטיקער ערד. דער געלער הונט איז אויפגעשפּרונגען און גע־יאָגט זיך נאָכן קראָט. ער האָט אים געריסן מיט די פּעדערשטע לאַפּעס און באַלד זיך אָפּגערוקט פאַר שרעק, מיט אַ געוויי. דער קראָט האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ אין אַ בערגל. דער הונט איזאויפסניי צוגעשפּרונגען, געריסן שטיקער ערד מיט זיינע נעגל און געהאַווקעט מיט באַנומענע הינטישע יללות. און איידער מוינע האָט נאָך באַוויזן אויפצוהייבן דעם רידל, האָבן דעם געלן הונטס פּוס געריסן דעם קראָט און זיינע ציינער האָבן זיך איינ־געביסן אין דער שיינער גרויער פעל פון פעלד־קראָט. דעם הונטס אויגן האָבן געפלאַמט, ער האָט אין די ציינער געטראָגן דעם קראָט און געלאָפן צום וואַדי.

מוינע האָט געאַרבעט דעם טאָג אויף דעם קרויט־פעלד, אַרומגעהאַקט דאָס ערד־הייטל וואָס האָט פאַרפּאַנצערט די בייטן מיט אַ טרוקענער שאָל. די ערד האָט ניט געקענט איינזאַפּן אין זיך דעם טוי, אַפילו די קראָפּעווע־גראָזן האָבן ניט געקענט זיך דורכרייסן דורך דער ערד־שאָל. דאָס זענען געווען די טרוקענע שפּעט־זומערדיקע טעג.

פאַרנאַכט איז דער הונט צוריקגעקומען אין הייפל אַריין. ער איז ניט צוגעגאַנגען נאָענט צו דער שוועל, ווי ער פלעגט זיך פירן די גאַנצע צייט אין די פאַרנאַכטן, נאָר געשטאַנען ביים טירל און געבילט מיט אַ פרעמד הייזעריקן געכריפּ. חמרה האָט געמיינט, אַז דאָס רופט אַ פרעמדער וואָגל־הונט, און אַז זי איז צוגעקומען צום טירל איז זי קריק־געלאָפן מיט אַ געשריי.

— מיטן הונט איז עפּעס ניט גוט, זע נאָר, מוינע, ער דערקענט מיך ניט, ער וויעט!

מוינע האָט דערזען די שוימיקע מאָרדע. דעם הונטס אויגן האָבן גע־טונקלט מיט אַ תהומיקער שרעק, דער עק האָט זיך אים נאָכגעשאַרט אויף דער ערד ווי ער וואָלט מער ניט געווען אין הונטס רשות, די אויערן זענען געוואָרן שאַרף, אָנגעשפּיצט און געסטערטשעט מיט רוגזה. דער הונט האָט זיך צערעוועט אויף די באַלעבאַטים און אַ שגעון־סלינע איז פאַרבאַקן גע־וואָרן אויף זיין מאָרדע.

ער איז נעלם געוואָרן און מער האָט מען אים ניט געזען. מוינע איז אומרואיק געוואָרן, ער קען נאָך צעבייסן איינעם פון די געסל־איינוווינער. ער האָט אים געזוכט איבער די הייף, געזוכט ביי דער שטיינערנער קאַ־רעטע, אויפן אַראַבישן בית־הקברות, צווישן די מצבות און טראַסטניק־קוס־טעס. דער געלער הונט איז פאַרפאַלן געוואָרן אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

טרויעריקע טעג זענען עס געווען פאַר מוינען. ער האָט ניט געוווסט פון וואנען דער אומעט קומט. חמרה איז געווען גוט צו אים. זי האָט געוואַרט אין זיין שאָטן א הכנעהדיקע און שטילע. זי האָט אים גוטסקייט אַנטקעגן־געטראָגן ווי מען טראָגט צו אַ דאָרשטיקן אַן איבערגעפולטע קרוג מיט קוואל־וואַסער. די שטאָט האָט אים אָבער גערופן, געלאָקט, דער גאַסן־גערויש, דער טומל פון ראָגן. ער האָט געוואָלט אַז עס זאָל אַנדערש ווערן אַרום אים.

אין תל־אביב האָט ער זיך לענגער פאַרהאלטן, אַרומגעגאנגען איבער די גאסן, געקוקט אויף די ליכטיקע פענצטער און אַהיים געקומען שפעט. אָפט איז אים אנטקעגן געקומען דער טאטע אין דעם פאַרנאַכטיקן מענטשן־געקנויל אויף די באַלויכטענע גאסן... ער האָט דערזען זיין שאָטן פאַלן אויף די גרויס־שטאָטישע טראָטוארן, אַן אומרואיקער קליינער שאָטנקנויל וואָס פלעכט זיך צונויף מיטן שאָטנקנויל פון המון. ער איז אַ טייל פון זיי, ניט עפּעס אַ פאַרלוירענער און איינזאמער אויף די דאָרף־וועגן. ניט איינער אַליין אונטער די נאַכט־הימלען. זאָל זיין קול אויסגעמישט ווערן מיט אַנדערע קולות און זיין בליק זאָל פאַלן אויף די ליכטיקע גאסן...

קאַפּיטל פינף

— א —

עדגאַרדאָ סאַנינאָ, אַ מיטאַרבעטער פון דער איטאַליענישער באַטשאַפט אין וואַרשע האָט ס׳ערשטע מאָל זיך באַגעגנט מיט פּוילישע יידן פּנים אל פּנים אויף דעם שמאָלן שאָסיי דרומדיק פון וואַרשע. דאָס זענען געווען די לעצטע טעג פון פּוילנס זעלבשטענדיקייט. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט וואַרשע און געלאָזן נאָר איין וועג אָפן, דורך וועלכן ס׳דאַרפן אַרויספאָרן די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן פון דער הויפּטשטאָט. דער דייטשישער ראַדיאָ האָט גערופן צו פאַרלאָזן וואַרשע אײדער זי וועט חרוב ווערן פון לופט־אָנגריפן און די וועגן וועלן ווערן אָפּגעשניטן. דער פּוילישער ראַדיאָ האָט אין די ערשטע טעג, ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן אַז דייטשיש מיליטער לאָזט פריי אַ וועג צום דרום פון לאַנד, גערופן די ציוויל־באַפעלקערונג אויס־צונוצן די געלעגנהייט און פאַרלאָזן די באַדראָטע שטאָט. שפּעטער אָבער זענען פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן מעלדונגען פון שטאַט־פּרעזידענט, אַז וואַרשע וועט פאַרטיידיקט ווערן, די מענער זאָלן בלייבן אין שטאָט. דער־ווייל האָבן זיך המונים געוואָרפן אויפן שמאָלן שאָסיי־וועג, וועלכן די דייטשן האָבן באַשטימט ווי דעם איינציקן פרייען דורכגאַנג. דאָס רוב זענען געלאָפן פון וואַרשע־יידן, די תושבים פון דער צפון־טייל פון פּוילנס הויפּטשטאָט. סאַנינאָס שוואַרצער פאָרד האָט זיך קוים געקענט דורכרייסן דורכן פאַר־שטאָפּטן וועג. פון אַלע זייט וואַנדערער, אַלט און יונג, קינד און קייט, מיט רענצלעך און אָן רענצלעך. פויערישע פורלעך האָבן געצויגן דורך די פעל־דער, דורך די זייטיקע וועגלעך. אין די קאַנאַוועס זענען געלעגן מידע מענטשן, פאַרשמאַכטע און געבעטן ביי די דורכפאָרער אויפצונעמען אויף די וועגענער. איבערן שאָסיי זענען געפלויגן דייטשישע עראָפּלאַנען מיט גרויסע שוואַרצע האַקנקרייצן, זיי זענען געפלויגן נידעריק, ממש איבער די קעפּ און באַגלייט דעם המון.

סאַנינאָ האָט זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די אומגליקלעכע. דער מענטשישער אומרו, דער פּחד, די פאַרלוירנקייט פון דער מאַסע האָט זיך איבערגעטראָגן אויף אים. ער איז געווען מיד און ניט־אויסגעשלאָפן. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַרויס פון פּוילן, דערשלאָגן זיך צו דער רומענישער גרענעץ, און דאַן איז ער שוין אויסער דעם מלחמה־פייער. נאָר ווי אויף להכעיס איז דער אויטאָ אָפּט שטיין געבליבן, דער שאָפער האָט סיגנאַליזירט, געשריען, דערנאָך איז מען ווייטער געפאָרן, געשלעפּט זיך אי־

בער די פּוילישע וועגן, די שטויביקע, פול מיט שטיינער־אָנהויפן. פון ביי־דע זייטן וועג — מענטשן, עדגאַרדאַ סאַנינאַ זעט: פּנימער פון יונגע יידי־שע בחורים, שוואַרצאויגיקע מיידלעך, אַלטע יידן מיט טרויעריקע אויגן, פאַרצווייפלטע פרויען. זיי זענען אים מיט אַמאָל נאָענט געוואָרן..

— בלײַב שטיין אַ ווײַלע — האָט ער געזאָגט צום שאָפער.

ער האָט געעפנט ס׳טירל און אויפגענומען אַן אַלטן מאַן וואָס האָט גע־פירט ביי דער האַנט אַ יינגעלע פון אַ יאָר צען. זיי האָבן זיך ניט געקענט צונויפרעדן.

סאַנינאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעלענט דעם קאָפּ אָן ווייכן אָנלען.

עדגאַרדאָ איז געווען יונג, נאָר וואָס געענדיקט דעם באָלאָנער אוני־ווערסיטעט. דער פאָטער זיינער האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט און איז ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געשטאָרבן. ער איז געבליבן מיט זיין מוטער און אַ דאַנק אירע גרויסע פאַרבינדונגען מיט מענטשן פון די רעגי־רונגס־קרייזן איז דער זון אירער באַשטימט געוואָרן אויף אַ דיפּלאָמאַטישן פּאָסטן.

אין רוים האָט ער זיך דערוווּסט וועגן די געטאָס וואָס די דייטשן שאַפן פאַר די פּוילישע יידן. ער האָט אויפגענומען די אַלערליי ידיעות וועגן גורל פון אַלטן פאָלק מיט שווייגן און פאַרטראַכטקייט.

דעם ערשטן ווינטער פון דער מלחמה האָט עדגאַרדאָ פאַרבראַכט ניט ווייט פון פּאַדואַ אין אַן אַלט ירושה־הויז נאָכן זיידן ביים ברעג פון טייך ברענטאַ. די מוטער האָט אים אָפּגערעדט פון פאָרן אין דעם פאַרלאָזענעם הויז. זי האָט זיך געשראָקן פאָרן זון וואָס וועט דאַרפן פאַרברענגען אין די צימערן פון דעם הויז. ס׳האָט אָבער גערדאַט, אַז די גאַנצע ירושה זאָל פאַר־טאַכלעוועט ווערן פון דעם אַלטן פישער וואָס איז געווען דער אויפזעער פון דעם ירושה־הויז.

האַרט ביים שאָסיי וואָס פירט פון פּאַדואַ קיין ווענעדיק שטייט דאָס הויז פון די סאַנינאָס. דער יונגער עדגאַרדאָ האָט פאַרנומען אַן אויבערשט חדרל. דער אויפזעער האָט געבראַכט פון די קעלערן אַן אַלט־געשניצטע שאַ־פע מיט שווערע אָרנאַמענט־גזימסן. איבער די שטול־אָנלענען האָבן גע־דרימלט הילצערנע פייגל, די קאַרניזן האָבן אויסגעזען ווי וויקל־העלצער פון פאַרמעטן. די גזימסן איבער די פענצטער, איבער די טירן און ביים הויפּט־איינגאַנג זענען געווען באַצירט מיט פייגל, דרעמלענדיקע, פליענדיקע, מיט צעעפנטע פליגל, און טויבן פון אַלערליי סאָרטן, ווי טורלטויבן, פעלד־טויבן און היימישע הויף־טויבן. זיי זענען געווען פאַרפלאָנטערט אין אייל־בערט־צווייגן און אין ווייַנטרויב־בלעטער. די גיפּסענע ווייַנטרויב־שטענג־לעך האָבן זיך געשלענגלט אויף די גזימסן אַרום די זיילן, אויף די פענצ־טערס און איבער די טירן.

סאַנינאַ האָט געדאַרפט דערליידיקן אַ ריי ענינים פון שלאָס און גע־וואָלט צוריקפאָרן קיין רוים. עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז ער איז פאַרבליבן אויף נאָך אַ וואָך. דער אויסטערלישער אויסזען פון זיידנס הויז האָט אים פאַראינטערעסירט. ער האָט געלייענט פון די ווענט ווי מען לייענט פון אַ פאַרבאָרגענעם היעראָגליפן־שטיין. אַזוי פיל מיזרחדיקס אין יעדן ווינקל, די האַלב־רונדיקע פענצטער, דער אונטערשטער זאַל מיט די אויס־געבויגענע ווענט וואָס קומען זיך צוזאַמען מיטן דיל, די זיילן. ער האָט ווייניק וואָס געוווסט פון זיין זיידן. דעם פאָטערס אָפשטאַם איז געווען פאַר אים אומבאַקאַנט. געקענט האָט ער נאָר די קרובים פון דער מוטערס צד, די איינגעזעסענע רוימער און מלוכה־באַאַמטע.

די מוטער האָט צו אים עטלעכע מאָל טעלעגראַפירט, זי האָט אים גע־רופן אַז ער זאָל צוריק קומען. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין קליינעם בוי־דעם־צימערל און געלעגן טעג מיט אָפענע אויגן צום געוועלבטן פענצטערל.

אין איראָפּע איז אָנגעגאַנגען די מלחמה. ווער ווייס ווו זיינע ביינער וועלן רוען? ער איז געווען צופרידן וואָס ער געפינט זיך ערגעץ ווייט פון גרויסן וועלט־טומל, ער וואָלט דאָ רואיק אויסגעלעבט די יאָרן ביי דער גרי־נער ברענטאַ, געגומען אַ ווייב פון די פישערטעכטער, געלעבט ווי אַלע לעבן דאָ. די מלחמה האָבן דאָך געמאַכט די, וואָס ווילן עפּעס ענדערן, די וואָס באַ־נוגענען זיך ניט מיטן גאָב וואָס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן דורכן גורל.

איז דאָס פחדנות? ניין, ניין, האָט ער גערעדט צו זיך. דאָס פיצל הימל איבער מיר איז גענוג. איך וויל ווערן איינער פון די שכנים, איינער פון די דאָרף־איינוווינער.

פרילינג האָט די מוטער ווידער טעלעגראַפירט. זי האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה אַז ער איז באַשטימט געוואָרן צו פאָרן אַלס אַטאַשע אין די אָקו־פירטע פוילישע טעריטאָריע. אין דריי טעג אַרום מוז ער זיין אין רוים.

עדגאַרדאָ איז בייז געוואָרן. הייסט עס, אַז זיין מוטער האָט ווידער באַנייט די באַזוכן ביים פּרינץ גאַרינאַ, דעם כיטרען אַלטן פוקס מיטן גלע־זערנעם אויג. ער וועט אַוועק פון דאַנען, פון דער מוטער מיט איר איינ־אויגיקן געליבטן. זאָל זי זיך ניט מקריב זיין פאַר אים. ער דאַרף עס ניט, עדגאַרדאָ. ער איז דערפאַר אַנטלאָפן פון רוים אַזש ביז פּאַדוּאַ, ער וועט איצ־טער פאָרן קיין פוילן. וואָס גיכער אַוועק פון דער מוטערס אַפּוטרופּסעס.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער איבער די שלעכט־באַלויכטע־נע צימערן, אָפּגעשטעלט זיך פאַר אַן אַלטער ביכער־שאַפע. ער האָט דאָ דערזען דאָס בילדל פון זיין זיידן. פּלוצעם איז עפּעס אים קלאָר געוואָרן. ערגעץ האָט ער שוין געזען דעם זיידן, ערגעץ איז דאָס געווען. נאָר ווו? ווו איז דאָס געווען? איז דאָס ניט דאָס זעלביקע פּנים פון יענעם שווייגנדיקן יידן וואָס ער האָט אַרויפגענומען אויף זיין אויטאָ מיטן קליינעם ייִנגעלע? די ענלעכקייט פון זיידן מיט יענעם ווייטן ייד האָט אים אָנגערעגט צו

טראַכטן וועגן דעם לאַנד וווּהין ער דאַרף פאָרן, וועגן די יידן וואָס זענען געשטעלט געוואָרן מחוץ דעם געזעץ. די געשעעניִשן וואָס זענען אַרום אים פאָרגעקומען האָט ער אויפגענומען אַזוי ווי אַ צוקוקער נעמט אויף, אַן אַלט־גריכישע דראַמע. ער האָט מיטגעפילט, מיטגעליטן, און דאָך געבליבן נאָר צוקוקער ווי אַלץ וואָלט געשען מיט יאָרהונדערטער צוריק.

אין דער נאַכט ערב זיין אָוועקפאָרן איז ער ניט געשלאָפן, געגאַנגען פון צימער צו צימער, אומעטום געצונדן ליכט און לסוף ווידער צוריקגעקומען צו די שווערע שאַפעס מיט ביכער. ער האָט זיי געבלעטערט, אַריינגעשטעלט צוריק אין די זעלביקע פאַכן ביז ער האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ שיין־געבונדענעם בוך מיט אַ זילבער־שלאָס און לעדערנעם רוקן. דאָס איז געווען אַ ספר פון פילאָסאָף אליהו דעמעלדיאַגאָ, געדרוקט אין דער באַלאַנער דרוקעריי פון דרוקער סאַנטשינאָ.

— ב —

עדגאַרדאָ האָט געוווּסט, אַז זיין זיידע האָט געהאַט אַ שייכות אין די יונגע יאָרן מיט יידן. קיין מאָל האָט מען וועגן דעם ניט גערעדט אין שטוב. די ביכער וואָס ער האָט געבלעטערט האָבן אים דערמאַנט אין די פאַרנעפּלטע אָנדייטונגען פון זיין מוטער וועגן זיידנס שטאַם. ער האָט געמישט איין בוך, דערנאָך אַ צווייטס, געלאָפן מיט די אויגן איבער די געלייטשטע רוקנס, אָפּגעשטעלט זיך ביי אַ ספר און ווידער געלאָזן אים אויפן אָרט. אין דער האַנט איז אים אַריינגעפאַלן אַ קליין העפטל געשריבן מיט געציקלטע אותיות. דאָס איז געווען דעם זיידנס אַ טאָג־בוך פון אַ רייזע איבער פוילן. סאַנינאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינעם אַלטן פלושענעם פאָטעל און געלייענט אַ באַשרייבונג פון וואַרשע אין די ניינציקער יאָרן. דער זיידע האָט געשריבן:

„איך וווין ווייט פון יידישן פערטל. כ׳שטיי איין אין דעם קוואַרטאַל פון אויסלענדער. היינט בין איך ס׳ערשטע מאָל געווען אין אַ רייך יידיש הויז, אין דער געגנט וואָס מען רופט „אייזערנער טויער". מען האָט געשיקט נאָך מיר אַ קאָטש געשפּאַנט אין פיר ווייסע פערד. די יידישע גאַסן זענען איבערגעפּולט מיט באַוועגלעכע און טומלדיקע מענטשן. ס׳וואַרפן זיך אין די אויגן די יידישע טרעגערס און באַלעגאָלעס. די טרעגערס טרעפט מען אומעטום, אויף די טראָטואַרן, אויף די טרעפּ, אין די זייטיקע געסלעך — — —"

עדגאַרדאָ האָט איבערגעבלעטערט אַ זייטל נאָך אַ זייטל און זיך אָפּגעשטעלט ביי פאָלגנדיקע שורות:

‚...כ׳האָב אָנגענומען די איינלאַדונג פון יידישן פריץ פאָזנער. כ׳וועל אין אַ וואָך אַרום אַרויספאָרן אין זיין דאָרף און איבערנעמען די דערציאונג פון זיינע קינדער. ער האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק, דער ייד פאָזנער. ער איז ניט לאַנג געקומען פון פעטערבורג ווו מען האָט

אים אויפגענומען אין צאַרישן הויף. אַ יידישער פּריץ פון יידישע דערפער, 70 וויאָרסט צפונדיק פון וואַרשע. כ׳וועל זען יידן אַקערער, כ׳וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג״.

„פּאָזנערן האָב איך באַקענט אין דעם הויז פון די כהנעס, די רייכסטע יידן פון וואַרשע. ער איז הויך, דער יידישער גוט־באַזיצער, מיט אַ העל פּנים. ער זעט אויס ניט ווי אַ סעמיט נאָר ווי איינער פון די צפון־מענטשן — — —״.

„דער וועג פירט דורך אַ רייע יידישע שטעטלעך. מען זעט אין זיי ניט קיין אַנדער באַפעלקערונג אויסער די יידישע. מיר פאָרן דורך די גאָר־געוווסקער פעסטונג, אָט זענען מיר אין שטעטל זאַקראָטשין וואָס ליגט ביי דער ווייסל. דער מאַרק איז קליין, פול מיט קלייטלעך. פאַרחידושטע לייי־דיקגייער קומען צו דער קאָטש און קוקן אין פענצטערל. עס איז געבליבן 28 וויאָרסט צו פלינצק. פאָרן אַריינפאָר אין שטאָט איז אונדזער געשפּאַן אַריין אין דער מיט פון אַ ריזיקער אָקסן־סטאַדע. דאָס טרייבט מען די בהמות קיין דאַנציק. די בהמה־טרייבער זענען יידן. איך האָב דערקענט זיי לויט די געשרייען. איינער, אַ נידעריקער איז געלאָפן מיט אַ בייטש. זיין פּנים איז באַזוימט מיט אַ געקרייזלטער באָרד. פון צעכראַסטעטן לייב האָט אַרויסגעקוקט אַ זוים פון אַ ציצה־כנפות. אין פלינצק האָבן מיר גע־וואַרט אַ שעה. פּאָזנער האָט געשיקט אַנדערע פערד צום פאַרבייטן. דער פּירקאַנטיקער מאַרק איז ליידיק. אין מאַרק־ווינקל, ביי דער פּלומפּ ליגן טרעגערס און שלאָפן. אַ וווּנדערשיין מיידל טראָגט אַ ליידיקן עמער. זי גייט צו דער וואַסער־פּלומפּ. ס׳וואַסער גייט שווער. די פּלומפּ סקריפּעט. איך בין צוגעקומען איר העלפן. די טונקל־ברעמענדיקע האָט אויפגעציטערט ווי אַ דערשראָקענע הירשין. זי האָט עפּעס געזאָגט און איך האָב איר ניט פאַרשטאַנען. איך האָב באַדויערט מיין ניט קענען די שפּראַך. עס איז גע־בליבן 12 וויאָרסט צום דאָרף קוכאַר. אין פריצישן הויף וווינען די פּאָזנערס. גרינע פאַשע־פעלדער, פייכטע, טומפּיקע, שפּרייטן זיך פוןביידע זייטן וועג. פון דער לינקער זייט געפינט זיך דאָס טייכל פּלאָנקאַ, פאַרצויגן מיט אַ ליכטיק גרינעם שליים. אויף טייל ערטער בלויט זיך אַרויס שטיקלעך אויפגעדעקטער טייך. די ווערבעס ביי די וועגן זענען אָן צווייגן, בלויז אַלטע, אויסגעהוילטע שטאַמען פון בליצן. אויפן שפּיץ פון שטאַם טראָגן זיי אַ יונגע ווערבע־קרוין פון אַ גרוי־זילבערנעם קאָליר. די פעלדער זענען פול מיט באַטשאַנעס. זיי שטייען אומבאַוועגלעך אויף איין פוס. אַ טרויע־ריקע און אומעטיקע פלאַך״...

„מיר זענען פאַרביי־געפאָרן צוויי פּוילישע דערפער וואָס ליגן בשכנות. די הייזער זענען געדעקט מיט שטרוי, די פאַרצוימונגען — פון געפלאָכ־טענע לאָזעס. די איינוווינער גריסן זיך מיט גרויס אָפּשיי. קענטיק זיי האָבן געוווּסט אַז דאָס איז פּאָזנערס קאָטש — — —״.

„— — — מיין צימער געפינט זיך אין רעכטן פליגל. איך זע פון די פענצטער די וואַסערמיל און הער דעם גערויש פון די גרעבליעס. נעכטן האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט פּאַזנערס צוויי זין. איינער פון 15 יאָר און דער צווייטער 18. מיר זענען געפאָרן באַקוקן ס׳דאָרף און די אַרומיקע פעלדער. די צוויי־רעדערדיקע בריטשקע איז געפלויגן איבערן דאָרף־געסל, אריינגעשניטן זיך אין די פעלדער און אַרומגעקרייזט אַ שטיק וואַלד. די ערד איז דאָ אַ לייכטע, אַ זאַמדיקע, ניטאָ קיין זומפּן, דער טייך איז ברייט און פול מיט וואַסער. כ׳בין געשטאַנען ביי דער גרעבליע און געזען יידישע פישער — — —".

„— — — אַן אומגעוויינטלעכן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר די דאָרף־שענק. איך בין געווען דאָרט אָוונט־צייט. עטלעכע יידן האָבן מתפלל געווען אין אַ ווינקל. פאָרן אַריינגאַנג זענען געשטאַנען פערד איינגעשפּאַנטע אין וועגענער. זייערע ווערטער זענען קלאָר, שאַרף אַרויסגעבראַכטע, און הייזעריקע ווי פענצטער קאָרן־ברויט, געשניטענע מיט אַ שאַרף מע־סער׳ — — —".

„איך לערן די יונגע פּאַזנערס פראַנצויזיש. זיי גרייטן זיך אין אַ יאָר אַרום צו פאָרן נאָך פראַנקרייך. סטאַניסלאַוו איז זייער פעאיק. דער צווייטער זון האָט ווייניק חשק צום לערנען. ער רייט אַרום טעג אויפן זשרעבאַק, אָדער שיפט זיך אין דער דזאַלדאַווקאַ".

„— — — היינט איז געווען ביי די פּאַזנערס אַ יום־טוב. מען איז זיך צונויפגעקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך ווי סאָכאַטשין און ניי־שטאָט. פּאַזנער האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ ניי דאָרף, צוויי וויאָרסט פון קוכאַר. ער האָט דאָס דאָרף אַ נאָמען געטאָן ראַכעלקע. אַזוי רופט מען זיין פרוי. דאָס דערפל אַנשטייט אויף אַ וויסט פעלד קיין מאָל ניט באַאַרבעט. ער האָט די ערד אָפּגעקויפט ביי אַ דייטש פון דאַנציק. ער וועט דאָ באַזעצן יידן פון די שטעטלעך און זיי איינאָרדענען ווירט־שאַפטן — — —".

„— — — אין די שבתים קומען קיין קוכאַר יונגע בחורים פון אַרו־מיקע שטעטלעך און דערפער. מען קומט צופוס אַזש פון פלינצק. פון ניי־שטאָט קומען הויכע בחורימלעך אין טונקעלע קאַפּאָטעס, קנאַכיקע אויס־געצויגענע פּנימער און שאַרפע קינבאַקן. ס׳קומען פון האַלב־שטעטל האַלב־דערפל סאָכאַטשין עטלעכע יונגע בחורים און רעדן מיט אַ קלינגענדיקן יידיש און זינגען אויס די ווערטער ווי מיט מאַנדאָלין־סטרונעס. די פלינצ־קער רעדן העברעיש, זיי זענען גוט באַהאַוונט אין דער אַלט־העברעישער ליטעראַטור. זיי וואַרטן שוין ביי דער גרעבליע אויף מיר. זיי ווייסן, אַז איך שפּאַציר אין די שבתים דורך דאַנען פאַרביי. די יונגעלייט קוקן אויף מיר ווי אויף אַן עדות, אַז ערגעץ איז דאָ אַ גרויסע יידישע וועלט וואָס גרייכט אַזש ביז די ברעגעס פון מיטלענדישן ים. די פלינצקער איבערראַשן

מיך מיט זייער שאַרפקייט און אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן חוש. איך האָב זיי דערציילט וועגן די הרי־יהודה, די נאַקעטע שטיין־פעלדזן און בערג ווו פון די שפּאַלטן אַרויס, שפּראָצן וויינטרויב־ביימער און זיתים. צו ליכט־צינדן זענען זיי אַוועק אַהיים. כ׳האָב זיי באַגלייט. אַז כ׳בין אַליין צוריק־געקומען האָט זיך דערטראָגן פון דער ווייט זייערס אַ העברעיִשע ליד —".

„— — — סטאַניסלאַוו האָט נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די בחורים וואָס קומען אין די שבתים. ער קען ניט זייער לשון, ער רעדט נאָר פּויליש און לייענט די פּוילישע ליטעראַטור. — מיין היימלאַנד איז דאָס דאָרף קוכאָו׳, די וואַסער־מיל און דער טייך, די פעלדער און וועלדער. — אַזוי האָט ער מיר היינט געזאָגט. איך קען דאָס זעלביקע ניט זאָגן מיט אַזאַ זיכער־קייט וועגן מיין הויז ביי דער ברענטאַ און ניט וועגן די פעלדער פון די איטאַליענישע דערפער... — — —"

„— — — כ׳האָב נעכטן באַזוכט די יידישע דערפער נעבן קוכאָר. כ׳בין געווען אין דאָרף דזשיקאָוויצע, אַן ערך פּופציק יידישע הייף! אין ראַכעלקאַ וווינען שוין 30 משפחות, אין קוכאָר הונדערט און צוואַנציק. עס איז די צייט פון שניט. די זאַנגען זענען פולע און צונויפגענומען אין סנאָפּעס. אַזאַ גערעטעניש האָב איך ניט געזען ביי די שכנים פּאָליאַקן. די קוכאָרער וואַסער־מיל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון די פּאָזנערס, באַדינט אַ סך דערפער. גייסט איבער די פעלדער און הערסט ווי ס׳טראָגן זיך ניגונים פון יידישע תפילות — — —".

„— — — דער פּויער עליאַש איז היינט געווען ביי מיר און פאַר־בעטן אויף דער חתונה פון זיין טאָכטער. ער זעט אויס ווי אַ גלילער ערד־אַרבעטער וואָס איך האָב באַגעגנט אין הייליקן לאַנד. דאָס איז געווען די ערשטע חתונה וואָס איז מיר דאָ אויסגעקומען צו זען. די פּויערישע שטוב איז געווען באַלויכטן מיט בליך־לאָמפּן. אַ יידישע מוזיק־קאַפּעלע פון פּלינצק האָט געשפּילט ניגונים פון יידישע פאָלקס־לידער און מאַזורקעס".

עדגאַרדאָ האָט אַוועקגעלייגט דעם העפט אויף די קני און פאַרשלאָסן די אויגן. דאָס קיילעכיקע פּנים איז פול געוואָרן מיט שאָטנס. זיי זענען געפאַלן פון די וויעס, פון דעם טונקעלן האָר־קנויל איבערן שטערן, פון די פולע ליפּן. די ברעגעס פון ברענטאַ זענען באַוואַקסן מיט קוסטעס. זיי זעען אויס אין דער נאַכט ווי שטורעם־וואָלקנס וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק צום טייך און לייגן דאָ אַוועק די מידע און אומרואיקע קעפּ.

— ג —

אין רוים האָט אים באַגעגנט די מוטער. זי האָט שוין אַלץ געהאַט פאַרגרייט צו דער נסיעה. אין פאָדערצימער זענען שוין געשטאַנען די פאַר־

פאַקטע וואַליזעס. עדגאַרדאַ האָט געוואָלט אַ שליידער טאָן דעם קליינעם שוואַרצן העפט און אויסשרייען:

— פאַרוואָס האָסטו מיר ניט דערציילט אַלץ? פאַרוואָס האָסטו אויס־באַהאַלטן?

אים איז ניט געגאַנגען אין דער רגע אין אָפּשטאַם זיינעם, עס האָט אים פאַרדראָסן דער מוטערס סוד וואָס זי האָט געטראָגן מיט אַזאַ עקשנות פון זיין קינדהייט אָן. פאַר וועמען האָט זי דאָס אויסבאַהאַלטן? פאַר איר אייגענעם זון? זי האָט עס ניט געדאַרפט טאָן. זי נאַרט אים אין אַלעם. זי וויל אים פאַרשיקן פון רוים, פון לאַנד. דער אַלטער פירשט איז איר נעב־טער. דער צוגעגרייטער באַגאַזש וואָס איז געלעגן אין פאָדער־צימער האָט אים בייז געמאַכט. ער האָט בדעה געהאַט ניט צו פאָרן, אָפּזאָגן זיך. ניין. ער וויל זיך ניט צונויפטרעפן מיט קיינעם, ניט מיט די דייטשן, ניט מיט די יידן, ניט מיט דער מוטער. ער וועט צוריקפאָרן קיין פאַדוואַ און דאָרט בלייבן.

די מוטער איז געווען צו אים העפלעך, זי האָט אים באַגלייט איבער די צימערן און גערעדט צו אים וועגן די רייזע־אָנגעלעגנהייטן. עדגאַרדאָ האָט ניט געענטפערט. אין אָוונט איז געקומען דער אויטאָ און אים געפירט צום פלי־פעלד.

קאַפּיטל זעקס

— א —

איבערן האַלב־פאַרברענטן וואַלד האָט זיך באַוויזן אַ קאַלטע האַרבסט־טיקע זון. די קויל־שוואַרצע סענקעס פון סאָסנע־צווייגן זענען געלעגן אויף פאַרשרפהטן וואַלד־דעק ווי פאַרטייעטע שאָטנס. די מאַזשעוויק־קוסטעס, די שטעכיק־צעקנאָדערטע און אימהדיק פאַרהוילענע, האָבן געשפּרייט מאַטע זילבער־גרינע נעפּלען. איבער דעם זייטן־וועגל, פול מיט קאַלוזשעס, איז געגאַנגען דער אַלטער גימנאַזיע־לערער גאַיעווסקי אַנגעשפּאַרט אין יאַלאַנען. עס איז געבליבן ביזן שאָסיי צוויי וויאָרסט, פון דאָרט בלייבט אַ צען וויאָרסט ביז פּלינצק. אויפן שאָסיי קען זיך אפשר טרעפן אַ פּויערישער וואָגן וואָס וועט זיי אויפנעמען. די קאַלוזשעס זענען שוין פאַרצויגן מיט אַ דינעם פראָסט־שפּיגל. וואַלקנס שווימען פאַרביי און לאָזן זיך אַראָפּ איבער ראַכעלקאַ.

גאַיעווסקי קוקט ערגעץ ווייט. זיינע אויגן שווימען מיט די וואָלקנס. עס טראָגט אים אַן אימפּעט, ער וועט זיך דערשלאָגן ביז פּלינצק און פון דאָרט קיין פּלאָצק. ער וועט יאַלאַנען אַרויספירן פון אַלע געפאַרן און איר איבערגעבן אין די הענט פון זיינע פּלאָצקער פריינט. ווען ניט יאַלאַנאַ, ווען ניט די טאָכטער פון זיין יוגנט־חבר סטאַניסלאַוו, וואָלט ער ניט אַוועק פון קוכאַר, ער וואָלט אָפּגעלעבט זיינע לעצטע טעג אין דאָרף, אפילו ביי גזשעמאַל אין כאַטע.

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד איז מיר די נאַכט־פּרינצעסין, זי איז אומגעקומען אין די פלאַמען... — האָט דער אַלטער לערער געזאָגט צו יאַלאַנען און דערביי טרויעריק געשמייכלט.

זי האָט אים ניט פאַרשטאַנען און אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע פרעגנדיקע אויגן.

— נו, די נאַכט־פּרינצעסין... דער קאַקטוס־פלאַנץ פון מעקסיקע... וואָס איז געשטאַנען אויבן־אָן, ביים פענצטער...

דאָס איז געווען דער שענסטער פלאַנץ אין זיין צימער. אַלץ האָט ער פאַרלוירן. ניט נאָר דעם אָפּגעשפּאָרטן פאַרמעגן, ניט נאָר די טאָג־ביכער פון זיינע געוויקסן וואָס ער האָט געפירט אַ האַלבן לעבן, נאָר דעם גלויבן אין אייגענעם כוח. אַלץ איז אַוועק מיטן פייער וואָס איז אַזוי פּלוצעם אויסגעבראָכן אין דער נאַכט. אַ גאַנץ לעבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין קויל. די וועלט, דער באַשאַף, וועט ניט געענדערט ווערן, זיינע געוויקסן־קאַרלי־

קעס, די פֿאַרקריפּלטע צווייגן, די משונהדיק־געקרייציקטע, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסצוגיי־ן מיט דעם געלן געוויקסן־טויט, זענען פֿאַרברענט געוואָרן. זי האָט זיך אירע אייביקע געזעגנט פֿון געוואַלד, די וועלט. ער איז געווען זיכער, אַז אַן אויג פֿון די הימלען האָט דערזען זיין רעוואָלט קעגן איינגעשטעלטן סדר, און האָט מיט פֿייערדיקע הענט אָפּגעמעקט דעם נעסט פֿון בונט. ער וועט זיך ווידער קעגנשטעלן דער משונהדיקער וועלט. ער וועט העלפֿן יאָלאַנען, איר ראַטעווען. אָן איר איז ער גאָרנישט, אַ שפּענדל געטראָגן פֿון אַ שוימיק־צעכוואַליעטער פֿאַרפֿלייצונג, מיט יאָלאַנען איז ער דער לערער גאַיעווסקי. ער גייט קעגן אַ וועלט, איינער אַליין אויף אַ שטראָמיקע סטעזשקע צווישן אָפּגרונטן...

— מיר וועלן דערגיין ביז פּלינצק, — האָט ער געזאָגט. זי האָט געפֿילט ווי זיין אָרעם ציטערט און בלייבט אין אָנמאַכט הענגען אויף איר האַנט. זיי האָבן זיך אָפּגערוט אויף אַ שטיין. אַ טונקעלע קאָטש, געשפּאַנט אין אַ פּאָר פֿערד איז דורכגעפֿאָרן. די גומי־רעדער זענען ווייך געשפּרונגען איבער די וועג־שטיינער. אויפֿן טונקעלן לעדער־געבעט איז געזעסן אַ ציוויל־געקליידטער מענטש. ביים זייטיקן וועגל האָבן זיך די פֿערד פֿאַרהאַלטן און די קאָטש האָט פֿאַרקערעוועט קיין קוכאַר.

יאָלאַנאַ איז אויפֿגעשטאַנען:

— לאָמיר גיין דורך די פֿעלדער, לאָמיר אַוועק פֿון שאָסיי..

דער אַלטער האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ אין ביידע הענט און געשוויגן. ער איז געווען קליין און איינגעשרומפּן. אַ גרויס רחמנות איז באַפֿאַלן יאָלאַנען אויפֿן אַלטיטשקן. אויפֿן וועג איז ווידער שטיל. דער שאָסיי ציט זיך גלייך. אין די מלחמה־יאָרן איז מען זעלטן אויף דעם וועג געפֿאָרן. ס'זענען געווען נענטערע און ברייטערע וועגן, אויף טייל ערטער איז דער שאָסיי געווען אויפֿגעריסן, די בריקלעך פֿאַרברענט. אַרום וועג זענען געוואַקסן אָלשינעס און נידעריקע ווערבעס. אָפּט האָט זיך אַ האָז אָפּגעשטעלט אין מיטן שליאַך און ניט געוווסט וווהין צו לויפֿן. אַ וואַנדערנדיקער וואָלקן האָט אָנגעטראָפֿן אויף זיין וועג אַ קאַלוזשע און געשאָטנט מיט טונקעלער שרעק. דער האָז האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דעם וואָלקן־שאָטן אין דער קאַלוזשע, פֿאַרוואָרפֿן די אויערן אויפֿן רוקן און געשפּרונגען איבערן גריבעם דעק פֿון ווינטער־קאָרן ביז די פֿאַרוואַקסענע טייך־ברעגן.

דער לערער האָט פֿון אַ ליינענע טאָרבע אַרויסגענומען שטיקער ברויט וואָס גזשעמאַל האָט מיטגעגעבן און געטיילט זיך מיט יאָלאַנאַן.

דער וועג איז געווען אַ לייכטערער, זיי זענען געגאַנגען אין דער זייט פֿון שאָסיי. יאָלאַנאַ האָט געוואָלט אויפֿמונטערן דעם לערער און שטיל געזונגען אַן אַלט האַרבסט־ליד וועגן אַ זומער וואָס איז פֿאַרביי, אויף די ביימער ווערן ווייניקער בלעטער, זיי פֿאַלן צו די פֿיס, אפשר שלאָפֿט מיין גליק אין טונקלעניש, אין ווינטער... אַזוי האָט זי געזונגען.

איר געזאַנג האָט אויפגערודערט דעם אַלטיטשקן. לאַנג שוין האָט ער ניט געהערט דאָס טרויעריקע האַרבסט־ליד, ניט די וווּנדערלעכע טענער פון פאַרנעפּלטע פּוילישע האַרבסטן...

אין פעלד פּאַשעט אַ פּאַסטוך בהמות. דאָס ווייטע דאָרף איז פאַרווייעט מיט נעפּלען. אויף די ווערבעס קראַקען וואָראָנעס. דער ווינט נישטערט אין די קופּעס פאַרוויאַנעטע בלעטער. איר ווילט זיך אַוועקלייגן אויף די האַרבסט־בלעטער און בלייבן דאָ. קיין שום וועלט געהערט ניט צו איר. די פריינד פון וואַרשע האָבן פאַרקלאַפּט פאַר איר די טירן — אַרום זיי לויערט דער טויט. פון דאָרף האָט זי געמוזט אַוועק. ווען געהערט זי, יאַלאַנאַ? וווּהין גייט זי אין דעם שפּעטן האַרבסט? וועלכע שוועלן וועלן איר מיט ליבשאַפט אויפנעמען? זי האָט געדאַרפט בלייבן אין וואַלד מיט מוינען. זי פילט אויף זיך זיין הייסן אָטעם. זי זעט זיינע אויגן, די שוואַרצע יידישע אויגן. פאַר וואָס האָט זי געלאָזן אים אין וואַלד? ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען ווי נאָענט ער איז איר געוואָרן דער יידישער בחור, וואָס האָט געוואַכט איבער איר אין דעם וואַלד און מיט ציטערנדיקע פינגער באַרירט איר פּנים. ווען זי איז אַוועק מיטן לערער האָט זי זיך אַ צי־געטאָן צו אים און אַרומגענומען זיין טונקעלן קאָפּ און צוגעדריקט אים צום האַרצן.

— כ׳וויל צוריקגיין, הער טאַדעאוש, צוריק אין וואַלד, צו מוינען, כ׳וועל זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, צווישן מיינינקע...

זי האָט ס׳ערשטע מאָל אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט און געוואָלט עס צוריקכאַפּן.

הינטער זיי האָט זיך ווידער דערטראָגן אַ טופּעריי פון פערד. דאָס איז די קאַטש צוריקגעפאָרן קיין פלינצק. זי איז שוין געווען ניט ווייט. ס׳איז ניט געווען קיין צייט אַראָפּצולויפן אין ראָוו אַריין און לויפן צו די פעלדער. די קאַטש האָט שנעל זיך דערנענטערט.

זיי זענען געגאַנגען טריט ביי טריט און ניט אומגעקוקט זיך אויף צוריק. קיין פלינצק איז געבליבן אַן ערך אַכט וויאָרסט.

— ב —

עדגאַרדאָ סאַבינאָ דער ניי־באַשטימטער איטאַליענישער קאָנסול האָט זיך באַזעצט אין קראָקע. אין די לעצטע האַרבסט־וואָכן האָט ער אונטערגענומען אַ נסיעה קיין דאַנציק. ער האָט זיך שטאַרק געאיילט אָנצוקומען צו דער צייט צום האַפן. אַן איטאַליענישע שיף איז אָנגעקומען צום פּאָרט שטאַרק באַשעדיקט פון די ים־באַמבאַרדירונגען. דאָס איז געווען אַ גרויסע פּראַכט־שיף. ער איז אַרויסגערופן געוואָרן אויסצופאָרשן די הזיקות און באַקענען זיך מיטן מצב פון דער שיף.

אויף דער צוריקרייזע איז ער פאַרבייגעפאָרן דורך טאָרן, פלאָצק און פלינצק. פון פלינצק איז געבליבן אַן ערך זיבעציק ווי־אָרסט קיין וואַרשע. אין פירעקיקן שלעכט־ברוקירטן מאַרק פון פלינצק האָט ער זיך פאַרהאַלטן און גענומען בענזין. דער שאָפער האָט אַרומגעקוקט דעם וואָגן, געפּאָרעט זיך ביי די אונטערשטע רעדער. סאַנינאַ איז אַרויס פון דער מאַשין. ביי דער פּלומפּ האָט ער איבערגעלייענט אַן אויפשריפט: פלינצק. ער האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט. דאָס בילד פון זיידן וואָס איז געהאַנגען אין פּאַדואַ, דאָס הויז ביי דער ברענטא, דער טאָג־בוך...

— לאַנג וועלן מיר דאָ שטיין?

— ניט לאַנג, גנעדיקער הער, כ׳וועל טוישן אַ ראָד.

עדגאַרדאָ איז אַוועק צו אַ געסל, דער אַריינגאַנג איז געווען פאַרצוימט מיט שטעכיקע דראָטן. יידן־געטאָ — האָט ער איבערגעלייענט.

אַרום אויטאָ זענען געשטאַנען פּאַליאַקן און געהאַלפן דעם שאָפער. אַ דייטשישער פּאַטרול האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיי האָבן דערקענט אין דער מאַשין, אַז דאָס איז דער וואָגן פון אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן שטייף און באַגריסט דעם פרעמדן. אין ראָג איז געשטאַנען אַ דראָזשקע. סאַנינאַ האָט געפרעגט:

— ווייט פון דאַנען ליגט דאָס דאָרף קוכאַר?

— ניין, ניט ווייט, אַ האַלבע שעה פאָרן, גנעדיקער הער!

— פאָר! — האָט סאַנינאַ באַפוילן.

— אין אַ שעה אַרום בין איך צוריק — האָט ער אויסגערופן צום שאָפער.

די אויסגערוטע פערד האָבן זיך געטראָגן איבער דעם שטיינערנעם ברוק מיט געטופּעריי. די גומי־רעדער האָבן געטאַנצט, געקייקלט זיך. ס׳איז געווען אַ קילער האַרבסטיקער טאָג. פון אונטער די וואָלקנס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זוניקער שטראַל און שיף געגליטשט זיך איבערן ווינטער־פאַרזיי. ער האָט ניט געפילט די מידקייט פון דער אַדורכגעמאַכטער רייזע. פון דאַנציק איז ער אַרויסגעפאָרן ווען ס׳איז פינצטער געווען, געשלעפּט זיך איבער די שלעכטע וועגן, צעריסענע פון טאַנקן. די טאַנקן זענען דורך דאַנען אָנגעקומען פון פרייסן און געגאַנגען צום מיזרח. דער וועג מיט דער דראָזשקע האָט אים וואָך געמאַכט. דורך דאַנען איז געפאָרן זיין זיידע פון פּאַדואַ. ער מוז זען די געגנט, דעם וואַלד, דעם טייך. אַ נייגעריקייט איז אים באַפאַלן צו זען דאָס דאָרף און דעם פּריצישן הויף מיט דעם פליגל אין וועלכן ס׳האָט געלעבט דער זיידע. דער זייטיקער שאָסיי איז געווען ליידיק. די דערפלעך ליגן ווייט פון טראַקט. מען זעט זיי פאַרשלייערט אין האַרבסט־נעפּלען. די ווערבעס לויפן דערשראָקענע מיט צעשויבערטע קעפּ, זייערע דינע ריטלעך זעען אויס ווי האָר וואָס האָבן זיך פון פּחד געשטעלט

דיבאָם. די קאָטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרקערעוועט אין זייטיקן וועגל פון דער לינקער זייט.

— מיר זענען שוין באַלד אין קוכאַר — האָט דער טרייבער זיך אויסגעקערעוועט.

סאַנינאַ האָט געזען אַן אַלטיטשקן מיט אַ יונג מיידל זיצן ביים וועג. די קאַלוזשעס פון זייטיקן וועגל האָבן געשפּריצט מיט בלאָטע פון די רעדער אויף ביידע זייטן וועגל. די סאָסנעס זענען הויך און פאַרשטעלן דאָס דאָרף. מען הערט שוין אַ האַנען־קריי, ניט ווייט רעוועט אַ קו. די גרעבליע־שטיינער קייקלען זיך אַריין אין טייך. דער רויך פון אָרעמע שטיבלעך ליגט נידעריק. דאָס דאָרף־געסל איז ליידיק. אויף הילצערנע פּלויטן הענגען ערדענע טעפּ. אַן איינגעבויגענער פּויער אין אַ ברוינעם זשופּאַן גייט פון פעלד. פון די קליינע גרוי־באַהויכטע שויבן קוקט אַרויס אַ פּויערטע און פּרעפּלט מיט די ליפּן. אַן אַלטער בעטלער שטייט פאַר אַ פאַרמאַכטן טויער און צלמט זיך. ער זעט אויס ווי אַן אַלטע וועג־ווערבע. די פּויערים דערציילן אַז אין די נעכט פּראָוועט דער האַרבסט־ווינט זיין חתונה מיט דער אַלטער ווערבע ביי דער וואַסער־מיל. זיי שרעקן זיך די פּויערים פאַרן פּרעמדן פערד־געטופּעריי, פאַרן רעדער־געריוש, פאַר אומבאַקאַנטע דורכפאָרער.

דער בעטלער גזשעמאַל שטייט לאַנג פאַר די פאַרמאַכטע טויערן און וואַרט. היינט עפענט זיך זעלטן אַ טיר. קיינער דערלאַנגט אים ניט קיין ברויט, מען בעט אים ניט אַריין אין כאַטע און קיינער פאַרפירט ניט מיט אים קיין שמועס.

אַז דער טרייבער האָט אויסגעקערעוועט די קאָטש צום פּריצישן הויף האָט זיך נאָך דאָרט געקנוילט אַ בלויער רויך פון די פאַרשרפהטע בעלקעס. דער רויך האָט זיך געוויקלט איבער דער ערד און פאַרהילט מיט סאַזשיקער שוואַרצקייט די רעשטלעך פון פאַרברענטן פּריצישן פּאַלאַץ.

סאַנינאַ האָט געקוקט אויף דעם אַש, אויף דעם ניט־דערברענטן אייערבלייב פון פּאַלאַץ. גזשעמאַל איז צוגעקומען און געפּליסטערט תּפילות, אָנגערופן דעם נאָמען פון דער הייליקער וואָס באַשיצט פון פלאַמען, די, וואָס לעשט אויס שריפות און פאַרשטעלט מיט אירע הענט דעם בייזן ווינט וואָס צעטראָגט די פלאַמען איבער שכנישע זאַגראָדעס. זיי האָבן זיך געמיט, די הייליקע אין דער נאַכט, קיין שכניש הויז איז ניט פאַרברענט געוואָרן, גזשעמאַל האָט זיי דערציילט פון דער שריפה און ביי יעדער וואָרט זיך געצלמט. סאַנינאַ האָט אים געפרעגט וועגן די מענטשן וואָס האָבן דאָ געוווינט, נאָר דער אַלטער האָט אים ניט פאַרשטאַנען. אַז די קאָטש איז אַוועקגעפאָרן פון דאָרף, האָבן זיך געעפנט די טויערן פון כאַטעס. די פּויערטעס זענען אַרויס פאַרהילטע אין פאַטשיילעס און דורכגערעדט זיך.

די מענער זענען אַראָפּ פון די אויוונס און אַוועק אין שענק אַריין צו דער־וויסן זיך נייעס.

— ווער איז ער דאָס דער פרעמדער מיט דער קאַטש? אפשר אַ פּריץ? אפשר איינער פון די דייטשן? פאַרוואָס איז ער אָן אַ וואַך?

גזשעמאַל האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט נאָר טרויע־ריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניט גוט, זון מיינער, ניט גוט.

— ניט גוט, זאָגסטו, פאַטערל גזשעמאַל?

די פּויערים האָבן נאָכגעזאָגט די ווערטער „ניט גוט"...

די קאַטש איז אַרויס פון זייטנוועג און געקייקלט זיך איבערן שאָסיי צוריק קיין פּלינצק. סאַנינאַ האָט ווידער דערזען דעם אַלטן מיטן מיידל.

— בלייב שטיין, — האָט ער אַ צי־געטאָן די לייצן.

— מיר קענען אייך מיטנעמען אַ שטיקל וועגס.

יאַלאַנאַ האָט זיך האַסטיק צוריקגעצויגן. זיי האָבן דערקענט אין די ווערטער פון פרעמדן, אַז ער איז ניט קיין פּאָליאַק, זיכער אַ דייטש. דער גימנאַזיאַל־לערער האָט געענטפערט:

— אַ דאַנק אייך, הער... ס'איז ניט ווייט געבליבן... מיר וועלן שוין מיט גאָטס הילף דערגיין...

עדגאַרדאָ איז אַראָפּ פון דער קאַטש און אָנגענומען דעם אַלטן פאַרן אָרעם זיי זענען געזעסן אַנטקעגן דעם פרעמדן פּנים אל פּנים. יאַלאַנאַ האָט זייטיק געקוקט אויף דעם גוט געקליידטן מאַן. זי האָט זיך עטלעכע מאָל צונויפגעטראָפן מיט זיין מידן בליק.

— איר זייט פון קוכאַר? — האָט סאַנינאַ געפרעגט נאָך אַ לאַנגן שווייגן.

— ניט פון קוכאַר... ניין... נאָר געוווינט דאָרט... — — האָט דער לערער געזאָגט.

— וווּ האָט איר געוווינט? אפשר אין פּריצישן הויף?

— יאָ, אין פּריצישן הויף. ער איז נעכטן פאַרברענט געוואָרן. מיר פאָרן איצט זוכן אַ נייע היים. דערווייל קיין פּלינצק, דאָרט וועלן מיר זען וואָס ווייטער צו טאָן. סאַנינאַ האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, נאָר ס'איז אים שווער אָנגעקומען צו רעדן פּויליש. ער איז אַריבער אין פראַנצויזיש. דער גימנאַזיאַל־לערער האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן פאַר איבערראַשונג.

— לאָמיר טאַקע רעדן, גנעדיקער הער, פראַנצויזיש. איך האָב שוין אויף דער שפּראַך זייער לאַנג ניט גערעדט, ניטאָ מיט וועמען צו רעדן היינטיקע צייטן פראַנצויזיש.

זיי האָבן גערעדט פריי וועגן קוכאַר, וועגן פּליגל ווו דער לערער האָט געוווינט מיט יאַלאַנען. סאַנינאַ האָט אַ פרעג געטאָן וועגן יאַלאַנען, צו־ערשט האָט ער געמיינט אַז דאָס מיידל איז דעם אַלטנס טאָכטער.

— איך זע אַז איר פאַרשטייט אויך פראַנצויזיש, — האָט סאַנינאַ אויסגעבויגן דעם קאָפּ. זי האָט פאַראַכטן דאָס קאָפּ־טיכל וואָס איז איר אַראָפּגעפאַלן אויף די אַקסל. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם בליק פון דער מיידל און געקוקט צו די פעלדער. די מיידלשע קני האָבן אַ ציטער געטאָן און זיך אַנגעשטויסן אין זיינע קני. דער ציטער איז דורך זיינע הענט, זיין גוף. דער ניט־דערלייענטער טאָג־בוך פון זיידן האָט דערוועקט אים צו טראַכטעניש. די קאַטש האָט זיך געקייקלט איבער די שלעכט־ברוקירטע פלינצקער גאַסן, אָפּגעשטעלט אין מיטן מאַרק נעבן אויטאָ.

— וווהין דאַרפט איר? וועט אייך דער אַנטרייבער פירן.

— מיר דאַרפן... — האָט אין פאַרלעגנהייט גערעדט דער לערער — מיר וואָלטן אייגנטלעך געדאַרפט פאָרן קיין פלאָצק.

— ער וועט אייך פירן!

— אַ יאַקושע, — האָט דער אַנטרייבער געזאָגט.

— מיר קענען אָבער ניט... פון דער שריפה זענען מיר אַרויס אָן אַלעם... אָן געלט...

סאַנינאַ האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם עטלעכע באַנקנאָטן און זיי געשטופּט דעם אַלטן אין די הענט אַריין. — נעמט, נעמט, איר וועט מיר אַמאָל צוריקגעבן.

— ניין... כ׳ווייס ניט... כ׳ווייס ניט אייער נאָמען... ניט דעם אַדרעס...

דער פרעמדער האָט אַרויסגענומען אַ וויזיט־קאַרטל. זיי האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט. סאַנינאַ האָט געזאָגט צו יאַלאַנען אין פראַנצייזיש:

— אַז איר וועט זיך נויטיקן אין הילף אָדער שוץ, שרייבט צו מיר. זי האָט דערפילט זיין וואַרעמען האַנט־דרוק.

אין פלינצק איז יאַלאַנאַ מיטן לערער גאַיעווסקי לאַנג ניט געבליבן. דער אַנטרייבער האָט צעביטן פאַר זיי אַ באַנקנאָט און איינגעקויפט עסן אויפן וועג. די קאַטש האָט פאַרקערעוועט צום פלאָצקער שאָסיי.

דאָס וויזיט־קאַרטל איז געלעגן אין לערערס הענט און ער האָט געקוקט מיט גרויס חידוש אויף דעם אויפשריפט: ע ד ג א ר ד אָ ס אַ נ י נ אַ , ק אָ נ ס ו ל פ ו ן א י ט אַ ל י ע . ק ר אָ ק ע .

— ג —

טיפע שנייען זענען געפאַלן סוף דעצעמבער. אין שטילן פלאָצק איז איינגעשטאַנען אַ קליינער פרייסישער גאַרניזאָן. אין קאַפע נעבן ראָטהויז האָט געשפּילט אין די נעכט אַ קאַפּעליע. די דורכגייער האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט, אויסגעמיטן די דייטשן, ניט געוואָלט אַריין אין ליכטקרייז פון דער קאַפע. די שיינע געסלעך מיט די טונקל־טורעמדיקע דעכער זענען

געווען נידעריק, איינגעיאָזשעט און פאַרשאָטנט. ניט ווייט פון מאַריאַוויטן־קלויסטער, אויף אַ בוידעם־שטיבל האָט זיך אויפגעהאַלטן דער גימנאַזיע־לערער מיט יאַלאַנען. אין די זונטיקס זענען זיי געגאַנגען מיט די שכנים אין קלויסטער פון דער „הייליקער מאַריאַ די טשענסטאָכאָווערין". דער קלויסטער האָט זיך געפונען נידעריק קעגנאיבער דעם ווייסל־ברעג, מ'האָט געדאַרפט אַראָפּגיין אויף טרעפּלעך. גאַיעווסקי האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער מירמלוואַנט און געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. אין גרויסן, טונקעלן זאַל צווישן די וואַקסענע ליכט האָט זיין פּנים אָנגענומען די געל־קייט פון צעטריפטן וואַקס. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, מיט פאַר־שלאָסענע ליפּן און געקוקט אויף די שניצערייען פון הייליקן וויט־סטוואָזש און אויף די פענצטער־וויטראַזשן. די רויט־גרינע, געל־בלאָע שייבלעך זענען געווען באַהויכט פון אַ יענע־וועלטיש ליכט, וואָס ס'האָבן געבראַכט די גוטע מלאכים אויף די פליגל־שפּיצן.

אין די לינדע פאַרנאַכטן זיצט אין דעם גלעזערנעם דאַך־טורעמל דער לערער, ער גייט אַהין אַרויף דורכן קליינעם חדרל. פון דאַנען זעט מען די בלאָ־געשטרייפטע ווייסל. דער לינקער ברעג איז נידעריק, דער רעכטער איז הויך. דער שניי האַלט זיך ניט אויף די שאַרפע אַראָפּהאַנגען פון רעכטן ווייסל־ברעג, מען זעט אַרויס שטיקער טונקעלע גרודעס. אָפט זיצט ער דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט און קוקט אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל. ער מאַכט דורך די ווייטסטע נסיעות פון פּלאַנעט צו פּלאַנעט. ער טוט אָן די ברילן און זוכט די ווייטע שטערן. ער זוכט אויס אַ ווינקל פון הימל וווּ מען זעט ניט קיין שטערן, וווּ נאַכט־טונקלעניש האָט געדיכט זיך גע־שפּרייט. ער דערשפּירט טרערן אין די אויגן־ווינקלען און ווישט אויס די ברילן־גלעזער. ער וויל אַז דאָרט וווּ קיין שטערן זענען נישטאָ זאָל זיך אַ שטערנדל אָנצינדן. ער קוקט אַזוי לאַנג ביז עס נעמט אים שווינדלען פאַר די אויגן, דער הימלגעוועלב הייבט אָן צו ציטערן און די שטערן פאַלגן דעם ווילן פון איינזאַמען מענטש, זיי צינדן זיך אָן. דער גאַנצער הימל ווערט איין שטיק פייער. אַזוי פיל ליכט אין אַלע ווינקעלעך פון קליינעם צימערל...

אַז יאַלאַנאַ איז געקומען שפּעט פון דער קאַפע נעבן ראַטהויז, וווּ זי אַרבעט ווי אַ קעלנערין, האָט זי אים ניט געפונען אין צימערל, זי האָט געעפנט דאָס טירל וואָס פירט צום קליינעם גלעזערנעם טורעמל מיט דער בלעכערנער פאַן, אַרויף אויף די שטיגלעך און געטראָפן דעם לערער אַ שווייגנדיקן. זי האָט אים אַ ריר־געטאָן ביים אַקסל. ער האָט ניט געענט־פערט. די האַלב־נאַכטיקע לבנה האָט געגליטשט זיך איבער זיין שמייכ־לענדיק פּנים, איין האַנט איז געהאנגען אויף דער ראַם פון פענצטערל און געטייטלט אויף אַ גרויסן שטערן.

— הער טאַדעאוש, ס'איז שוין אַזוי שפּעט... ס'איז אַזוי שרעקלעך קאַלט...

ער האָט ניט געענטפערט. די האַנט איז אָנמאַכטיק געפאַלן אויף זיין שויס און דער קאָפּ האָט זיך אַ בויג־געטאָן, געבליבן אויף דער ברוסט. ס'האָט אויסגעזען ווי דער טויטער וואָלט באַשטעטיקט די ווערטער: עס איז שוין שפּעט... עס איז אַזוי שרעקלעך קאַלט...

שווערע טעג זענען אָנגעקומען פאַר יאַלאַנען. זי האָט געזוכט אַן אַנ־דער באַשעפטיקונג, ניט געוואָלט זיין אין די אויגן פון די דייטשן. דאָס בוידעם־צימערל האָט איר געשראָקן. די לעצטע צייט האָט זי געפילט אויף זיך דעם שיכורן בליק פון עפּעס אַן אָפיציר. שאַטנס זענען איר אַנטקעגן־געקומען אויף די טרעפּ, זי האָט אויפגענומען אַ פרעמדן נאַכט־געשעפטש ביי אַ ראָג אין ווינדיקן ליכט פון גאַסן־לאָמפּ. זי איז געלאָפן איבער די פאַרשנייטע גאַסן, איבער טרעפּ, פאַרהילט אין אַ וואָלענעם שאַל.

איין מאָל האָט דער דייטשישער אָפיציר מיטן שטעכיקן בליק אַרויפ־געלייגט אויף איר אָרעם אַ גליטשיק־וואַרעמע האַנט.

— די פריילין יאַלאַנע איז פון בידגאָשטש? מיין חבר האָט מיר דער־ציילט וועגן אייך, איך בין דאָך אויך אַ בידגאָשטשער!

יאַלאַנאַ האָט געציטערט און עפּעס געשטאַמלט.

— אָנע אַנגסט, פריילין יאַלאַנאַ, אָנע אַנגסט.

זי איז גיך געקומען צו זיך פון דער ערשטער צעטומלעניש, אַ וואָרף־געטאָן דעם קאָפּ, גלייך געמאַכט די האָר און אַריינגעקוקט דעם פרעמדן גלייך אין פּרצוף. זי האָט אַוועקגענומען די האַנט פון זיינע פינגער.

— ווו האָט איר געוווינט אין בידגאָשטש, אויף וועלכער גאַס?

— איך שפּאַס, — האָט דער דייטש געשמייכלט, — איך בין אַ לאָדזשער, און איז אַריבער רעדן אויף פויליש. — איר וואָלט געדאַרפט צוריק גיין צו דער בינע, פריילין...

די ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט אַזוי פּלוצעם, אַזוי אומגעריכט, אַז יאַלאַנאַ האָט זיי אָפּגעפילט שאַרף ווי מען דערשפּירט אויף זיך דעם ברי פון אַ פייערדיק אייזן. זי האָט געוואָלט לפנים אַ שמייכל טאָן, פאַר־טומלען די שרעק און פּיין וואָס איז געוואַקסן מיט יעדער רגע און ניט געקאָנט. די ווערטער האָבן איר צוגעשמידט צום אָרט.

— כ'פאַרשטיי אייך ניט... איר זענט זיך טועה, זי האָט זיך גע־נומען צוריקרוקן און געפרעגט:

— וואָס ווינטשט איר זיך אויף מיטאָג?

—וואָס איך ווינטש זיך? — האָט דער מענטש איבערגעחזרט אירע ווערטער. — איך ווינטש זיך אויסער דעם מיטאָג אויך אייער אַדרעס. כ'וויל אים האָבן פון אייך פּערזענלעך, פון אייך, יאַלאַנאַ פּאַזנער. — ער האָט דעם נאָמען אַרויסגעזאָגט מיט שטילקייט, געבנדיק דערמיט צו פילן, אַז ער איז ניט אויסן איר איבערצוגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. —

וואונדערט אייך ניט, איך האָב אייך געהערט זינגען אין וואַרשעווער אָפּערע אין די פאַרמלחמה־יאָרן.

זי האָט ניט געענטפערט.

— איך קען אייער אַדרעס לייכט באַקומען. פּלאַצק איז ניט גרויס, נאָר דעמאָלט וועט זיין שלעכט און טרויעריק. ניט אמת פריילין?

יאַלאַנאַ האָט געשוויגן.

— אייער אַדרעס באַדייט פאַר מיר איינלאַדונג.

די מוזיק־קאַפּעליע האָט אָנגעהויבן אַ נייעם פאָקסטראָט. די טאַנצן האָבן אַ בראַזג־געטאָן ווי ס׳גאַנצע גלאָזוואַרג פון קאַפע וואָלט צעשפּרונגען געוואָרן אָן די שטיינערנע פּאַדלאָגעס. אַ בייז פייערל איז אויפגעגאַנגען אין יאַלאַנען. זי האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן רוקן און הויך געזאָגט, אַז אַלע זאָלן הערן:

— איך ווין קוקגן־איבער דעם ראָטהויז, אויפן בוידעם־צימערל, איינעם הויז מיטן גלעזערנעם טורעם. דער אָפיציר האָט זיך פאַרנויגט. יאַלאַנע האָט זיך געטראָגן איבערן לאַנגן קאַפע־זאַל, איבער די קוך, און געזאָגט דעם אויפזעער:

— כ׳מוז אַהיים גיין, כ׳פיל זיך ניט גוט, כ׳בין קראַנק.

זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון דער קוך־טיר, אַרויפגעוואָרפן דעם וואָלענעם שאַל איבערן קאָפּ, איבערן שטערן און אַרויף צו זיך אין צימערל, פאַרפּאַקט אויף גיך אַ קליין רענצל און שטיל פאַרשפּאַרט די טיר. אויף די טרעפּ האָט זי אָנגעטראָפן אַ שכנה. זיי האָבן זיך געקענט פון קלויסטער. יאַלאַנאַ האָט געזאָגט:

— איך פאָר צו מיין ברודער... ער האַלט ביים שטאַרבן, מען האָט מיר איצט טעלעגראַפירט... אַ גוטן טאָג אייך...

דער אָוונט איז צוגעפאַלן דאָס איז געווען אַ בלאָ־שנייאיקער פאַרנאַכט. ביים זייטיקן טויער פון מאַריאַוויטן־קלויסטער איז יאַלאַנאַ געבליבן אַ פאַרטראַכטע און געהאַלטן די פינגער אויפן טויער־גלאָק. צוויי וועגן האָט זי געהאַט פאַר זיך. איינער — צו די הייליקע נאָנעס וואָס וועלן זיך אפשר מרחם זיין און איר אויפנעמען. דער צווייטער וועג האָט זיך געשלענגלט נידעריק ביז צום ראַנד פון הויכן ווייסל־ברעג, ביזן נאַקעטן און אָפּגעדעקטן באַרג־אַראָפּהאַנג. נידעריק פליסט די ווייסל, די אומרואיקע, טרויעריקע ווייסל. זי וועט זיך פון דאַנען אַראָפּקייקלען אין די גוטע און קאַלטע כוואַליעס און איבערגעבן זיך אין שויס פון דער האַרציקער וואַנדאַ. זי וועט איר זיכער דערוואַרטן די ווייסל־קעניגן וואַנדאַ, די וואָס הערשט איבער דער ווייסל און איר אויפנעמען מיט ליבע. אין די שיינע פוילישע זומערן, ווען די פלאַקסענע דאָרף־מיידלעך פלעכטן קרענץ און לאָזן זיי שווימען איבער די וואַסערן וועט יאַלאַנאַ העלפן ציילן די קרענץ און וועט זינגען די שענסטע לידער וועגן דער ווייסל. זי וועט אַליין אַ קעניגן ווערן,

די קעניגן פון דעם טייל ווייסל וואָס שווימט איבער מאַזאָווּשע. איר האַנט האָט געציטערט. דער טויער־גלאָק האָט געשאָטן זיך איבערן הויף ווי קרישל־שטיינער וואָס פאַלן פון שיפּועים אין אַ טייך אַריין.

יאַלאַנע איז געבליבן אין קלויסטער אַ וואָך צייט. זי האָט געמוזט פון דאָרט אַוועק. די דייטשן האָבן פאַרבאָטן אויפצונעמען נייע נאָנעס וואָס זענען ניט איינגעמאָלדן געוואָרן אין דער פּאָליציי. אין אַרטיקן דייטשישן בלעטל האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה אַז די געוועזענע קעלנערין פון דייטשישן קאַפע ווערט געזוכט דורך דער פּאָליציי און אַז זי איז אַ באַקאַנטע יידישקע. די באַפעלקערונג איז אויפגעפאָדערט געוואָרן אָנצוגעבן איינצלהייטן וועגן איר. די הויפּט־אויפזעערין פון מאַריאַוויטן־קלויסטער האָט געבראַכט די נייעס און גלייך גערופן יאַלאַנען. — זענען זי פריילין, ווי אומרואיק עס איז ביי אונדז אין פּלאָצק. זי האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, און אַז יאַלאַנע איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, האָט די אויפזעערין צוגעגעבן:

— עס וועט בעסער זיין פאַר אונדז און פאַר אייך אַז איר וועט שוין פאַרלאָזן פּלאָצק.

זי האָט איר באַגלייט ביזן טירל און געזאָגט: זאָלן דיך אַלע הייליקע שיצן, און אויב האָסט זינד, זאָל די זינד דיר פאַרגעבן ווערן. די הייליקע מאַריע איז פול מיט פאַרגעבונג. בעט צו איר.

דאָס טירל האָט זיך צוגעקלאַפּט און יאַלאַנע איז געבליבן אַנטקעגן דעם הויכן ווייסל־ברעג. זי האָט געשטעלט פאַמעלעכע טריט צום טייך. דער הויכער ברעג איז געווען פאַרשאָטנט, די פעלדזן־וואַנט איז מיט שניי־פלעקן. אין אַ קלויסטער האָט געקלונגען דער קליינער נאַכט־גלאָק און דער־מאָנט אין אָוונט־געבעט. עס איז געבליבן פאַר איר נאָר איין קליינער שפּאַן. זי האָט געוואָלט צושליסן די אויגן און אויסבויגן זיך. — די פלאַמען פון ברענענדיקן הויף האָבן איר אַרומגענומען. דאָס הינקענדיקע גמינע־שריי־בערל קאַרטשעט זיך אין ברענענדיקן היי. מוינעס פּנים איז רואיק. זי זעט אים איצט. זיינע אויגן רופן איר. זי וועט גיין קיין קוכאַר. זי וועט גיין צום דאָרף פון איר אַפּשטאַם, דאָרט ווו איר פאָטער איז געבוירן געוואָרן, אַהין פון וואַנען ס'שטאַמען די זיידעס. זי וועט גיין צו מוינען. זי געהערט צו קר־כאַר. דאָרט וועט זי שטאַרבן, אויפן אלטן בית־הקברות.

צוויי טעג האָט געדויערט ביז יאַלאַנע איז דערגאַנגען קיין קוכאַר. זי איז געלעגן אין די פאַרשנייטע אַלכע־קוסטעס ביי דער גרעבליע, ביז ס'איז טונקל געוואָרן און געשלייכט זיך דורך די פעלדער צו גזשעמאַלס כאַטע.

דער אַלטער בעטלער האָט זיך געפרייט מיט יאַלאַנען. ער האָט אַרויפגעדרייט די קנויט פון לעמפּל און געפּאַרעט זיך ביים קאַלטן אויוון. די אַלטע איז געלעגן אויפן פּיעקעליק און געקרעכצט. זי האָט זיך דער־וויסט פון גזשעמאַלן, אַז מוינע קומט זעלטן צו גיין אין דאָרף אַריין. ער

איז איצט אין די גרויסע וועלדער אַרום טשעכאַנאָווע. ער איז צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער. אויך נײַ־יאָר איז ער דאָ געווען מיט נאָך כלאָפּצעס. זיי זענען פראַנק און פרײַ אַרומגעגאַנגען איבערן דאָרף און אין דער נאַכט זענען זיי אַוועק. ער האָט צוגעזאָגט ווידער צו קומען. נאָך דער שריפה איז שטיל געוואָרן אין קוכאַר. וואַצעק כוואַסטין, דער גמינע־שרײַבער איז עד־היום נישטאָ, מ׳זאָגט אַז ער איז פאַרברענט געוואָרן.

יאָלאַנע האָט געגעסן דאָס בעטל־ברויט, געהערט די דאָרף־נײַעס.. וואָס וועט זי טאָן אין דעם דאָרף? ווער ווייס ווען מוינע וועט זיך דאָ ווידער באַווײַזן? זי וואָלט צוזאַמען מיט אים אַוועק אין די וועלדער, אין די גרויסע און טיפע פּוילישע וועלדער. אַ מידע איז זי אַוועקגעפאַלן אויף דעם שטרוי־בעטל. דער פאַרשנייטער וואַלד האָט אַרײַנגעקוקט דורכן פענצטערל. דער ליכטיקער שניי האָט זיך געזילבערט אויף די שויבן, באַלויכטן אַ שטיקל וואַנט און ווי דער מילך־וועג געשפּרייט זיך איבער איר פּנים.

צומאָרגנס איז זי אַוועק אין דאָרף אַרײַן, זי איז פאַרבײַגעגאַנגען די גמינע, פאַרקערעוועט צום קליינעם הילצערנעם בריקל און צוגעקומען צום פאַרברענטן הויז. די פאַדערשטע געמויערטע ווענט זענען געווען אָן פענצטער און אָן טירן, נאָר אויסגעברענטע לעכער. דער שניי האָט צוגע־דעקט דעם באַרג אַש און די ניט־דערברענטע קלעצער. נאָך וואָס איז זי דאָ אַהערגעקומען, ווייס זי ניט. ס׳טרײַבט איר דער אומעט פון דער בעט־לער־שטוב. די שכנים פון פּריצישן הויף האָבן זיך מיט איר דערפרייט. מען האָט איר געטרייסט, פאַרבעטן צו זיך אין די כאַטעס אַרײַן. די צוויי פאַנבעס, די שוועסטער גלינעצקיס, האָבן איר אויפגענומען גאָר האַרציק, זיי האָבן איר אַוועקגעפירט צו זיך אין אויפגערוימטן הײַזל. מען האָט זיך אויסגעפרעגט אויפן לערער. אין דאָרף האָט מען געמיינט אַז זיי זענען פאַרברענט געוואָרן אין דער שריפה.

יאָלאַנע איז געבליבן אַ צײַט בײַ די אַלטע פאַננעס. אויך פון דאַנען האָט זי געמוזט אַוועק. אין די נעכט האָבן שיכורים געטומלט בײַם קליינעם שטיבעלע, דאָרף־שקצים זענען געקומען מיט האַרמאָשקעס. די פאַננעס האָבן ניט געוואָלט עפענען. די יונגען האָבן געקלאַפּט מיט די פויסטן און געזידלט זיך און אַלע הייליקע. זי האָט געגעכטיקט אַמאָל בײַ די שכנים פון פּריצישן הויז, אַמאָל בײַ גזשעמאַלן. טיילמאָל זענען געקומען אין דאָרף אַרײַן דײַטשן און געגנישטערט אין די הײַף. נאָכגעפרעגט זיך אויף פרעמדע. מוינע איז אַלץ ניט געקומען. די פּויערים האָבן דערציילט אַז די דײַטשן בויען בײַ דער וואַטער־מיל קאַזאַרמעס און אַ ליאַדע טאָג וועלן קומען אַ סך סאָלדאַטן.

געשראָקן האָט זיך יאָלאַנע צו שטאַרבן ערגעץ ווי אַ פאַרוואָגלטער הונט אין פאַרשנייטן פעלד פון יידישן בית הקברות און איר קערפּער זאָל זיך הפקרדיק וואַלגערן פאַר די וועלף. זי וויל לעבן. די לעצטע נעכט האָט

זי געגעכטיקט ביי גזשעמאַלן אויפן ביידעמל. ס'איז דאָרט קאַלט און פייכט. דורכן פענצטערל האָט זי געזען אַ דייטשישן טאַנק וואָס איז פאַרבייגעפאָרן. דערנאָך האָט זי שוין מער ניט געקענט איינשלאָפן. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער שריפה, אין מוינען, אין לערער, און פּלוצעם איז איר געקומען אין זינען דער אויסטערלישער און פרעמדער מענטש פון דער קאַטש. אין זיין וויזיט־קאַרטל וואָס איז געלעגן אויפן טישל אין פּלאַצק איז געווען אָנגעשריבן זיין נאָמען. זי האָט ניט איין מאָל זיך איינגעקוקט אין דעם קאַרטל, אין די אותיות, געלייענט שטיל. איצט האָט זי זיך ניט געקאָנט דערמאָנען אין זיין אויסזען, זי געדענקט נאָר אַ פול און מיד פּנים, געבליבן איז נאָר אין זכרון זיין ווייך קול בשעת ער האָט געזאָגט: אַז איר וועט זיך נויטיקן אין הילף אָדער שוץ שרייבט צו מיר.

אין דער פרי האָט זי אָנגעשריבן אַ קורץ בריוועלע און אויפן קאָנווערט אויפגעשריבן: דעם הער עדגאַרדאָ סאַנינאָ, קראָקע, איטאַליענישער קאָנסול. זי האָט געשריבן אין פראַנצויזיש: „איך נויטיק זיך אין הילף. כ'געפין זיך אין יענעם דאָרף ווו איר זייט געווען מיט דער קאַטש פון פּלינצק. כ'בעט אַנטשולדיקונג פאַר מיין ווענדן זיך צו אייך. איך טו דאָס ווייל איר האָט מיר געהאט אָנגעבאָטן אייער הילף און שוץ. די פאַרצווייפלטע יאַלאַנע". אין קלאַמערן איז געווען צוגעשריבן: דער לערער קען אייך ניט גריסן ווייל ער איז אויסגעגאַנגען אין פּלאַצק. ער האָט אייך אָפט דערמאָנט צום גוטן.

גזשעמאַל האָט דעם בריוו אַוועקגעטראָגן קיין סאָכאַטשין אין דער פּאָסט. די טעג נאָכן אַוועקשיקן דעם בריוו האָבן זיך לאַנג געצויגן. זי איז שוין מער ניט געגאַנגען צום געסל. אירע שיך זענען געווען צעריסן, די קליידער אָפּגעטראָגן, אין שטיבל האָט זי זיך געפּאַרעט ביים אויוון, אונטערגעהייצט די כאַטע און דערלאַנגט אַ ביסל וואַרעמס דער אַלטיטשקער וואָס איז ניט אַראָפּגעגאַנגען אַ גאַנצן ווינטער פון אויוון.

— ה —

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג איז גזשעמאַל אַריינגעפאַלן אין דער כאַטע מיט דער בשורה אַז מען פרעגט זיך אויף יאַלאַנען. פון פּלינצק איז געקומען אַ קאַטש. דער אָנטרייבער איז שוין געווען אין גמינע, ער האָט געפרעגט די שכנים פון פריצישן הויף, מען האָט אים געשיקט צו די פּאַנגעס גלינעצקיס. יאַלאַנע איז אַוועק צו דער גמינע. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט מען געבראַכט איר אַן ענטפער אויפן בריוו, און זי האָט טאַקע ניט געהאט קיין טעות. דער אָנטרייבער האָט איר געגעבן אַ בריוו און געזאָגט דערביי:

— איך וואַרט אויף אַן ענטפער. — זי האָט געריסן מיט פאַרפרוירענע

פינגער דעם קאָנוועֶרט און איבערגעלייענט: „מיין שאָפער וואַרט אויף אייך אין פּלינצק. זייט רואיק און פאַרצווייפלט ניט. — עדגאַרדאָ סאַנינאָ".

זי האָט ניט געגלייבט אירע אויגן און נאָך אַמאָל געלייענט. די ווייטן זענען צונויפגעלאָפן. אַ קליינע טרער איז הענגען געבליבן אין אויג־ווינקל. זי איז געזעסן אין ווינקל פון דעם קאָטש. עס איז געווען ליכטיק אַרום איר. אין דער ליכטיקייט האָבן זיך געשפּאַלטן הימלען. אַ זילבערדיק־שפּרודלדיקער וואַסער־פאַל האָט געריסן שטיקער ליכטיק־זאַמד, געשוימט מיט אומרואיקער רוגזה, געריסן זיך צו אירע פיס, אָט וועט זי אַריינגע־צויגן ווערן אין וואַסער־געווירבל. זי שפּאַנט צוריק, טריט נאָך טריט, דער וואַסער ־ שוים גרייכט איר ביז די קנעכלעך, באַלד וועט זי אַריינגעשלעפּט ווערן אין די אויפגעוואכטע וואַסער־שטראָמען... ניין, דאָס איז גאָר דער אַפּלאָדיסמענטן־גערויש פון אַ ריזיקן זאַל, זיי רייסן זיך, די אַפּלאָדיסמענטן ווי וואַסערן פון אויפגעקאָכענע שליוזן. זי וועט ניט אַנטלויפן, זי גייט פּאַמעלעך פאָראויס און פלוצעם הייבט יאָלאַנע אָן צו לויפן פאָראויס, זי וועט אַ וואָרף טאָן איר יונגן קערפּער אין די צעשטורעמטע כוואַליעס אַריין, זי לויפט ביז דער ראַמפּע. איר קול האָט ווי דער פויגל־געזאַנג פון אַ בלי־ענדיקן קאַרשן־סאָד באַהערשט דעם שטורעם, פאַרוויגט אים, איינגעשטילט אים, זי טראָגט איצט רו, בענטשונג און זון־ליכט...

אין פּלינצק האָט געוואַרט סאַנינאָס אויטאָ. זי האָט ניט געפרעגט דעם שאָפער וווהין ער פאָרט, ניט געפרעגט ווו איז דער הער סאַנינאָ. דער וואָגן האָט זיך געטראָגן איבער די פּוילישע ווינטער־וועגן.

אין אַ קראָקעווער האָטעל אויף אַ זייטיק שטילער גאַס איז געווען פאַרגרייט פאַר יאָלאַנען אַ צימער. זי האָט זיך דורכגעשלייכט אין די אָפּ־געטראָגענע קליידער דורכן האָטעל־קאָרידאָר, געגאַנגען אויף די טרעפּ און געפילט אַז די קני ברעכן זיך איר. ביים נאַכט־טישל האָט געברענט אַ בלאָער אַבאַזשור. זי האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. די מידקייט און דער הונגער, די פייכטע און צעריסענע קליידער, דאָס אַלץ האָט איר געמאַכט טרויעריק און געפאַלן.

יאָלאַנע איז אפשר געזעסן אַזוי אַ שעה אָדער צוויי ביז אַ שניידיקער קלונג האָט איר אויפגעוועקט פון מידקייט און שאַרף געמאַכט אירע חושים. דאָס קלינגען האָט זיך איבערגעחזרט. איין מאָל און נאָך אַ מאָל. זי האָט אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— אייך וויל זען אַ פרוי, זי וואַרט אונטן, קען זי אייך איצט באַזוכן? — האָט געפרעגט דער האָטעל־דינער.

— גוט. יאָלאַנעס האַנט איז געבליבן אויפן טעלעפאָן־טרייבל. זי איז גלייכגילטיק געוואָרן אין דער רגע צו אַלעם. זי איז מיד און טרויעריק. גוט וואָס עדגאַרדאָ סאַנינאָ קומט ניט. זי וויל ניט אַז ער זאָל איר זען איצט. ווער איז די פרוי?

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט. אַן עלטערע פרוי אין טונקעלע קליידער איז אַריין. זיי האָבן זיך באַגריסט.

— איך קום אין הער סאַנינאַס אויפטראַג. אייך רופט מען יאַלאַנע? עס איז מיר זייער אנגענעם אייך צו טרעפן. איך וועל אייך העלפן אין די קליי־נע ענינים.

זי האָט אנגענעם געשמייכלט און באַלד צוגעגעבן: — וווּנדערט אייך ניט פריילין. מיר זענען היימישע מענטשן. איך אַרבעט אין איטאַליענישן קאָנסולאַט.

דער האָטעל־דינער האָט לייכט אָנגעקלאַפּט און געלאָזן ביי דער טיר אַ וואַליזע.

— דאָס איז פאַר אייך, אַ באַשיידענער גאַרדעראָב אויף די ערשטע טעג, — האָט געזאָגט די פרוי.

מיט אַ שעה שפּעטער זענען ביידע פרויען געזעסן אין עס־זאַל און גע־מיטלעך גערעדט. יאַלאַנע איז ניט געווען צום ליכט פון די באַלויכ־טענע זאַלן. זי איז געווען פאַרקעמט, גוט־געקליידט. די מידקייט איז אויס־געראָנען געוואָרן, און אין דער געמיטלעכקייט פון זאַל האָט זי זיך פּאַמעלעך אָפּגעפונען. ס׳האָט דערוואַכט די יאַלאַנע פון די שיינע וואַרשעווער גאַסן. איר יעדער קער, יעדער באַוועג מיט די אָרעמס, דער אויגן־שימער, איר גאַנג, אַלץ האָט געוועקט צו איר אויפמערקזאַמקייט און רעספּעקט. די האָ־טעל־דינער האָבן איר ניט דערקענט. זיי זענען צוריקגעטראָטן מיט גרויס הכנעה. אַזאַ ענדערונג, ווי ניט די זעלביקע, האָבן זיי געטראַכט.

די עלטערע פרוי איז אָפּט געקומען אין האָטעל אַריין. זיי האָבן צו־זאַמען געמאַכט קליינע שפּאַצירן איבער די קראָמען און איינגעקויפט קליי־דער. סאַנינאַ האָט איבערגעשיקט גרוסן, אַליין איז ער ערשט געקומען אין דער צווייטער וואָך נאָך יאַלאַנעס באַזעצן זיך אין האָטעל. ער איז געקומען אין די נאָכמיטאָג־שעהן און געזעסן אַ פאַרטראַכטער אין דער געבעטער שטול. זי האָט געזען דאָס אויסדרוקסלאָזע קיילעכיקע פּנים, די רואיקע אויגן און גאָרנישט באַנומען. ער איז געווען פאַר איר פאַרשלאָסן. סאַנינאַס בליק האָט געשטאַרט אויף די שויבן. יאַלאַנע האָט געוואָלט דאַנקען, זיין פריינד־לעך, נאָר זי האָט ניט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער. זי האָט ניט געקענט דורכברעכן די וואַנט פון שטילשווייגן וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך דער איטאַליענער. ער האָט זיך דערנאָך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענצ־טער. זיינע אַקסלען זענען געווען אין ליכט נאָר ס׳פּנים איז געווען פאַר־שאָטנט. ער האָט געזאָגט:

— איר וווּנדערט זיך אַוודאי אויף מיר. איר פאַרשטייט ניט די סיבות פון מיין באַציאונג צו אייך. איך וויל איצט אָוועקטרייבן אייער אומרו. איר דאַרפט וויסן, אַז דערמיט צאָל איך אָפּ אַן אַלטן חוב וואָס כ׳בין שולדיק דעם דאָרף קובאַר...

יאָלאַנע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זייערע בליקן האָבן זיך האַסטיק צונויפגעטראָפן.

— איר האָט געוווינט אין פּריצישן הויף ביז דער שׂרפה?

— יאָ.

— אייערע עלטערן האָבן אויך מיט יאָרן צוריק דאָרט געוווינט?

— ניין... נאָר... — זי איז בלאַס געוואָרן און ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— מיר שמועסן דאָך פריי, פריילין יאָלאַנע... איר זייט מחוץ פון יעדער געפאַר. כ׳וועל באַלד אייך עפּעס זאָגן וואָס וועט אַלץ אייך קלאָר מאַכן.

יאָלאַנע האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געקוקט סאַנינאַן אין פּנים אַריין. ערשט איצט האָט זי דערזען די מילדקייט און גוטסקייט וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין זיין בליק.

— זענען דען געווען אין קוכאַר צוויי פּריצישע הייף?

— ניין, נאָר איין הויף, דאָס דאָרף האָט געהערט צו איין פּריץ.

— צו די פּאָזנערס? — האָט סאַנינאַ געפרעגט.

יאָלאַנע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך בין שולדיק אַ חוב דעם דאָרף און די פּאָזנערס... מיך האָט געבראַכט קיין קוכאַר אַ לאַנג שוין פאַרגעסענער עפּיזאָד פון מיין זיידעס יוגנט־יאָרן... כ׳בין גראָד דורכגעפאָרן פלינצק, האָב איך באַשלאָסן דאָרט צו מאַכן אַ קליינעם באַזוך. דער צופאַל האָט מיך ס׳ערשטע מאָל מיט אייך צונויפגעפירט און מיט דעם אַלטן לערער. אפשר איז מיין זיידעס באַזוך אויך געווען אַ צופעליקייט...

זי האָט אים ניט איבערגעשלאָגן די רייד בשעת עס איז געפאַלן דער נאָמען פּאָזנער. אַפילו ניט געחידושט זיך. זי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אין קליינעם נאַכט־טישל. עדגאַרדאָס קול איז געווען איינגענעם. ער האָט דערוואַרט, אַז זי זאָל פרעגן וועגן קוכאַר, וועגן זיין זיידן, זי האָט אָבער גאָרניט געפרעגט. ער האָט נישט געוווּסט צי זאָל ער ווייטער פירן דאָס געשפּרעך אָדער פאַרענדיקן. אין דעם פּלוצעם געוואָרענער שטילקייט האָט מען געהערט יאָלאַנעס אָטעם.

עדגאַרדאָ האָט זיך געזעגנט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. יאָלאַנע האָט זיך אויפגעשטעלט.

— איך מוז אייך עפּעס זאָגן, איך וויל אייך ניט אַריינפירן אין אַ טעות. איך וויל ניט אַז איר זאָלט אַמאָל טראַכטן, אַז כ׳האָב אייך גענאַרט. איר דאַרפט וויסן וועמען איר העלפט...

מיט יעדן וואָרט איז יאָלאַנעס שטים געוואָרן קלאָרער, שאַרפער און זיכערער.

— איך בין אַ פאַרפאָלגטע, אַ פאַראורטיילטע. אויף מיר לויערט דער

טויט אויף יעדן ראָג. ווייסט איר פאַרוואָס? דערפאַר ווייל מיין זיידע איז געווען פאָזנער פון קוכאַר.

איר פנים איז געווען פאַרגאָסן מיט ליכט.

— כ׳מוז אייך דאָס זאָגן, ווייל... — זי האָט נישט געקענט ענדיקן, פאַרבאָרגענע טרערן האָבן איר געשטיקט.

נאָך דעם געשפּרעך זענען אַדורך וואָכן. די גוטע אַלטיטשקע איז געקומען יעדן נאָכמיטאָג און פאַרבראַכט מיט יאַלאַנען. סאַנינאַ איז זעלטן געווען אין קראָקע. אַמאָל פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אויף אַ שעה און אײַבערלאָזן נאָך זיך וואָלקנס רויך אין די ווינקלען פון צימערל. ער איז געזעסן ס׳רוב אַ שווייגנדיקער, באַרירט מיט די פינגער דעם אַש־בעכער, געפירט די האַנט איבערן קרישטאָלענעם בלומען־וואַזאָן. איין מאָל האָט ער געזאָגט:

— איר דאַרפט זיין רואיק און זיך ניט שרעקן. אייך קען נישט געשען קיין בייז אַזוי לאַנג ווי איך בין אין קראָקע. איך וואַרט, אַז איר זאָלט צוריקבאַקומען דאָס געפיל פון אַ פרייען מענטש, פון אַ ניט־געדרודפטן, דעמאָלט וועל איך ריידן צו אייך ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכער.

ער האָט ניט דערציילט וועגן פּאַדוער זיידן וואָס איז געווען דער דערציער פון פאָזנערס קינדער. איין מאָל האָט אים יאַלאַנע געפרעגט וועגן זיין שייכות צו קוכאַר און נאָך וואָס ער איז געפאָרן אַהין אין יענעם טאָג. סאַנינאַ האָט אויסגעמיטן אַן ענטפער. עס איז אים שוין אַלץ קלאָר געווען. יאַלאַנעס אָפענע ווערטער וועגן איר אָפּשטאַם האָבן נאָך פאַרעקשנטער געמאַכט זיין ווילן איר צו ראַטעווען. ער האָט געטאָן דאָס וואָס איז נאָר געווען אין זיין רשות כדי זי זאָל זיך גוט פילן אין קראָקע.

וויפל סאַנינאַ האָט זיך נאָר ניט באַמיט אויסצומיידן די אַלערליי העץ־בילדער קעגן יידן וואָס זענען געווען צעהאַנגען איבער די גאַסן, וויפל מאָל ער האָט נאָר ניט אָוועקגעשאַרט פון זיך די ציַיטונגען מיט די קאַריקאַטורן פון יידן, זענען זיי אים געשפּרונגען אין די אויגן אַריין, פאַרפאָלגט אין די נעכט. ער האָט אויפגעציטערט ביים דערהערן דעם נאָמען „יודע". זיי זענען אָבער אים אַנטקעגנגעשפּרונגען, די נעמען און בילדער פון אַלע ווענט. ניט ווילנדיק אַליין פאַרוואָס, איז ער געבליבן פאַרן שפּיגל. ער האָט זיך אַריינגעקוקט אין אייגענעם שוואַרץ־אַפּל און געזען ווי אַ גראָ־גליווערדיקע רואיקייט שפּרייט זיך אויפן פנים און קאַרבט זיך ביי די שלייף־ווינקלען. אַמאָל איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען דער זיידע פון פּאַדוואַ. ער האָט אָבער ניט געזען דעם זיידנס פנים, ער איז געקומען פון מרחקים און געבליבן אין האַלב־וועג שטיין.

— ז —

דער מלחמה־פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו קראָקע. די שטאָט איז פול געוואָרן מיט דייטשישע זעלנער. יאַלאַנע איז אַריבער ווינען צו די איטאַליענערין. זי איז דאָרט לאַנג ניט געבליבן, ווייל סאַבינאַ האָט געגרייט זיך צו פאַרלאָזן די שטאָט. ער האָט געוואַרט נאָר אויף אַ באַפעל און דער באַפעל איז געקומען. זיי זענען אַוועק אין מיטן דער נאַכט פון קראָקע און געשלעפט זיך איבער פינצטערע שאָסיי־וועגן מיט פאַרלאָשענע ליכט פון דער מאַשין. דער וועג איז געווען סכנהדיק. ער איז געלאָפן באַרג אַראָפּ. פאַרטאָג זענען זיי אָנגעקומען אין אַ שלעזיש דאָרף. אַזוי ווי אין די ערשטע מלחמה־טעג אויפן שמאָלן שאָסיי דרומדיק פון וואַרשע, האָט געטראַכט סאַ־בינאַ. די וועגן זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט האַנט־וועגעלעך, מיט לאַסט־מאַשינען. סאַבינאַס אויטאָ האָט זיך דורכגעשניטן דורך געדיכטע וועלדלעך, דורך דרימלענדיקע זייטן־וועגלעך און דערגרייכט צו די שטילע שטעטלעך. זי האָט געגאַרט, יאַלאַנע, צו רו, צו אַ וועלט וואָס וועט צעעפענען די טויערן פאַר איר, אַזוי פּלוצעמדיק און פשוט, ווי עס גייט אויף אין פרימאָרגן דער זון־קיילעך און עפנט אויף די האָריזאָנטן.

***

די וועלט פון רו איז געלעגן ווייט, ערגעץ אויף יענער זייט ים. אין דער געגנט פון פּאַדואַ איז געווען אומרואיק. יאַלאַנע האָט זיך ניט גוט געפילט אין דעם אויסטערלישן הויז ביים ברעג פון טייך. זי איז דאָרט געבליבן מיט דער אַלטער איטאַליענערין. סאַבינאַ איז אַוועק אין די ערשטע טעג און ניט געלאָזט פון זיך הערן. די דערפער און שטעט זענען אויך דאָ געווען באַלאַ־גערט פון סאָלדאַטן. איין מאָל איז עדגאַרדאָ געקומען שפּעט אין דער נאַכט. ער איז געווען געקליידט אין מיליטערישן. דאָס פּנים ניט ראַזירט, די שווע־רע סאָלדאַטן־שיך האָבן אָפּגעהילכט אין שטיינערנעם דיל. ער האָט גע־בראַכט מיט זיך דעם אומרו פון הפקר־געוואָרענעם לאַנד אין שטילן זייטיקן הויז.

— איך בין נאָר אויף אַ ווײַלע. כ׳מוז גלייך אַוועק.

יאַלאַנע איז געשטאַנען ביי דער שוועל פון איר צימערל מיט אַ ליכט אין דער האַנט. סאַבינאַ האָט געזען יאַלאַנעס פּנים. דאָס ליכטל האָט גע־שפּיגלט זיך אין די פייכטע אויגן. זי האָט אים באַגלייט ביזן גאָרטן־טירל. ער האָט געזאָגט: — „כ׳ווייס ניט ווען מיר וועלן זיך זען. עס קומען אויף פּאַר אונדז אָן שווערע טעג. מיינע פריינד וועלן אין אייך ניט פאַרגעסן. איך האָב אַלץ איינגעאָרדנט. איר דאַרפט דאָ בלייבן“.

ער האָט געהאַלטן איר האַנט.

— האָט איר געוווּסט, פרײַלין יאָלאַנע, אַז אין אײַער זיידעס הויז האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צײַט אַן איטאַליענישער לערער?

— יאָ. מײַן פאָטער האָט מיר וועגן דעם דערציילט. — זי האָט געענטפערט פּאַמעלעך, וואָרט נאָך וואָרט, ווי זי וואָלט פּלוצעם דערזען עפּעס אַזוינס וואָס איז איר באַקאַנט און קען זיך ניט דערמאָנען... — דאָס איז דאָך געווען אַ ייִד פון איטאַליע!

— מײַן זיידע פון פּאַדוּאַ איז דאָס געווען! האָט געזאָגט סאַנינאַ.

איר האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט אַרויפגעלייגט איר אָרעם און אים אַרומגענומען. צוויי טרויעריקע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אויף איר.

— אָ, גאָט, פאַר וואָס ביסטו אַזוי אומרואיק, עדגאַרדאָ.

ער האָט עפּעס געזאָגט און אַ קוש געטאָן אירע פינגער־שפּיצן.

דאָס אײַזערנע גאָרטן־טירל האָט זיך לאַנג געוויגט. זײַנע שווערע טריט זענען שטיל געוואָרן. יאָלאַנע איז צוריקגעגאַנגען. איבער איר איז געהאַנגען אַ טרויעריקער איטאַליענישער הימל.

אַ גאַנצן פרילינג איז עדגאַרדאָ ניט געקומען. ער האָט געשיקט עטלעכע בריוולעך. דערנאָך זענען אַפילו קיין בריוו ניט געקומען. יאָלאַנע האָט געבענקט צו וואַרשע. און אַז די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט איז זי אַוועק פון שלאָס. די גרענעצן פון לענדער זענען געווען אָפן. זי האָט געוואַנדערט איבער צפון־איטאַליע, דערשלאָגן זיך קיין עסטרײַך. אין ווין האָט זי זיך צונויפגעטראָפן מיט לעבנגעבליבענע ייִדן. פון דאָרט איז זי געפאָרן אין לאַסטוואַגאָנען מיט קאַצעטלער. זי האָט געטראָפן אויף די וועגן פּאָליאַקן, פראַנצויזן, פאַרשיקטע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. אין מינכען איז זי דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטראָטן אין גרויסן זאָל פון מוזיי. טויזנטער ייִדישע קאַצעטלער זענען געזעסן אין זאָל און געוואַרט אויף איר אַרויסטריט. מיט עטלעכע טעג פריִער האָט עמעצער איר דערקענט און געזאָגט: זעט דאָס איז די באַרימטע זינגערין יאָלאַנע. זי האָט געזען אַן אײַנגעפאַלן פּנים, הויט און ביין מיט פיבערדיקע אויגן. — איך בין אַ וואַרשעווער... כ'האָב אײַך געהערט זינגען... באַלד איז אַ קרענצל געוואָרן אַרום איר. מ'האָט איר באַגריסט, גערעדט צו איר אין פּויליש, אין ייִדיש, ניט אַלץ האָט זי פאַרשטאַנען. מען האָט איר געשאַפן אַן אָרט צום וווינען און מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז זי געשטאַנען אויף דער בינע פון מוזיי־זאַל.

איר קול האָט געוויגט זיך איבער די טויזנטער קעפּ. זי האָט פּאַמעלעך געשפּאַנט נענטער און נענטער ביז זי איז צוגעקומען צום ליכט־גבול. זי האָט געוואָלט זינגען אַ ייִדיש ליד, אָבער קיין ווערטער האָט זי ניט געהאַט צו די ניגונים. איר קול האָט אויסגעפילט דעם בינע־חלל און געשפּרייט זיך ווי זון־ליכט. ווען ניט די ראַמפּע, די הויכע סצענע, וואָלט זי אַראָפּגעשפּאַנט אין זאַל אַרײַן און צוגעגאַנגען נאָענט צו יעדן אײנעם פון די לעבנגעבלי־

בענע. זי וויל יעדן איינעם אַריינקוקן אין די אויגן אַריין. איר קול איז אָבער דערגאַנגען צו זיי.

אַז ס'איז ליכטיק געוואָרן אין זאַל, איז זי ניט אַוועק הינטער די קו־ליסן, נאָר געשטאַנען ווי זי וואָלט עמעצן דערוואַרט. זי האָט געזוכט מוי־נען. נאָכגעפרעגט זיך אויף אים. מען האָט איר געזאָגט אַז מען האָט אים געזען מיט די פּאַרטיזאַנער, דערנאָך אין פּוילישן מיליטער. פון אַ פּליטצ־קער האָט זי זיך דערוווסט אַז ער לעבט. אַז ער איז ערגעץ אין די באַפרייטע לאַגערן און גרייט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

יאָלאַנעס געזאַנג איז דערגאַנגען צו די לאַגערן. אומעטום איז זי אויפ־גענומען געוואָרן מיט ליבשאַפט. איר קול איז אַריין אין די הערצער פון מידע און צעפּייניקטע. איר ליכטיק צעזונגען פּנים האָט באַרואיקט און גע־היילט. זי איז ניט געפאָרן קיין וואַרשע, נאָר געבליבן אין די לאַגערן. איר נאָמען האָט מען געשווייבן מיט קרייד אויף די ווענט. י אָ ל אַ נ אַ פ אָ ז נ ע ר וועט היינט זינגען. עס זענען איר נאָענט געוואָרן די קינדיש־אומבאַהאָלפענע יידישע אותיות פון די פּלאַקאַטן. זי האָט זיך געלערנט די טעקסטן פון יידישע לידער, געשריבן זיי מיט לאַטיינישע אותיות. זי האָט זיך איינגעהערט אין דעם לשון, געשטאַנען אין די הייף פון די גרויסע וויך־בלאָקן און געקוקט אויף די ווייטע און דאָך אַזוי נאָענטע יידישע פּנימער. זי האָט זיך געלערנט דעם אלף־בית, צונויפגעלייגט די ערשטע יידישע אותיות פון צייטונגען וואָס האָבן אָנגעהויבן דאָ צו דערשיינען.

צוויי פּנימער זענען איר שטענדיק אַנטקעגן־געקומען, זי האָט די פּני־מער געזען פון דער בינע, זי האָט זיי געזען אין די פאַרשאָטנטע ווינקלען פון איר צימער. זיי האָבן פּלוצעם אַרויסגעקוקט פון אַ צונויפגעפּרעסטן המון. איין פּנים איז געווען שוואַרץ־ברעמענדיק, שאַרף־קינבאַקיש און דאָס צווייטע פּנים אַ פּולס און אַ טרויעריקס.

זי האָט געשריבן בריוו קיין קוכאַר, קיין פּאַדוא אין הויז פון די סאַני־נאָס. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער נאַכט אין שייער, זי האָט געזען מוינען אַוועקשפּאַנען אין וואַלד אַריין... דערנאָך האָט זי געהערט עדגאַרדאָס שווע־רע טריט איבערן נאַכט־גאָרטן. אויך ער איז אַוועק... וווהין?

**
*

אין איינעם פון יענע זומער־טעג איז סאַנינאַ געקומען אין יאָלאַנעס צימער פון מינכן. די באַגעגעניש איז געווען אַן אומגעריכטע. ער איז גע־שטאַנען אויף דער שוועל מיטן הוט אין דער האַנט און געשמייכלט. זי איז אים אַנטקעגן־געלאָפן מיט פרייד.

— אַנטשולדיקט... איך האָב געמוזט אייך זען... אייערע בריוו זענען ניט דערגאַנגען... נאָר דעם לעצטן בריוו האָב איך געקראָגן און זיך דער־

ווּסט אייער אַדרעס... כ׳האָב ניט געוואָלט פאַרענדיקן אונדזער באַקאַנט־שאַפט אַזוי פּלוצעם ווי ס׳איז געשען אין יענער אומרואיקער נאַכט ביים גאָרטן־טירל...

— פאַרענדיקן? — האָט זי חידושדיק געפרעגט. פאַר וואָס פאַר־ענדיקן? ניין! ניין! אירע פלאַקסענע האָר זענען געפאַלן אויף סאַנינאַס פּנים, אויף זיין שטערן און אויף די אויגן. ער האָט גאָרנישט געזען, ער האָט נאָר געפילט די מיידליש פייכטע ליפּן. איר קול איז פּלוצעם איינגע־שטילט געוואָרן, ווי עס ווערט שטיל אַ געוויטער.

סאַנינאַ איז געבליבן אין מינכן. ער האָט באַגלייט יאָלאַנען אין די לאַגערן, געזעסן צווישן המון, איינגעהערט זיך אין זייערע רייד. ער האָט זיך אַרומגעדרייט דאָ אַ פרעמדער, אַ זייטיקער און ניט געקענט אַזוי ווי יאָלאַנע, אַריין אין דער מיט פון די מענטשן. ער האָט איר געהערט זינגען, געזען ווי די לאַגער־מענטשן נעמען איר אויף. די פאַרחושכטע האַלב־מענטשן מיט סקעלעטישע פּנימער, האָבן געשפּיגלט זיך אין דער זינגע־רינס שיינקייט. זיי זענען געווען מיט ליב צום אַלמעכטיקן וואָס האָט איר געשוינט און געלאָזן איר בלייבן צווישן די לעבעדיקע ווי אַ טרייסט.

אַז ער האָט ס׳ערשטע מאָל געהערט איר זינגען איז אים אויסגעקומען, אַז דאָס איז גאָר אַן אַנדערע, אַ ווייטע, אַ ניט ערדישע. ניט איר האָט ער געטראָפן אויף דעם דאָרף־וועג אין קוכאַר, ניט די וואָס ער האָט געזען אין קראָקע. אַן אַנדערע איז דאָס און ער אַליין איז אויך אַ צווייטער, ניט דער איטאַליענישער קאָנסול פון פוילן, נאָר איינער פון די לעבנגעבליבענע לאַ־גער־יידן, אַ צונויפגעפּרעסטער אין די זאַלן, וואָס וואַרט אויפן געזאַנג פון דער ניצול־געוואָרענער זינגערין. ער איז אַ היימלאָזער, אַ נע־ונדער וואַנדע־רער אויף אומבאַקאַנטע וועגן, ער האָט אין מידברדיקן וואַנדער דערפילט אין ווינט דעם אָטעם פון אַ קוואַל. ער גייט איצט צום פאַרהוילענעם קוואַל וואָס ריזלט צווישן שטיינער און פעלדזן. ער הערט שוין דייטלעך דעם וואַ־סער־געפּליוסק. באַלד וועט ער שטילן זיין דאָרשט. נאָך אַ פּאָר טריט איז געבליבן. דאָס זילבערנע וואַסער־שטראָמל ליכטיקט אים אין די אויגן. ער האָט עס אַנטדעקט און פאַלט אויף די קני, בייגט זיך צו צום וואַסער, באַ־רירט די קילקייט מיט די ליפּן. ניין, דאָס איז ניט קיין קוואַל אין מידבר, דאָס איז יאָלאַנעס קול וואָס הענגט איבער אים. טויזנטער אויגן קוקן צו איר און צווישן זיי, עדגאַרדאָ סאַנינאַ, אַ פרעמדער, אַ זייטיקער אָבער אַ פאַרוועבטער אין המון דורך אַ סך פעדעם...

אין די האַרבסט־טעג האָט מען זיך געלאָזן קיין ארץ־ישראל. דער וועג האָט געפירט דורך איטאַליענישע נאַכט־האַפנס. אין איינע פון די גרופּעס וואַנדערער איז אויך געווען יאָלאַנע פאַזנער און עדגאַרדאָ סאַנינאַ.

קאַפּיטל זיבן

— א —

אויפן מעטשעט־בערגל האָט זיך באַוויזן אין אַ פאַרנאַכט אַ משוגע־נער הונט. דאָס איז געווען דער געלער הונט מיטן ווייסן שטרייף אונטערן האַלדז וואָס איז צוריקגעקומען אין דאָרף אַריין אַ סך חדשים נאָך דעם ווי זיינע באַלעבאַטים, די אַראַבער, זענען אנטלאָפן פון מעטשעט־געסל.

ווען די מענטשן זענען געשטאַנען ביי דער שטיינערנער קאַרעטע און געשמועסט, האָבן זיי געזען שאַרן זיך דעם געלן הונט ביי די ווענט. די פעל איז געווען אויסגעקראָכן, די מאָרדע פאַרבלאָטיקט, די ביינער פון רוקן האָבן אַרויסגעשטאַרט און ס'האָט אויסגעזען ווי דער רוקן וואָלט געווען אײַ־בערגעבראָכן. די אויגן האָבן געפייערט ווי צוויי אָנגעצונדענע פאַנאַרן אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט. דער הונט איז צוגעקומען נאָענט צו דער קאָ־רעטע און אַ לעק־געטאָן מיט דער שוימעקער צונג די טרוקענע שטיינער.

— האַו ־ האַו, — דאָס איז אָבער ניט געווען קיין ביל, גיכער אַ געוווי־מיט דראָאונג. קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. ער האָט אַרויס־געשטעקט די צונג און געוויזן זי די מענטשן, ווי ער וואָלט דערמיט גע־זאָגט: כ'בין דאָרשטיק.

אַ פרוי גייט פאַרביי דער טרוקענער וואַסער־קאַרעטע. זי טראָגט עפּעס אין דער האַנט. דער געלער שפּיזלט אָן זיינע אויגן־פייערלעך. ער מיינט אַז זי טראָגט אַ קרוג, און אין דער קרוג איז דאָ וואַסער. זי איז אָבער פאַרבייגעגאַנגען און זיך ניט פאַרהאַלטן. ער האָט ווידער אַ ברום געטאָן. אַלע מיידן אויס דעם פאַרלאָזענעם ברונעם. ווו זענען זיי די ווייבער וואָס האָבן דאָ טעג פאַרבראַכט מיט געוועשן, מיט פאַרביקע קאָפּ־טיכלעך? ווו זענען די אייזלען, די קעמלען? די יונגען פון געסל? ווו זענען זיי? דער אַראַבישער הונט האָט געלאָזט זיך צו דער פרוי מיט אָנגעשפּיצטע מוסקלען, אויסגעפּרוווט די נעגל און אַ וואָרף־געטאָן זיך אויף דער פרוי און איר איינגעביסן. אַ שגעון־סלינע האָט געטריפט פון הונטס מויל אויף די שטיי־נער פון מעטשעט־געסל.

מען האָט אים געיאָגט מיט שטעקנס, פאַרוואָרפן מיט שטיינער, ער האָט זיך געטראָגן צו די פעלדער. צומאָרגנס האָט מען אים ווידער געזען אין איינעם פון די הייף. ער איז געשפּרונגען איבער די ליימיקע מויערן, אַרויסגעגליטשט זיך פון פאַסטקעס וואָס מ'האָט אויף אים אָנגעשטעלט.

אין די נעכט, האָט מען דעם משוגענעם הונטס בילן געהערט איבערן גאַנצן דאָרף. פאַרנאַכט האָט מען ניט אַרויסגעלאָזט די קינדער פון די וווינונגען. מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט ביי יעדן טריט. מען האָט אים געזען אין דער זעלביקער צייט אויף עטלעכע ערטער.

— אַזאַ אָנשיקעניש, אַזאַ איבערבלייבעכץ נאָך די אַראַבער!

דער אומרו איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. דעם הונטס וויען האָט זיך אויסגעמישט מיטן שאַקאַלן געיאָמער, ער האָט זיך אַריינגעריסן אינעם אייזל־געשריי. אַפילו די נאַכט־פייגל האָבן זיך געשראָקן. אַ שגעון שרעק איז געהאנגען איבערן מעטשעט־דאָרף.

אין אַ פאָרטאָג ווען די באַלעגאָלעס זענען אַרויסגעפאָרן צום הויפּט־שאָסיי, ניט ווייט פון מעטשעט־בערגל איז געלעגן דער געלער הונט מיט אַרויסגעזעצטע קישקעס. אַרום אים — אַ פאַרטריקנטע בלוט־קאַלוזשע. זיין קאָפּ איז געווען צעשמעטערט פון די לאַסט־וועגענער וואָס זענען דורך דאָנען דורכגעפאָרן. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער ליכט־נעץ פון די שיין־וואָרפערס און ניט געקענט אַרויס פון ליכט־פּאַס. ער איז געלאָפן פון איין ליכט־וואַנט צו דער צווייטער ליכט־וואַנט. ער האָט זיך אַזוי לאַנג גע־פּלאָנטערט אינעם ליכט־קרייז ביז דער וואָגן איז אָנגעלאָפן און מיט די פאָ־דערשטע רעדער אים אַ שליידער געטאָן. די אונטערשטע רעדער האָבן אים צוגענאָגלט צום ברוק.

אַזוי איז אומגעקומען דער געלער הונט. דאָס איינציקע לעבעדיקע באַ־שעפעניש וואָס איז צוריקגעקומען אין היימישן דאָרף אַריין נאָך דער גרויסער בהלה וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אַראַבישע דאָרפס־איינוווינער.

דער אומרו אין מעטשעט־געסל איז אָבער ניט פאַרשוווּנדן נאָכן טויט פון משוגענעם הונט.

די ווינטער־טעג זענען קורצע. די נאַכט פאַלט צו אין די ליימיקע הייף פריער ווי אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. דער שאָטן פון די שווערע מעטשעט־שטיינער שפרייט זיך איבערן געסל מיט שווערקייט און געדיכ־טעניש. די נאַפּט־לעמפלעך צאַנקען פאַרהילט אין אַ געל קראַנק־ליכט.

זייט דער מעשה מיטן הונט איז חמדה אומעטיק געוואָרן. מוינע איז לעצטנס אַזוי שווייגנדיק. זי האָט ניט מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. זי קען זיך דאָ מיט קיינעם ניט צונויפריידן, אַלע זענען איר פרעמד. די געדיכטע ביימער, די הויך־צווייגיקע שיקמהס, די אייביק פאַרשטויבטע, דער סאַוועס געשריי איז דאָ טרויעריקער ווי אומעטום, אַפילו דער נאַכט־געיאָמער פון די שאַקאַלן איז דאָ גרויליקער ווי ביי זיך אין באַרג־דערפל. זי וואָרט לאַנג אין קליינעם ליכט־קרייז פון טיש־לעמפּל אויף מוינען, אָנגעלענט אָן טיש־ראַנד. ער קומט די לעצטע צייטן שפּעט פון דער שטאָט. נאַכט־פלאַטערלעך טראָגן זיך אַרום ליכט און פּלאָנטערן זיך אין חמדהס צעשויבערטע האָר. זי שלאָפט איין. ער קומט אויף די פינגער־שפּיצן. לאָזן

איר אַזוי ביים טיש? עס איז אים אַ שאַד חמרה. ער רירט אָן אירע האָר אַזוי לייכט ווי די פּלאַטערלעך וואָס פּלאָנטערן זיך אין אָרעמען ליכט־קרייז.

חמרה האָט אים אַלץ אָוועקגעשאָנקען. אירע הענט, די רויטע האָר, די קאַרגע מיידלשע פרייד, דאָס געוויין, דאָס ברוינע לייב. זי איז געווען פאַר אים ווי דער פעלד־מאָן, וואָס צעעפנט זיך אין אַ רויטער פרילינגדיקער פּראַכט און גיט אַלץ אָוועק דעם ערשטן זוניקן זומער־טאָג; די רויטע בליטן, דעם האָניק פון בעכערל, די איידעלע בויגיקייט פון שטענגל. נאָך דעם פאַלן די בליטן פאַרוועלקטע צו דער ערד, דאָס האָניק־בעכערל ווערט פאַרטריקנט און די איידעלע בויגיקייט פון שטענגל — פאַרהילצערט.

איר האָט געצויגן צום גאָרטן, צו די גרינע בייטן, צום שטאַל, צום געבענמשטן רויט־ערדיקן טאָל, און אים, מוינען, ווייס איין גאָט וווהין און צו וואָס עס האָט אים געצויגן. דעם פאָטערס אומרו האָט זיך אָפּגערופן אין זיין בלוט. ער וואָלט געוואָלט רעדן צו המונים, לאָזן וויגן זיין טשופּ־רינע איבער אנטבלויזטע קעפּ און זאַמלען דעם פייערדיקן־גלי פון אָנגעצונ־דענע אויגן. וואָס וועט ער זיי זאָגן? וווהין וועט ער זיי פירן? דאָס ווייס ער ניט. ער וואָלט געוואָלט מיטגיין מיט זיי איבער רוישיקע גאַסן, גיין צווישן אָן אויפגערודערטער מאַסע וואָס אומרו פּליִיצט פון זיי און וועקט די שטילע גאַסן. דער חלל איז פול מיט דער ציטערניש פון אַן אָנקומענ־דיקן דערלייזער. אַזויפיל יאָרן פאַרשלאָסנקייט און איינזאַמקייט, אין וועל־דער, אין באַהעלטענישן. און איצט, ווידער איינזאַמקייט, די שטילע חמרה, דאָס פעלד, די נעפּלדיקע יהודה־בערג.

אין די נעכט קומען צו אים ביידע זיידעס. ס׳קומט דער זיידע עליאש מיט שווערע פויערישע שטיול פאַרקנאָטענע אין שוואַרצערד, די באָרד פאַרפּלאָכטן מיט פעלד־ווינטן, דאָס פּנים צעאַקערט מיט קנייטשן. ער פּרעפּלט שטיל און פאַרשעמט אַ תּפילה ביי דעם אויוון פון דער דאָרף־שול. אין די פרייטיקס טראָגט דער זיידע אָן העלן זאַמד און שיט עס אויס אויף דער פּאָדלאָגע לכבוד שבת. דער צווייטער זיידע פון פאָטערס צד, רב אברהם יעקב איז איבערגעבויגן איבערן דעמבענעם טיש און שרייבט מיט אַ גענדזענער פּען אַ ספר. ער איז געווען אַ פרעמדער אין קוכאַר, דאָס האָט אים דער יידישער פּריץ אַראָפּגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָט און גע־לאָזן שרייבן אַ ספר־תּורה. רב אברהם יעקב איז פאַרבליבן אין דאָרף, דער עלטסטער זון האָט חתונה־געהאַט מיט עליאַשעס טאָכטער. און אַז עס זע־נען געבוירן געוואָרן די ערשטע אייניקלעך האָט דער סופר שוין ניט גע־טראַכט פון צוריקפאָרן קיין וואַרשע. ער איז געזעסן יום ולילה און געלערנט אין שולעכל. דער זון זיינער איז אָבער ניט איינגעזעסן אין דאָרף, ער האָט זיך געריסן אין דער וועלט אַריין. געלאָזן אויף לאַנגע חדשים ס׳ווייב מיט די קינדער און געוואַנדערט איבער יידישע שטעט, געמסחרט, געאַרבעט,

געחבֿרט זיך מיט געזעלן. מוינע איז געווען דער ייִנגסטער. ער איז געבוירן געוואָרן נאָך דעם ווי דער פאָטער איז צוריקגעקומען אַ מידער און קראַנ־קער פון קיעוו מיט אַ דורכגעשאָסענעם אָרעם. ער האָט זיך קוים אַרויס־געריסן פון דעם אומרואיקן קיעוו. דאָס זענען געווען טעג ווען קיעוו איז אַרומגערינגלט געווען פון די ווייסע. זינט דעמאָלט האָט מוינעס פאָטער גענומען זיך צו דער דאָרף־באַלעבאַטישקייט. עליאַש איז שוין געווען אַלט און די הענט האָבן אים געציטערט. ס׳איז זיי אָבער ניט באַשערט געווען אויסצולעבן די יאָרן אין מנוחה אויף דער אייגענער ערד אין קוכאַר. ס׳זענען אָנגעקומען צייטן פון גזירות, מען האָט געמוזט אַלץ פאַרקויפן און אַרי־בערפאָרן אין דער שטאָט אַריין. דער זיידע עליאַש איז געבליבן אין דאָרף איינער אַליין. ער האָט אַ נדר געטאָן ניט אָוועקצופאָרן, איינער מוז דאָך בלייבן אין דער שול. צומאָרגנס נאָך זיין טויט האָט מען פאַרקלאַפּט דאָס שולעכל מיט ברעטער און מער זענען קיין ייִדן אין קוכאַר ניט געווען.

חמרה... חמרה... וועקט ער איר אין דער נאַכט. איר פּנים איז ווי סאַמעט. אירע הענט ציען זיך צו אים. דו ווייסט חמרה, אַז ערגעץ וויַיט פון דאַנען איז געווען אַ דאָרף מיט ייִדן, ייִדישע פּויערים. דאָרט האָבן געוווינט מיינע זיידעס. כ׳בין דאָרט געבוירן געוואָרן, נעבן אַ גרויסן ברייטן טייך מיט גרינע ברעגעס. דאָרט בין איך צען יאָר אַרומגעלאָפן באָרוועס, געכאַפּט פיש אין טייך. מיין זיידע האָט געאַקערט זיין פעלד, כ׳זע נאָך איצטער ווי מיין מאַמע פירט דאָס פערד פאַרן ציימל אין די גלייכע בראָזדעס. דער צווייטער זיידע האָט געלערנט אין שול תורה...

זי זאָגט גאָרניט. ווייל וואָס האָט זי דען געקענט זאָגן? אַז מוינעס קול איז אַזוי שטיל און אַזוי האַרציק נאָענט און פאַרוויגט איר אין פאָר־פורענע נעפּלען. טראַכט זיך מוינע: ווער איז זי, דאָס טונקל־פּנימדיקע מיידל? אפשר אַ פאַרוואָגלטע טאָכטער פון אַ ייִדישן פירשט וואָס האָט זיך באַזעצט אין די הרי־יהודה? אפשר איז זי איינע פון די ירושלימער טעכ־טער וואָס זענען ניצול געוואָרן נאָכן חורבן און איצט איז זי אויפגעשטאַנען פון אַ דורותדיקן שלאָף מיט אַזאַ לויטערקייט ווי דאָס קוואַל־וואַסער וואָס טוט פּלוצעם אַ שלאַג אַרויס פון אַ באַרג־שפּאַלט אַנטקעגן דעם ליכטיקן טאָג, מיט אַ זילבערדיקן געפלייץ, מיט אַזאַ קרישטאָל־ריינקייט וואָס איז פיל קלאָרער ווי דער זיבעטער הימל?

— ב —

באַלד נאָכן ערשטן ווינטער־רעגן, וואָס מען רופט אים דער רעגן „צו דער רעכטער צייט“, האָט מוינע געבראַכט אַ יונגע קו. אומעטום, וווּ ס׳איז נאָר געווען אַ שטיקל אָרט אָנגעהויפט מיט ערד, האָבן אַרויסגעשפּראָצט

גראָז. די פעלדער זענען באַדעקט געוואָרן מיט געלע בלומען, קראָקוס און וווּנדערשיינע פעלד־נאַרציזן. דער וואָדי איז געוואָרן ליכטיק פון בורשטי־נענעם גרין און זוניק־געלן פעלד־קלעווער. דער וואָדי האָט אויסגעזען אין די טעג ווי דער מילך־וועג פון דער אויפגעוואַכטער ערד.

פּיניאָק האָט זיך ניט צוגעוווינט צום פעלד. נאָך די ערשטע וואָכן שווערער אַרבעט איז אים מיאוס געוואָרן דער גאַנצער עסק מיטן גאָרטן. ער איז געווען אומגעדולדיק, ניט געגלייבט, אַז די ערד וועט גוט זיין צו דער מי פון זיינע הענט. ער איז אַוועק זוכן זיין טאָג־לוין צו די יפוער געסלעך. געבליבן איז די געדולדיקע מאַרוסיע אויף די בייטן. זי האָט זיך איבער־געקליבן אין קליינעם גאָרטן־שאַלאַס און געווען דאָ יעדן טאָג ביז זון־פאַרגאַנג. אין ליכטיקע נעכט איז זי אַפילו ניט געגאַנגען נעכטיקן אויף דעם מעטשעט־בערגל. פּיניאָק האָט געטוישט די אַרבעטס־ערטער. יעדעס מאָל איז אים אויסגעקומען צו זוכן נייע באַשעפטיקונגען, אַמאָל איז דאָס געשען פון זיין שולד און אָפט איז עס געווען די שולד פון אַרבעטס־געבער. ער האָט שוין געאַרבעט ביים געבוי, געגראָבן קאַנאַוועס פאַר וואַ־סער־לייטונג, געפּלאַסטערט וועגן. אַפילו אין יפוער פּאַרט מיט די סאַלאָני־קער טרעגער. אומעטום האָט ער געזען אומרעכט, עוולות, ער האָט זיך תמיד פאַר עמעצן איינגעשטעלט, געריסן זיך צו געשלעגן. עס האָט אים געטריבן פון דער היים אין די יפוער ליקלעך, צו די ענגע שענקלעך ווו מען האָט פאַרקויפט געווירצטע מאכלים, צו די שאַרף־אויגיקע און היציקע מאַראָקאַנער, מיט די קליינע גוישע וואַנצעלעך און ניט־יידישן געשטעל, צו זייערע ווייבער מיט די רויט־געפאַרבטע באַקן, געדיכטע און שוואַרצע ברעמען, און אויגענעס — גרויסע ווי הייסער קוילן־זשאַר. ער האָט גע־טרונקען ביר, געגעסן געפעפערטע אַרבעס און געשפּירט ווי פון אונטער גע־שטריקטע גרינגע סוועטערס צאַפּלען זייערע בריסטן. אַז ער איז שיכור גע־וואָרן האָט ער געוואַנדערט איבער די שמאָלע געסלעך, געפּלאָנטערט זיך איבער די קליינע הייפלעך און ניט געקענט ווידער טרעפן צו די שטיינערנע טרעפּלעך פון דער מאַראָקינעריך, וואָס האָט אים ארויסגעוואָרפן שיכורער־הייט פון בוידעם־שטיבל. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַ גאַסן־לאָמפּ און עס האָט געוויעט אין אים אַ רחמנות אויף זיך אַליין. ווען עס האָט געשאַריעט איז ער געקומען אַ היים אויפן מעטשעט־בערגל. מאַרוסיע איז ניט געווען אין צימערל. ער איז געגאַנגען מיטן זייטיקן וועגל.

אַ פאַרשפּעטיקטער שאַקאַל, וואָס האָט ניט באַוויזן אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון פאַרטריקנטן פּרדס, איז פאַרבייגעלאָפן מיט אַן אויסגעצויגן געוויין.

אין מוינעס געקאַלכטן הייפל איז שטיל. די ווייסע פאַרהאַנגלעך פון פענצטערל שיינען אַרויס מיט שלווה. דאָס פעלד איז געהילט אין גרינלעכע נעפּלען. אין קליינעם פעלד־שטיבל שלאָפט מאַרוסיע. פּיניאָק שטייט ביים טירל. עס ליכטיקט מיט יעדער רגע. דאָס קרויט פון די בייטן וויקלט זיך

שוין און פון די גרויסע בלעטער שיינען אַרויס רונדיקע קרויט־קעפּלעך, פּולע און גלאַטיקע.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער מאַרוסיען און אַוועקגעלייגט זיין מידן קאָפּ צופוסנס און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער ערד. זי האָט דערזען ווי פיניאַקס פּלייצע ציטערט. ער האָט געכליפּעט אַזוי שטיל ווי ס׳כליפּעט אין אַ פאַרטאָג, דער פויגל פון די שיקמה־צווייגן.

— מאַרוסיע... דו גוטע מאַרוסיע... פאַרוואָס פאַרטרייבסטו מיך ניט? פאַרוואָס? זאָג? פאַריאָג מיך... איך בין ניט ווערט, אַז דו זאָלסט מיך לאָזן איבער דער שוועל... כ׳בין אַ פאַרפאַלענער, אַ שלעפּער... אַ שיכור...

ער האָט געריסן אויף זיך ס׳העמד. — איך בין אַזאַ און מיין טאַטע איז ניט געווען בעסער... דאַרפסט ניט פון מיר ליידן... מאַרוסיע...

ער איז שטיל געוואָרן מיט אַ מאָל, פיניאַק, ווייל ער האָט דערזען דורך טרערן זיין פאָטער חנינהלע דעם יאַריד־שלעפּער, דער וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער מערק פון דער מדינה פוילן. ער האָט ניט פאַרגעסן יענעם יעשן־טאָג ווען טרעגער ־ יונגען האָבן זיין טאַטן געפירט צום טהרה־שטיבל.

ער האָט געטראָגן אין זיך דורותדיקע יידישע אָרעמקייט, נע־ונדנקייט, און זי האָט איצט אויף דעם מעטשעט־בערגל פון אים אַרויסגעוואָיעט.

מאַרוסיע איז געווען רואיק און געקוקט אויף אים מיט גרויס רחמנות און ליבשאַפט. די רואיקייט איז געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם פעלד, דורך די גרינע בייטן און פאַראַקערטער ערד וואָס איז באַארבעט געוואָרן מיט אירע הענט. זי האָט זיך ווידער פאַרקנופּט מיט דער וועלט, זי האָט אָפּגע־פונען די פאַרלוירענע היים. פיניאַק האָט גאָרניט אָפּגעפונען און גאָרניט פאַרלוירן. עס האָבן זיך געצויגן צו אים מאַרוסיעס הענט, מאַרוסיעס בוי־גיקער קערפּער און דער גוטער אָטעם.

פאַר דעם טירל פון פעלד־שאַלאַש האָט זיך געשפּרייט דאָס פאַראַ־קערטע פעלד, די קרויט־בייטן, ס׳קאַרטאָפל־פעלד. ער האָט ניט געוווּסט ווי אַזוי אויפצונעמען די אויפגעוואַכטע ליבשאַפט פון מאַרוסיען און ניט באַנומען דער רוף פון טויאיקן גאָרטן.

— ג —

אין די שבתדיקע נאָכמיטאָגס זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען אין מעטשעט־הויף. דודל העלפער האָט זיך דאָרט געאַמפּערט, געקריגט. עס זענען געווען טומלדיקע טעג. מוינע האָט ניט געקענט באַנעמען הלמאי די מענטשן זענען אַזוי שרייאיק און טומלדיק און רעדן מיט אַזויפיל בייז־קייט. ער האָט אָנגעשטרענגט זיך אויפצונעמען די ווערטער, געוואָלט דער־גיין דעם תוך און ניט געקענט. מ׳האָט גערעדט וועגן אומפאַרשטענדלעכע

עניגים. זיי זענען געווען פאַר אים ווייט און אומקלאָר. ער האָט געוואָלט וויסן וועגן גורל פון זיין פעלד, פון דעם ליימיקן שטיבעלע, ער האָט געטראַכט פון אויפלעבן די פאַרטריקנטע פּרדסים. מ'קאָן עס נאָך איצט טאָן, ווייל די וואָרצלען זענען געזונטע און די שטאַמען האָבן נאָך אין זיך די פרישקייט ווי פון אַ באַוואַסערטן בוים, געגוג אַרומצושניידן די טונקעלע צווייגן, אַרומגראָבן די קאַנאַוועס, באַמיסטיקן, באַוואַסערן, קאַלבן די שטאַמען און זיי וועלן ווידער אויפלעבן, די פאַרוואָרלאָזטע פּרדסים.

די רייד פון רעדנער זענען פאַרפלאָכטן מיט ציפערן, מיט ידיעות פון וועלט־האַנדל. מען פאַרגלייכט די פּרייזן פון ברויט אין די שכנותדיקע לענדער, און ווייזט אויס אַז מ'וואָלט געקענט פאַרביליקערן, נאָר... מוינע וויל אָבער וויסן פאַרוואָס ליגן די טאָלן ניט פאַראַקערט? פאַרוואָס האָט מען פאַרלאָזט די בריגעמער? איבער צוואַנציק בריגעמער זענען דאָ געווען, האָט מען אַרויסגעשלעפּט די קישקעס פון זיי, פאַרטאַכלעוועט די מאָטאָרן, אַוועקגעפירט אין די אייזנוואַרג־לאַגערן און זיי זשאַווערן דאָרט. איצט טריקענען די גערטנער, ס'טריקענען די סעדער.

העי, דו און די אַלע וואָס זיצן אויבן אָן, נעבן דעם רעדנער וואָס רעדט וועגן פּרייזן פון ברויט אויפן וועלט־מאַרק, זאָגט אַ שטייגער, וויפל שפּאָן ערד באַארבעט איר ביי אייער שטוב? האָט איר געזייט אַ ביסל ווייץ, קאָרן? פאַרוואָס וויסטעט די ערד אַרום אייך? ווו זענען אייערע גרינס־גערטנער? איר זאָגט: ווילדע און אָפּגעשטאַנענע אַראַבער, מ י ר וועלן ב ע ס ע ר מאַכן און שענער. ניין! מאַכט ניט שענער, מען דאַרף עס ניט. הלוואי וואָלטן מיר איבערגענומען ז יי ע ר ליבע צו דער ערד. זי וואָרט די ערד אַ געדולדיקע און מיר קענען איר ניט געבן וואָס זי פאַרלאַנגט. זי איז שווייגנדיק, געדולדיק און פאַרעקשנט. זיי, די אַראַבער, האָבן אַוועקגעטראָגן מיט זיך אין מידבר אַריין דעם גרויסן סוד פון דער ערד, דעם סוד פון זייען און פלאַנצן. ער איז אין קיין שום ביכער ניט פאַרשריבן, ווייל זיידעס האָבן אים איבערגעגעבן די אייניקלעך. און אומעטום, אויף יעדער פּיצל ערד איז דער סוד אַן אַנדערער. אויף איין אָרט איז די ערד רויט, אויף דער צווייטער — גרוי און ליימיק, אויף אַ דריט אָרט — שוואַרץ. אומעטום דאַרף מען אין אַ צווייטן זמן טאָן די פעלד־אַרבעטן. מיר מוזן גוט זיין צו דער ערד. זיין מיט איר פון זון־אויפגאַנג ביז זון אונטערגאַנג, צערטלען איר, אַרויסרייסן די קריכפלאַנצן און ביטערע קרייטעכצער וואָס זייערע וואָרצלען נעמען אַרום די ערד מיט גערדיכטע אונטערערדישע געוועבן. זי וועט זיך אַנטפּלעקן פאַר יעדן איינציקן אַנדערש, אויף איר שטייגער פון בליאונג און רייפקייט. זי וועט ליב באַקומען די הענט וואָס וועלן איר טראָגן אין די תמימה־טעג קוואַל־וואַסער און אין די פרילינג־טעג באַמיסטיקונג פון שטאַלן. און אַז זי וועט דערפילן אַז ניט קיין שטיף־קינדער זענען אַהער געקומען, נאָר אַ גרויסע בענקשאַפט צו ערד האָט אונדז

געבראַכט — דעמאָלט וועט זי עפענען איר טראַכט, פון איר וועלן אַרויס־שפּראָצן פּירות אָנגעגאָסענע מיט האָניקדיקער באַטעמטקייט און אויף דעם גומען וועט איר דערשפּירן דעם גרויסן סוד פון דער ערד.

ער האָט גערעדט צוזרשט געלאַסן, וואָרט נאָך וואָרט. זיינע ווערטער זענען אים אויסגעקומען אין אָנהויב פרעמד, ווי ער אַליין וואָלט זי געהערט פון אַ צווייטן, שפּעטער איז ער געוואָרן דרייסטער און גערעדט הויך און קלאָר.

ביים טיש האָט מען זיך באַאומרואיקט.

— אַנטשולדיקט, — האָט אים העלפּערל איבערגעריסן — איר רעדט ניט צו דער טעמע... מיר וועלן אפשר אַ מאָל באַזונדער אָפּגעבן צייט אויף צו באַהאַנדלען...

ער האָט ניט געענדיקט דעם זאַץ און געפרעגט דעם רעדנער פון מרכז:

— וואָס זאָגט איר? ניט צו דער זאַך?...

דער רעדנער פון שטאָט האָט געזוכט זיינע פאַרשריבענע צעטעלעך זיי צונויפגעלייגט און ווידער אָנגעהויבן ביי דעם אָרט ווו מוינע האָט אים געהאַט איבערגעריסן.

— ד —

דער ירקות־מאַרק איז דעם ווינטער געווען כמעט ליידיק. מען האָט אַרויסגעפירט וועגענער מיט צוקער־שטעקנס וואָס זענען גלייך פאַרקויפט געוואָרן. אַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ פורל מיט רעטעך. די אייזל־טרייבער און טרעגערס זענען געשטאַנען אָן אַרבעט. די הייף זענען געווען באַלאַגערט פון די קליינע אויפקויפערס וואָס האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף אַביסל גרינוואַרג. אַלטע תימנער האָבן געבראַכט פון די באַרג־געגנטן קיישעלעך מיט פאַרשפּעטיקטע פייגן וואָס זענען ערשט רייף געוואָרן ווינטער, געשייל־טע סאַברעס ווי אָפּגעקראַכענע און פייכטע בורעקעס. זיי האָבן די בוראַק־רויטע סאַברעס געהאַלטן אין טעפּ און פון דאָרט זיי אַרויסגענומען מיט פאַרשמירטע פינגער וואָס האָבן אויסגעזען ווי מען וואָלט זיי געטונקען אין אַ רויטן באָרשט. אַלטע ווייבער אין ווייסע קופקעס און שוואַרצע שירצן האָבן געבראַכט צעפּיצלטע באַנאַנעס, פאַרשפּרייט זיי אויף גרויע לייוונטן. די האַלב־אָנגעלעגענע באַנאַנעס מיט די ברוינע שפּיצן האָבן אויסגעזען ווי פינגער פון קראַנקע זקנים. אַ מאַראָקאַנערין האָט געבראַכט אויפן מאַרק אַרויס אַ גאַנצן בונט פאַפּירענע בלומען, רויטע און געלע, געוויקלטע אויף דראָטן.

דער דינסטן־מאַרק איז געווען פול. די טרעפּלעך באַזעצט, אַפילו אויפן טראָטואַר איז מען געשטאַנען. איינע, מיט אַ גרויס אומגעלומפּערט גלעזערן

אויג, וואָס האָט שטענדיק געקוקט צום הימל און דאָס געזונטע האָט געזוכט אויפֿן טראָטואַר, איז אַנטקעגנגעלאָפֿן יעדער באַלעבאָסטע וואָס איז נאָר פֿאַרבײַגעגאַנגען. זי האָט הייזעריק געָרופֿן מיט אַן אויסגעצויגענער שטימע:

— גברת, גברת...

מוינע און פּיניאָק זענען געקומען אויפֿן מאַרק. זיי האָבן געבראַכט גרינס. די טרעגער־יונגען זענען געזעסן אויפֿן טראָטואַר און גענאָגט צוקער־שטעקנס. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ מחנה פֿלייט־שפּילער וואָלטן געזוכט אַ ניגון און אָט באַלד וועט אין חלל אויפֿגיין אַ פֿלייט־שפּיל. ס'איז אָבער שטיל געווען, נאָר זייערע ליפּן האָבן געצויגן דעם זיסן זאַפֿט פֿון די געל־גרינע גלאַנציקע צוקער־רערן.

אַן אַלטער תּימנער האָט זיך אײַנגעוויקלט ווי אַ בייגל און געלעגן אין קליינעם האַנט־וועגעלע. דאָס שפּיציקע ציגן־בערדל האָט געשטאַרט אין הימל אַרײַן. זײַנע גרויסע אויגן־דעקלעך זענען געווען אַראָפּגעלאָזן ווי פֿאַר־זונקענע אין אַ תּפֿילה. אַן אייזעלע האָט אָנגעשטעלט די אויערן צו די טרעג־ער־יונגען וואָס האָבן געהאַלטן די צוקער־רערן. די אונטערשטע טיילן פֿון אייזעלעס מאָרדע האָט זיך געעפֿנט, אַ סלינע האָט געבלעזלט זיך און די ציינער האָבן געקייט, געשלונגען די אייגענע שוימיקע סלינע. עס האָט גע־ציטערט אין תּענוג, די רוקן־פֿעל האָט געשורשעט, די פֿעל־הערעלעך האָבן זיך אויפֿגעשטעלט און צוריקגעפֿאַלן ווי עס וואָלט זיי אַ מילדע האַנט גע־גלעט. פֿאַר פֿרייד האָט דאָס אייזעלע אַ סקריפּע געגעבן מיטן האַלדז. אין די גרויסע אייזל־אויגן האָבן זיך געשפּיגלט פֿעלדער מיט צוקער־רערן...

זיי האָבן געלאָזן דעם וואָגן אין גרויסן הויף און זענען אַוועק אין די נאָענטע געסלעך. די שוכפּוצערס האָבן גערופֿן די דורכגייערס מיט געבעט. זיי האָבן געקלאַפּט מיט די שוך־בערשטלעך אין די פּיס־בונקעלעך. ערשט דאָ, אין שטאָט, האָט מוינע דערזען זײַן הולך, די אויסגעקרימטע שיך, די אָפּ־געטראָגענע קליידער. פֿאַסמעס האָר זענען אים געפֿאַלן אויפֿן שטערן. וואָס ווײַטער זיי זענען אַוועק פֿון גרינסן־מאַרק, אַלץ מערער זענען זיי אומעטי־קער און געפֿאַלענער געוואָרן. זיי זענען געגאַנגען בײַ דער זײַט פֿון טראָ־טואַר, זיך געהאַלטן פֿאַר די אַרבל און געשוויגן. ווען זיי זענען צוגעקומען צו די ים־געסלעך האָבן זיי פֿאַרקערעוועט לינקס און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק מיטן פּנים צום ים. כאָטש דער טאָג איז געווען אַ שטילער איז אָבער דער ים אומרואיק געווען. ווײַסע שוימקעפּ האָבן אויפֿגעלויכטן און זע־נען פֿאַרגאַנגען. די רוקנס פֿון די כוואַליעס זענען ניט געווען ווי תּמיד אין די שטילע טעג גלאַטע, אַרומגעשליפֿענע, זיי זענען אויפֿגעשפּרונגען און גע־בראָכן זיך אין טויזנטער שפּליטערס און געטראָגן זיך מיט געוואַי צום ברעג.

פּיניאָקס אויגן־אַפּלען זענען געשווימען אויף די שוימקעפּ, אויף די כוואַליע־שפּליטערס, געטוקט זיך אין די טיפֿענישן און אָנגעשלאָגן זיך אָן די ברעג־שטיינער.

— כ׳טראַכט וועגן פּרדס וואָס טריקנט — האָט מוינע געזאָגט — מ׳קאָן אים נאָך אָפּראַטעווען.

— האָסט ניט קיין אַנדערע זאָרגן?...

מוינע האָט אים אָנגעקוקט, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל:

— דאַרפסט העלפן, מיר וועלן דעם פּרדס אויפלעבן אין צווייען... איצט קען מען נאָך... עס איז נאָך צייט... נאָך אַ וואָך, צוויי, וועט שוין זיין שפּעט... ער וועט אומקומען...

ווען זיי האָבן פאַרקערעוועט צום בערגל האָט זיך נאָך אַמאָל פאַר זיי אַנטפּלעקט דער גוססדיקער פּרדס. די נאַקעטע צווייגן זענען געווען זיל־בערגרוי, פאַרפלאָכטן ריטל צו ריטל. דאָס ליכט פון אויסגעלאָשענע הימ־לען איז געלעגן אויף דער אָפּגעשטאָרבענער צווייגן־קאָרע. די פייגל האָבן פאַרלאָזט די נעסטן אויף די אָנבלעטערדיקע צווייגן, אויפגעפלאָכטן די שטרויעלעך וואָס זיי האָבן אָנגעטראָגן מיט אַ סך מי און זיי איבערגעטראָגן אין די טאָפּאָל־צווייגן און ציפּרעסן. צופוסנס פון די מאַראַנצן־ביימער, ביים שטאַם זענען געלעגן הויפנס פאַרטריקנטע בלעטער. זיי האָבן גע־שאָרכט ביי יעדן ווינטל, געקייקלט זיך מיט אַ געסווישטש פון טריקעניש. פון געזונטן שטאַם האָבן אַרויסגעשאָסן פריש־גרינע מאַראַנצן־שפּראָצונגען מיט גרויסע דורכזעעוודיק־גרינע בלעטער.

דער קאַרער האָט שוין גוט געקענט דאָס וועגל וואָס איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ צו מוינעס שטעלעכל. ער האָט געפּאַרסקעט מיט די נאָזלעכער. שאָל־קע איז אָנגעקומען מיטן גרינעם וואָגן. די גומי־רעדער האָבן געלאָזן אין זאַמד שיינע קאַרבן. מען איז אַראָפּ פון די וועגענער און זיך דערלאַנגט די הענט. שאָלקע האָט באַקוקט דעם קאַרן, אַ שטויס געטאָן אים אונטער דער פּאַכווע, אַ פיר־געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן רוקן און עפּעס אויסגע־בורטשעט. דאָס איז געווען אַזאַ מין אויסדרוק פון צופרידנקייט, אַ סימן אַז דער קאַרער איז טאַקע אַ נישקשהדיק פערד. דער אָגער האָט זיך געהנדלט מיטן קיילעכיקן רוקן און גלאַנציקער פעל, ער איז ניט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט. זיינע פיס האָבן געגראָבן אין דער ערד, ער האָט זיך אויסגעקערע־וועט, דער קאַרער, מיטן פולן רוקן און מיטגעשלעפּט דעם וואָגן. די ווייי־בער האָבן מורא געהאַט דורכצוגיין נעבן די אומרואיקע פערד, זיי האָבן זיך געשאַרט ביי דער שטיינערנער קאָרעטע, ביי די ליימווענט. דאָס היר־זשעריי פון די פערד האָט אויפגעוועקט ס׳געסל. פון קליינע פענצטערלעך האָבן אַרויסגעקוקט דערשראָקענע ווייבער.

איינע האָט געשריען:

— אַ וויסט אָנשיקעניש, זעי נאָר זע! מ׳קען שוין נישט פאַרבייגיין!

די פערד האָבן זיך צונויפגענומען, דער אָגער האָט אַרויפגעלייגט די מאָרדע אויפן קאַרנס קאַרק און שטיל געהירזשעט. מען האָט ניט געקענט אָוועקנעמען די פערד און אויפפלאָנטערן די רעדער.

ווייבער האָבן זייטיק געקוקט אויף די פערד, געוויקלט זיך אין די קאָפּ־פּאַטשיילעס און די פינקלדיקע אויגן זייערע זענען געוואָרן אַזוי גלאַנציק ווי דער רוקן פון שאָליקעס אָגער.

טיילמאָל באַפאַלט מוינען אין פעלד אַזאַ רעשיק־צעכראַסטעטער פויגל־געשריי, אַ גרעגעריי, אַ געררויש, ווי עמעץ וואָלט געשאָטן הויפנס טרוקענע שטיינדלעך אויף בלעכן. דער גערויש רייסט זיך אַריין אין די אויערן, צעשפּאַלט די שלייפן און פאַרטרייבט אַלע מחשבות, זעגט זיך איין אין דעם שאַרבן מיט אַ שאַרף־ציינערדיק געזעגעריי. און פּלוצעם ווערט אַלץ מיט איין מאָל שטיל און הויל. ס׳דוכט זיך, אַז די ווייטן זענען פּוסט געוואָרן, אַז ס׳הייבט זיך אָן אַ נייער בראשית וואָס דאָרף מיט עפּעס וואָס אויספילן די אַנטשטאַנענע פּוסטקייט. מוינע בלייבט אין די רגעס שטיין אַ געפּלעפטער. זיין שאַרבן איז הויל ווי אַ גלאָק וואָס דער גלאָקן־שנור האָט זיך אָפּגעריסן און דאָס צינגל איז אַרויסגעפאַלן. די פעלדער ליגן ווי ניי באַשאַפענע און וואַרטן אויף עפּעס. מוינעס שאַרבן איז ליידיק און גרייט אויפצונעמען די פאַרלוירענע פעלד־ש׳טילקייט. זי קומט אָן, די שטילקייט, פון די גרינע בייטן, פונעם וואָדי און פון די יהודה־בערג.

אין גאָרטן האָט קיין אַרבעט ניט געפעלט. אויפן מאַרק איז אויך געווען וואָס אַרויסצופירן, געווען בייטן מיט מייערן. זיי זענען זיך גראָד צעוואַקסן אין ווינטער. אַ גאַנצן זומער זענען זיי געווען קליין, געמיינט אַז זיי זענען ניט געראָטן און פּלוצעם האָבן זיי אַ שפּראָץ־עטאָן. דאָס קרויט איז געווען שיין, פעסט געוויקלט. ערגעץ, ביים ראַנד פון וואָדי האָבן זיך אַפילו נאָך געררויטלט פּאָמידאָרן. ער האָט יעדן טאָג צונויפגענומען ירקות, כאָטש פון דער ווייטנס האָט זיך געדוכט אַז ס׳פעלד איז ליידיק.

מיט דער הויף־באַלעבאַטישקייט האָט זיך פאַרנומען חמרה. די קו איז שטענדיק זאַט געווען. די צעמענטענע פּאָדלאָגע אויסגערייניקט. אין הייפל האָבן זיך געפונען היינער. אין שטיבל איז געוואָרן היימישער. זי האָט דאָס בעטל פאַרהאַנגען מיט אַ גרינע ראָגאָזשע, אַ געפלאָכטענע פון ציגן־וואָל, אויף די ווענט — אויסגעגייטע האַנטעכער מיט גרויסע געלע בלומען און פייגל. אין קריגלעך וואָס זענען צעשטעלט געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך האָבן זיך געפונען פרישע פעלד־בלימלעך, גרינע מיענטע־גראָזן און אַלערליי פאַרביקע צווייגלעך פון וואָדי. אָפט איז דערגאַנגען צו מוינען אין גאָרטן אַריין חמרהס געזאַנג וואָס האָט זיך געקייקלט איבער די בייטן, איבער די גראָזן און געטראָגן זיך דורכן וואָדי און פלאַכן צו די מירמל־בערג.

קאַפּיטל אַכט

— א —

ווען סאַנינאַ איז אין יענעם מינכענער פאַרנאַכט שטיין געבליבן אין דער טיר פון יאָלאַנעס צימער און זיין אומרואיקער בליק איז אַרומגעשוווּמען אומדרייסט, האָט יאָלאַנע דערפילט אין דער רגע, אַז עפּעס וויכטיקס און גורלדיקס וועט געשען.

זי האָט ניט באַוויזן גאָרנישט איבערצוטראַכטן וועגן אופן פון רעאַגירן אויף זיין אומגעריכטן קומען.

דער גאַנצער צימער איז געווען פאַרוועבט מיט דער שטראַליקייט פון זיינע וואַרטנדיקע אויגן. איין ווייַלע איז נאָך געבליבן. זי האָט לענגער ניט געקענט האַלטן אירע שוואַרצאַפּלען אַראָפּגעלאָזן אויפן בוך וואָס איז געלעגן אויף די קני. זי האָט געהערט זיין שטילע און צוריקגעהאַלטענע באַגריסונג. סאַנינאָס שטים איז דאָס מאָל געווען ווייך און צוגעפּאַלן צו אירע שלייפן מיט אַ סאַמעטענער שטילקייט.

ווידער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר דער האַרבסטיקער וועג פון קוכאַר קיין פּלינצק און דער פרעמדער מאַן אין דער קאָטש. זי האָט זיך דערמאַנט אין דעם ערשטן שרעקעוודיקן געציטער בשעת אירע קני האָבן זיך אָנגעשטויסן אין סאַנינאָס קני. זי האָט אים געזען אין קראָקעווער האָטעל, אַ שווייַגנדיקן, אַ טרויעריקן, פאַרהילט אין קנוילן ציגאַרן־רויך. און אַז יאָלאַנע האָט אויפגעהויבן די שיינע פייכטע אויגן, האָט זי דערזען דעם טרויעריקן מאַן פון דעם גאָרטן־טירל, דעם וואָס זי האָט געזען אין די האַלבוואַכיקע נעכט. אַ מאָל איז זיין פּנים אַנטקעגן־געקומען בשעת די געזאַנגאויפטריטן פאַר די קאַצעטלער. דאָס איז געווען ניט דאָס פּנים פון דעם פולן און שיין־געקליידטן האַנדלס־אַטאַשע פון אַ פרעמדער מדינה. זי האָט אים שטענדיק געזען אַזאַ ווי אין דעם הויף־גאָרטן נעבן פּאַדואַ, אַ ניט־ראַזירטן, אין מיליטערישע קליידער, אַ מידן און פאַרמאַטערטן מאַן מיט וועלכע די גאַסן פון אַלע שטעט זענען אין יענעם נאָך־מלחמה־יאָר פול געווען.

גוט וואָס דו ביסט אַזאַ ווי איך האָב דיך ס׳לעצטע מאָל געזען — האָט זי אים געוואָלט זאָגן. אין דער אותו רגע האָבן זיך זייערע אויגן באַגעגנט. און אין דער דאָזיקער אויגן־באַגעגעניש איז שוין געווען אַלץ וואָס זיי האָבן זיך געהאַט צו זאָגן. ער האָט פאַרשטאַנען איר בליק און איז נעבעטער צוגעגאַנגען.

דאָס האָט נאָר געדויערט איין אויגנבליק. דערנאָך איז יאַלאַנע אויפֿ־געשפּרונגען אַ צעשמײכלטע, אויסגעשטרעקט די הענט און ביידע האָבן גע־ווּסט, אַז עס זענען מער ניט נייטיק קיין רייד.

דאָס וואָס ס׳איז געשען אין דעם פֿאַרנאַכט איז פֿאַר סאַנינאַן ניט גע־קומען פּלוצעם. ער האָט זיך אין דעם מודה געווען יאַלאַנען אין איינעם פֿון די זומערדיקע אָוונטן. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי יאַלאַנע האָט געזונגען אין איינע פֿון די גרויסע זאַלן פֿאַר אַמעריקאַנער זעלנער און אָפֿיצירן פֿון דער אַרמיי וואָס האָט פֿאַרנומען דרום־דייטשלאַנד. מען האָט יאַלאַנען אויפֿ־גענומען מיט לאַנג ניט איינגעשטילטע אַפּלאָדיסמענטן, מען האָט איר ממש ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון דער בינע. פֿאַר די אַמעריקאַנער איז יאַלאַנעס אויפֿ־טריט, איר אויסערלעכקייט געווען אַן איבעראַשונג. זיי האָבן דערנאָך די בינע באַוואָרפֿן מיט בלומען און ווי דער שטייגער פֿון יענע טעג, אויך מיט שאָקאָלאַד. זי איז געווען דעם אָוונט אויפֿגעלייגט און באַרעדעוודיק. מען האָט זיי אָפּגעפֿירט מיט אַ טאַקסי ביז צו דער וווינונג, נאָר זי האָט געוואָלט אַרומשפּאַנען איבער די גאַסן. זיי זענען געגאַנגען לענגאויס דעם טייך איסאַר, וואָס שנײַדט דורך די שטאָט, צווישן די אַלייען. און אַז יאַלאַנע איז מיד געוואָרן זענען זיי אַרײַן אין איינע פֿון די נאָענטסטע שענקען. ביי נאַקעטע און טונקעלע טישן זענען געזעסן פֿאַראייניצלטע אַלטע דייטשן. די שענק איז געווען טונקל און געדיכטע שאָטנס זענען געפֿאַלן פֿון די האַלץ־באַשלאַ־גענע ווענט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש און געוואַרט אויף קאַפֿע.

— איך דערמאָן אָפֿט די ערשטע באַגעגעניש. כ׳האָב יענעם בליק דײַנעם ניט פֿאַרגעסן, ער קומט צו מיר שטענדיק און כ׳זע ווידער די זומ־פּיקע פֿלאַכן פֿון וועג קיין קוכאַר, האָט געזאָגט סאַנינאַ.

— דערמאָן ניט איצט אין יענע טעג, האָט זיך יאַלאַנאַ ווי געבעטן.

סאַנינאַ האָט ווייטער גערעדט.

— יענער בליק דײַנער האָט מיך געבראַכט צו דיר. איך האָב מיט ציטערניש געוואַרט אויף אַ ידיעה פֿון אייך, פֿון דיר און פֿון אַלטן לערער. איך האָב געוואָלט פֿאַרן קיין פּלינצק אייך אויפֿזוכן. איך האָב אין יענע טעג ווידער אַ מאָל דערמאָנט זיך דעם זיידנס טאָגבוך. זײַטל נאָך זײַטל, שורה ביי שורה און פֿון אומעטום האָב איך געזען דײַנע אויגן. איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט אַז דו ביסט פֿון די פּאָזנערס, אַז דער טאָגבוך האָט אויך אַ שייכות צו דיר און דײַן שטאַם. די טרויעריקע האַרבסט־לאַנד־שאַפֿט: די ליידיקע פֿאַשע־פֿעלדער, די ווייטע וואַלד־פּאַסן און די נידע־ריקע וואָלקנס וואָס כ׳האָב געזען אַרום קוכאַר האָבן זיך געשפּיגלט אין דײַנע גרויסע אויגן. איך האָב זיך יענע טעג פּלוצעם דערפֿילט ווי אַן אַרויס־געריסענער בוים מיט נאַקעטע וואָרצלען. מײַן היים איז קיין היים ניט. איך האָב מײַן מוטער ניט ליב, זי איז מיר פֿרעמד געוואָרן. דאָס לאַנד —

אַ הפקר געוואַרענער בינשטאָק וואָס אַ ווילדער אָקס האָט עס געכאַפּט אויף די הערנער און טראָגט עס איבער אָפּגרונטן.

סאַנינאַ איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. ער האָט טיף אַרײַנגעקוקט אין יאַלאַנעס אויגן. זי איז טרויעריק געוואָרן פון דעם בליק.

מיט אויפגעוואַכטן נײַגער האָט זי אים געהערט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי דער פאַרמאַכטער אין זיך סאַנינאַ האָט אַזוי אָפן גערעדט.

— די ווײַטערדיקע אַנטפּלעקונג פון מײַן פאָטערס אָפּשטאַם האָט מיך אָוועקגעשטעלט אין דער מיט פון דער הפקרדיקער צײַט. דאָס וואָס איך האָב ווי בכיוונדיק ניט דערזען האָב איך איצט געפילט אויף יעדן שפּאַן. די אַלע פּלאַקאַטן אויף די ווענט קעגן יידן, דער גיפט קעגן אַ פאָלק פון וועלכן איך שטאַם, די העץ־אַרטיקלען אין די צײַטונגען — דאָס אַלץ האָט אַוועקגענומען מײַן רו. איך האָב געוואָלט אַוועק און ניט געהאַט וווהין. איך האָב פון זיך ניט געקאָנט אַנטלויפן. כ׳האָב דעם טאָגבוך פאַרוואָרפן, געוואָלט אים פאַרברענען, פאַרגעסן, זענען מיר געקומען צו חלום אין די נעכט דײַנע אויגן. זיי האָבן אַרויסגעקוקט צו מיר פון אונטערן שניי אָפּער, דאָרט וווּ ס׳האָט זיך געטונקלט די חורבות פון דעם הויז אין קוכאַר. איך האָב געזען יידן וועלכע מען האָט געפירט איבער די קראָקעווער גאַסן צוריק אין געטאָ אַרײַן פון דער אַרבעט און געדאַכט האָט זיך מיר אַז דו שפּאַנסט צווישן זיי. איך האָב אויפגעציטערט דערהערנדיק ידיעות פון דײַטשישע לאַגערן. אָ, גאָט, איך קער דאָך אויך צו זיי — האָט געשריען אין מיר אַ שטים.

איך האָב געטראַכט פון דיר, דו, די לעצטע אײַנוווינערין פון פריי־צישן הויף. ווער איז זי? ווער איז דער אַלטער לערער? און אַז איך האָב באַקומען דײַן בריוול קיין קראָקע, איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן.

איך האָב געוואָלט ביי דער ערשטער באַגעגעניש אַרומנעמען דײַן פּנים, איך האָב געוואָלט פילן דײַן נאָענטקייט, דײַנע דערשראָקענע מיידל־שע אויגן האָבן מיר קיין רו ניט געגעבן. איך האָב עס אָבער ניט געטאָן. כ׳בין געזעסן אַ שטילער, אַ שווײַגנדיקער און געררײַכערט, געהילט זיך אין קנוילן רויך. איך האָב אָפּט אויסגעמיטן צו קומען צו דיר אין האָטעל. איך האָב מורא געהאַט זיך אַליין צו טרויען און לענגער בלײַבן מיט דיר און איך האָב אַרומגערײַזט. איך האָב געוואַרט אויף דעם טאָג ווען דו וועסט זײַן פריי. איך האָב ניט געוואָלט מיסברויכן מיט די טרויעריקע צײַטן פון דײַן לעבן כדי זיך אַרײַנצורײַסן אין דײַן וועלט, אין דײַן טרויע־ריקע מיידלשע וועלט. איך האָב דאָס אפילו ניט געטאָן אין הויז ביי דער ברענטאַ.

— כ׳האָב דיך פאַרשטאַנען, עדגאַרדאָ — האָט יאַלאַנאַ געזאָגט און אַרײַנגענומען זײַן האַנט אין אירע.

— ווער בין איך איצט? — האָט סאַנינאַ ווײַטער פאַרגעזעצט —

איינער פון די היימלאָזע, פון די וואָגלער וואָס האָבן יאָ אַ היים אָבער די היים איז קיין היים ניט.

אין דער שענק איז שוין קיינער ניט געווען. ביי זייער טישל איז זייט עטלעכע מינוטן געשטאַנען ווי אַ געשפּענסט, אַ לאַנג־אויסגעצויגענער קעל־נער אין אַ שוואַרצן ראָק, און מיט העפלעכקייט עפּעס געשעפּטשעט.

זיי זענען אַוועק איבער די טונקעלע גאַסן, געגאַנגען לענגאויס חורבות וואָס האָבן זיך געצויגן אומענדלעך גאַס נאָך גאַס.

— ב —

סאַנינאַ האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין איינע פון די יידישע קאָ־מיטעטן אַלס יורידישער פאַרשטייער. ער האָט זיך אין דעם אַרבעטס־פאַר־שלאַג אָנגעכאַפּט מיט גרויס אינטערעס.

ס׳זענען געווען אין יענע טעג אַ סך ענינים צו דערליידיקן פאַר די לעבן־געבליבענע יידן. אין די דייטשישע לאַגערן האָבן זיך געפונען טויזנטער יידן פון פאַרשיידענע אייראָפּעאישע לענדער, זיי האָבן זיך ניט געקאָנט צונויפ־ריידן מיט דער באַזעצונגס־מאַכט, ניט מיט די שטאָט־פאַרוואַלטונגען. מ׳האָט געדאַרפט אויספועלן פאַר זיי וווינונגען, באַשפייזונג און באַקליי־דונג. אַ חוץ דעם זענען געשען אַלערליי קאָנפליקטן מיט די גאַרניזאָן־טיילן פון די אַמעריקאַנער. אָפט זענען זיי אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות דורך די דייטשן און די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן פלעגן פאַרהאַלטן יידן פאַר ניט געשטויגענע פאַרברעכנס. ער איז טעג גאַנצע אַרומגעלאָפן איבער פאַר־שיידענע אַמטן, געהאַט אויף זיך הונדערטער ענינים.

סאַנינאַ האָט פריי גערעדט ענגליש און דייטש, און אומעטום ווו ער איז געקומען האָט מען אים אויפגענומען מיט אַ סך רעספּעקט.

דאָס זענען געווען פאַר אים צייטן פון גרויס דערפאַרונג. זיי האָבן געפורעמט די שפּעטערדיקע באַציאונג זיינע צו יידן. ער האָט זיך ס׳ערשטע מאָל פון דער נאָענט צונויפגעטראָפן מיטן יידישן המון פון פאַרשיידענע עדה׳ס. ער האָט באַגעגנט יידן פון לאָדזש, פון בעסאַראַביע און יידישע טרע־גערס פון סאַלאָניקי, וואָלינער דאָרפס־יידן און ליטווישע יונגעלייט. ער האָט ניט געקענט תופס זיין דעם צוזאַמענהאַנג פון די אַלע מענטשן, וואָס ס׳בינדט זיי צונויף אין איין פאָלק, וואָסערע שייכות האָט יאַלאַנאַ צו זיי און וואָס טוט ער, עדגאַרדאָ סאַנינאַ צווישן אָט אָ די לעבן־געבליבענע און אויסגעמאַטערטע מענטשן.

ער איז אין די אָוונטן געזעסן איבער ספרים, געזוכט יידישע אויסגאַבעס, געוואָלט זיך באַקענען מיט דעם פאָלק. ער האָט געזוכט מקורותדיקע ווערק אין איטאַליעניש. ס׳האָבן אים גאַרנישט אויפגעקלערט די קאַרגע אינפאָר־

מאַטיווע אָפּהאַנדלונגען פון ענציקלאָפּעדיעס, ער מוז דערגיין דעם תוך. ער מוז נענטער באַקענען דאָס גערודפטע פאָלק, זען עס פון אינעווייניק.

אין די שפּעטע נאַכט־שעהן האָט אים יאַלאַנע געזען לייענען דעם תנך. איין מאָל האָט זי אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אָפענעם בלאַט פון ספר און געזאָגט:

— עדגאַרדאָ, איך טראַכט, אַז דו האָסט ניט געדאַרפט פאַרלאָזן דיין היים, דו דאַרפסט ניט ווערן קיין היימלאָזער. דיין היים האָט דיך ניט פאַר־טריבן. דו ביסט דאָך פרייוויליק אַוועק. איך האָב אויך געטראַכט צוריק צו גיין קיין וואַרשע, צוריק צו די חורבות פון מיין היים, דאָרט בויט זיך אַ נייַ לעבן.

— פאַרוואָס טראַכסטו אַזוי? — האָט ער מיט חידוש געפרעגט.

— ווייל דורך מיר באַהעפסטו זיך מיט אַ קליין און שוואַך פאָלק, אַ פאַרשעמט פאָלק. ווייסט פאַרוואָס איך בין ניט צוריקגעאַנגען קיין פוילן, צוריק צו דעם לאַנד וואָס איך ביז אַ טייל פון אים, צוריק צו דער ווייסל? ווייל איך קען מער דאָרט ניט לעבן. איך קען ניט זיין, אפילו איין טאָג, צווישן אַ פאָלק וואָס האָט געזען מיך וואָגלען איבער די הפקרדיקע וועגן, זיי האָבן געזען מיין געפאַלנקייט, מען האָט מיך דורך אויסטערלישע געזעצן אַריינגעטריבן אין דער מיט פון גערודפטן יידישן פאָלק. איך בין געקומען צו יידן ניט ווייל ליבע האָט מיך צו זיי געפירט נאָר גוישע שינאה האָט מיך אַהין געטריבן. איצט האָב איך דערפילט, אַז אויך פרעמדע שינאה קען צונויפשמעלצן גערודפטע.

יאַלאַנע האָט אויפגעהערט צוריידן. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און טיף געעטעמט.

— איך האָב ניט געוואָלט אָנטאָן דעם יידישן שאַנד־צייכן וואָס די דייטשן האָבן אויפגעצוווּנגען אַלעמען צו טראָגן. איך האָב ניט געוואָלט גיין אין געטאָ, אין אַ פרעמדן קוואַרטאַל, צווישן פרעמדע מענטשן. אַלע טירן פון מיינע אַלטע פריינד האָבן זיך פאַר מיר פאַרהעמערט. מיינע קריסטלעכע פריינד האָבן מיך אויסגעמיטן. מען האָט מיך ניט דערקענט אין גאַס. פאַרשווּנד, ווער נעלם, באַהאַלט זיך, — אַזוי האָט מען מיר גע־עצהט און קיין האַנט האָט זיך ניט אויסגעשטרעקט צו העלפן. איך בין איינזאַם געוואָרן אין דער גרויסער וואַרשע. איך האָב זיך מער ניט געקענט באַוועגן איבער די גאַסן, מען האָט געלויערט אויף מיר. זי לעבט נאָך! זע, יאַלאַנע לעבט נאָך! האָט מען זיך געשושקעט אין די שענקן. הפקר־יונגען און שאַנטאַזשיסטן האָבן מיך אַרומגעזוכט. אָ, גאָט! ווי גרויליק עס זענען געווען יענע טעג, ערב מיין אָפּפאָרן קיין קוכאַר...

זי האָט ניט געקאָנט ווייטער ריידן, אין האַלדז איז ענג געוואָרן און די אויגן — אָנגעלאָפן מיט אַ גליענדיקער פייכטקייט. זי האָט געוואָלט

טוישן דאָס געשפּרעך, אַרויספירן עס אויף אַנדערע רעלסן און פּלוצעם אַ פראַגע געטאָן:

— וואָס האָסטו געלייענט אויף דעם זייטל?

— פאַר וואָס פרעגסטו?

— ווייל כ'וויל זאָלסט איבערלייענען די שורות ביי וועלכע דו האָסט זיך אָפּגעשטעלט.

סאָנינאַ האָט געלייענט אויפן קול:

„...פון די טעג פון אונדזערע עלטערן זענען מיר אין גרויס שולד ביז אויפן היינטיקן טאָג, און פאַר אונדזערע זינד זענען מיר, אונדזערע מלכים, אונדזערע כהנים, איבערגעגעבן געוואָרן אין דער האַנט פון די מלכים פון די לענדער צום שווערד, צו געפאַנגענשאַפט און צו רויב, און שאַנד פון פּנים, אַזוי ווי היינטיקן טאָג" (עזרא ט, ז).

— איך קען ניט באַנעמען די ווערטער, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? פאַר וואָס זענען מיר אין גרויס שולד, וואָסערע זינד זענען באַגאַנגען אונדזערע עלטערן, און אויב זיי זענען זינדיק געווען, פאַרוואָס דאַרפן מיר איבערגעגעבן ווערן צו שאַנד? איך פיל אָבער אין די ווערטער אַן אמת. איך קען צו אים מיט מיין לאָגיק ניט דערגיין. אָבער די גורלדיקע טראַגיק פון יידישן שטאַם איז שטענדיק געהאַנגען איבער מיין פאָטער, וויפל ער האָט זיך ניט געוואָלט דערווייטערן איז די יידישע טראַגעדיע געווען אין זיין שאָטן. אַלע זיינע זייטיקסטע מחשבות האָבן אין דעם סך־הכל אַ פאַרקירעווע געטאָן זיך צום זייטיקן וועגל צווישן די אַלכע־קוסטעס ביי דער קוכאַרער וואַסער־מיל. דער פּחד און דער טרויער פון דעם וואַרשעווער צפון־קוואַרטל, וווּ עס האָבן געוווינט די יידן פון דער הויפּטשטאָט, האָט זיך אַריינבאַקומען דורך די קלענסטע טיר־עפענונג פון אונדזער היים. ער האָט עס אַ לעבן לאַנג ניט געוווּסט, ניט געוואָלט דערצו זיך מודה זיין. ער האָט קיין מאָל ניט אָנגערופן דעם נאָמען ייד, אויסגעמיטן צו ריידן וועגן יידישע ענינים מיט וועלכע עס איז פול געווען דאָס לאַנד. איך האָב אין דעם פאַרשווייגן געפילט ווי אַרום אים איז ענג, ביז עס זענען געקומען די ערב־מלחמה־יאָרן. דער שטורעם האָט צעפּראַלט זיין שטוב, יידישער ווי האָט זיך געריסן אין זיין אַרבעטס־צימער, אין שלאָף־צימער. ער האָט פאַר מיר לאַנגע שעהן גערעדט וועגן די זיידעס, וועגן קוכאַרער הויף, וועגן יידן. דאָס זענען שוין אָבער געווען די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן.

זי האָט צוגעשלאָסן די וויעס און אַראָפּגעזעצט זיך אויפן נידעריקן פאָטעל. עס האָבן זיך גענומען פאַר איר אַנטפּלעקן בילד נאָך בילד פון איר היים. זי האָט נאָך אַמאָל איבערגעלעבט אַלע די פּרטים וואָס האָבן איר דערמאָנט אין דער פּלוצעמדיקער אויפגעוואַכטער יידישקייט פון איר פאָטער ערב זיין טויט. זי האָט אים געזען אין סענאַט בשעת זיין לעצטע אַרויסטרעטונג, אָט ליגט ער אַ שווער קראַנקער און שעפּטשעט עפּעס.

צוקאָפּנס האָט מען אויפגעהאַנגען דאָס בילד פון זיין מוטער, געמאָלן אין אייל פון יונגן גאָטליב.

עס דעמערט אויפן בילד. דאָס ווייסע פרויען־פּנים איז פאַרשאָטנט, די גרויע רונדיקע וויעס טיילן נאָך שטאַרקער אויס דעם אויגן־גלי פון דעם שיינעם פּנים. אין הינטערגרונד שווימען פּיאָלעטענע וואָלקנס, זיי רירן קוים אָן די הויכע געקאַרבטע פריזור און אין פאַרנאַכטיקן דעמער ווערן נאָך טרויעריקער די אויגן פון סטאַניסלאַוו פּאַזנערן.

יאַלאַנע האָט זיך דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און צוגעלייגט ס׳פּנים צו דער אַראָפּהענגענדיקער האַנט פון פאָטער. פון די לאַנגע, אויס־געטריקנטע פינגער האָט געשלאָגן אַ וואַרעמקייט. די קנאָכיקע פינגער האָבן זיך געבראָכן ווי ס׳טרוקענע געצווייג. דעם פאָטערס שעפּטשען האָבן אויפגעלעבט פאַר יאַלאַנען זיינע יינגל־יאָרן: — — — דורך דער גרעב־ליע גייען פּויערים, אַ קאַטש געשפּאַנט אין צוויי פּאָר ווייסע פערד קומט אָן פון פלינצקער טראַקט. די קאַטש איז אויסגעבעט מיט שוואַרצע לעדער, די פענצטערלעך פאַרהאַנגען מיט טיולענע פאַרהאַנגלעך. דעם קוטשערס לעדערנער דאַשעק און די גרויסע מעשענע קנעפּ מיט די אויסגראַווירטע מנורות גלאַנצן אין דער זון. די מוטער קומט איצט פון אויסלאַנד. דאָס גאַנצע הויז וואַרט איר אָפּ. דער פראַנטיקער צוגאַנג צום הויף איז אויס־געלייגט מיט טעפּיכער. ס׳עפנט זיך דאָס טירל פון דער קאַטש און אַ הויכע שלאַנקע פרוי געהילט אין סאַמעט און קרעפּטאַשין שטעלט אַראָפּ אירע פיס אויף די טרעפּלעך. פון ווייטנס שטייען דאָרפישע קינדער, באָרוועסע, פון די צעריסענע היטלען קוקן אַרויס קוטשמעס שוואַרצגעלאָקטע האָר. זייערע גרויסע יידישע אויגן זענען פול מיט חידוש. ווייבער, וואָס גייען פון דער רעטשקע מיטן נאָך־מיטאָג־געפּעס, זיי טראָגן אויף די אַקסלען גרויסע קוישן, געפלאָכטענע פון ווערבע־ריטלעך, די לאַנגע ספּודניצעס זייערע זענען פאַר־הויבן און עס זעען זיך אַרויס די נאַקעטע לידקעס פון זייערע פיס. פון פעלד איז אָנגעקומען מיט גערויש אַ ליידיקער דראַבניאַסטער וואָגן. אַ קאַטאַרינ־קע־שפּילער, אַ בלינדער אויף איין אויג, וואָס וואַנדערט פון איין שטעטל צום צווייטן, האָט אָוועקגעלייגט זיין גרויסן קאַסטן אונטער אַ ווערבע און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז. די פאַרבייגייענדיקע ווייבער, צעבינדן די קניפּלעך פון די קאָפּ־פאַטשיילעס און וואַרפן אַריין אין אַ רויט טיכל וואָס איז אויסגעשפּרייט ביים בעטלער, ניקלען. אויפן קאַטאַרינאַזש אַקסל שטייט די קרומשנאָבלדיקע פּאָפּוגיי, — די ציערין פון קוויטלעך אין וועלכע ס׳איז פאַרהוילן דעם מענטשנס גורל.

— — — אין די גרויסע פענצטער, די ליכטיקע, אונטער גאַרדינען, שטייט דער פריצישער זון סטאַניסלאַוו און קוקט אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט זיי ניט ליב די ווייבער, ניט די קינדער און ניט דעם קאַטאַרינאַזש

מיט דער פּאַפּוגיי. זיי רעדן אויף אַן אַנדער שפּראַך, זיי זענען אים פרעמד און קוקן תמיד צו אים מיט בייזע אויגן.

און אָט איז אַ צווייטע איבערלעבונג:

— — — דער פּריצישער הויף איז פול מיט יידישע האַלצהעקער. זיי זענען זיך צונויפגעפאָרן פון די אַרומיקע דערפלעך. ס'איז ווינטער. די פערד שטייען אומרואיק און קאַפּען מיט די פאַדערשטע פיס אין שניי. די באַפּעלצלטע פּויערים האַלטן גרויסע זעגן און העק. זייערע פּנימער זענען רויט, צעהיצט און ריידן זיך הויך. סטאַניסלאַוו דרייט זיך אַרום צווישן זיי אין הויף. ער הערט זיך צו צו די רייד פון איינעם אַ הויכן פּויער מיט אַ שוואַרצער באָרד, די יידן רופן אים פּייוויש־אַנטעק. ניט אַלץ פאַרשטייט דער קליינער פּאַנעַר. דאָס לשון פון די האַלצהעקער איז דורכגעפלאָכטן מיטן פּוילישן לשון, אַ שרעק נעמט פלוצעם אַרום דעם צען־יאָריקן סטאַניסלאַוו. ער הייבט מורא האָבן פאַרן המון, פאַר זייערע בלאַנקע העק, פאַר די שאַרף־צייניקע זעגן, פאַר די בייזע בליקן. זיי קענען זיך נאָך אַריינרייסן אין די זאַלן פון פּאַלאַץ און אַלץ חרוב מאַכן.

פּייוועש־אַנטעק טייטלט אויף סטאַניסלאַוון.

— ער'ט ווערן גרויס וועט ער אויך זיין אַזאַ...

— מען פירט אַ גאַנץ יאָר געהילץ און ס'קומט צום חשבון איז אַ בראָך צו די פאַר יאָר, כאָטש צאָל נאָך צו דעם שרייבער, דעם גזלן מיט דער שיינער באָרד...

— לאָזט זיך ניט פון אים.

אין דעם האָט זיך די קאַנטאָר צעפראַלט מיט רעש. דער וואַלד־שרייבער, דער ברייטבערדיקער פלאָצקער ייד ענגעלדאָרף איז דרייסט אַרויס אין הויף אַריין. זיין זיידענע וועסט האָט געגלאַנצט, ער איז מיט ברייטע שפּאַן געגאַנגען איבערן הויף און הויך געברומט אַ ניגון. דער יונגער פּאַנער האָט אויפגעציטערט. זיי ווילן דאָך אים צערייסן, זיי ווילן זיך וואַרפן אויף אים מיט די העק. נאָר אַנשטאָט די פּריערדיקע שינאה האָבן די פּויערים אָנגעהויבן חניפהדיק צו שמייכלען, צו פינטלען מיט די אויגן און ס'איז שטיל געוואָרן.

— ווער פּלאַפּלט עס דאָ אַזוי? וועמען געפעלט ניט דער חשבון? וועמען? זאָגט? — האָט הויך געשריען דער וואַלדשרייבער.

ער איז צוגעלאָפן צו פּייוועש־אַנטעקן, געשטאָכן אים מיטן פינגער אין האַרץ אַריין.

— דו רעדסט דאָס אַזוי? דו? דו?

— ניין, רעב ענגעלדאָרף... ניין... ניט איך... אַן אַנדערער, עמעץ אַנדערש האָט גערעדט.

— ווער?

— זיי דאָרטן... דאָרטן... זיי...

דער וואַלדשרייבער האָט מיט אַלע פינף פינגער אַ קעם-געטאָן די ברייטע באָרד און צוגעגאַנגען צו אַן אַנדערן.

— דיר געפעלט ניט? דו העצסט אַלעמען אויף?

— ניט איך... ניט איך... — האָט געשטאַמלט אין גרויס שרעק אַ נידעריקער און קרומער פּויער. די בייטש איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און ער האָט זיך איינגעבויגן אויפן שניי און אַ ווײַלע אַזוי געבליבן.

— ניט איך... ניט איך... ער... ער...

— ווער? — האָט בייז אַ דונער געטאָן דער וואַלדשרייבער און פּלוצעם זיך צעשמייכלט פון אונטער דער וואַנצע אַפער. ער האָט באַמערקט דעם יונגן פּאָזנער און אים אַ קניפּ געטאָן אין בעקל. דערנאָך זענען זיך די שליטנס צעפאָרן, דער הויף איז פול געווען מיט היי, פערדמיסט און בלאָטיק-צעטראָטענעם שניי. די פּויערים זענען געפאָרן צו דער שענק, געטרונקען צו קעלישעקלעך בראָנפן און דערנאָך געטריבן די פערד אין די שטעלער.

דער יונגער פּאָזנער איז אומגעבעטנערהייט אַריינגעפאַלן אינעם צימער פון פּאָטער מיט אַ געוויין. פון אַ זייטיקן חדר איז אָנגקומען די מוטער און דער דערציער. דער קליינער איז געלעגן צו פוסנס פון דעם פּאָטערס שטול, אויפן טעפּיך און געשריען:

— פּאַרטרייב דעם וואַלדשרייבער, ער באַשווינדלט זיי... ער נאַרט זיי... עס איז דאָך אַ זינד... איך האָב אַלץ געהערט... אונטן אין הויף...

די מוטער האָט געביסן די נעגל און אויסגעקערעוועט זיך מיטן פּנים צום גרויסן ביכער-קאָמאָד. דער אַלטער פּאָזנער האָט איבערגעבעטן דעם לערער, אויך די מוטער איז אַוועק. טאַטע און זון זענען אַליין געבליבן אינעם גרויסן צימער. דער פּאָטער איז געווען אין פאַרלעגנהייט, געזוכט ווערטער, געוואָלט עפּעס זאָגן און אויף ס'ניי זיך אַנידערגעזעצט צום אָפענעם ספר וואָס איז געבליבן ליגן אויפן טיש, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט דעם ענטפער וואָס ער דאַרף איצט געבן זיין זון. אין דער שטילקייט פון דעם טונקעלן צימער, אַ באַשטעלטן מיט שווערע דעמבענע טישן און קאָמאָדעס, אויף אַ ווייכן טעפּיך איז געלעגן אַ צען-יאָריק יינגל. דורך זיינע פאַרטרערטע אויגן האָט ער מיט אַ מאָל דערזען אַז עס לויערט אויף אים אַ גרויסער טיגער מיט אַ צעעפנטער מאָרדע — דאָס איז געווען דער טיגער פון טעפּיך. און סטאַניסלאַוו איז אויפגעשפּרונגען, אַרויס פון פּאָטערס צימער און אַוועק בלאָנקען צו דער גרעבליע נעבן דער וואַסערמיל. — — —

אין די סטודענטישע יאָרן איז ער געגומען אַ היים פון אויסלאַנד. ער האָט זיך געוואָלט צונויפריידן מיט די יידישע פּויערים, מיט זייערע זין. ער האָט עס שוין ניט געקאָנט טאָן. זיי זענען געווען פרעמדע. ער איז אין אַ שבת געקומען אין דאָרף שולעכל, גערעדט וועגן סאָציאַליזם וועגן פּוילנס פרייהייט, זיי האָבן אים שטילשווייגנדיק אויסגעהערט, געהאַט פאַרדראָס הלמאי ער רעדט אין דעם מקום קדוש אויף גוייש. איינער פון די מתפּללים

האָט אים אפילו איבערגעריסן. פאַר די יידן איז ער געווען דער וואָס וועט ירשענען דעם הויף מיט די פעלדער און וועלדער... יאָרן זענען אַדורך, דער אַלטער פּאָזנער איז געשטאָרבן, די מוטער איז אַוועק קיין פראַנקפורט, צו אירע קרובים. דער עלטערער ברודער האָט זיך פאַרליבט אין אַ פּויערים־טאָכטער פון אַ שכנותדיקן גוייִשן דאָרף און איז אַוועק אויף יענער זייט ים. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז סטאַניסלאַוו פּאָזנער צוריקגעקו־מען קיין קוכאַר. דער הויף איז געווען הפקרדיק, אָפּגעלאָזן, דער אויפזעער האָט אים אַרומגעפירט איבער די צימערן, אומעטום שטויב, שפּינגעוועבסן און שימל. די הייזער פון דאָרף זענען געוואָרן נידעריקער, איינגעפאַלענער, ציגן האָבן אַרומגעפרעסן די דאַרע ביימלעך פאַר די הייזער. די באַפעלקע־רונג פון דאָרף איז שוין געווען אַ געמישטע, יידן און קריסטן. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין איינע פון די צימערן מיט זיין יוגנט־חבר, דעם לערער גאַ־יעווסקי און לאַנג געשמועסט וועגן אַלערליי ענינים. דער אָפּגעבליאַקעווע־טער טעפּיך אונטער זייערע פיס האָט אין עפּעס דערמאָנט סטאַניסלאַוון. ער האָט טרויעריק געשמייכלט ווען ער האָט דערזען דעם האַלב־פאַרלאָשע־נעם טיגער־פּנים. דער טיגער מיט די אויסגעקראָכענע וואָל־צויטן האָט איצט אויסגעזען ווי אַ צעדריוולטער חלום. די באַלעבאַטישקייט איז איבער־געגאַנגען אין אַרענדע צום לערער גאַיעווסקי: פּאָזנער האָט אויף שטענדיק פאַרלאָזט קוכאַר. ער האָט ניט געוווסט, אַז אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט זיין טאָכטער זוכן שוץ אין דעם דאָרף — אז עס וועט זוכן אַ באַהעלטעניש אין דעם פריצישן הויף, דער לעצטער גליד פון דער פּאָזנער־משפּחה און מוינע, איינער פון די לעצטע פּויערים־אייניקלעך פון דעם אַמאָליקן יידישן דאָרף...

— ג —

סאַבינאַ איז געווען אַ שווייגנדיקער און אַ פאַרזיגלטער אין זיינע טראַכטענישן. און אויב ער האָט אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט פּלוצעם זיך צע־רעדט, זענען זיינע רייד געפאַלן ווי רייפע זאַנגען אויף אַ צייטיק פעלד. זיי האָבן אויפגערודערט דאָס געמיט פון יאַלאַנען. זי האָט אים געהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, געקוקט אין זיין פּנים אַריין און אויפגעכאַפּט דעם פרעמדן שימער פון זיינע אויגן. גוט וואָס ער איז פרעמד און זיין אויסשפּראַך איז אַ פרעמדע. ער דערמאָנט איר ניט אין די וואַרשעווער פריינד. זי האָט אין די טרויעריקע נעכט געחלומט פון אַ ווייטע און פרעמדע וועלט וווהין זי וועט אַריינקומען. אָט איז ער, עדגאַרדאָ, איינער פון יענער פרעמדער חלום־וועלט. אַ דאַנק אים קען זי זיך אָפּרייסן פון נעכטן, זי וועט ניט צוריקגעשליידערט ווערן אין טאָל פון געוויין. זי האָט ניט געענטפערט אויף די בריוו וואָס זענען דערגאַנגען צו איר פון באַפרייטן וואַרשע, ניט

געענטפערט אויף די טעלעגראַמעס, ניין און ניין. זי וויל מער ניט צוריק קומען. עס האָט געשריבן צו איר דער אַמאָליק אינטימסטער פריינד, דער פוילישער פּאָעט אָלעכין. זי האָט באַקומען איינלאַדונגען פון דער וואַר־שעווער אָפּערע.

— צו וועמען זאָל איך פאָרן? פאַר וועמען וועל איך זינגען? פאַר די הפקר־יונגען פון וואַרשע? פאַר די וואָס האָבן טריאומפירט מיטן טויט פון זייערע שכנים? די וואָס האָבן געקלאַפּט אַ כוס אין אַ כוס מיטן הענקער!

זי וויל מער ניט זען דעם פחדן אָלעכין, דעם וואָס איז רואיק און גע־מיטלעך איבערגעזעסן דעם שטורעם אין אַ קליין דערפל און געשריבן לידער וועגן די פוילישע „בלאָע אָוונט־שליאַכן", וועגן האַרבסטיקע וואָלקנס און שפּעט־זומערדיקע געוועבן, פאַרפּלאָנטערטע אין בעריאָזע־צווייגן. אַ פּאָר וויאָרסט פון זיין דאָרף האָבן פּויערים געגראָבן גריבער פאַר טויזנטער יידן. און זיין געליבטע יאַלאַנע איז געלאָפן איבער דעם וועג צווישן פּלאָצק און קוכאַר און געזוכט אַ באַהעלטעניש.

„טייערע יאַלאַנע — האָט ער איר דעמאָלט געשריבן — מיר וועלן איבערהאַלטן, מיר מוזן איבערהאַלטן, דער מענטש איז אייביק, אַלדאָס בייז איז פאַרגענגלעך, זיי שטאַרק!" צום בריוו זענען געווען צוגעלייגט עטלעכע נייע לידער. קיין צוריק־אַדרעס איז ניט געווען. ער האָט מורא פאַר מיין ענטפער, ער האָט מורא...—האָט זי געשעפּטשעט. די לידער זענען געווען גע־ווידמעט יאַלאַנען, דאָס זענען געווען ליבע־לידער — זי האָט זיי ניט איבער־געלייענט און אַ בייזע געריסן די פּאַפּירלעך און געוואָרפן זיי אויפן שליאַך. דער ווינט האָט זיי אויפגעכאַפּט און געטראָגן איבער די פוילישע האַרבס־טיקע פעלדער.

„עס איז אַרויס מיינס אַ זאַמלונג לידער, די פרוכט פון מיינע שאַ־פונגען אין דער אָקופּאַציע־צייט... אַ גאַנצן ציקל זענען דיר געווידמעט... דאָס אויפגעוואַכטע און באַפרייטע וואַרשע וואַרט אויף דיר".

ניין. זי וועט אים אויך דאָס מאָל ניט ענטפערן. זי האָט געזונגען זיינע לידער, זי האָט אים גרויס געמאַכט מיט איר געזאַנג, זי האָט אויפגערו־דערט די הערצער אין וועלכע עס האָט זיך ניט געפונען פאַר יאַלאַנען קיין פונק פון מיטלייד, — די אייזיקע גלייכגילטיקע הערצער.

גוט וואָס עדגאַרדאָ קומט פון אַ נייע וועלט, פון ערגעץ ווייט ווו עס איז ניט געשען דאָס וואָס ס'איז פאַרגעקומען אין וואַרשע. איר ריס מיטן פוילישן המון, מיטן פוילישן פאָלק איז אויף שטענדיק. זי האָט מיטגענומען מיט זיך זייערע ניגונים, זייערע לאַנדשאַפטן.

— מיין געזאַנג איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער ערד און וואָגלט ווי דער שאָטן פון אַ פויגל איבער פעלדער.

איין מאָל האָט זי געזאָגט סאַנינאָן.

— אויב די דייטשן האָבן מיך געקענט אויסטיילן פון מיינע

פריינד, איזאָלירן מיך און אַוועקשטעלן אין אַ זייט, באַדייט דאָס פאַר מיר אַז איך געהער דאָך צו אַן אַנדער וועלט, אַז עס איז דאָך עפּעס דאָ וואָס טיילט מיך באמת אָפּ פון זיי — אַנדערש וואָלטן זיי דאָך ניט געקענט דאָס טאָן. ס'איז ניט בלויז צופעליקייט מיין יידישער אָפּשטאַם, ניין, ניט בלויז צופאַל. אַ תהום איז געווען צווישן מיר און זיי, די אַלעכינס. איך האָב דעם תהום ניט געזען, ער איז געווען פאַר מיר פאַרשאָטן, זענען געקומען די דייטשן און דעם תהום דערזען.

— קען מען צעטיילן דאָס וואַסער פון דער ווייסל? קען מען דעם זון־קיילעך שפּאַלטן? אויב די דייטשן האָבן מיט אַזאַ לייכטקייט באַוויזן צו צערייסן אַלע פעדים וואָס האָבן מיך געבונדן מיט מיין היימלאַנד און מיך אַוועקשטעלן אויסערן געזעץ, ווי אַ גליד פון אַ צווייטן שטאַם און דער אי־בעריקער גליד איז ניט אָפּגעגאַנגען אין בלוט פון דעם שניט באַדייט דאָס, אַז איך געהער ניט צו דעם פאָלק, אַז מיין אָרט איז ניט וואַרשע, איז ניט פוילן...

סאַנינאַ האָט איר געהערט און באַוואונדערט די דרייסטע און שאַרפע רייד. ער האָט געקוקט אויף איר אַנגעשטרענגטן און בייזן בליק, געזען צום ערשטן מאָל ווי זי זשמורעט די אויגן און די שיינע קיילעכדיקע ברעמען לויפן זיך צונויף. איר פּרוויאַישע חנעוודיקייט איז מיט יעדער רגע בולטער געוואָרן און רייצנדיקער. זי האָט געלויכטן מיט אַ העלהאַריקער צפון־שיינ־קייט וואָס איז דורך דעם איטאַליענער סאַנינאַ באַזונדערס נאָענט און ליב געוואָרן.

ער וועט גיין מיט איר וווּהין זי וועט אים פירן. עס איז גוט צו זיצן אין דעם נידעריקן פאָטעל, איינגעשלאָסן ס'פּנים אין די דלאָניעס און קוקן אויף איר. וואָס איז דען געבליבן פאַר סאַנינאָן מער? די היים, דאָס פּאַדוער הויז, דאָס רואינירטע און פאַראָרעמטע איטאַליע? ער האָט שוין גענוג דער מוטערס אויפזיכט, אירע בריוו ליגן אויף זיין נאַכט־טישל ניט געעפנטע. יאָלאַנע איז פאַר אים אַלץ. אָן איר איז ער נישטיק קליין, איינער פון די וואָגלער.

יאָלאַנעס רייד האָבן אים אומרואיק געמאַכט. ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן אַ חשבון פאַר וואָס. ער האָט אָנגענומען אירע הענט, צוגעלייגט זיינע ליפּן צו אירע פינגערשפּיצן.

— איך בין געקומען ווידער פאַרוואַרפן די בריק וואָס איז איבערגע־ריסן געוואָרן מיט עטלעכע דורות צוריק צווישן אונדזערע זיידעס...

יאָלאַנע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס דייט אַן עדגאַרדאָ פאַר איר, זיין יידישן אָפּשטאַם. זי איז צופרידן געווען פון דער אָנדייטונג און האָט אים באַשאָנקען מיט אַ בליק פול מיט חידוש און ליבשאַפט.

— ד —

אין איינע פון די האַרבסט־טעג האָט די קליינע איטאַליענישע פראַכט־שיף „קאַסערטאַ״ אויפגענומען אַ פּאָר הונדערט פּאַסאַזשירן און נאָך האַל־בער נאַכט געדירט פון דעם קליינעם דרום־האַפן. די שיף איז אויף גיך איבערגעענדערט געוואָרן צו פירן מענטשן. מען האָט אויפגעשטעלט אויפן דעק פריטשעס, די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געפונען אין גרויס ענגשאַפט, אָן שום באַקוועמלעכקייטן. אַ טייל פון אייבערשטן דעק איז געווען פאַרלייגט מיט לאַדונגען. די מענטשן זענען געלעגן פאַרמאַטערטע אויפן דעק. דער קילער האַרבסט־ווינט האָט געטריבן אונטן, צו די ענגע פריטשעס, ווו מ׳האָט זיך ניט געקענט אויפזעצן, מ׳האָט נאָר געמוזט ליגן. דאָרט האָט אַ קיילעכ־דיקן מעת־לעת אָנגעהאַלטן אַ געוויין פון קליינע קינדער, אַ געטומל פון אויסטערלישע לשונות און עפּעס אַ געפּאָרעריי פון ווייבער, וואָס האָבן גע־האַלטן אין איין קלעטערן אויף די לייטערטרעפּ מיט בלעכענע כלים. די מענער האָבן זיך געזאַמלט אויף דעם אָפענעם דעק, זיי זענען געווען מיט פאַרוואַקסענע פּנימער, מיד, ניט אויסגעשלאָפן.

אין אַ ווינקל פון דער שיף, ביי דער פאַלובע, איז געזעסן יאָלאַנע, פאַרהילט אין אַ דעק און געקוקט אויף די ווייסע ים־פייגל וואָס האָבן שוין דעם צווייטן טאָג באַגלייט די שיף. ניט ווייט פון איר, אָנגעלענט אָן דער דעק־פאַרצוימונג איז געשטאַנען סאַנינאָ. דער איטאַליענישער שיפס־קאַפּי־טאַן האָט זיי אָפּגעטראָטן זיין קאַיוטע. זיי האָבן זיך נאָר וואָס איבערגע־קליבן פון אונטערשטן דעק ווו זיי זענען געלעגן אַ גאַנצע נאַכט. יאָלאַנע האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן די שכנים פון דער פריטשע מיט וועלכע זי האָט זיך באַפריינדעט. עס איז איר געווען אַ שאָד איבערצולאָזן דער שכנ־טעס פינף יאָריק יינגעלע, דעם שוואַרצאויגיקן גרישאַ. ער איז געבוירן גע־וואָרן אין ווייטן סיביר. ער האָט ניט געוואָלט מיטגיין אין דער קאַיוטע אַריין. געקומען איז דער קאַפּיטאַן אַליין, ער האָט דערקענט אין סאַנינאָן אַ היימישן מענטש, אַ לאַנדסמאַן, זיי האָבן זיך באַפריינדעט און יאָלאַנע האָט געמוזט אָננעמען די איינלאַדונג.

זי האָט אויף דער שיף באַוווּנדערט עדגאַרדאָן. ער איז צווישן מענטשן אויף דער שיף, געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, אַ באַריידעוודיקער, אַן אימפּע־טיקער און באַוועגלעכער. ער האָט אַרויסגעהאָלפן די פּאַסאַזשירן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. דאָ האָט אים יאָלאַנע געזען גיין מיט אַ טשייניק אין דער מאַטראָסן־קיך, ער איז עס געגאַנגען נעמען טיי פאַר קינדער, דאָ האָט זי אים געזען איינטענהן מיט די שיף־מענטשן. ער האָט געטראָגן מעדיצי־נישע הילף פאַר פאַרחלשטע שיפס־פאָרער.

צווישן די עטלעכע הונדערט נפשות האָט מען געדעדט אַלערליי לשו־נות. צו עדגאַרדאָן איז מען געקומען מיט בקשות. ער האָט צוערשט ניט

פֿאַרשטאַנען די מענטשן, געווען, אַז ער זאָל אַריינקוקן אין זייערע פּנימער אַז ער זאָל זיי פֿאַרשטיין. מען האָט אים פֿון ערשטן טאָג אָן ליב באַקומען, דעם גוטמוטיקן און מילדן מאַן.

יאַלאַנע האָט זיך דערמאָנט אין מוינען. זי האָט אים געזוכט צווישן די מענער פֿון דער שיף. און אפשר לעבט ער גאָר ניט, ער איז אומגעקומען, און די גרוסן, וואָס זי האָט דערהאַלטן זענען ניט געווען קיין ריכטיקע?

ניין! ער לעבט! מען האָט דאָך אים געזען. טאָ ווו איז ער? וואָס וואָלט געווען, ווען אַנשטאָט סאַנינאָן וואָלט ער געקומען אין יענעם אָוונט? ווי אַזוי וואָלט זי אים אויפגענומען? וואָלט זי געקענט מיט אים לעבן, וואָלט זי געוואָרן זיין פֿרוי? זי וויל אַרויסרופֿן זיין פּנים פֿון גדעדכעניש, נאָך אַ מאָל זעען די אומרואיקע טיפֿע אויגן, די וואָס האָבן געפֿלאַקערט מיט אַ שוואַרצן פֿלאַם. דעמאָלט אין די גורלדיקע רגעס, צווישן פֿייער און טויט, האָט זי געפֿילט זייַנע פֿעסטע מוסקלען, די מענערישע האַרטע ברוסט, ווען זיי זענען געפֿאַלן מידע אינעם וואַלדגרוב, האָט זיך איר אַנגסטיקע טויט־שרעק אויסגעמישט מיט פֿרויאישן אויפֿצאַפּל פֿאַר מענערישער גבורה, פֿאַרן הייסן אָטעם. זי איז גרייט געווען זיך אים איבערצוגעבן, זי האָט צו דעם געגאַרט, געוואַרט דערויף להכעיס דעם טויט, דער שרעק, דער פֿאַרצווייפֿלונג. זי האָט געריסן זיך צו לעבן און לעבן האָט באַדייט אין יענער רגע איינזויגן זיך מיט די פֿולע מיידלשע ליפּן אין זיין ווייסציינערדיק מויל, און איר ברוסט זאָל שפּירן זיין אָטעם. ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגערוקט פֿון איר און מיט האַרטע מענערישע פֿינגער געגלעט איר פּנים...

— יאַלאַנע... יאַלאַנע...

ער האָט איר פֿרויאישן אויפֿברויז ניט פֿאַרשטאַנען, ניט באַנומען. ער האָט געמיינט, אַז דאָס דריקט זי אויס איר דאַנק פֿאַרן אַרויסראַטעווען פֿון די פֿלאַמען, דעם פּשוטן מענטשלעכן דאַנק. זי איז געווען אַזוי וווּנדערלעך שיין און פֿון אַזאַ אויסטערליש־ווייטער וועלט, אַז דער פּשוטער יידישער בחור׳ האָט געקענט נאָך פֿאַרגעטערן. זי האָט אַלץ דערנאָך פֿאַרשטאַנען בשעת זי איז אַוועק מיטן אַלטן לערער קיין פֿלאַצק, דערפֿאַר האָט עס איר געצויגן צו מוינען און זי איז צוריקגעקומען קיין קוכאַר. ער האָט איר גע־ראַטעוועט צוויי מאָל פֿון אומקום. איין מאָל אין דער סטאַדאָלע און דאָס צווייטע מאָל ווען מ׳האָט איר פֿאַרטריבן פֿון קלויסטער און געבליבן איז פֿאַר איר נאָר די ווייסל. דעמאָלט האָט זי זיך ווידער דערמאָנט אין מוינען, וועלכער איז געבליבן אין גזשעמאַלס כאַטע.

יאַלאַנע האָט עטלעכע מאָל פֿאַרקנופּט געשפּרעכן מיט פֿאַרשיידענע מענטשן. צווישן זיי זענען געווען אַ סך פֿון פּוילן, איבערגעלעבטע אין די לאַגערן, אויסבאַהאַלטענע אין וועלדער, פּאַרטיזאַנער און געוועזענע פֿראָנט־זעלנער׳. איין מאָל האָט איר אַ יונגערמאַן אין ברילן אָפּגעשטעלט און אין אַ

העפלעכן פּויליש געזאָגט, אַז ער האָט איר געהערט זינגען אין וואַרשע, צי זי איז עס טאַקע די באַרימטע יאַלאַנע פּאָזנער.

זי האָט געשמייכלט. דער יונגערמאַן איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט און געשטאַמלט. שפּעטער האָט איר נאָך איינער דערקענט. זי האָט ניט געוווסט, אַז איר באַרימטקייט לויפט איר פאָרויס, אַז צווישן די מענטשן זענען דאָ אַזעלכע וואָס האָבן איר געהערט זינגען און אַז אפילו אין ישראל זענען דאָ אירע פאַרערער.

ווי אַזוי מ׳האָט זיך דערוווסט וועגן איר קומען אין לאַנד אַריין, איז פאַר יאַלאַנען געווען ניט פאַרשטענדלעך, שוין ביים אַראָפּגיין פון דער שיף האָט מען איר אָפּגעוואַרט. אַ צייטונגס־מענטש האָט אויפגעכאַפּט איר בילד און אין האָטעל־צימערל האָט אין זעלביקן פאַרנאַכט אָנגעמאָלדן זיך אַן אימפּרעסאַריאָ.

— איך קען זיך אַפילו דאָ ביי אייך ניט אויסבאַהאַלטן... — האָט זי געזאָגט אין פּויליש און געשמייכלט — דעם ערשטן טאָג אין לאַנד און איר האָט מיך שוין אַנטדעקט...

ווייזט אויס, אַז דער אימפּרעסאַריאָ איז אַ וואַרשעווער, קען גוט יאַ־לאַנען, אין די קינסטלער־קרייזן פון לאַנד האָט מען געוווסט פון איר קומען. אין די צייטונגען זענען געווען ידיעות אַז די געראַטעוועטע יידיש־פּוילישע קינסטלערין יאַלאַנע פּאָזנער קומט אין לאַנד אריין מיט דער שיף. דער טיכ־טיקער אימפּרעסאַריאָ האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ צייטונג און געפירט מיטן פינגער איבער דער ניַיעס.

— די יידיש־פּוילישע קינסטלערין — האָט יאַלאַנע נאָכגעזאָגט די ווערטער און זיך דערביי עפּעס פאַרטראַכט.

דער אימפּרעסאַריאָ איז געווען אויפגעלייגט און געמיטלעך געשמייכלט. ער האָט זיך גראַד דערמאָנט, אַז אין פאָדערצימער האָט ער געלאָזן בלומען וואָס מ׳האָט דורך אים געשיקט לכבוד איר קומען אין לאַנד אַריין — ער האָט זיי אַריינגעבראַכט. יאַלאַנע האָט די רויזן אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און געזאָגט:

— כ׳וועל שוין דאָ ביי אייך, ניט קענען זיין אויף דער „אַרישער זייט״.

זיי האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט אַ ריי פּרטים, באַשטימט אַפילו די צייט פון ערשטן אויפטריט. דער גרויסמוטיקער אימפּרעסאַריאָ האָט אַפילו געגעבן יאַלאַנען אַ גרעסערן אַדערויף. דאָס זענען געווען די ערשטע געלט־פּאַפּירלעך פון דעם נייעם לאַנד וואָס יאַלאַנע האָט דאָ געזען.

אין דער שטאָט תל־אביב האָט מען געוואַרט אויף יאַלאַנעס אויפטריט. שוין אויפן צווייטן טאָג פון איר קומען אין לאַנד אַריין, האָבן זיך באַוויזן גרויסע פּלאַקאַטן מיט איר בילד. אין איינע פון די גרעסטע צייטונגען איז דערשינען אַ באַגייסטערט אַרטיקל פון אַ קונסט־קריטיקער וועגן יאַלאַנען,

געשריבן פון אַ חשובן שרייבער פון יידישן פאַר־מלחמהדיקן וואַרשע. דער אימפּרעסאַריאָ האָט עס איר איבערגעטייטשט וואָרט אין וואָרט. איר פאַרווּנדערונג איז געווען גרויס. זי האָט געוווּסט, אַז אין וואַרשע זענען איר געקומען הערן יידן, אָבער אַז זי האָט אַזוי פיל פריינד צווישן זיי און פאַרערער, וואָס געדענקען איר רעפּערטואַר — דאָס האָט זי ניט געקענט זיך פאָרשטעלן. אירע פריינד זענען געווען ניט־יידן, זי איז זעלטן ווען עס איז פאַרבלאָנדזשעט אין יידישן פערטל פון וואַרשע און מיט קיין יידן ניט פאַרבראַכט, מען האָט אַפילו ניט געזנוי געוווּסט וועגן איר יידישן אָפּשטאַם, טאָ ווי אַזוי קומט דאָס אַלץ?

יאָלאַנע האָט זיך געגרייט צום אויפטריט מיטן זעלבן ציטער ווי בשעת איר דעביוט. עס איז געווען ניט לייכט מיטן רעפּערטואַר. זי האָט זיך ניט געקענט באַשליסן מיט וואָס צו קומען. דער אימפּרעסאַריאָ האָט אַלץ איבערגעלאָזט פאַר יאָלאַנען אַליין צו באַשליסן, ער האָט אַפילו אויסגעמיטן איר צו עצהנען, און סאַבינאָ איז געווען ווייט פון די ענינים. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, צוגעקוקט זיך צו די פאַרבייגייערס, אָפּגעשטעלט זיך אַ פאַרטראַכטער אין אַ ראָג. וווּהין זאָל ער ווייטער גיין? פון איין זייט ציט זיך אַן אַלייע פון טראָפּישע ביימער מיט שיינע ווילע אַרטיקע הייזער, פון דער צווייטער זייט — ליכטיקע שויפענצטער און אַרום ווימלט מיט מענטשן. וואָס וועט ער דאָ טאָן אין דעם לאַנד? ווער זענען די פאַרבייגייערס? ווער איז עס דער מענטש מיט דעם אַרבעטס איבערצוג און שווערע אַרבעטס־שיך? ווער איז דאָס דער שיין־געקליידעטער מאַן מיט די זון־ברילן, און די פרוי מיטן אָפענעם ברייטנעם פּנים?

אַזוי פיל ליכט איז אויסגעגאָסן אויף די פּנימער, אַזאַ זוניקייט און ליכטיקייט ליגט אויף די העלע מויערן, און דאָס ליכט פאַרוואַנדלט די הייזער אין דורכזעעוודיקן פאָרצעליי. ער האָט אויפגענומען די ערשטע זילבן פון העברעאישן לשון. כאָטש ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, זענען די קלאַנגען ניט פרעמד געווען פאַר אים. זיי האָבן געקרייזט אַרום אים און אָנגעזעצט זיך אין דער טיפעניש פון זיין האַרצן.

די צייט איז פאַר עדגאַרדאָ סאַבינאָ ניט געגאַנגען פאָרויס, שעה נאָך שעה, מעת־לעת נאָך מעת־לעת, זינט זיין קומען קיין ישראל, האָט זיך פאַר אים דער לוח אַ קער געטאָן אויף צוריק. מיט יעדן טאָג וואָס ער געפינט זיך איצט, אין דעם נייעם לאַנד ווערט ער נענטער צום פאַדוער זיידן, צו זיין הויז, צו די ספרים זיינע. ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן דער מיזרח־אויסזען פון זיידנס הויז, די געוועלבטע עמודים, די יידישע אָרנאַמענטיק פון די גזימסן, די לייכטער מיט אויסגראַווירטע הירשן. ערשט איצט האָט ער געשפּירט אַז ער מאַכט־מיט די וואַנדערונגען פון זיין זיידן איבער מיזרח־אייראָפּע, איבער פּוילישע שטעט. דער זיידע איז געבליבן ערגעץ צווישן קוכאַר און פאַדואַ. ער וועט ווייטער גיין און דערגיין דעם

וועג ביזן סוף. ווי אַזוי וועט ער קומען צו יידן, אַז ער איז אַ פרעמדער? די דורותדיקע יידישקייט פון זיידן איז איבערגעריסן געוואָרן, ווי אַזוי פאַרקנופּט מען איר?

— ה —

אין דעם טאָג ווען יאָלאַנע האָט געדאַרפט ס'ערשטע מאָל אויפטרעטן אינעם פילהאַרמאָניע־זאַל פון תל־אביב, איז זי ניט אימשטאַנד געווען עפּעס צו טאָן. אַן אומרו האָט איר געטראָגן פון שטוב אין גאַס און פון גאַס צוריק אין שטוב אַריין. זי האָט געבלעטערט דעם קליינעם געזאַנג־העפט, גענומען עטלעכע טענער ביים קלאַוויר און צוגעהאַקט דאָס קלאַוויר־דעקל און געטראָגן זיך צום ברייטן און ליכטיקן פענצטער.

סאַנינאָ איז ניט געווען פון די פרימאָרגן־שעהן אין האָטעל. גוט וואָס ער האָט איר היינט געלאָזן אַליין. זאָל ער ניט זען איר אומרו און אומבאַהאָלפענע שרעק.

לייכטע וואָלקנס זענען געלעגן אויפן ים־האָריזאָנט. די וואַסערן זענען גרין און לויכטן ווי פאָספאָר. זי האָט די גרינקייט אַריינגענומען אין די אויגן און זיי צוגעשלאָסן מיט גרויסע האַלב־רונדיקע וויעס. זי האָט איצט וועגן גאָרניט געטראַכט. געדיכט־כמאַרעדיקע נעפּלען האָבן זיך געקנוילט אין איר און ניט צוגעלאָזט קיין שום בילד און קיין מחשבה. זי איז ניט פעאיק געווען אַפילו איבערצוחזרן עפּעס פון רעפּערטואַר. די ערשטע טענער וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט זענען אויסגעגאַנגען און געבליבן הענגען אין דער לופטן ווי פלאַטערלעך וואָס האָבן פאַרפּלאָנטערט די פליגלען אין געדיכטע געוועבן. און אַז זי האָט ברייט צעעפנט די אויגן איז זי ווידער געשטאַנען פאַרן שפּיגל און געקוקט אויף זיך מיט אַן איבערגעשראָקענעם בליק. איר פּנים, די דיק־געשניצטע נאָז, דאָס ליכט פון אירע האָר — אַלץ האָט גענומען פאַרגיין, אויסמעקן זיך, צערינען ווערן און אָנשטאָט זיך האָט זי דערזען אין שפּיגל אַ פּראָסטיק קאַלטע שויב מיט געפּרווירענע קווייטן... אַזאַ ווי זי האָט געזען אין דעם שטיבל פון גזשעמאַלס כאַטע — — —

זי האָט זיך געוואָרפן אויפן בעטל און טרערן האָבן אַליין פון זיך געשפּאַרט פון די אויגן־ווינקלען. זי איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, אָנגעשפּאַרט אויף אַ קליין אויסגענייט קישעלע, אירע אַקסלען האָבן געצוקט.

יאָלאַנע האָט ניט פאַרשטאַנען איר אומרו, ניט באַנומען די פּלוצעמדיקע טרערן. זי האָט זיי אויסגעווישט און עס זענען אָנגעשווומען אַנדערע.

עמעצער האָט געקלאַפּט אין טיר. זי איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום שפּיגל, פאַרראַכטן די האָר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען עדגאַרדאָ. זי איז אים אַנטקעגן געלאָפן מיט אַן אויפגעצוווּנגענעם שמייכל, אירע אויגן האָבן אָבער ניט געשמייכלט, זיי זענען געווען פייכט און קאַלט. זי האָט אָנ־

געשפּאַרט אויף אַ ווײַלע איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל און אַ ווײַלע שפּעטער געטראָגן זיך איבערן האָטעל־קאָרידאָר צו די וואַש־צימערן.

אין אָוונט איז געקומען דער אימפּרעסאַריאָ. ער איז געקומען אין דער אָפּגערעדטער שעה. ער האָט געוואַרט אין קאָרידאָר פון האָטעל. עס איז שוין צײַט געווען צו פאָרן אין זאַל אַרײַן. יאַלאַנע האָט נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט איר טואַלעט. זי איז אַלץ געשטאַנען פאַרן שפּיגל. אונטן אין פאָיע, אין לעדערנע פאָטעלן, בײַ אַ קאַבל־טישל איז געזעסן עדגאַרדאָ און דער אימפּרעסאַריאָ. זיי האָבן גערויכערט און פון צײַט צו צײַט אויסגע־טוישט זיך מיט אַ וואָרט. ער האָט געשמייכלט צו סאַנינאָן דורך די באַ־גילדעטע ברילן־גלעזער. דער דערפאָלג פון אָוונט איז געווען פאַר אים אַ געזיכערטער. זינט אײַניקע טעג זענען אַלע בילעטן אויספאַרקויפט געוואָרן. זײַן אונטערנעמערישער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז יאַלאַנע פאָזנער וועט מצליח זײַן. איצט איז אַלץ געווענדט אין איר אַרויסטריט. ווי אַזוי וועט זי אויפגענומען ווערן פון עולם? איר נאָמען איז באַקאַנט, איר אויס־זען אַליין וועט אויסנעמען, בלײַבט נאָר איבער דער רעפּערטואַר. עס איז אים געוואָרן פאַרדראָסיק הלמאי ער האָט זיך ניט פאַראינטערעסירט אין אײַנצלהייטן מיטן רעפּערטואַר. ער האָט יעדע ווײַלע געקוקט אויפן זייגער. עס איז געבליבן ביזן אָנהייב 20 מינוטן. דער וועג דויערט אָן ערך 15 מי־נוט. עדגאַרדאָ האָט געוואָלט אָנקלינגען אין טיר, נאָר אין דער רגע האָט זיך יאַלאַנע באַוויזן אויף די טרעפּ.

זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, טרעפּ נאָך טרעפּ. איר לאַנג טונקל אָוונט־קלייד האָט איר געמאַכט נאָך שלאַנקער, זי האָט אין דער לינקער האַנט גע־האַלטן דעם שפּיץ פון קלייד־שלייער און אָפּגעדעקט די קנעכלען פון די פיס. אַ זוניקער אָרעאָל איז געהאַנגען איבער איר קאָפּ. דאָס פּנים איז געווען אַזוי לויטער און קלאָר אַזש ס'האָט געשטראַלט מיט אַ גוט און איידל ליכט.

אַ פירשטין! אַ קעניגין!

אַלעמענס בליקן זענען געווען אָנגעהאַנגען אין איר, פאַרגאַפּטע מענער און פרויען האָבן איבערגעריסן זייערע געשפּרעכן און פון איבערראַשונג ניט געקענט קיין פינטל טאָן מיט די אויגן ווי זיי וואָלטן געקוקט אין עפּעס אַ פאַרכישפטן פייערקרייז אַרײַן.

דער אימפּרעסאַריאָ האָט זיך טיף פאַרנויגט און געקושט איר האַנט. ער איז געווען שטאָלץ וואָס ער וועט יאַלאַנען פאָרשטעלן פאַרן עולם. איר באַגעגנקייט האָט אים צערודערט, די ברילן זענען באַזעצט געוואָרן מיט גע־דיכטע טראָפּנס ווי טוי. וואָלט ער עס אַמאָל געחלומט אין יענע וואַרשע־ווער יאָרן, אַז ער וועט זײַן אַזוי נאָענט לעבן די פאָזנער?

דער אויטאָ האָט שוין געוואַרט. זיי האָבן זיך געטראָגן איבער די תל־אביבער גאַסן. אַזויפיל ליכטיקע שויפענצטער — האָט יאַלאַנע געטראַכט. זי האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַרואיקט ערב דעם אויפטריט.

— מיר פֿאָרן צום אונטערשטן אײנגאַנג פֿון זאַל, אָט־אָ דאָ איז דאָ גאַס — האָט געזאָגט דער אינפּרעסאַריאָ — איר זעט די ליכט?

יאַלאַנע האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— ניט דורכן אונטערשטן אײנגאַנג, דורכן זאַל פֿירט מיך אַרײַן.

— אָבער... עס פֿירט זיך אומעטום אַזוי...

זי האָט אים איבערגעריסן:

— טוט וואָס איך בעט אײַך.

דער אויטאָ האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט פֿאַרן פֿראָנט־אײַנגאַנג. אַרום די טרעפּ האָבן זיך געזאַמלט גרופּעס מענטשן. דער אימפּרעסאַריאָ האָט איר געפֿירט איבערן זאַל, סאַנינאָ איז געגאַנגען הינטער זיי, ער האָט געהאַט אַ רעזערווירטן אָרט אויף די ערשטע בענק. הונדערטער ליכט האָבן באַלויכטן דעם זאַל. ביז די ברעגעס איז ער געווען פֿול מיט מענטשן, יאַ־לאַנע איז געגאַנגען פֿאָרויס. דער המון איז שוין געווען אומגעדולדיק. מען האָט גלײַך דערקענט אין איר די קינסטלערין, נאָך איר קלײדונג, נאָכן גײן אויבנאָן. אַ געשאָרך און געשעפּטש איז ווי אַ ווינט דורכגעלאָפֿן איבער די בענק־רײען.

יאַלאַנע איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אײַנגעקוקט זיך אין פּנימער, געוואָלט זען די מענטשן, ווער זענען זיי אָט־אָ די אַלע וואָס זענען געקומען איר הערן? ווער זענען עס די פֿון די ערשטע בענק, פֿון די באַלקאָנען? ווער איז עס די עלטערע פֿרוי אין שוואַרץ־זײַדענעם שלײער? ווער איז עס דער מאַן אין גרויען און דער מיטן אײַדעלן געשניצטן פּנים פֿון אַ קינסטלער? אָ גאָט, גיב מיר דעם כּוח צו געפֿונען אַ וועג צו זייערע הערצער, צעפּראַל פֿאַר מיר די טויערן וואָס פֿירן צו זייערע נשמות. לאָז מײַן קול אַרײַנדרינגען אין דעם געמיט פֿון די מענטשן.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן. אַ קעגן איר איז געזעסן אַ יונג מיידל מיט שוואַרצע לאָקן און גרויסע שײַנע יידישע אויגן. אײנע פֿון די יונגע טעכטער פֿון לאַנד — האָט יאַלאַנע אַ טראַכט געטאָן און געשפּיגלט אירע אויגן אין מיידלשן פּנים.

זי האָט ניט געוואָלט אַרײַנשלײַכן זיך דורך דעם הינטערשטן אײַנ־גאַנג. ס׳האָט איר געצויגן צו די מענטשן. זי האָט זיי געוואָלט זען, זי האָט וועגן זיי געטראַכט, און איצט ווען זי איז אַזוי נאָענט געווען פֿון זיי, איז מיט אַ מאָל דער אומרו, די שרעק, די פֿאַרוואָלקנקייט צערינען געוואָרן און אַ ליכטיקייט האָט זיך געשפּרייט אין איר און אַרום איר. ווי טויזנטער קנופּן וואָלטן זיך פּלוצעם אויפֿגעקנופּט פֿון זיך אַליין, אַלץ איז געוואָרן פֿאַר איר אַזוי קלאָר און אָפֿן. זי האָט געזען אַרום זיך גוטע און האַרציקע מענטשן, אָפֿענע פּנימער פֿון אײגענע און נאָענטע.

און אַז ס׳איז אויסגעבראָכן פּלוצעם אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן, איז יאַלאַנע נאָך געווען אין מיט פֿון זאַל. זי האָט זיך געגריסט מיטן עולם

און דערביי אונטערגעאײַלט אירע טריט. עס איז געבליבן נאָך עטלעכע שפּאַן צום בינע־טירל.

— אין פינף מינוט אַרום הייבן מיר אָן — האָט געזאָגט דער אימ־פּרעסאַריאָ.

זי האָט געשמייכלט און אַוועקגעזעצט זיך אין גאַרדעראָב־צימערל.

יאָלאַנע איז געווען גליקלעך. זי האָט געזען פאַר זיך אַ גלייכן און זו־ניקן וועג.

נײַן, ניט נאָר פרעמדע שנאה האָט מיך פאַרטריבן אַהער, נאָר ליבע צו די מענטשן פון דעם פאָלק, זי האָט געטליעט די ליבע, אַ פאַרבאָרגענע, זי האָט געצאַפּלט אַ ניט־געאַנטע מיט יעדן שלאָג פון האַרצן, זי איז גע־פלאָסן אין די אָדערן מיטן הייסן בלוט־שטראָם. און אַז דער פאָרהאַנג פון דער בינע האָט זיך צעעפנט, האָט יאָלאַנע פאָזנער דערפילט, אַז דאָס האָבן זיך צעפראַלט פאַר איר די טויערן דורך וועלכע זי וועט אַרײַנשוועבן מיט געזאַנג אינעם אויפגעוואַכטן לעבן אַרײַן...

קאַפּיטל ניין

— א —

די גשמי ברכה זענען געפאַלן דאָס יאָר אין דער צייט ווען מ'האָט זיך אויף זיי געריכט. די פעלדער האָבן געטריקנט. דער גרינער אַרויסשפּראָץ איז פאַרחלשט געפאַלן צום באָדן, געוואָרן מאַט, אויסגעלאָשן, און די בלעטער־שפּיצן האָבן באַקומען געלע ראַנדן.

די אייזלען וואָס האָבן געזוכט אין די פאַרלאָזענע פּרדסים די יונגע גראָזן, האָבן ניט געפילט קיין טעם אין די וויאַלע גראָז־בלעטלעך וואָס זענען געווען אָן זאַפטן.

„מ'וועט מוזן באַוואַסערן דעם גאָרטן", — האָט מוינע געטראַכט. — „וואָס וועט אָבער זיין מיט די פעלדער, מיטן וואָדי? פון וואַנען וועט מען נעמען היי אויף אַ גאַנצן זומער פאַרן פערד, פאַר דער קו?"

אין יענע טעג איז מוינען אויסגעקומען צו זיין אָפט אין שטאָט. איין מאָל איז ער צוגעשמידט געוואָרן צום טראָטואַר. ער האָט געקוקט אויף אַ גרויסן פּלאַקאַט מיט פאַרביקע אותיות און ניט געקענט איבערלייענען, זיי זענען געשפּרונגען אים אין פּנים אַריין, געפלאַטערט ווי די שוואַלבן אויף אַ זוניקן הימל. יאַלאַנעס פּנים האָט צו אים געלאַכט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט נעבן די גרויסע פּלאַקאַטן. זי האָט געקוקט צו אים, נאָכגעקוקט יעדן קער. ער האָט ניט געקענט אַוועקגיין פון אָרט. געפּרוווט זיך דערוייטערן, איז אים אָבער יאַלאַנעס פּנים נאָכגעגאַנגען. ער האָט געוואָלט צונויפלייגן די אותיות און ניט באַוויזן דאָס צו טאָן. זיי האָבן געמינערט מיט הימלישער ליכטיקייט

— יאַלאַנע... יאַלאַנע... — האָט ער געשעפּטשעט. זי האָט ניט געענטפערט נאָר געלאַכט מיט אַ פאַרגליווערט געלעכטערל.

אַן עלטערער מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען פון בוזעם די ברילן, אָנגעטאָן און געלייענט. עס איז צוגעקומען אַ יונגער בחור און געוואָרפן אַ גיכן בליק. צוויי יונגע מיידלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט און עפּעס הויך גערעדט. יאַלאַנע האָט צו אַלעמען געשמייכלט, צו אַלעמען איין און דער זעלביקער שמייכל. ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, געמאַכט אַ טריט און אַ צווייטן און זיך ווידער אומגעקערט. אים איז אויסגעקומען אַז זי רופט אים. איצט האָט ער שוין געקאָנט לייענען וואָרט נאָך וואָרט. מיט גרויסע פאַרביקע שריפט האָט מען אָנגעזאָגט דעם אַרויסטריט פון דער באַקאַנטער זינגערין יאַלאַנע פּאַזנער אין גרויסן זאַל פון דער פילהאַרמאָניע.

דעם אָוונט פון יאַלאַנעס גענזאַנג־אַרויסטריט אין דעם שיינעם זאַל איז מוינע געקומען פון מעטשעט־בערגל. ער האָט געריסן זיך צום קאַסע־פענצ־טערל כדי צו באַקומען אַ בילעט. די טרעפּ צום זאַל זענען געווען איבערגע־פולט מיט מענטשן. ער האָט אומרואיק געוואַרט ביים פענצטערל, אַרייג־גערעדט אין דער קאַסע, געבעטן אַ בילעט.

— אויספאַרקויפט! — האָט צו אים געשריען דער קאַסירער, — נאָך נעכטן זענען אַלע בילעטן אויספאַרקויפט געוואָרן.

ער איז ניט אָפּגעטראָטן.

— איך מוז באַקומען אַ בילעט. איך בעט אייך, איר מוזט מיר שאַפן אַ בילעט...

פון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט מענטשן, שיין געקליידטע, אַ סך פרויען זענען געווען אין פוטערס. מען האָט ניט געהערט קיין רייד, נאָר אַ שטיל גריסן זיך דורך אַ קאָפּ־שאָקל. עס איז מוינען אויסגעקומען, אַז אַלע קענען זיך דאָ, זענען היימיש איינער מיטן אַנדערן, און נאָר ער, מוינע, איז דאָ אַ פרעמדער, אַ זייטיקער און אַן איבעריקער. ער איז געשטאַנען ביי דער טיר פון אַריינגאַנג. מ׳האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט אין אַ זייט.

— שטערט ניט, כ׳בעט אייך, — האָט עמעצער צו אים געזאָגט, — איר זעט דאָך, מענטשן קענען ניט דורכגיין!

— איך מוז הערן די זינגערין... איך בין געקומען פון דאָרף, פון מע־טשעט־בערגל...

מ׳האָט אים געגעבן אַ בילעט. ער האָט פאַרנומען זיין אָרט ערגעץ אויף דער גאַלעריע. איצטער האָט ער געזען פאַר זיך דעם גאַנצן זאַל. דער זאַל איז געווען איבערגעפולט ביז די ברעגעס. מוינע איז ניט איינגעזעסן אויף דער שטול, געקוקט אין אַלע ווינקעלעך, געזוכט באַקאַנטע פּנימער. ער האָט קיינעם ניט געקענט. ער איז דאָ געווען אַ פרעמדער. אַז ס׳איז פינצטער געוואָרן איז אים אויסגעקומען אַז ער איז אין וואַלד, איינער אַליין אין דעם האַרבסטיקן וואַלד פון קוכאַר. ניטאָ מיט וועמען צו רעדן, אַלע זע־נען אים פרעמד און ווייט. איין מענטש קען אים, און דאָס איז יאַלאַנע, און ער קען איר, באַלד וועט זי קומען און רעדן צו אים דורך דעם געזאַנג.

— — — זי איז דאָס! זי, יאַלאַנע!

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן איז אויסגעבראָכן. דער שטורעם האָט זיך געטראָגן פון באַנק צו באַנק, פון שורה צו שורה, געקייקלט זיך פון דער גאַלעריע ביז די פּאַדעורשטע בענק. מוינע האָט זיך אויפגעשטעלט. דער זאַל האָט זיך באַרואיקט, פון די אונטערשטע בענק האָט עמעצער פאַרשפּעטיקט אַפּלאָדירט. עס איז שטיל געוואָרן. „אַזוי שטיל ווי ביי אַ וואַסער־גרעבליע“, — האָט מוינע געטראַכט. באַלד וועלן זיך צעפלייצן די געפּענטענע טייך־שטראָמען, זיי וועלן פול מאַכן די ברעגן, זיי וועלן זיך טראָגן צעזילבערטע, צעזונגענע, איבער די טייך־ווייטן.

איר קול האָט געליכטיקט, דערמאָנט אין שעפּסן־גלעקלעך אויף זוניקע פּאַשע־פעלדער, אין בינען־געזשום, אין פייגל־געזאַנג אויף רייפע קאָרן־פעלדער. אַרומגעשוועבט האָט איר קול ווי דאָס ליכטיק־ווייסע פלאַטערל אויף אַ בליענדיק פעלד.

און מיט אַ מאָל איז דאָס געזאַנג איבערגעריסן געוואָרן. איר קול איז געוואָרן ציטערדיק און טרויעריק, ווי ערב אַ שטורעם... נידעריקע האַרבסט־כמאַרעס זענען געלעגן אויף די איינגעפאַלענע און אָרעמע שטרוידעכער, די באַטשאַן־נעסט איז ליידיק. אין די כאַטעס איז פּוסט. די וועלדער רוישן און זייערע שאָטנס שפּרייטן זיך איבער די נאַקעטיקע פעלדער. אַן איינזאַ־מער וואַנדערער זוכט אַ נאַכטלעגער אין דער אַלטער אויסגעהוילטער ווער־בע. ער געפינט ניט קיין רו, ווייל דער ווינט האָט דערטראָגן דאָס געוויין פון קינדער, פון פרויען...

ער איז אַלץ געשטאַנען, מוינע, געקוקט אויף יאַלאַנען, געזען איר פּנים. צווישן איר און אים איז געווען אַ המון. טויזנטער אַנטבלויזטע קעפּ, מענער און פרויען.

עמעצער האָט אים אַ ציט־געטאָן פאַרן אַרבל:

— זעצט אייך! שטערט ניט! — ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אין אַ ווײַלע אַרום זיך ווידער אויפגעשטעלט. אַרום אים האָבן מענטשן ניט־צופרידענע געברומט. ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט.

פון צייט צו צייט זענען אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן, זיי האָבן זיך געטראָגן פון נאָענט און ווייט, האָבן פאַרכאַפּט אין ווירבלדיקן אימפּעט יונג און אַלט. אײן מוינע איז געשטאַנען און שטאַר געקוקט צו דער סצע־נע. ער האָט ניט אַפּלאָדירט, ער האָט ניט גערופן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט יענעם שיין וואָס האָט אויפגעפלאַקערט פון גזשעמאַלס פאָנאַר אין דער סטאָדאָלע... אַלע ליכטער וואָס פאַלן אויף יאַלאַנען דער־מאָנען אים אין יענער שריפה...

ער האָט מער ניט געקענט אויפנעמען איר געזאַנג. די איבערלעבונגען פון וואָלד האָבן זיך פּלוצעם אַזוי שאַרף איינגעשניטן אין זיינע שלייפן אַזש ס'האָט אים גענומען שווינדלען.

— ב —

וואָס ווייטער איז געשען, געדענקט ער ניט. ער ווייס נאָר, אַז די ליכ־טער האָבן זיך שאַרף אָנגעצונדן. הונדערטער ליכטער פון אַלע זאַל־ווינק־לען. דער המון האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז איצט צווישן זיי קליין און פאַרלוירן. ער האָט געוואָלט גיין צו דער בינע, געוואָלט צוקומען צו יאַלאַנען. דער וועג איז געווען פאַרשטעלט. הונדערטער האָבן געשטראָמט צו די טירן. ער האָט זיך געריסן פאָרנט אַרויס, אַוועקגעשטופּט מענטשן,

דערגרייכט די גאַלעריע־טרעפּ. ער האָט אַרום זיך געזען פאַרחידושטע און בייזע בליקן. ער האָט ניט געקענט איבערשפּאַנען דעם המון וואָס האָט זיך פּאַמעלעך געוויגט אויף די טרעפּ. אָט איז ער שוין אין זאַל, נעבן דער בינע, דער פאַרהאַנט איז שוין אַראָפּגעלאָזט. ער איז איבערגעקראָכן די ערשטע טרעפּ. נאָך אַ טריט און ער איז שוין ביים קליינעם זייטיקן טירל וואָס פירט אונטער די קוליסן.

פון אומעטום פרעגט מען:

— ווער איז דאָס דער אויסטערלישער יונגער מענטש אין די אָפּגעטראָגענע קליידער? וואָס רייסט ער זיך אַזוי צו דער בינע?

אַלע ליכטער פאַלן אויף מוינען. ס׳איז אים שווער צו גיין, ער פּלאָנטערט זיך אין זיינע אָרעמע קליידער אויבן־אָן. אָט איז שוין דאָס טירל פון די קוליסן. ער טראָגט זיך איבערן האַלב־פאַרטונקלטן קוליסן־קאָרידאָר און איז אַרויף אויף דערליידיקער בינע. פון ערגעץ אַ ווינקל דערגייען צו אים שטימען. מען רעדט דאָרט. ווו איז יאַלאַנע? ער לויפט פון ווינקל צו ווינקל. איינער פון די בינע־אַרבעטער שטעלט אים אָפּ.

— וואָס זוכט איר?

— איך... איך... כ׳מוז זען די זינגערין...

— גייט גליין, דאָרט איז דאָ אַ טיר וואָס פירט צו דער גאַס. זי איז נאָר וואָס אַוועק פון דאַנען.

דער מענטש פון דער בינע האָט אפילו ניט קיין קוק־געטאָן אויף מוינען. ער האָט זיך געפּאָרעט ביים פאַרשאָטנטן פאָרהאַנג.

דער אונטערשטער אַרויסגאַנג פון זאַל איז געווען אָפן. מוינע איז געשטאַנען אויף דער שוועל. אין אַן אויטאָ האָט זיך אָנגעצונדן ליכט. יאַלאַנע זיצט דאָרט אין באַגלייטונג פון אַ מאַן. מוינע האָט נאָך באַוויזן צו זען ווי ס׳טירל פון אויטאָ האָט זיך פאַרמאַכט. ער איז צוגעלאָפן. די מאַשין איז אַרויפגעפאָרן אויפן אַספאַלט און פּאַמעלעך געגליטשט זיך איבער דער באַלויכטענער גאַס. מוינע איז נאָכגעגאַנגען. דער אויטאָ האָט אָנגעהויבן גיך צו פאָרן. מוינע איז געלאָפן און גערופן: י אָ ל אַ נ ע ! י אָ ל אַ נ ע !

שאָפערן האָבן צו אים געשריגן, געגעבן צייכנס אַז ער זאָל אַראָפּ פון וועג. ער איז איצט שוין נאָכגעלאָפן דעם אויטאָ, די מאַשין האָט פאַרקערעוועט אין אַ זייטיקן געסל. ער האָט געמיינט אַז אָט וועט זי זיך אָפּשטעלן. דאָס רויטע ליכט האָט זיך פון אים וואָס אַ מאָל דערווייטערט.

ער איז אַלץ געלאָפן, אָט באַלד, ערגעץ ביי אַ הויז, ביי אַ ראָג, ביי אַ טויער וועט זיך די טאַקסי אָפּשטעלן, יאַלאַנע וועט פון דאָרט אַרויסגיין. ער מוז איר זען! ער מוז.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. צו ערשט זענען געפאַלן גרויסע און שווערע טראָפּנס. מוינע האָט געפילט אַז וואָס מער ער לויפט נאָך דעם רויטן פייערל פון דער טאַקסי, אַלץ מערער דערווייטערט ער זיך פון מע־

טשעט־בערגל; אַלץ ווייטער ווערט ער פון דער היים, פון זיין פעלד און פון חמרהן. עס איז נאַכט. עס איז פינצטער און רעגנדיק. ער וועט איצט מוזן צוריקגיין דורך די אַלע גאַסן, צוריק צום שאָסיי וואָס פירט אַ היים.

ער' איז שטיין געבליבן אין מיטן גאַס. ס'האָט אַ פלייץ געטאָן אַ רעגן, די רעגן־שטראָמען האָבן אים וואָך־געמאַכט. דאָס פייערל פון יאַלאַנעס אויטאָ איז פאַרשוווּנדן אין דער רעגנדיקער נאַכט. ער איז געגאַנגען צוריק צום מעטשעט־בערגל.

דער רעגן וואָס איז געפאַלן אין דער נאַכט איז געווען דער אָנהייב פון די לאַנג־געוואַרטע ברכהדיקע רעגנס.

— ג —

דער געשאַרך פון יאַשטשערקעס אויפן ליימדאַך האָט חמרהן אויפגע־וועקט פון שלאָף. ס'איז געווען אוודאי אַרום האַלבער נאַכט. פון קליינעם פענצטערל איז געפאַלן אַ געל־ליימיקער שיין אויף דער געקאַלכטער וואַנט און געבראַכט מיט זיך דעם אָפּשאָטן פון אַ פאַרדאַרטן צווייג. דער שאָטן פון פאַרטריקנטן צווייג איז געווען פאַרקראַמפּט, שטעכיק, צעבויגן, און האָט אויסגעזען ווי נעגל פון אַ נאַכטיקן רויב־פויגל וואָס גרייט זיך איינ־צוקלאַמערן אין לייב פון אַ געיאָגטער בעל־חי. די יאַשטשערקעס זענען גע־לאָפן איבערן דאַך, געקרייזט אויף אַן אָרט אין אַ משונה־ווירבלדיקן אימ־פעט, געפאַלן ווי שטיקער ברוך־שטיינדלעך און ווידער געקלעטערט אויף די ווענט מיט אַ ריצנדיקן געשאַרך. זיי האָבן מיט די קעפּ געקלאַפּט אָן די ליימווענט. אין דער נאַכט האָט דאָס שטומפּיקע קלאַפּעריי אָפּגעהילכט ווי פאַרטייעטע טריט פון לויערערס וואָס קומען אָן פון וואַדי. טייל מאָל איז דאָס קלאַפּעריי איבערגעגאַנגען אין אַ דראַבנעס געלויף, אַ גיכס, און שאַרפּס ווי דאָס גרילצעריי פון טויזנטער נאַכט־גרילן. — דאָס האָבן זיך די יאַשטשערקעס געקאָלערט אויף זייערע פיס, געגאָגלט זיך צו די ווענט און געשאָטנט זיך ווי אַ בייזער האָגל. ערגעץ ווייט האָט געסקאַמליעט אַ הונט — דאָס איז געווען אַ טרויעריקער הונט־געוויי, אַן אויסגעצויגענער, אַ האַרץ־שניידנדיקער, וואָס האָט פול־געמאַכט די נאַכט־ווייטקייטן מיט פּיינ־לעכן אומעט.

חמרה איז אַרויס אין הויף. מוינע איז נאָך אַלץ ניט געקומען פון שטאָט. די לעצטע וואָכן האָבן זיי צווישן זיך אפילו ניט גערעדט. ער איז געווען שווייגנדיק. אין די נעכט איז ער אַריינגעפאַלן אַ שטילער אין חדרל אַריין און איינגעשלאָפן. פאַרטאָגס איז ער אויפגעשפּרונגען פון געלעגער און אַרויס צום פערד, צום פעלד. זי איז געווען איינזאַם און טרויעריק, וויפל מאָל חמרה האָט נאָר ניט געוואָלט מיט אים רעדן האָט זיך דער שמועס ניט געקלעפּט. זי האָט דערציילט אים וועגן די קו וואָס וועט זיך

אוודאי אין פרילינג קעלבן, דערמאָנט אין די פּאַרשפּעקטיקטע בייטן, ס'וואָלט כדאַי געווען אויסצוגראָבן די לעצטע גרינסן. נאָר מוינע פלעגט איר אָנ־קוקן מיט גרויסע אויגן. די ערשטע וואָכן פון איר קומען אין דעם חדרל אַריין האָט ער געגלעט אירע צעשויבערטע רויטע האָר און אַריינגעלאַכט אין איר שעמעוודיקן פּנים. חמרה האָט דעמאָלט געפילט אַז מוינעס שמייכל איז ניט פון די סאַמע האַרץ־טיפענישן אַרויס. זי האָט געוווסט, אַז ער טראָגט אין זיך אַ פאַרבאָרגענע וועלט פון ליידן און איינזאַמקייט, פון טרויער און אומרו. עפּעס האָט זי געהערט וואָס די אשכנזים זענען אויס־געשטאַנען פון אַ צורר ערגעץ אין די אומבאַקאַנטע פאַר איר מדינות. זי איז אים געווען דאַנקבאַר פאַר זיין פאַרשוויגן יענע טעג, פאַר ניט דער־מאָנען פאַר איר, די נעכט פון וואַגל איבער וועלדער און פעלדער.

— ניין, מוינע, דערצייל ניט, כ'וויל ניט... — האָט זי זיך אין יענע טעג געבעטן, און אין די אויגן־ווינקלען האָבן אויפגעלויכטן צוויי גרויסע טרערן. דערנאָך איז זי איב געווען דאַנקבאַר פאַרן טרויעריקן שמייכל וואָס האָט פאַרדעקט די ליידן פון יענע גרויליקע טעג. מיט אַ צייט שפּעטער איז אָבער חמרה נייגעריק געוואָרן. זי האָט געוואָלט אַלץ וויסן פון מוי־נען, זי האָט געוואָלט וויסן וועגן זיין היים, וועגן זיין אָפּשטאַם, וועגן זיינע חברים. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר מוינעס שווייגן. זי האָט פּלוצ־צעם דערפילט עפּעס ניט גוטס אין זיין פאַרשלאָסנקייט, אין די אָפטע בלאָנדזשענישן איבער די גאַסן. אויסטערלישע פראַגן האָט זי אים גע־שטעלט. אַלץ האָט זי געוואָלט וויסן, אַלץ, אפילו די קלענסטע פּרטים. מוינע, מוינע — האָט זי זיך ביי אים געבעטן, ווי אַזוי האָט אויסגעזען דיין מאַמע? אַ הויכע? אַ טונקעלע? און דיין פאָטער ווי אַזוי האָט אויס־געזען? און אין שטוב ביי אייך? זאָג מוינע.

זי האָט שוין איצט ניט מורא געהאַט, אַז די פראַגן וועלן אים דער־מאָנען אין די איבערלעבונגען. זי האָט אין די נעכט געוואַרט אויף זיין ענטפער, געמאָנט מיט איינגעשפּאַרטקייט און נייגער. חמרה האָט זיך אָבער גאָרניט דערוווסט פון אים. ער האָט נאָר איין מאָל פאַרוואָרפן זיינע הענט אַרום איר האַלדז און אַריינגעטעמט זיין הייסן אָטעם אין אירע האָר.

— מוינע, מוינע — האָט זי געשעפּטשעט.

חמרה האָט זיך אָפּט צוגעקוקט צו די פּנימער פון אשכנזישע פרויען, צו זייערע קליידער, מיט די אויסגעשניטענע דעקאָלטן און אויפגעדעקטע קני. זי האָט ניט פאַרטראָגן זייער אָפן און שפּיציקן געשמייכל, דעם פאַר־שייטן גלאַנץ פון זייערע אויגן וואָס זיי האָבן אָנגעהאַנגען אויף די פאַר־בייגייענדיקע מענער. זי האָט ניט פאַרטראָגן זייער אויפגעבונדן קול וואָס האָט געקייקלט זיך אַזוי נאַקעט און פרעך. חמרה האָט זייער לשון נישט פאַרשטאַנען. זיי פלעגן זיך איבערווינקען מיט די אויגן און אויף איר נאָכ־

טייטלען. זי האָט געפּילט אויף זיך זייערע דורכדרינגענדיקע בליקן, זי האָט זיך געשראָקן פאַר די אשכנזישע מענער, מיטן נאַכלעסיקן גאַנג, מיט די פרעמדע ניט־יידישע פּנימער, אין וועמענס אויגן ס'גליט אַ גוייש פלעמל אַ בייזס, אַ שלעכטס און להכעיסדיקס. זייערע רייד זענען הייזעריקע, דעמפּיקע ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַן אויסהוילעניש אַרויס. זייערע קליידער זענען ניט קיין יידישע און אין זייער לשון איז ניטאָ דער תפילהדיקער ניגון וואָס מען הערט אין איר באַרג־דערפל, אַפילו פון דעם אָרעמסטן און פּראָסטסטן אייזלטרייבער.

די ערשטע צייטן איז איר אויסגעקומען, אַז מוינע איז גאָר אַ צוויי־טעו', ניט אַזעלכער ווי די, וואָס זי זעט דאָ אין געסל, נאָר אַ היימישער און גוטער. חמרה האָט מורא באַקומען אַז מוינע זאָל ניט ווערן אַזעלכער ווי די שכנים זיינע.

זי איז געגאַנגען צום שטאָל. די יונגע קו האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ און אַ לויכט־געטאָן מיט צוויי גרויסע פייכטע אויגן. זי האָט געמאַלעגיירעט און דער ציין־געקיי האָט אויפגעהיימישט די שטאָל־פינצטערניש, באַרואיקט. פון דער פייכטלעך־וואַרעמער פעל האָט געשלאָגן אַ געדיכטע פּאַרע און געקלעפּט זיך צו חמרהס אויגן־לעפּלעך. זי האָט זיך אָנגעבויגן, צוגעלייגט אַ האַנט צו דער בהמהס האַלדז און איר געגלעט.

פון וואַדי האָט זיך פלוצעם דערהערט אַ גרויליק־פאַרשטיקט אייזל־געברום, אַ קורצס און אָפּגעהאַקטס ווי ס'וואָלט מיט איין מאָל אַן אַלטער פּאַלמע־שטאַם זיך איבערגעבראָכן. דערנאָך איז ווידער געוואָרן שטיל. אַ פאַרדעכטיקטע שטילקייט פול מיט שאָטנגעלויף, מיט ווינטלדיקן געקעם פון טרוקן־גראָזן און קרישלדיקן געשאָרך פון פאַרטייעטע שטיין־יאַש־טשערקעס.

ביים וואַדי האָבן זיך געשלייכט שאָטנס. חמרה האָט דערקענט דעם „יעקע". ער איז געגאַנגען אַ געבויגענער, די לאַנגע הענט האָבן זיך אים געוויגט, און נעבן אים איז געגאַנגען מאַקסל. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַדי אַריין. פון דאָרט האָבן זיך דערטראָגן שאָרכנדיק־פאַרשטיקטע רייד.

דאָס האָט איצט דער „יעקע" און מאַקסל געשאָכטן אין וואַדי אַ היב־קענדיקן אייזל וואָס נאָזדרע האָט אים מיט עטלעכע טעג צוריק געבראַכט. ערגעץ, פון יענער זייט טרוקענעם פּרדס, ביים גבול פון די זאַמדיקע פלאַכן האָבן געוואַרט צוויי מענטשן אין שאָטן פון אַ פייגנבוים, דאָס איז געווען דער אייגנטימער פון אַ קאַפע־הויז אין איינעם פון די יפוער ליקלעך נעבן האַפן און זיינס אַ געהילף. דער „יעקע" און מאַקסל האָבן נאָך פאַרנאַכט געבראַכט דעם אייזל צום וואַדי, זיי האָבן אים געפענטעט מיט שטריק, געמאַניעט מיט אַ פרישׂ שטיקל ברויט און שמעקעדיקע וואַדי־גראָזן. אין האַלב־נאַכט איז געקומען מאַקסל. ער איז געגאַנגען אַ שטילער, אַ פאַר־

טייעטער, די נאָזלעכער האָבן זיך אים צעשפּרייט און ער האָט מיט זיי שוועו' געסאָפּעט ווי דאָס סאָפּען פון אַ קאַוואַלס בלאָז־זאַק. זיין קורץ רעקל האָט פון פעטקייט געגלאַנצט אינעם נאַכט־שיין ווי לעדער. אונטער אַ פּאָלע האָט ער געהאַלטן אַ לאַנג און שאַרף מעסער.דער „יעקע" איז צוגעגאַנגען צום אייזל פון פאַרנט און אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ טונקל שווערן זאַק און אין דער צווייטער — פענעצער ברויט.

— נאַ, אוצר, פרעס... לאָמער קאַליקע... פרעס...

מאַקסל איז געשטאַנעןביים אייזלס רוקן, ער האָט פאַמעלעך צע־קנעפלט אַ פּאָלע פון רעקל און אַ ווונק־געגעבן צום יעקע".

דער אייזל איז געוואָרן אומרואיק, עס האָט איבערגעטוישט די אונ־טערשטע פיס, די לוזמה ברויט איז אים געבליבן שטעקן אין גאָרגל. ער האָט דערשפּירט אַן אומרואיקן שאָטן אונטער זיך און אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ. די אייזלשע אויערן זענען אויפגעשפּרונגען און ער האָט געעפנט דאָס אייזל־מויל צום גרויסן פאַרצווייפלטן נאַכט־געשריי... נאָר אין דער אותו־רגע האָט דער' יעקע פאַרוואָרפן אויף דעם אייזלס קאָפּ דעם שווערן זאַק און פאַרקנופּט אים אַזש איבער די אויערן. מאַקסלס מעסער האָט אַ בליאַסק געטאָן מיטן שטאָל אַנטקעגן דער לבנה און איז ווייך פאַרזונקען געוואָרן אין אייזלשן האַלדז. דער אייזל איז געפאַלן אין גראָז ניט אַרויס־לאָזנדיק אפילו קיין קרעכץ. דאָס איז געשען אין אַן אויסערגעוויינטלעכער שנעלקייט. זיי האָבן אים געבונדן די פיס, פאַרפלאָנטערט מיט שטריק און זיך אַראָפּגעלאָזן מיט די קני אויפן אייזלס בויך. ערשט איצט האָט זיך דער אייזל אָנגענומען מיט די לעצטע כוחות און געטאָן דעם לעצטן פאַר־צווייפלטן רעווע.

מאַקסל האָט געווישט דאָס מעסער אין דער גלאַנציקער פּאָלע און געפידלט דעם אייזלס גאָרגל. דאָס קורצע פאַרדעמפּיקע געשריי איז פאַר־גליווערט געבליבן הענגען ערגעץ צווישן די יהודה־בערג און דעם פאַר־וואַרלאָזטן טאָל. די אייזלפיס האָבן זיך נאָך אַלץ געוואָרפן, געדריגעט און לסוף געבליבן אומבאַוועגלעך, אַ כאָרכלעריי איז געהאַנגען אין וואַדי פון מאַקסלס און דעם „יעקעס" צעסליניעטע מיילער.

— אַ רוח אין דיין טריפהנעם האַרץ, משומד איינער... — האָט האַלב־שפּאַטיש, האַלב ערנסט, געזאָגט דער „יעקע" — האָסט דאָך פאַרגעסן צו מאַכן אַ ברכה פאַר דער שחיטה. האָסט טריף געמאַכט ס'פלייש.

— „יעקע", האַ „יעקע"? כ'קען די מלאכה?

— אוי קענסטו, האָסט זיך אוודאי געלערנט ביי אַ וואַזשנעם צדיק שחיטה?...

— כאַ... כאַ.. כאַ... — האָט זיך מאַקסל צעלאַכט — ביי אַ צדיק, ביי אונדז אין שטאָט... כ'האָב זיך צוגעקוקט צום שוחט... אַקוראַט... און נאָך קליינערהייט אים נאָכגעמאַכט. ווען אין אַ פרייטיק האָבן מיך די

ווייבער געשיקט אַ גאַנג מיט אַן עוף צום שוחט, האָב איך אַליין געשאָכטן אין אַ ווינקל מיט אַ שאַרף קנאַפּערל און ס׳געלט אַראָפּגעלאָזן צו זיך אין קעשענע. איז געוואָרן אַ געוואַלד אין שטעטל: אַזאַ ממזר, אַזאַ שייגעץ, אַ טריפהניאַק. רופט מיך דער רב און זאָגט: „האָסטו געשאָכטן מיט אַ מילכיק מעסער איז טריף, איז ביטער, וועסטו פון גהינום ניט אַרויס, און אויב דיין שחיטה איז געווען מיט אַ פליישיק מעסער — וועט מען דיר מוחל זיין. זאָג בעסער אויס!" — רבי, האָב איך דעמאָלט גענומען זיך שווערן; רבי, נאַט זעט, אָטאָ מיט דעם מעסערל! מיט מיין קנאַפּערל! איך נוץ עס נאָר צום פליישיקן, ס׳איז אַ פליישיקס, רבי קרוין!... די באַלעבאַטים האָבן מיך פון אַלע שטיגן אַראָפּגעוואָרפן און אין שטעטל האָט מען אַרויסגעוואָרפן פיל טעפּ...

— עסט טריפה מאַכן די מאַראָקאַנער ווייבער מיט דיין שחיטה, דו מאַקסל...

מאַקסל האָט געפינטלט מיט די טונקעלע נאָזלעכער, ביידע מענער האָבן צעפּערטלט דעם אייזל, געפּאַקט שטיקער צעשעקעט פלייש אין זעק און געשלעפּט זיי לענגויס דעם וואַדי ביז צו די זאַמד־פּלאַכן. דאָרט האָבן מיט אַ וואָגן געוואַרט צוויי יפוער יידן, די מאַראָקאַנער קאָפּע־אייגנטימער. נאָך פון דער וויטנס האָבן זיי דערשפּירט דעם ריח פון פרישן אייזל־פלייש און די געבליטן זייערע האָבן זיך הייס צעשפּילט. אין די טונקעלע צעפּאַרעטע שענקן ביי די גרויסע רויכיקע נאַפט־לעמפּ און רוישיקע פּרימוסן וואַרטן זייערע פליישיקע ווייבער, מיט רויטע גלאַנציקע באַקן, געדיכט־ברעמענדיקע און שוואַרץ־וויעסדיקע, מיט פעט־פּאַרלאָפענע אויגן, זיי וויגן זיך אין גאַנג, די פלייש־באַקעס הענגען זיך זיי נאָך, זיי בליאַסקען מיט די ווייסציינערדיקע מיילער און די ליפּן זענען פעט פון די אייל־געקעכצן וואָס זיי האַלטן אין איין פּאַרזוכן.

— ד —

חמרה איז געשטאַנען ניט וויט פון וואַדי. זי האָט געזען מאַקסלען און דעם יעקע שינדן די אייזל־פּעל, געזען ווי מאַקסלס מעסער האָט אויפגעבלאַנקט, זי האָט געהערט זייערע פאַרשטיקטע רייד, נאָכגעקוקט זיי ווען זיי האָבן געטראָגן שטיקער אייזלפלייש אין די זעק און געשלייכט זיך דורך די נאַכט־פעלדער.

עס איז געווען אַ שטילע נאַכט. מען האָט ניט געהערט קיין הינטבילעריי, קיין פייגל־געצוויטש, אפילו צווישן די סאַברעס איז שטיל־געווען. ווייזט אויס אַז די באַשעפענישן האָבן דערשפּירט בלוט אין וואַדי, זיי האָבן דערהערט דעם לעצטן דערשטיקטן אייזל־געשריי, דעם אָפּגעהאַקט־קורצן וואָס האָט אויפגעשווידערט די נאַכט־וויטן. די פייגל ליגן איצט פאַרשטעקט

אין די נעסטן. די טורקלטויבן נעמען אַרום דאָס קליינוואַרג אונטער די וואַרעמע פליגל, זיי האָבן מורא פאַר דער פלוצעמדיקער נאַכט־שטילקייט וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט בלוט־ריח. די הינט האָבן זיך פאַרקליבן אין די הייף. זיי האָבן איצט מורא פאַרן שאָטנדיקן טאָל און האָבן אויך אַ פּייב־לעכן פּחד פאַר די מענטשישע טריט. זיי טרויען אין אַזאַ נאַכט אַפילו ניט די אייגענע בעלי־בתּים, און אַז זיי דערהערן דעם רוף פון היימישע מענטשן, לויפן זיי ניט אַנטקעגן מיט פריילעכן געבריל און עק־געציטער, נאָר זיי בלייבן שטיין אין אַ פאַרשאָטנט ווינקל און שפּיזלען דורך מיט די צע־שראָקענע אויגן די נאַכט־חשכות, קוקן אַריין אין די אויגן פון זייערע בעלעבאַטים, ווילן פון דאָרט אַרויספּאַנגען די כּוונות, דעם פאַרבאָרגענעם מענטשישן מיין. דאָס בלוט פון וואָדי מאַכט זיי אומרואיק, זיי לייגן זיך אַוועק אין אַ בייגל, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין וואַרעמען בויך, נאָר די אויערן־שפּיצן זענען אָנגעשטעלט צו די הימלען, די אויערן־הערלעך ציטערן אָפּט־מאָל אויף און לייגן זיך אויף ס'ניי ביז עס הייבט אָן צו טאָגן, ביז עס הייבט אָן דער שאַקאַלן־געוויין.

זיי וויינען, די שאַקאַלן, דאָס מאָל יאָמערלעכער פון די פריערדיקע נעכט, זיי ווילן ניט אַוועק פון וואָדי, עס זענען נאָך דאָרט געבליבן ביינער פון געשאָכטענעם אייזל, שטיקער פלייש, שטיקער פאַרגליווערט בלוט, זיי האָבן ניט באַוויזן אַלץ אויפצוגריזשען און אויפצופרעסן דורך די עטלעכע נאַכט־שעהן. וויינען זיי איצט, יאָמערן אַנטקעגן דער אויסגעגאַנגענער לבנה, צו די שטערן וואָס צאַנקען אויס איינציקווייז. פון ערגעץ אַ הויף ענטפערט אויפן שאַקאַלן־געוויין אַ גאָנערן פון אַן אינדיק, דערנאָך נעמט אַ הונט זיך אָן מיט דרייסטקייט און צעבילט זיך. ביז ס'דערוואַכט אַ טשאָטע הינט. זיי זאַמלען זיך ביי דער שטיינערנער וואַסער־קאַרעטע אויפן מעטשעט־בערגל און דאַנען לאָזן זיי זיך מיט בילעריי צום וואָדי. זיי קלאַמערן זיך איין מיט די פאָדערשטע לאַפּעס אין די אייזלביינער, רייסן מיט די זייטן־ציינער שטיקער בלאָ־אָדערנדיקן ביין־פלייש און ברומען דער־ביי אַ הינטיש בייז געברומעריי. די אויגן זייערע קערן זיך איבער מיט די ווייסלען אַרויס. אָט, אָט, און זיי וועלן אַרויסשיסן פון די אויגן־לעכער מיט רוגזה, מיט בייז־געכמאַרעטער גרויל־שינאה.

מען הערט פון וואָדי אַ הינטיש געוואָי וואָס קאָלערט זיך פון הונט צו הונט און פּלאַצט פּלוצים אויס אין אַ הויך געשריי. דעמאָלט וואַרפן זיך די הינט איינער איפן צווייטן, בייסן זיך אין די פעלן, גריזשען זיך איין אין די צעסליניעטע מאָרדעס, פלעכטן זיך אין איין הינטיש־צעכעסטער קופּע; קעפּ, פיס, עקן פון אַלערליי פעלן: ברוין־געקודלטע, גלאַנציק־שוואַר־צע, גרוי־שטויביקע, ווייס־לאַטעדיקע מיט לאַנגע צעקאָלטנטע האָר, גע־פלעקטע, וואָס איין טייל מאָרדע מיט אַן אויג זיצט אויפן שוואַרצן פלעק, און דאָס צווייטע אויג אויף דער ווייסער לאַטע. זיי דערקענען ניט אין

וויסטן געשלעג וועמענס לאַפּעס קלאַמערן זיך אַרום די העלדזער, זיי בייסן זיך פֿאַר די אייגענע עקן, רייסן מיט די נעגל די אייגענע בייכער און טראָגן זיך מיט אַ לאַנגן און קוויטשיקן געוווי אין די טיפֿע גראָזן אַריין.

און אַז חמרה קומט פֿאַרטאָג אין חדרל אַריין, ליגט שוין מוינע אויס־געצויגן אויפֿן בעטל און שלאָפֿט. ער איז נאָר וואָס געקומען, אַ מידער, אַ פֿאַרמאַטערטער. זי שטייט אויף דער שוועל און קוקט זיך איין אין זיין שלאָפֿנדיקן פּנים. זי איז טרויעריק און פֿאַרשאָטנט. עס ציטערן נאָך אירע אַפּלען פֿון דער וואַך־נאַכט, פֿון די מענטשישע שאָטנס ביים וואַדי.

אָ גאָט! ער, דער גוטער און מילדער מוינע ווערט מיט יעדן טאָג ענ־לעכער צו די מענטשן וואָס זי האָט געזען אין וואַדי. אַ פֿרעמדער און פֿאַר־הוילענער איז ער פֿאַר איר, מיט געהיימע נאַכט־וואָגלענישן, מיט פֿאַר־לאָשענע אויגן און פֿאַרעקשנט שווייגן, מיט אַ פֿרעמד לשון פֿון אַן אומ־באַקאַנטער וועלט.

חמרה האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, פֿאַרלייגט די פֿיס און אַריינגענומען איר פּנים איןביידע הענט. זי האָט זיך פֿאַרשטעלט ס'פּנים מיט די לאַנגע שמאָלע פֿינגער און געוויגט זיך אויף די אייגענע קני ווי אַן איינזאַמער קוסט אין אַ ליידיק ווינטיק פֿעלד.

זי איז איינזאַם געווען חמרה, אין דעם פֿאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן דאָרף. זי איז איינזאַם אין מעטשעט־געסל און אפֿילו ביי זיך אין הייפֿל. זי האָט געבענקט צום באַרג־דערפֿל, צו די געמיטלעכע און שטילע תימנער יידן, צו איר מוטער צלחה, אפֿילו צום אייזל־טרייבער. זי וועט מער ניט הערן זייערע ניגונים אין די פֿאַרנאַכטן. זי וועט ניט שפּאַנען אויף די שמאָלע שטיין־וועגלעך און קלייבן באַרג־גראָזן און בלימלעך. ווו איז ער דער גוטער אייזליונג מיט די מעשׂיות וועגן ציגן, וועגן דאָרנפֿייגל און וועגן קלוגע באַרג־שעפּסן, וואָס גיבן אַכטונג אויף די יונגע שעפּעלעך אַז זיי זאָלן ניט פֿאַרלוירן־גיין אין די טאָלן, וועגן אַ בת־מלכה וואָס האָט אין דער נאַכט אַרויסגעשיקט גין־גאָלדענע בינען מיט ליכט־לאַמטערנדלעך אויף זייערע בייכלעך כדי אויפֿצוזוכן זכריהן דעם פּאַסטעך. זיי האָבן אים געפֿונען ביי דער שוועל פֿון זיין כלה, ערב דער חתונה, וואָס האָט געוואַרט אויף אים מיט גרויס ליבשאַפֿט.

די גין־גאָלדענע בינען האָבן אים גערופֿן, געמאַניעט אים צום נאָענטן בערגל, — זע זכריה, עטלעכע שפּאַן פֿון דיר וואַקסט אַ בוים מיט האָניק־דיקע פֿייגן, קום! וועסט די פֿייגן ברענגען אַ מתּנה דיין כלה, קום, רייס זיי... — און זכריה האָט געפֿאָלגט, ער איז געגאַנגען נאָכן געפֿלאַטער פֿון די בינען מיט די ליכטיקע פֿייערלעך, דער פֿייגנבוים איז געוואָרן יעדעס מאָל מיט אַ טריט ווייטער פֿון אים. וואָס ער האָט ניט אויסגעצויגן די הענט און געוואָלט אָפּרייסן אַ פֿייג האָט זיך דער בוים אָפּגערוקט פֿון אים. ער איז אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, און אַז ער האָט זיך געוואָלט אומקערן

צום דערפֿל האָט ער גאָר דערזען אַ וויינשטאָק מיט אָנגעגאָסענע טרויבן, אַזעלכע גרויסע, אַזעלכע לאָקנדיקע און זאַפטיקע, מיט טוי באַפּערלט.

ער האָט ניט געוווסט, דער אייזליונג, אַז דאָס נאַרן אים די גין־גאָלדענע בינען, זיי שטעלן זיך אויס איינע לעבן דער צווייטער, אַזוי ווי ווינטרויב־שטענגלעך, און אַז ער דערנענטערט זיך — צעפליען זיי זיך אין דער לופט מיט געזשום. איז זכריה אַזוי געגאַנגען איבער פעלדער און בערג, איבער טאָל און וואַדי און אַלץ ניט געקענט דערגיין צו די אָנגעגאָסענע פייגן און צו די טרויבן. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין. ס׳איז שטאָק־פינצטער געווען. די גילדענע בינען זענען נעלם געוואָרן, צווישן די פעלדזן־שפּאַלטן קייקלט זיך ווי אַ דונער דאָס געלעכטער פון דער פאַרכּישופטער בת־מלכה. און בשעת זי לאַכט אַנטפּלעקן זיך אירע ציינער פאַר די ווייטסטע הימלען און די מענטשן זאָגן דעמאָלט אַז עס בליצט. אַ גאַנצע נאַכט איז זכריה אַזוי געזעסן אויפן שטיין אינעם רעגן, ערשט נאָך האַלבן טאָג האָט ער געפונען דעם וועג צום דאָרף. ער איז געלאָפן איבערן געסל געיאָגט זיך איבער די שטיינער און דערגרייכט צום הויז פון זיין געליבטער. נאָר מ׳האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט. אַ געזעמל מענטשן איז געשטאַנען ביי דער שוועל מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. די אַלטע מאַמע האָט זיך געבראָכן די הענט און ביטער געוויינט, — לאָזט מיך, לאָזט מיך אַריין — האָט ער געשריגן, געבעטן זיך, נאָר מ׳האָט אים געטריבן פון דער שטוב. — גיי, דו הפקר־יונג, ווו ביסטו עס דען נעכטן געווען? דו האָסט פאַרשעמט אַ יתומה, האָסט פאַרשעמט די כלה אין דער ערב־חתונה נאַכט! זע וואָס דו האָסט געטאָן! זי האָט זיך צוליב דיר אין דעם ברונעם געוואָרפן!

זכריה האָט זיך געשלאָגן מיטן קאָפּ אָן די שטיינערנע שוועלן. — ניט איך בין שולדיק, גין־גאָלדענע בינען האָבן מיך פאַרפירט! כ׳האָב געוואָלט פייגן ברענגען און טרויבן! די בת־מלכה פון די בערג האָט מיך פאַרנאַרט אין אירע אָרעמס אַריין! די גין־גאָלדענע בינען... די גין־גאָלדענע בינען...

ער האָט זיך געוואָלט אַריינרייסן אין הויז אַריין, האָט ער געזען ליכט אויף די געגרייטע חתונה־טישן און אויף דעם ליימענעם דיל איז געלעגן זיין כלה. ער האָט געטראָגן זיך מיט געיאָמער איבער דעם באַרגיקן געסל: — די גין־גאָלדענע בינען.. די גין־גאָלדענע בינען...

קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. מען האָט טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ, און די ווייבער האָבן זיך געווישט די טרערן מיט די שפּיצן פון זייערע קאָפּ־טיכלעך. נאָר איינע האָט געלאַכט — דאָס איז געווען די בת־מלכה פון די בערג. איר געלעכטער האָט געדונערט און די בלאַנקע ווייסע ציין, די פאַרפירערישע, האָבן געבליצט... זכריה איז אַוועק פון דער היים און ערשט פרילינג איז ער צוריקגעקומען אַ באָרוועסער מיט אויסגעלאָשענע אויגן און אויף ס׳ביי געגומען פּאַשען די דאָרף־אייזלען. די

מיידלעך האָבן זיך אָפּט פאַרגנבעט צו אים אין פעלד און געבעטן צו דער־ציילן די מעשה מיט דער בת־מלכה פון די בערג. חמרה האָט אים דעמאָלט אויסגעהערט מיט פאַרטרעטע אויגן און רחמנות געקראָגן אויפן איינזאַמען אייזל־יונג. ער האָט אויסגעפּילט איר וואַרעמען בליק און פלעגט זיך אין די פאַרנאַכטן אַ ביסל לענגער פאַרהאַלטן ביי חמרהס שוועל. די דאָרף־קינדער זענען אים אַנטקעגנגעלאָפן און געשריגן: גין־גאָלדענע בינען... גין־גאָלדענע בינען... קום פעטער זכריה... זע, אָט פליען זיי איבער דיין קאָפּ!...

ער האָט זיך ניט געכעסט, ניט געזידלט דאָס קליינוואַרג, נאָר צע־עפנט די הימל־בלאָע אויגן און געקוקט צו די שטיינערנע פעלדזן.

— ילדים טובים.. ילדים... — האָט ער זיך געבעטן, זיינע הענט זע־נען געווען אויסגעשטרעקט צו די קינדער ווי ער וואָלט זיי געוואָלט בענטשן. אַ מילדע גוטסקייט האָט ער געשפּרייט איבער זייערע שוואַרצע קעפּלעך און האַלב־נאַקעטע לייבער.

צום טרויעריקסטן איז זכריה געוואָרן אין די חאמסין־טעג. ער איז געלעגן ביז נאָכן זון־פאַרגאַנג אין די בערג, אין שאָטן פון אַן אַלטן פייגן־בוים און געמורמלט ניגונים. דאָס איז ניט געווען קיין ניגון פון אַ תפילה, אָדער עפּעס פון אַן אַלט ליד וואָס די דאָרפס־איינוווינער האָבן געזונגען אין די פאַרנאַכטן. ער האָט מיט זיין געמורמל נאָכגעמאַכט דאָס פליסן פון אַ קוואַל צווישן בערג און פעלדזן. אָט האָבן זיך זיינע טענער געפּאַלדעוועט שטיל, געלאָסן, ווי טייכלעך אין אַ פלאַך געלעגער, מיט ווייכקייט, מיט זיידענעם געפּליוסק ביי אַ ברעג־קוסטל, און פלוצים זענען זכריהס קלאַנ־גען געוואָרן אומרואיקע, האַסטיקע, זיי האָבן זיך געקייקלט, געיאָגט און געשפּרונגען, צעשאָטן זיך מיט געשפּריץ, געפּאַטשט אין שטיינער, מיט־געריסן שטיקער ליים, שטיקער פעלדז, אונטערגעגראָבן וואָרצלען און גע־טראָגן אין צעשוימטע וואַסער־אָרעמס אַלערליי געוויקסן...

אַז די דורשטיקע און פאַרשמאַכטע בעלי־חי האָבן דערהערט אין סאַמע מיט פון צעפייערטן חאַמסין צווישן די בערג, דעם גערויש פון אַ שפּרו־דלדיקן קוואַל, זענען זייערע אויגן אָנגעצונדן געוואָרן פון גרויס גאַרונג נאָך וואַסער. צוערשט זענען די פייגל אַרויס פון די געדיכטע וויקל־קוסטעס ווו זיי זענען געזעסן פאַרשאָטנטע מיט פאַרגלייזטע אויגן. דאָס זענען גע־ווען די גרויע שטויב־פייגל מיט צעשויבערטע פליגלען וואָס פּאַטשן אין זאַמד פון וועגעלעך — זיי האָבן אויפגעהויבן אין מיטן פון דער חמימה אַ פלוצימדיק געשריי. פון אומעטום האָבן זיך צונויפגענומען די פייגל: פון אונטער די תות־צווייגן, פון דער שיקמה, פון די דאָרנקוסטעס און שמאָלע שטיין־שפּאַלטן, צעשלאָגענע פון דונערן. זיי האָבן געקרייזט אי־בער דעם מאָטן, אויסגעשרפּהטן הימל און האָבן אויסגעזען ניט ווי אַ פייגל־טשאַטע נאָר ווי אַן אַש־וואָלקן וואָס דער ווינט טראָגט אין חלל. די פייגל

האָבן געזוכט דעם וואַסער־קוואַל, כאָטש זיי האָבן געוווסט אַז קיין וואַסערן פליסן דאָ ניט אין די הייסע זומער־חדשים. דער דורשט זייערער איז אָבער געווען אַזוי גרויס אַז זיי האָבן דאָך זיך אויפגעהויבן אין די הייסע הימלען אַנטקעגן דעם אויפגעוואַכטן וואַסער־געפלייץ. אפשר האָט אַ פאַרבאָרגענער וואַסער־אָדערל ווי אַ דימענט דורכגעשניטן אַ פעלדז און איז אַרויס פון דער באַהעלטעניש. די פייגל האָבן ניט געקענט וואַרטן אויף די פאַרטאָגס, כדי ערגעץ ווו אויפצוקלויבן איינצלנע טוי־טראָפּנס אין די פאַרוויקלטע בלעטער. זיי זענען איצט געפלויגן מיט רעשיקן געצוויטשער און געטראָגן זיך איבער די בערג, ביז זיי זענען צוגעקומען צום אָרט פון וואַסער... נאָר אַנשטאט אַ וואַסער־קוואַל האָבן זיי געזען אויף די שטיינער דעם פאַסטעך זכריה און געהערט פון זיין מויל אויסטערלישע קלאַנגען ווי דער געפלייץ פון זילבערנע וואַסערן. די פייגל־טשאַטע האָט זיך באַזעצט אויף דעם אַלטן פייגנבוים. יעדער צווייג און צווייגל איז געווען באַזעצט מיט פייגל. זיי האָבן צווישן זיך געקעמפט פאַר אַן אָרט, געפּאַטשט מיט די פליגל, געשפרונגען ביז זיי האָבן זיך איינגעסדרט אויפן בוים. דאָס איז איצטער שוין ניט געווען קיין פייגן־בוים נאָר גיכער אַ פויגל־בוים, פון שטאַם ביזן לעצטן צווייגל.

און זכריה האָט פאַרגעזעצט זיין וואונדערלעכן וואַסער־ניגון. איצט זענען שוין די פייגל געווען שטיל, אומבאַוועגלעך ווי בלעטער פון אַ בוים אין אַ רואיקן טאָג, אָן ווינטלעך. די פייגל זענען געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און צעעפנטע שנאָבלען צום הימל, זיי האָבן איצט אַלע געפילט דעם טעם פון קיל וואַסער, פון שפרודלדיק ווייכן, זיי האָבן די קילקייט אפילו אָפּגעפילט אין די פליגלען, אין די צעכוואַליעטע פייכטקייט פון די גראָזן. פאַר גרויס תענוג זענען זיי פאַרטייעטע געזעסן לאַנג, לאַנג. ס׳זענען אויך געקומען די אייזלען; שטילע, מיט אַראָפּגעלאָזטע שווערע אויערן, אייַנגעבויגן די פאָדערשטע קני און אַוועקגעלייגט זיך אויפן הייסן שטיין. זיי האָבן אַרויסגעבלעקט אַ שפּיץ פון דער פאַרטרוקנטער צונג און באַלעקט די אייזל־מאָרדע. די אויערן זענען ביי זיי אָפּט אויפגעשפּרונגען און מידע צוריקגעפאַלן. זיי האָבן שווער געעטעמט מיט די בייכער און זייערע גרויסע אויגן האָבן געשפּיגלט זיך אין אויסגעחלומטע וואַסער־קאַלוזשעס... אַפילו די שוואַרץ־צויטיקע ציגן, די אָנהערנערדיקע, פול מיט פאַרפּלאָנטערטע שטעך־גראָזן און בערלעך אין זייער לאַנג־האָריקער וואָל מיט די האָריק־פאַרוואַקסענע אייטערס און שעפּסישע קעפּ — זענען צוגעקומען נאָענט צו זכריהן און אים באַשמעקט, באַניוכעט די פיס און געלעקט די שטיינער מיט לעדערנע צונגען און תאווהדיק געבלישטשעט מיט די גרויסע מענטשישע אויגן...

און עס געדענקט נאָך חמרה יענעם חאַמסיניקן נאָך מיטאָג ווען זי איז געגאַנגען זוכן די ציג צו מעלקן. די בערג זענען געווען אָנשאָטנדיק,

גערוכט האָט זיך, אַז די שטיינער וועלן זיך צעשטויבן און אַ הייסער אַש וועט אַלץ פֿאַרהילן. זי האָט געזען דעם אַלטן פֿייגנבוים און נעבן אים זכריהן און אַרום — שעפּסן און ציגן, אייזלען און פֿערד — אַלעמענס פּעלן זענען עפּעס אַזוי פֿריש, אַזוי גלאַנציק, זייערע קעפּ זענען צו די שטיינער געבויגן, זיי זענען אומבאַוועגלעך און הערן זיך צו צום פֿאַסטעכס ניגון. און ווען חמרה האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ איז זי געבליבן פֿאַרגאַפֿט. אַלע צווייגן פֿון בוים זענען געווען באַזעצט מיט פֿייגל. זיי האָבן ניט קיין פֿאַך־געטאָן מיט קיין פֿליגל, זיי האָבן ניט געפֿינטלט מיט די אויגן, זיי האָבן זיך ניט געוויגט אויף די דינע פּיסלעך. עס איז געווען אַרום שטיל. אין דער שטילקייט האָט זיך געכוואַליעט דאָס ווונדערלעכע וואַסער־ליד פֿון תּימנער פּאַסטעך זכריה. און אַז זי האָט דערזען דעמאָלט זיינע גרויסע אויגן, די שאָטנדיקע מיט די בלענדיקייט פֿון אַ ברונעם־שפּיגל ווו עס איז אַריינגעפֿאַלן אַ שטערן — האָט זי דערפֿילט ווי דער חאַמסין־בראַנד טרעט פֿון איר אָפּ. אַ קיל ווינטל הילט איר איין, נעמט אַרום איר האַלדז, וויקלט זיך ביי די קליינע ברוסטן און די קני ציטערן איר. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפֿן שטיין. זכריה האָט אויפֿגעהערט זינגען, ער האָט געוויזן צוויי שורות לאַכנדיקע ציין. — חמרה... חמרה... — האָט ער געשעפּטשעט. אין דער רגע ווען זיין ניגון איז איינגעשטילט געוואָרן און ער האָט אויסגעשעפּטשעט דעם נאָמען פֿון מיידל, האָבן זיך די פֿייגל אַ ריס־געטאָן פֿון די צווייגן מיט אַ געצוויטשעריי און ווי אַ צעשליסענער וואָלקן אין אַ שטורעם געטראָגן זיך אין די בערג אַריין. גערוכט האָט זיך דעמאָלט חמרהן, אַז דער בוים איז אַנטרונען געוואָרן אין די הימלען אַריין.

די אייזלען און די ציגן האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ און געיאָמערט. זיי האָבן איצט אַרויסגעשטעקט גרויסע טרוקענע צינגען און געשמיסן מיט די וויידלען. די קופּערנע חאַמסין־פֿליגן האָבן זיך געטראָגן מיט גערזשום און באַזעצט זיך אין זייערע אויגן־ווינקלען.

די אומרויִקע פֿייגל־טשאַטע, די צעשטויבטע, האָט עטלעכע מאָל אַרומגעקרייזט איבערן ליידיקן בוים, איבער זכריהן און לסוף געוואָרן ווי מאָן און ווינט.

— פֿאַרוואָס זענען די פֿייגל אַנטלאָפֿן, זכריה? פֿאַרוואָס? רוף זיי! רוף זיי! זינג זכריה!... זינג!... איך וויל הערן... אפֿשר וועלן זיי צוריק קומען. זינג... עס וועט קיל און שאָטנדיק פֿון דיין געזאַנג... עס איז אַזוי גוט אין די ברוסטן, עס איז אַזוי לייכט אין די קני... זינג זכריה, זינג...

זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ מיט די פֿייערדיקע רויטע האָר אויף זיין שויס און ער האָט געגלעט אירע אומרויִקע און צעווינטיקטע האָר.

— — — ווען איז דאָס געשען? מיט עטלעכע זומערן צוריק אָדער איז עס אפֿשר געווען חמרהס אַ חלום? זי קען זיך איצטער ניט דערמאַנען. איינס ווייס זי, אַז דער אייזל־טרייבער איז געוואָרן זינט יענעם זומער

טרויעריק און דערשלאָגן. איר האָט געצויגן צו אים, נאָר די חברטעס האָבן געלאַכט פון אים, געלאַכט פון זיין מעשה וועגן די גין־גאָלדענע בינען, וועגן דער בת־מלכה. דורך דער צייט זענען זכריהס באַקן באַדעקט געוואָרן מיט שוואַרץ־געקרייזלטע האָר און די אויגן זענען געוואָרן אַלץ מער און מער אויסגעלאָשענער. זיי האָבן נאָר אויפגעלויכטן ווען ער איז צוגעקומען צו צלחהס הויז... — — —

— ה —

און אַז מוינע איז אַראָפּ פון גלעגער האָט ער געטראָפן חמרהן זיצן אויפן דיל מיט פאַרלייגטע פיס. אַ גרויער ליכט־קנויל האָט זיך געוויקלט אויף חמרהס הענט. ער האָט געוואָלט אירע הענט אַוועקנעמען פון פּנים, נאָר זי האָט פאַרגליווערט־שטייף אָנגעצויגן אירע פינגער אויפן פּנים און קיין צוק ניט געטאָן.

— חמרה... חמרה...

ער האָט איר אָנגענומען פאַר די אַקסלען, געפּרוווט איר אויפהייבן פון דיל. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן ווי אַ דערוואַכטע פון אַ לאַנגן שלאָף.

— לאָז מיך מוינע...

— פאַרוואָס זיצסטו אַזוי?

זי האָט ניט געענטפערט. אירע וויעס זענען געווען פייכט און די אויגן באַהויכט מיט אַ קאַלטן נעפּל.

— ביסט ניט געשלאָפן אין בעט, נאָר אַזוי אויפן דיל? פאַרוואָס וויינסטו?

ער האָט איר געהאַלטן פאַר דער טאַליע. זי האָט איצט געקוקט אויף אים מיט אַן אָפן פּנים און אים ניט געזען, נאָר דעם איינציק פאַרטריקנטן צווייג פון אַ מאַראַנצן־בוים וואָס האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער.

. . . די צווייגן זענען ליידיק... ניטאָ דאָרט קיין פייגל... זיי זענען זיך צעפלויגן ווי נאָר זכריה האָט פאַרענדיקט זיין ליד... קיינער איז ניט פאַרבליבן... עס איז טרויעריק אַרום פייגנבוים...

מוינע האָט געקוקט אויף איר מיט דערשראָקענע אויגן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען אירע רייד.

— וואָס זאָגסטו חמרה, וועגן וואָס רעדסטו? ביסט קראַנק?

ער האָט איר אַוועקגעלייגט אויפן בעטל. זי איז געלעגן מיט פאַרשלאָסענע אויגן און שווער געעטעמט. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון איר, געגלעט אירע האָר, די הענט, געמורמלט. זי האָט ניט גערעדט, ניט געענטפערט, גאָרניט געוואָלט טועם זיין און פון צייט צו צייט איז אַ ציטער דורכגעלאָפן איר לייב. זי האָט זיך געיאָזשעט, פאַרהילט דאָס פּנים אין די קישנס.

חמרה האָט געפֿיבערט.

מיטאָג־צייט האָט זי זיך אויפֿגעזעצט. די אויגן — איינגעפֿאַלן, די קינבאַקן — אַראָפּגעלאָזן, און די אונטערשטע ליפּ — אַ ציטערנדיקע, ווי זי וואָלט אומאויפֿהערלעך עפּעס געשעפּטשעט. לסוף האָט זי געזאָגט שטיל און מיט געבעט:

— וווּ ביסטו געווען די נאַכט?

— אין שטאָט... סתם אַזוי געבלאָנקעט...

— פֿאַרוואָס אַנטלויפֿסטו פֿון דער היים?

— איך אַנטלויף ניט, חמרה, איך קען ניט... — ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ער אַליין האָט ניט באַנומען דעם אומרו, ניט פֿאַרשטאַנען הלמאַי ער וואָגלט אַרום אין די נעכט; זאָל עס זיין יאָלאַנעס ליכטיקע האָר, אירע ווייסע בלאַנקע הענט, איר קול? ווער רופֿט אים? ווער מאַניעט אים אַרויס פֿון דעם קליינעם ליים־שטיבל? ווער צווינגט אים צו לאָזן אויף הפקר חמרהן אין די נעכט, די גוטע און האַרציקע חמרה? פֿאַרוואָס לאָזט ער איבער דאָס פֿעלד, די שטאַל? פֿאַר וואָס?

אַן אומרו האָט געבושעוועט אין אים, געפֿירט איבער די ליכטיקע גאַסן, געטריבן אים צום ים־ברעג, אַריינגעשלעפּט אים אין געווירבל פֿון ראַג, אין געטומל פֿון מאַרקן.

וואָס מער ער האָט געגאַרט צו רו, צום היים, צו ערד, איז אים אימפּעטיק באַפֿאַלן דער צערודערטער אויפֿברויז. די ירושה פֿון זיין פֿאָטער וואָס האָט אויך קיין רו ניט געפֿונען ניט אין קוכאַר, ניט אין די אויפֿגערודערטע שטעט.

כ'וויל צוריק אין מיין דערפֿל, צו די הרי־יהודה... מיר איז טרויעריק דאָ. איך האָב מורא צו בלייבן אין די נעכט. איך קען דאָ קיינעם ניט. אַלע זענען מיר פֿרעמד. אַלע. דו אויך...

מוינע האָט געשוויגן. פֿון וואַדי האָט זיך געטראָגן אַ בילעריי פֿון הינט. דאָ האָבן זיי געגריזשעט די אייזלביינער וואָס זענען געבליבן פֿון דער נאַכטיקער שחיטה.

אין פֿיבער האָט חמרה ווידער דערזען דעם קורצן שטערן פֿון מאַקסלען. געפֿילט זיין צעסאַפּעטע רוגזה, און אין זיינע הענט — אַ בלאַנק מעסער אויפֿן האַלדז פֿון אייזל...

— איך האָב מורא.

זי האָט זיך געוויקלט אין דער קאָלדרע, פֿאַרשטעלט ס'פּנים. אַ צאָן האָט איר געקלאַפּט אָן אַ צאָן דערנאָך איז זי געבליבן ליגן אַ שטילע, אַן אויסגעלאָשענע און באַרואיקטע.

— האָב ניט מורא חמרה, קיינער וועט דיר קיין שלעכטס ניט טאָן. זע אין חדרל איז קיינער ניטאָ.

אירע וויעס האָבן געציטערט, זי האָט געקוקט צום פֿענצטערל.

— אַ, דאָרט... אונטערן פענצטער... אין וואַדי... הערסט? די הינט בילן.
ער האָט געהאַלטן אירע הענט, אַריינגעקוקט איר אין פּנים מיט אַ גוטן הכנעהדיקן בליק.

— ו —

עס האָבן זיך געשטעלט זוניקע טעג. די הרי־יהודה האָבן אויסגעזען צו זיין ווייט, אַזוי ווי ווייטע פּורפּור־וואָלקנס וואָס ליגן אויפן האָריזאָנט. חמרה איז שוין אַראָפּ פון בעט און צוריק געפירט די באַלעבאַטישקייט. זי איז נאָר טרויעריק געוואָרן און די שוואַרצאפּלען האָבן פאַרשאָטנט איר ליכטיק פּנים.

וועראיז זי איצט, די חמרה פון תימנער דאָרף, אין די בערג? זי איז מער ניט דאָס באָרוועסע מיידל פון די שטיינערנע פעלדזן, די טאָכטער פון צלחה די בשמים־קלייבערן, די וואָס האָט געטריבן ציגן איבער די באַרג־שפּאַלטן און טאָלן, ניט די וואָס האָט געקליבן מיענטע־גראָזן און געזונגען אַלטע לידער וועגן פייגל און הירשן. זי וועט מער ניט הערן דעם ניגון פון זכריהן און ניט דעם געפלאַטער פון דעם באַרג־אָדלער.

זי איז אַוועק פון דער היים אין דער גרויסער שטאָט. אירע חברטעס האָבן איר געבראַכט צו די שטיינערנע טרעפּ פון דעם דינסטן מאַרק. זי האָט געוואַשן שטיינערנע פּאָדלאָגעס, געווישט דעם שטויב פון טונקעלע מעבל, געשטויבט טעפּיכער אין צוגעקוקט זיך זייטיק צו די אויסגעאיידלטע ווייס־פּנימ׳דיקע באַלעבאָסטעס. אירע חברטעס האָבן זיך, אומבאַמערקטערהייט צו־געכאַפּט צו די גרויסע געשליפענע שפּיגלען פון די רייכע שלאָף־צימערן בשעת דער אָפּוועזנהייט פון דער בעל־הביתטע און פאַרוואָרפן די קוטשע־ראַווע האָר. זיי האָבן מיט רויטן ליפּן־שטיפט געפאַרבט די ליפּן, זיי זענען ס׳ערשטע מאָל מיט ציטערניש און שרעק שטיין געבליבן אַנטקעגן שפּיגלען און געקוקט אויף זיך אַליין. זיי זענען שטאָלץ געוואָרן פון די אייגענע פּנימער, פון די שיינע רויטע זאַפטיקע ליפּן. זיי האָבן געעפנט שאַכטלען פון פּודער און געווישט זיך די באַקן מיטן זיידענעם פּודער. דערנאָך האָבן זיי זיך געשעמט פון די שווערע שיך וואָס האָבן הויך געקלאַפּט אין דער פּאַסאַדסקע, זיי האָבן די שיך געלאָזן אין פּאָדערצימער און באָרוועסע גערומט די צי־מערן. מיט אַ צייט שפּעטער האָבן זיי געטוישט די קליידער, פאַרוואָרפן די בונט־רויטע און ליכטיק גרינע בלוזקעס און געטראָגן שטאָטישע קליידער, לאַנג אַרויסגעגאַנגענע פון די מאָדעס, באַקומענע מתנות פון די באַלע־באָסטעס, דערפאַר זענען אָבער די קליידער דינע ווי שפּינוועבס און דורכגע־זאַפּט מיט איידעלע ריחות, פול מיט פּאַרפומען און זיסע סודותדיקייטן... פאַרשיידענע זענען די באַלעבאָסטעס, גוטע און שלעכטע, מילדע און בייזע, רעדעוודיקע און שווייגנדיקע. טייל שענקען אַוועק גענוצטע שיך, טייל אַ

קליידל, טייל עפּעס פון בשמים. אין די שבתים קומען די דאָרף־מיידלעך אַהיים מיט געפאַרבטע נעגל, מיט שיך אויף הויכע קנאַפּל און לופטיקע קליידער. זיי ברענגען מיט זיך פאַרשיידענע מעשיות וועגן דער גרויסער שטאָט, וועגן די פרויען און זייערע מענער און וועגן די אייביק פאַרטונקלטע שיינע שלאָף־צימערן.

חמרה איז אין דער שטאָט ניט געבליבן. זי האָט איין מאָל אָפּגעפאַרבט אירע נעגל און רויט־געמאַכט די ליפּן, און זיך דערשראָקן. זי האָט דערנאָך ניט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן אירע הענט. זי האָט ניט געקענט דערגיין דאָס שטיקל וועג ביז צו איר קרובה אין שטאָט. אויף די ליפּן האָט זי געפילט אַ גליטשיקייט, אַ פרעמדקייט און די הענט האָבן אויסגעזען פרעמדע. זי איז אַוועק פון אַלע חברטעס און געקומען צום פאַרוואָרלאָזטן פעלד, צו מויִ־נען און ער, מוינע האָט איר אין קיין נייער וועלט ניט אַריינגעפירט. ער אַליין איז געווען דאָ נאָך אַ זייטיקער, אַ פרעמדער אַפילו צווישן די מענטשן פון מעטשעט־בערגל. זי איז געבליבן די חמרה, אָן אָפּגעריסענע פון הײם, צווישן פרעמדע אַשכנזים, וואָס יעדער באַזונדער איז זיך אויף פרעמד. אין די פיר ווענט פון חדרל איז שטענדיק שאָטנדיק און שטיל. מוינע איז בטבע אַ שווייגער, די ערד האָט געדולדעט זיין שווייגן, זיין טרויעריקן בליק, אָבער חמרה האָט ניט געקאָנט מערער אויסהאַלטן אין דער שווייגעניש. און ער אַליין, מוינע, איז אויך געווען איבערפולט מיט דער גאַרונג צו נאָענטער פריינדשאַפט מיט מענטשן, מיט שכנים.

— עס וועט נאָך דאָ אַמאָל גוט זיין חמרה, די מענטשן זענען דאָ פאַר־שיידענע, ס'רוב אומרואיקע. ס'וועלן קומען נאָך מענטשן אין דעם דאָרף אַריין. די פּרדסים וועלן אויפגעלעבט ווערן. אויף יענער זייט וואָדי בויט מען שוין הייזער... ס'וועט אַמאָל אַנדערש זיין...

— יאָ, מוינע, ס'וועט אַנדערש זיין, אויך ביי אונדז וועט זיין אַנדערש.

זי האָט מיט וואַרעמע הענט זיך געוויקלט אַרום זיין האַלדז, אַרומגענומען אים.

— איך פיל עפּעס מוינע, איך שפּיר אין זיך אַ ציטערניש. זי האָט גע־קליבן פאַסיקע ווערטער אויסצודריקן די ערשטע אָנדייטונגען פון מוטער־שאַפט וואָס האָבן דערוואַכט אין איר.

חמרה האָט געזאָגט:

— דו וועסט ווערן אַ טאַטע, מוינע... אַ טאַטע...

אין פאַרוויסטן פּרדס האָט זיך איבערגערופן די נאַכט־סאָווע מיט אַ וויינען עכאָ פון אַ וואַנדער־פויגל וואָס האָט אויפגעשניטן אַ פּיאַלעטענע אָוונט־כמארע.

קאַפּיטל צען

— א —

נאָך האַלבער נאַכט האָט אַן אומבאַקאַנט פרויאיש געשריי אויפגעוועקט דאָס מעטשעט־געסל. נעבן דער שטיינערנער קאָרעטע איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי און גערופן:

— אַ מענטש איז געפאַלן אויפן זאמד־וועגל!... ראַטעוועט! אַ מענטשן!

טויערן האָבן זיך צעפּראַלט. דער נאַכטווינט האָט זיי געוויגט מיט אַ בייזן געסקריפּ. די אייזערנע פויסט־קלאַמקעס האָבן ביי יעדן וויג פון טויער־טירל געקלאַפּט.

פאַרשלאָפענע מענטשן האָבן זיך געזאַמלט ביים מעטשעט־טויער. עמעץ איז געקומען מיט אַ פאַנאַר. אַ טרויעריק וואַקסן ליכט איז געפאַלן אויף די מענטשישע פּנימער. דאָס רעדל מענטשן איז געוואָרן גרעסער. פון אַלע געסלעך האָבן זיך אַרויסגעשלייכט שאָטנס. אין מיטן פון מענטשן־געזעמל איז געשטאַנען אן אומבאַקאַנטע יונגע פרוי, מיט צעשויבערטע האָר און גע־טייטלט אויפן סאַברע־וועגל, צו די אייקאַליפּט־ביימער.

— דאָרט! ער לעבט נאָך! ראַטעוועט! ראַטעוועט אַ יידן!

זי האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט אָפּגעהאַקט, אין אַ פרעמד־העב־רעאישן לשון.

עמעץ האָט אויסגעשריען:

— אוי, דאָס מוז דאָך זיין מידרע! מידרע וווינט דאָרט!

— מידרע?

— ווער איז ער דאָס, דער מידרע?

— עץ געדענקט אים ניט? ער איז דאָך דאָ געווען פון די ערשטע!

— ע רהאָט זיך באַזעצט אין ברונעם־הויף, ביי די זאמדן!

— וואָס שטייט איר דאָ, ראַטעוועט אַ מענטשן! לויפט צו די אייקאַ־ליפּטן — האָט די פרעמדע פרוי אויסגעיאָמערט.

עטלעכע מענטשן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום זייטיקן וועגל און אין שפּיץ פון זיי איז געגאַנגען די אומבאַקאַנטע יונגע פרוי.

***

ווען מידרע איז ס׳ערשטע מאָל אָנגעקומען אין פאַרלאָזענעם דאָרף, איז ער אַוועק מיטן קעמלוועג. די דאָרנקוסטעס לענגאויס דעם וועג זענען

וואָס אַמאָל געוואָרן נידעריקער. אַ גרויער סטעפּהאָר האָט געצאַפּלט אין מילדן פֿאַרנאַכטיקן ווינטל ווי פֿאָדעם־צויטן פֿון צעשליסענע און אָפּגעבליאַ־קעוועטע מלבושים.

אַ זילבערדיקער זאַמדהאָבער מיט לײַדיקע פּלעווע האָט געליכטיקט אַנטקעגן דעם זון־פֿאַרגאַנג פֿון צווישן די דאַרנביימלעך אַרויס, מיט לאַנגע שטרויען ווי זאַמד־אויסשטראַלונגען. מיט אַ מאָל האָט דער זאַמדווערג זיך אַ בויג־געטאָן רעכטס, מידרע האָט געוואָלט ווײַטער שפּאַנען, נאָר פֿאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויסער און ליכטיקער זאַמדפּלאַך. דאָס וועגל האָט זיך אויפֿגעלעזט אינעם העלן זאַמד. די דאַרנקוסטעס, די פּלעכטגראָזן און דער זאַמד־האָבער זענען איצט צעשאָטן געווען איבער דער פּלאַך, און די נידעריקע בערגל־פֿאַרוואַקסעניש האָבן אויסגעזען ווי האָר־וואָרצלען אויף אַ ליכטיק לײַב.

הינטער זיך האָט מידרע געהאַט די טרוקענע פּרדסים פֿון פֿאַרלאָזענעם דאָרף מיט די פֿאַרקראַמפּטע טויטע ביימער־שפּיצן, און ווײַטער, דאָס מעטשעט־בערגל מיטן ליימיקן הײַזער־געקנויל און העכער איבער זיי — די מירמלנע ווײַטעני־שן פֿון די הרי־יהודה.

אים האָט עס אָבער געצויגן פֿאַראויס, אינעם מידבר אַרײַן. זײַן טרויע־ריקער בליק איז געהאַנגען אויף די צעהאַקערטע זאַמד־בערגלעך, צעכוואַ־ליעטע פֿון ווינטן, אויף דער אײַן־סופֿיקער פּלאַך אַ צעשניטענע פֿון טויטע וואַדיס.

פֿון ערגעץ ניט ווײַט, ביים ראַנד פֿון די זאַמד־פּלאַכן האָבן אַ שאָטן־געטאָן צוויי גרויסע ביימער, און צווישן אַ גרינער פֿאַרוואַקסעניש האָט מען אַרויסגעזען ליימיקע ווענט. פֿאַר מידרעס אויגנאַפּלען האָט אַ טונקל געטאָן דער שפּיגל־פּלאַך פֿון אַ ברונעם.

צוויי ביימער מיט נאַקעטע וואָרצלען ביים מידבר־ראַנד. דער זוניקער בראַנד האָט ניט געקאָנט צעשמעלצן די קילע שאָטנס, דער מידבר־ווינט האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פֿון שטאַם. זיי זענען דאָ געבליבן בייטאָג ווי אַ בלאָער וואָלקן פֿון די ווײַטע טאָלן, און אין די נעכט זענען די ביימער־שאָטנס געוואָרן דער קילער אויסשפּרייט פֿון די פּלאַכן.

מידרע איז לאַנג געשטאַנען אָן איבערגעבויגענער איבער דער ברונעם־טיפֿעניש און אײַנגעאָטעמט אין זיך די וואַסער־קילקייט וואָס האָט אַרויס־געשפּאַרט פֿון דעם פֿאַרהוילענעם ערד־אינגעווייד.

דאָס הײַפּל איז געווען אַ קליינס, מיט אײַנגעפֿאַלענע ליימיקע ווענט. ביי דעם ברונעם מיטן געוועלבטן דאַך האָט יזך געפֿונען אַ ליימען שטיבל. מידרע איז ביז שפּעט אין אָוונט געזעסן אויף דער שוועל מיטן פּנים צו די גרויסע אייקאַליפּטן וואָס זענען געשטאַנען מחוץ דער פֿאַרצוימונג, נאָר זייערע שאָטן־פּלעקן זענען געפֿאַלן אין הײַפּל. געטראַכט האָט ער וועגן אויפֿלעבן דעם פֿאַרלאָזענעם ברונעם, וועגן די אייקאַליפּטן, וועגן דעם טאָל

דערנעבן מיט דער רויטלעכער ערד, וועגן די פאַרטריקנטע געוויקסן מיט די זילבערנע שטעכערס. אים איז גוט געווען אין דער וויסטעניש.

די מענטשן מיט וועלכע ער איז געקומען אהער אין ליידיקן אַראַבישן דאָרף, האָבן זיך באַזעצט אויפן מעטשעט־בערגל, אין די וויקל־געסלעך.

מידרע האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן זייטיק פון מענטשן, אַפילו אויף דער שיף. ער האָט זיך ניט אַריינגעלאָזט אין קיין געשפּרעכן, ניט געענטפערט אויף פראַגן. זיינע שמאָלע אַקסלען האָבן אַפּט אַ צוג־געטאָן, און די גרויע אויגן זענען פול געווען מיט אַ פאַרהוילענעם טרויער.

מען האָט אים אויסגעמיטן. ביי טאָג איז ער געזעסן אַ זייטיקער. ווער איז ער דער אויסטערלישער שווייגער? קיינער האָט ניט געוווסט ווער מידרע איז, פון וואַנען ער קומט, און ווו ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן.

און אַז מען האָט געבראַכט די ערשטע מענטשן אין דעם פרעמדן דאָרף, איז שוין קיין חידוש ביי קיינעם ניט געווען, וואָס דער מאָדנער מענטש האָט אַ שווייגנדיקער אַוועקגעשפּאַנט מיט דעם קעמלוועג ביז ער איז דערגאַנגען צום ראַנד פון די גרויסע זאַמד־פלאַכן.

מידרע איז שוין פאַרבליבן ביי דעם ברונעם איבער נאַכט. פאַרטאָג וועט ער גיין אָפּנעמען זיינע זאַכן, וואָס מען וועט זיי ברענגען פון דער שיף.

ער האָט צונויפגענומען טרוקענע גראָזן, פאַרשפּרייט זיי אויף דער ערד און אויף אַ ווייַלע אַרויס צו די צוויי ביימער.

די נאַכט איז צוגעפאַלן אומגעריכט. אַ גרויסער אַנגעגליטער זונקיילעך האָט אונטערגעצונדן די זאַמד־געוויקסן, די דאַרנקוסטעס האָבן אויפגעפלאַמט און זענען גיך פאַרלאָשן געוואָרן. דער אַנגעגליטער זאַמד איז פול געוואָרן מיט ניט־דערברענטע ברוינע האַלאָוועשקעס.

מידרע האָט געזען, אַז די אָפּגעשיילטע אייקאַליפּטן זענען אויסגעבויגן צום מידבר, די צווייגן — פאַרקראַמפּט, די וואָרצלען — נאַקעטע, פאַרפּלאָנטערטע, פאַרקנופּטע מיט וואָרצל־פעדעם און אַרום זיי אַ נאַקעטער קיילעך פון לויטערן זאַמדשטויב.

דער מידבר־ווינט האָט אַוועקגעטראָגן פון אונטער זייערע וואָרצלען די זאַמדן און זיי געשאָטן אויפן רויט־ערדיקן טאָל. דער מידבר האָט געוואָלט אויסשפּרייטן זיך, פאַרנעמען שפּאַן נאָך שפּאַן, גיין ווייטער און ווייטער ביז צו די גרינע גערטנער פון טאָל. זיין זאַמדשטויב האָט זיך געטראָגן אין ווינט ווי זון־שפּליטערלעך, די שטויבעלעך האָבן פאַרדעקט די ערשטע גראָז־אָרןיסשפּראָצונגען, זיי זענען געהאַנגען אויף די טוי־טראָפּנס און זיי אויסגעטרונקען מיטן זאַמדיקן דאָרשט. דער סטעפּנהאָר איז פאַרשיט געוואָרן מיט הויפנס ליכטיקן זאַמד. די בלעטער פון ווילדוויין זענען געלעגן צוגעבאָגלטע צום זאַמד־פלאַך האַלב פאַרשאָטענע. דער זאַמדשטויב איז אַריין אין די שפּאַלטן פון אייקאַליפּט, אַריינבאַקומען זיך אין האָלצלייב און געטרונקען

פון דאָרט די לעצטע ביימערישע זאַפּטן. נאָר די צוויי אייקאַליפּטן האָבן זייערע וואָרצלען טיפער און טיפער געשלאָגן אינעם זאַמד אַריין, וואָס מער דער מידבר־ווינט האָט אַוועקגעטראָגן דעם זאַמד פון זייערע וואָרצלען און אַנטפּלעקט זיי פאַרן שיין פון טאָג, אַלץ מערער האָבן די וואָרצל־שפּיצן זיך געגראָבן אין דער טיף צו די ערדישע קוואַלן.

בלעטער, צעקנאָדערטע און צעשפּאָלטענע, ווי פּאַראַיאַריקע קאָרע־שפּליטערס זענען געהאַנגען אויף די צווייגן. אַ גרויסער גערוואַגל איז דאָ פאַרגעקומען. אַ שטילער און שווערער פאַרמעסט צווישן מידבר און בוים. געבליבן איז דער בוים, ער האָט מיט זיין בלעטערדיקער גרויער קרוין און געצווייג פאַרהאַלטן דעם גאַנג פון מידברס זאַמדן. די זאַמדן זענען געבליבן ליגן באַזיגטע ביי די וואָרצל־קנופּן און האָבן ניט געקאָנט פאַרשיטן דעם טאָל.

ווערמענס הענט האָבן פאַרפלאַנצט די ביימער ביים ראַנד פון מידבר? ווער האָט די ערשטע אַרויסשפּראָצונגען זייערע באַוואַכט פון די צעגליטע זאַמדן וואָס פאַרברענען מיט זייער אָטעם דעם יונגן אַרויסשפּראָץ? ווער האָט דאָ געוווינט ביי דעם אַלטן פאַרלאָזענעם ברונעם? ווער האָט עס זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם מידברס בראַנד, דעם מידברס זאַמדאָטעם?

אפשר האָט אַ וואַגלער ניט געפונען דעם ווייטערדיקן וועג, געבליבן דאָ אויף אייביק און זיינע ביינער רוען אין זאַמד?

אפשר איז ביי אַ קעמל־רייטער געפאַלן זיין קעמל און ער איז געבליבן אינעם מידבר־ים איינער אַליין, אָן זיין מידבר־שיף און דער דורשט האָט אים געפירט צו דעם אַלטן ברונעם און דאָ האָט ער זיין היים געמאַכט?

אפשר איז עס אַזאַ מענטש ווי מידרע געווען, וואָס איז אין דער נאַכט אַנטרונען פון די יפוער ים־געסלעך, אַוועק פון דער היים, פון ווייב און קינד און געלאָפן איבער נאַכטיקע וועגן ווי אַ פאַרפאָלגטער, ווערמען קיינער פאַר־פאָלגט ניט נאָר דער אייגענער אומרו?

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט מידרע אַרומגעוואַנדערט איבער די זאַמדן. ער איז אין לבנה־ליכט געגאַנגען נאָך די קליינע זאַמד־שפּורן, זיי האָבן אים געפירט פון קוסט צו קוסט, פון בערגל צו בערגל, זיי האָבן זיך געוויקלט און זענען פאַרשווונדן ביי זילבערדיק גרויע נאַכט־קוסטעס, אָדער, פּלוצעם זענען זיי אָפּגעהאַקט געוואָרן אין מיט פון אַ זאַמד־בערגל — פון דאַנען האָט דער מידבר־פויגל זיך אַ הויב־געטאָן אין די טונקעלע הימלען אַריין.

ערגעץ ניט ווייט האָט אַ בליאַסק־געטאָן מיט אַ ווייסער טויטקייט אַ קינבאַק־ביין — דער לעצטער סימן פון אַ פאַרצוקטער באַשעפעניש. אַ וואָרצל־פאָדעם האָט געפלאַטערט אין ווינט און פון ווייט האָט זיך געטראָגן דאָס קול פונעם נאַכט־קוויטשער. דער פויגל איז אָנגעפלויגן פּלוצעם, גע־באָדן זיך אין זאַמד, געפּאַטשט מיט די צעשפּרייטע פליגל און אויפגעהויבן אַ שטויב־וואָלקנדל.

מידרע האָט באַטראַכט דעם פויגלס קאָפּ, דעם ברוינעם האַלדז, די ווייס־שוואַרצע פליגל־שטרייפן. דערנאָך האָט דער פויגל זיך אויפגעהויבן, גע־קרייזט איבער מידרעס קאָפּ און מיט אַ שאַרף געשריי געפלאַטערט צו די אָפּענע האָריזאָנטן.

ער איז געשטאַנען ביים צעטראָטענעם זאַמד־שפּור, ווו עס האָט זיך אַראָפּגעזעצט דער פויגל און געשפּירט ווי דער פויגל־געשריי האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיינע שלייפן און געמאַכט אומרואיק שלאָגן די ברוסט.

— — — און יענע רגעס פאַר וועלכע ער איז אַנטלאָפן זענען אים באַפאַלן. זיי האָבן ווי מיט פויגל־שנאָבלען געפּיקט אין זיין שאַרבן. דאָס איז געווען ווי אַן אַנטלויפן פון אַ באַפאַלענעם בעל־חי וואָס וויל אַנטרינען פון די אייגענע שפּורן וואָס ער לאָזט אין זאַמד און קען זיך פון דער ערדפלאַך נישט אָפּרייסן.

מידרע האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן יענע לאַנגע חדשים אויף דער אַרישער זייט.

— — — אָט גייען זיי הינטער זיינע פּלייצעס, די צוויי ציוויל־גע־קליידטע דייטשן. זיי גייען אין זיינע פוסטריט, פאַמעלעך, טראָט נאָך טראָט, און פאַר זיי גייט ער, מידרע. הונדערטער מענטשן גייען אים אנטקעגן; אָט גייט אַ פרוי מיט אַן איינקויף־קיישל, אָט גייט אַ יונג מיידל מיט געפלאָכ־טענע צעפּ, און אָט — אַרבעטער פון דער דערבייאיקער פאַבריק. מידרע פילט אויף זיין רוקן דעם שטעכיקן און מאָנענדיקן בליק פון די געהיימע באַ־גלייטער.

— דעם קאָפּ פאַראויס! גלייך!

ער באַמיט זיך, אַז זיין בליק זאָל קיינעם ניט פאַרהאַלטן. זיינע שוואַרצ־אַפּלען זאָלן צערונען ווערן, אַ נעפּל זאָל איינהילן זיין פּנים. זאָלן די אויס־באַהאַלטענע יידן וואָס לעבן איוף דער אַרישער זייט אים ניט אָפּשטעלן, ניט דערקענען, ניט פּרווון ריידן צו אים, ניט גריסן זיך, ניט שאָקלען מיט די קעפּ. אַרום אים לויערט דער טויט. דער טויט שפּאַנט אין זיין קרייז.

זיי פירן אים, די צוויי ציוויל־געקליידטע דייטשן, טאָג נאָך טאָג איבער די גוייישע גאַסן כדי צו אַנטדעקן באַהאַלטענע יידן. ביי די ראָגן שטויסן זיי אים פון הינטן.

— לאַנגזאַם — סיטשען זיי דורך די ציינער. ער וואָלט אַ פאַל־געטאָן, אַ וואָרף־געטאָן זיך, זאָלן זיי אים דערשיסן ער קען דאָס אָבער ניט טאָן.

, גאָט, היינט איז קיינער ניט אַריינגעפאַלן. אָבער נעכטן? נעכטן. זיין חבר האָט צעעפנט גרויסע אויגן. די רויטע אָדערלעך פון די אויגן־ווייסלען האָבן זיך אָנגעצונדן ווען ער האָט זיי אַריינגעפירט אין טויער, און מידרע האָט אַרויסגענומען פון טאַש די האַנטקייטעלעך. די דייטשן האָבן אַרומגע־רינגלט דעם קרבן מיט רעוואָלווערן און געשמייכלט.

— ער מאַכט עס גוט, דער מידרע...

און מאָרגן?

זיי האָבן אויסגעקליבן מידרען פֿאַר זייער טייוולאָנישן פּלאַן, ווייל ווער האָט דען פֿון די יידן ניט געקענט מידרען? זיין צעשויבערטער קאָפּ פּלעגט זיך וויגן איבער די קעפּ פֿון הונדערטער יונגע. ער האָט גערעדט פֿאַר זיי, געלערנט זיי.

אין איינעם פֿון יענע טעג איז געשען דאָס, פֿאַר וועלכן ער האָט זיך אַמ־מייסטן געשראָקן. זיי. זי איז אים אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט פֿון דער־ווייטנס דערזען איר וויגנדיקן גאַנג. אירע אויגן — ליכטיקע, לויטערע, די האָר — פֿאַרקעמט אויף אַרויף. אַזאַ רואיקע שטאָלצקייט האָט פֿון זיי גע־שלאָגן. ער האָט אָפּגעריסן זיינע אויגן פֿון איר און אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ. די הייזער האָבן זיך געהוידעט. זי האָט אים אָנגענומען פֿאַרן אָרעם.

— לעבסט... האָט זי געשעפּטשעט. הינטערן רוקן האָט ער דערשפּירט דעם קאַלטן שוידער פֿון אייזן. איצט וועלן זיי צוזאַמען שטאַרבן — איז אים דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק.

אין טויער האָבן זיינע הענט געציטערט. דאָס האַנט־קייטעלע איז געפֿאַלן אויפֿן ברוק און אַ קלונג־געטאָן. זי האָט זיך אַ ריס־געטאָן פֿון די דייטשן, נאָר זיי האָבן איר דעם וועג פֿאַרשטעלט. דערנאָך האָט זי האַסטיק אויסגעצויגן די הענט צו מידרען.

— נאַ, שלים זיי!

אַ פֿייער האָט געשלאָגן פֿון איר יעדער גליד. זי איז געווען פֿול מיט פֿאַראַכטונג און אים אַ וואָרף געטאָן עפּעס אַ וואָרט, אַ שניידיק־שאַרף וואָרט אין פּנים אַריין. ער האָט זיך איינגעקנוילט, איינגעשאָטנט און דאָס שפּיציקע געלעכטערל פֿון די דייטשן האָט ווי שרויט געלעכערט זיין שאַרבן.

וויפֿל מידרע איז ניט געגאַנגען דעם טויט אַנטקעגן, איז ער אַלץ גע־בליבן לעבן. ער האָט דורכגעמאַכט די לאַגערן, דורכגעריסן זיך אַ וועג אין די וועלדער, אַרומגעגאַנגען דערנאָך פֿראַנק און פֿריי איבער די טומלדיקע מערק פֿול מיט דייטשן. נאָר זי, זיין מיידל איז אים שטענדיק אַנטקעגן געקומען. ער האָט איר געזען אויף אַלע גאַסן און אין אַלע ראָגן. טייערע מיינע... הער מיך אויס... נאָר איין וואָרט... ער האָט אָבער נאָענט ניט געקאָנט צוקומען צו איר. ער איז טויזנט מאָל פֿאַרשרפֿהט געוואָרן פֿון איר פֿייערדיקער שינאה. ער האָט ניט געהאַט כּוח צו שטאַרבן און ניט דעם כּוח צו לעבן. ער איז געגאַנגען איבער גרענעצן, איבער פֿרעמדע שטעט, געגעכטיקט אויף רווי־שיקע וואָקזאַלן, נאָר דעם פֿייערדיקן גבֿול וואָס עס האָט אָנגעצונדן אַרום אים זיין געליבטע האָט ער ניט געקאָנט אַריבערשפּאַנען. ער איז פֿאַרצערט געוואָרן אין דעם פֿייער און ניט געקאָנט אַרויספֿירן פֿון פֿאַרזיגלטן קרייז דאָס אָרעמע ביסל לעבן, אין דער געראָמער וועלט אַריין. — — —

— ב —

מידרע איז געבליבן אינעם ברונעם־הויף. ער האָט פון די פאַרלאָזענע שכנישע הייף געבראַכט אַלטע וואַסער־רערן, פון דער ברונעם־טיפעניש גענומען אַרויפציען עמערס וואַסער און געהאָפט ערגעץ ווו צו באַקומען אַ וואַסער־פּאָמפּע.

אין די פאַרטאָגס איז ער געגאַנגען מיטן קעמל־וועג צום מעטשעט־בערגל און געוואַרט אין דער רייע צו באַקומען אַרבעט. מען האָט אים געשיקט פאַרריכטן די שאָסייען. אין די פאַרנאַכטן איז ער צוריקגעקומען און ביז שפּעט געזעסן אונטער די צווייגן פון די אייקאַליפּטן, ביי דעם וואָרצל־געפלעכט, מיטן פּנים צו די זאַמדווייטענישן. אַזוי זענען עטלעכע וואָכן אַדורך. ס'האָט אים אָבער געצויגן דער גרינלעכער טאָל נעבן זיין הייזל. ער האָט געוואָלט בלייבן אין קילן שאָטן פון ברונעם־הויף. ער האָט ליב־געקראָגן די דאָרנקוסטעס, דעם טייוולס־פאָדעם, ער האָט אין די טויאיקע פאַרנאַכטן געעטעמט מיט זייערע פאַרטשאַדעטע קרייטעכצער־ריחות.

ער איז אין דער פרעמדער וועלט אַריינגעקומען פול מיט טרויער און פאַרהוילעניש, ווי עס קומט אָן אַ שיף אין דער נאַכט צו אַ פרעמדן ברעג מיט פאַרוויקלטע מאַסטן.

נאָענט איז אים געוואָרן דער לופטיקער שאָטן פון די צוויי אייקאַליפּטן. ער האָט געזען פאַרשפּיציקטע און האַרט־הויטיקע מידבר־קוסטעס, די גרויברוינלעכע, וואָס שפּרייטן זיך אויף דער זאַמד־טריקעניש מיט שטעכיקייט. אין די פאַרנאַכטן קומט דער רויט־שנאָבלדיקער פויגל און פּיקט אויף די האַריקע געוויקסן־ריטלעך און אַ דין וואַסער־אָדערל נעמט פון זיי טריפן, און דער פויגל שטילט זיין דאָרשט.

אין זיין הייפל, ביי דער ברונעם־פייכטקייט, האָבן געלע בלעטלעך געשפּאָלטן די ערד־הייטלעך און געשפּאַרט פון דאָרט מיט עקשנות, נאָר די ערשטע זון האָט זיי פאַרברענט.

שפּעטער האָט ער באַטראַכט דעם רויט־ערדיקן טאָל נעבן זיין הייזל. אַ גרינגעלער פאָלין האָט געשפּרייט זיינע שטעכבלעטער, אַלערליי מיסט־גראָזן זענען דאָ געוואַקסן אין דעם הפקר־פעלד, אַ בריעכץ מיט טונקל־געציינדלטע בלעטלעך, דער קריכוויץ מיט די הונדערטער קליינע זאַנגען, דאָס שלאַנגענגראָז וואָס וויקלט זיך איבער דער ערדפלאַך און דערשטיקט יעדעס גרעזל וואָס עס טרעפט אָן אין וועג.

די וועלט פון געוויקסן איז מידרען נאָענט און אייגן געוואָרן. ער האָט אָפּט דערמאָנט זיך אין די שול יאָרן. עס איז אָנגעשוווּמען פון זיינע ווייטע זכרונות די היים פון דער ברייטער גאַס אין וואַרשע... ער טראַגט זיך אויף די שטיינערנע טרעפּ פון זיין הויז... — — —

מידרע האָט אָנגעקליבן אַ פולן הויף מיט אַלטע בלעכענע פּושקעס, פאַרראָסטעטע בלעכן, אָנגעשאָטן אין זיי ערד. אין די פרייע פאַרנאַכטן האָט ער געזאַמלט די זריעה פוןביימער; פון אייקאַליפּט, פון דער טייטל־פּאַלמע, די פאַרטריקנטע פאַראַיאָריקע טייטלען וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צופוסנס פון די שטאַמען, פון די ציפּרעסן די שישקעס און פון זיי אַרויסגענומען דעם זריעה־מאָן. ער האָט אויסגעזוכט אין די פאַרלאָזענע הייף אַלטע ווײַנשטאָקן, געבראַכט פון דאָרט צווייגלעך. אין די פאַרטריקנטע פּרדסים האָט ער געטראָפן אויך עפּלביימער. ער האָט אויסגעגראָבן די ביישטאַמיקע אַרויסשפּראָצונגען פון פאַרגאַנגענעם יאָר און זיי איבערגעפלאַנצט אין די בלעכערנע כלים פון זײַן הויף. ער האָט די זריעה צעשאָטן אין די בלעכערנע קעסטלעך און באַגאָסן זיי מיט וואַסער.

ער איז געשטאַנען אויף די קני אַרום די זריעה־קעסטלעך און געקוקט אויף די געפּלאַצטע ערד־הייטלעך. דאָס האָט זיך שוין די זריעה צעעפנט און דער ערשטער געלער אַרויסשפּראָץ האָט געשפּאַרט צו ליכט.

מיט אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויפן איידעלן גרין פון ערשטן בלעטל. דעם הויף האָט ער פאַרשטעלט מיט טרוקענע צווייגן כדי די זון זאָל ניט פאַרצערן די פלאַנצונגען.

אין די נעכט האָט אים דער מידבר גערופן. ער האָט געשפּאַנט צווישן די טאַמאַריסקן־קוסטעס, געלאָזט שפּורן פון זײַנע שווערע טריט אין זאַמד, שטיין געבליבן ביי די צעכוואַליעטע בערגלעך, אָפּט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די שטעכיקע קוסטעס וואָס האָבן אין דער לבנה־נאַכט אויסגעזען ווי שאָטן־אינדזלען אויפן ליכטיקן זאַמד. אַ צעשטאָכענער און מידער איז ער געזעסן אין זײַן הייפל נעבן די פלאַנצונגען און געפילט ווי דער פייערקרייז אַרום אים ווערט ענגער און ענגער. ער האָט געוואָלט זײַנע הענט אויסשפּרייטן האָט אים דער פייערדיקער רינג אַרומגענומען.

— אָ, גאָט, זי שטייט איבער מיר, זי...

עפּעס האָט אַ קלונג־געגעבן. די ברונעם־קייט האָט אַ ציטער־געטאָן און אָנגעשלאָגן זיך אין דער ברונעם־וואַנט. מידרע איז אויפגעשפּרונגען. ער איז אַרויס צו די אייקאַליפּטן און געבליבן אין זייער נאַכט־שאָטן. די זאַמדיקע ווייט האָט אַן אָטעם־געטאָן. אַ זאַמדמעל האָט אָפּגעשאָטן זײַן פּנים. דער גומען איז אים טרוקן געוואָרן, די אויגן־ווינקלען זענען פול געוואָרן מיט שטויב. די אייקאַליפּט־בלעטער האָבן געוויגט זיך מיט אַ שאָרך פון טרוקעניש און געפאַלן צום וואָרצל־געפלעכט. דער זאַמד־סטעפּ האָט זיך אַ וויגגעטאָן, דער פאַרטונקלטער הימל האָט נידעריק זיך אַראָפּגעלאָזן. דערנאָך האָט אַלץ זיך אויסגעמישט, הימל מיט ערד, בוים מיט שאָטן, זאַמד מיט קוסט. מידרע ליגט איצט ביי די וואָרצלען, דער שטאַם וואַקסט אַראָפּ און אונטן איז דער הימל און ער רייסט זיך אָפּ מיט אַ שטיק שאָטן און פאַלט אין דער טיפעניש ווי אַ שטיין געוואָרפן אין אָפּגרונט...

דערנאָך זענען אָנגעקומען רואיקע און שטילע טעג פאַר מידרען. די פלאַנצונגען האָבן זיך באַדעקט מיט דורכזיכטיק־גרינע בלעטלעך, די ריטלעך זענען געוואָרן שטייפער, די וואָרצלען האָבן שוין דערגרייכט צו די ראַנדן פון די בלעכן און געשפּאַרט זיך אַ וועג.

ער איז זעלטענער געגאַנגען צו די וועג־אַרבעטן. עס איז אים געווען אַ שאָד צו לאָזן די פלאַנצן. פון דעם פאַרדינטן געלט האָט ער געהאַט גענוג כדי צו קויפן אין שפּייז־געוועלבל ברויט צו דער זעט. פאַרביי זיין ברונעם איז קיינער ניט געגאַנגען. קיינער פון די נײַ־געקומענע פון מעטשעט־בערגל איז ניט דערגאַנגען צום סוף פון קעמל־וועג. זיי האָבן נאָר נאָכגעקוקט דעם שמאָל־אַקסלדיקן, טרויעריקן מענטש מיט די טיף־אַרײַנגעזעצטע אויגן ווען ער האָט אין די פאַרטאָגס געשפּאַנט פון שפּייז־געוועלבל צום זייטן־וועגל.

— ג —

איין מאָל האָט זיך אין ברונעם־הויף באַוויזן אַן אַלטער מאַן. ער איז געבליבן ביים טירל און עפּעס געשעפּטשעט מיט פאַרטריקנטע ליפּן. זיין פּנים — פול מיט קנייטשן ווי די בלאַט־אָדערן פון גרינע געוויקסן, די פאַלדן פון לאַנגן טונקעלן קלייד מיט זאַמד־שטויב. ער איז שלאַנק ווי אַ פּאַלמע־שטאַם, מיט גרויע שגיטן און צויטן פון פּאַלמעוואָל, נאָר אין זיינע שיינע ליכטיק־גרינע אויגן האָט מידרע דערזען אַ סך גוטסקייט.

דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן פון די טרוקענע צווייגן וואָס האָבן פאַרדעקט די פלאַנצונגען פון הויף, אַוועקגעלייגט דעם וואַנדער־שטעקן פון רערן־האָלץ נעבן זיינע פיס און אַראָפּגענומען די טאָרבע פון אַקסל.

— פרידן צו דיר, פרעמדער מאַן — האָט דער אַלטער געזאָגט. מידרע האָט געזען, אַז דעם פרעמדנס אויגן האָבן די ליכטיקייט פון די ערשטע בלעטלעך פון זיינע פלאַנצונגען.

— זיי געבענטשט אומבאַקאַנטער — האָט ער גערעדט ווייטער און זיינע רייד זענען געווען ווי דער געשאָרך פון אַ מידבר־קוסט אין ווינט.

מידרע האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען פון די רייד פון אַלטן, ער האָט אָבער געפילט אַ פלוצעמדיקע נאָענטקייט צום זקן וואָס וואָגלט איבער די זאַמד־פלאַכן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די אַרויסשטאַרנדיקע פּנים־ביינער, אין דער שיטערער באָרד און געטראַכט אַז ערגעץ ווייט, ווייט אין אומבאַקאַנטן לאַנד פון יינגלישע חלומות האָט ער אַזאַ אַלטן געזען.

ער האָט אים מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרונק.

דער אַלטער האָט געהאַלטן די קרוג מיט וואַסער אין בײדע הענט און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ לויב. די הענט פון דעם זקן זענען געווען

געל און געקאַרבט, די לאַנגע פינגער ווי טרוקענע צווייגן. ער האָט צעוויקלט זיין טאָרבע און אַרויסגענומען עטלעכע טייטלעך און זיי געגעסן.

— ווו וועסטו גיין אין דער תמימה, וואַרט ביזן קילן נאָכמיטאָג־ווינטל — האָט מידרע געזאָגט און צוגעטראָגן ברויט פאַרן פרעמדן.

זיי זענען געזעסן שווייַגנדיק. דער פרעמדער האָט באַטראַכט דעם הויף, די פלאַנצן און זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דער שורה בלעכערנע קעסטלעך פון וועלכע עס האָבן געשפּראָצט שיינע האַלב־רונדיקע פּאַלמע־בלעטער ווי דער געוועלב פון קליינע ווייסע הימלען.

— פלאַנץ זיי אַרום דיין הויז. די טייטלביימער, מאַך שאָטן אַרום זיך — האָט דער אַלטער געזאָגט — שפּרייט אויס איבער די ווייטן דעם שאָטן פון די פלאַנצונגען. די ביימער וועלן אויפגיין מיט רו און שטילקייט. געבענטשט וועסטו זיין און פייגל וועלן דיר אַ ליבע זינגען.

דעם אַלטנס פּנים האָט געלויכטן מיט אַ פריש־צאַפּלדיקער גרינקייט.

מידרע האָט דעם וואַנדערער באַגלייט אַ שטיק וועג. זיי זענען פאַר־בייגעגאַנגען די אייקאַליפּטן און געלאָזן זיך אין די ווייטענישן פון די זאַמדן. פון ערגעץ האָט מען אָנגעזען אַ טייטל־פּאַלמע. דער אַלטער האָט זיך אָפּ־געשטעלט און געוויזן מיטן שטעקן:

— זיין קרוין ציילט אַכט און פערציק בלעטער. די פאַרטריקנטע בלע־טער וואָס הענגען אונטער דער קרוין, דוכט זיך איבעריקע, מיאוסע, איינ־געקוואַרטע, שרעקן די פייגל מיט זייער געשאָרך, זיי שיצן דעם שטאַם פונעם זוניקן בראַנד און פון די קאַלטע ווינטערדיקע שטורעמס. אַזוי זענען אויך די פּשוטע געגנג פון בן־אדם, זיינע איינפאַכע און קלאָרע מחשבות און גוטע מעשים באַשיצן און באַשירעמען אים. צו דיין שאָטן וועט קומען אַ פרוי, זי וועט איר צעפלאַמט האַרץ קילן אין דיין רואיקייט, גוטער מענטש — האָט דער אַלטער גערעדט און געטרייסט מידרען.

— עס זענען דאָ ביימער — האָט גערעדט דער אַלטער — וואָס דער־הייבן זיך איינזאַמע און שטעלן אַרויס זייערע צווייגן אַנטקעגן דער זון. און עס זענען דאָ ביימער וואָס קענען נאָר וואַקסן אין שאָטן פון אַ צווייטן בוים, אַזוי זענען אויך די מענטשן...

— ווער ביסטו הייליקער מאַן, האָט מידרע געוואָלט פרעגן, נאָר די רייד זענען אים אָפּגענומען געוואָרן. דער גרויסער זון־קיילעך וואָס דער טייטלבוים האָט אים אַרונטערגענומען אונטער זיינע צעשפּרייטע בלעטער, ווי אַ גרויסער פויגל נעמט אַרונטער אונטער זיינע פליגל אַ פייערדיק איי, האָט געוואָרפן זיין אָפּשיין אויפן פּנים פון אַלטן.

און ווידער האָט יענער ענגער רינג אַ קלעם געטאָן מידרען, דער פייער־דיקער רינג — וואָס זי האָט אַרום אים אָנגעצונדן דעמאָלט אויף דער אַרי־שער זייט, און זיינע אויגנווינקלען זענען איבערגעפולט געוואָרן פון טרערן.

— ווי רופט מען דיך, פרעמדער מאַן?
— רחמים, — האָט דער אַלטער געזאָגט.
די שאָטנס פון די צוויי מענטשן זענען געוואָרן לאַנג און דערגרייכט אין דעם פאַרנאַכט ביזן האָריזאָנט.
מידרע האָט דערזען, אַז די קוסטעס טראָגן זייער גרינקייט נאָר אין די צווייגן־שפּיצן, און וואָס נענטער די קוסט־צווייגן זענען צום זאַמד אַלץ גראָער זענען זיי, אַלץ פאַרברענטער.
רחמים האָט דערציילט מידרען, אַז ער האָט פאַרלאָזט זיין היים, דעם פייגנבוים נעבן זיין שטיבל און אַוועק זוכן זיין טאָכטער זימרה.
— זימרה, — ווען די אַלטע הענט נאָך צערטלען אירע שוואַרצע לאָקן?
ער וואָלט איר שוין פאַרגעבן די גרויסע זינד פון אַנטלויפן. ווו איז זי, די טונקל־פּנימדיקע, די ווייס־ציינערדיקע, די אייביק־לאַכנדיקע זימרה?
גייט ער, רחמים, איבערן מידבר און זוכט אירע שפּורן. אפשר איז זי דורך דעם וועג אַנטלאָפן מיט אחמדן פונעם דאָרף? אפשר האָט זי אין דעם ברונעם־הויף געלעבט? אפשר וועט ער איר קול דערהערן?

אומרואיקער איז רחמים געוואָרן די לעצטע צייטן. ער הערט אין די נעכט רופן, זיין האַרץ פילט דער טאָכטערס בענקעניש, ער באַנעמט איר חרטה. נאָר ווו איז זי די פאַרשריענע, די פאַרשאָלטענע זימרה. ער וועט זי אַרומנעמען מיט די אַלטע הענט און צודרוקן צום האַרצן. ער הערט ווי דער מידבר־זאַמד סקריפּעט: זימרה, די פייגל רופן. זימרה, און דער ווינט טראָגט רחמימס געבעט צום באַרעמהאַרציקן גאָט פון די אבות, אַז ער זאָל עפענען דאָס האַרץ פון זיין טאָכטער און איר צוריק באַקערן צום פאָלק ישראל.
רחמים איז אָפט געקומען צו מידרען. ער פלעגט בלייבן איבער נאַכט אין הויף. אין די פאַרטאָגס האָט ער געהאָלפן שעפּן פון דעם ברונעם וואַסער. זיי האָבן באַפייכט די פלאַנצן. דערנאָך פלעגט ער אַוועק איבערן זאַמד־פלאַך און קומען ערשט אין די מיטאָג־שעהן. ער האָט פון דאָרט געבראַכט אַ פולע טאָרבע פאַלמע־וואָל וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט און פון וואָל גע־מאַכט אַ קישן צום שלאָפן, אַן אונטערבעט צום געלעגער. פון טרוקענע בלע־טער האָט ער אַ ראָגזשע געפלאָכטן און זיך מיט איר פאַרדעקט אין די קילע נעכט.
מידרע האָט געוואָלט דערציילן רחמימען וועגן זיך, נאָר דער אַלטער האָט אים שטענדיק איבערגעריסן און אויסגעמיטן זיין טרויעריקן בליק. רחמים האָט פאַרשטאַנען, אַז מידרע טראָגט אַן איבערגעפולט האַרץ, און ער איז ווי אַ מילגרוים וואָס איז צייטיק און זיינע קערנער רייסן אויף דאָס הייטל און אַנטפּלעקן זיך — אַזוי האָט ער געוואָלט זיך אַנטפּלעקן פאַר דעם אַלטן רחמים.
— קעמל־רייטער מיידן אויס יענע מידבר־שטחים וואָס זענען פול מיט

סמיקע קרייטעכצער, ווייל די מידע און דאַרשטיקע קעמלען קענען ניט אויס־האַלטן דעם דורשט און הונגער און שטילן אים מיטן מידבר־גיפט. דו האָסט געשטילט דיין דאַרשט מיט סם־קרייטעכצער, האָסט זיך גענערט מיט סם־גראָזן. דיינע איצטיקע מעשים וועלן דיך היילן...

נאָך די קלוגע רייד פון אַלטן מאַן, איז מידרע צוגעפאַלן צו זיינע פלאַנצונגען. ער האָט מיט ציטערנדיקע הענט באַרירט זייערע יונגע שפּראָצן, די העל־בורשטינענע שטענגלעך. ער האָט איבערגעפלאַנצט דיביימלעך אין דער ערד אַריין, ווידער געקליבן זריעה פון ביימער און באַהאָפטן זיך מיט די זאַמדיקע פעלדער.

— ד —

אין האַרבסט האָט דער מידבר דערוואַכט. דער ווינט האָט געטראָגן אַ רויטן שטויב צו די ראַנדן פון די פלאַכן. די קוסטעס זענען נידעריקער גע־וואָרן און זייערע בלעטער זענען באַצויגן געוואָרן מיט פינקלדיקע זעמדע־לעך. נאַקעטע וואָרצלען, ווי טויטע זאַמד־שלענגלעך, אַ געוויקסן־אָפּפאַל, האָבן געווימלט אין מידבר ווי אויפגעוועקטע שרצים צום לעבן.

אימהדיק געראוישט האָבן די צוויי אייקאַליפּטן אין די נעכט. זייערע צווייגן האָבן געטרייסלט פון זיך דעם זאַמד וואָס איז געקרונען אין אַלע שפּאַלטן, געלעכערט די בלעטער, די נאַקעטע וואָרצלען האָבן זיך פאַר־פלאָכטן מיטן וואָרצל־האָר, אָפּגעבראָכענע צווייגן פון ריצנבוים זענען גע־לעגן זיי צופוסנס און פאַרצוימט די וואַנדערנדיקע זאַמדן זייער גאַנג צו דעם פרוכטיקן טאָל.

אין די נעכט האָט זיך מידרע איינגעהערט אין טרויעריקן געוואָי פון ווינט, אינעם צווייגן־געראויש און איז אָפּט אַראָפּ פון געלעגער. אַ זאַמדנעפּל האָט פאַרהילט זיין קאָפּ, געקילט זיינע שלייפן. ער האָט געשפּרייזט מיט אומרו און אונטערגעשפּאַרט געהילצער אַרום די יונגע ביימלעך וואָס ער האָט היי־יאָר פאַרפלאַנצט. ער האָט אָוועקגעשאַרט די זאַמד־בערגלעך אַרום זיי, אָפּגעשטויבט די בלעטלעך און דערנאָך איז ער געבליבן ביז פאַרטאָג ביים שטאַם פון אייקאַליפּט און געלאָזט פאַלן אויף זיך דעם זאַמד.

***

זימרהס טרויער און אומרו האָט קיינער ניט באַנומען. אירע טרערן האָט דער מידבר־ווינט אָפּגעווישט און איר בענקשאַפט האָט דער קוויטשער־פויגל געטראָגן איבער די וויטקייטן און פאַרטראָגן צו דעם קעגנאיבערדיקן ראַנד פון די פלאַכן וווּ עס האָט געוואַנדערט איר פאָטער רחמים.

אפשר האָט דאָס פאָטערישע האַרץ אויפגענומען דעם ציטער פון

זימרהס האַרץ און איר גרויסע בענקשאַפט, און דערפֿאַר איז רחמים ניט אָפּגעטראָטן פֿונעם קעמלוועגל דורך וועלכן זיין טאָכטער איז אנטלאָפֿן מיט אחמדן. אפשר האָט ער דערקענט אין שטערנשימער און אין פֿויגל־געשריי סימנים, אַז זימרה איז ניט פֿאַרלוירן געוואָרן אין די זאמדן, אַז זי וועט קומען... זי מוז קומען...

עפּעס איז ער די לעצטע צייטן אומרואיק געוואָרן און מיט די האַלבבלינדע אויגן געזוכט אין די זאמדן זימרהס פוס־אָפּדרוקן.

זימרה האָט געפֿילט, אַז אחמד איז איר פרעמד געוואָרן. אוועק איז פֿון אים דער טונקל־אויגיקער בלענד, דער גוטער שמייכל און פֿאַרשטילט איז געוואָרן זיין געזאנג.

אין יענער נאַכט פֿון אומרו איז זי צוזאמען מיט אַלע געלאָפֿן פֿונעם דאָרף. זי איז אַנטלאָפֿן מיט אחמדן, דורך די נאַקעטע פֿלאַכן. וווהין? דאָס האָט זי ניט געוווּסט. זי האָט נאָר געוווּסט פֿון וועמען זי אנטלויפֿט. זי אַנטלויפֿט פֿון איר פֿאָטער.

אחמד האָט זיך אַריינגעריסן ווי דער מידבר־שטורעם, מיט רווישיקן געלעכטער, מיט האַרציקן געזאנג וואָס איז געפֿאלן אויף דעם יידישן מיידל, אַ געבוירענע ביים מידבר־ראנד, ווי טוי. ער איז געקומען מיט ברוינע שטאַרקע הענט ווי שטאַמען פֿון אַ בוים. זי האָט געפֿילט זיין הייסן אָטעם וואָס האָט פֿאַרברענט די לעצטע פֿעדעם מיט דער היים.

אין גרויס בהלה איז זי צוזאמען מיט אַלע אַראַבער אַנטלאָפֿן פֿון מעטשעט־בערגל אין מידבר אריין. זי האָט געזען ווי אחמד איז אין די נעכט אַרויס צו די וועגן און געקומען אַ פֿאַרטייעט־שטילער, און אין זיינע אויגן האָבן זיך געצונדן בייזע פֿייערלעך.

דערנאָך איז אחמד געזעסן טעג אין די שענקען און אויסגעמיטן די נייע היים. איין מאָל איז ער נעלם געוואָרן אויף אַ וואָך צייט און צוריקגעקומען אַ פֿאַרשטויבטער פֿון אַ ווייטן וועג, פֿול מיט זאקרויב.

זימרה האָט אין דער שטיל געשטיקט אירע טרערן, געבראָכן די הענט. אחמד איז געוואָרן איינער פֿון די גרענעץ־גייער, די וואָס רייסן זיך אַריין אין פֿרידלעכע יידישע דערפֿער אין די נעכט, רויבן און מאָרדן. זייער שטוב איז פֿול געוואָרן מיט פֿרעמדע מענטשן. זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן כדי ניט צו זען די זעק וואָס זיי האָבן געבראַכט אין די נעכט. זיי זענען געלעגן אין די ווינקלען ווי הרוגים.

אין די חלומות האָט זימרה געזען איר פֿאָטער אויסגיין אונטערן פֿייגנבוים און זי האָט זיך געוועקט מיט געשרייען.

און ווען זי האָט אין איינע פֿון די האַרבסט־נעכט דערהערט אַ שטילרופֿן ביים פֿענצטער און אחמד איז אַרויס פֿון שטוב, האָט זי געזען ווי מענטשישע שאָטנס דערווייטערן זיך צו די זאַמד־פֿלאַכן. די שאָטנס פֿון די־

אַוועקגייענדיקע מענטשן זענען געוואָרן קלענער און האָבן שוין אויסגעזען ווי אָפּגעבראָכענע זאַמד־קוסטעס וואָס דער ווינט קייקלט איבער דעם מידבר.

זימרה האָט זיך אויפגעכאַפּט. אין איר האָט אַ גלי־געטאָן אַ קליין פלעמעלע, אַ צאַנקענדיקס, דאָס פלעמעלע פון בענקשאַפט נאָך דער היים, נאָך איר פאָטער. דאָס פלעמעלע האָט זיך געצונדן. זי איז אַרויס פון שטוב און אַוועק אין די פיס־טריט פון אחמדן און זיינע חברים.

אַזוי ווי דער מידבר־פלאַנץ, דער גלגל, אַן אָפּגעריסענער פון זיינע וואָרצלען, קאָלערט זיך איבער די פלאַכן און פאַרזייט די וויסטעניש מיט מאָן־קערנדלעך פון די פאַרבאָרגענע זריעה־קעמערלעך, אַזוי האָט זימרה פאַרזייט איבער די זאמדן אירע טרערן. זי איז אָפּט געבליבן ביי די ווילד־טרויבן, ביי די שעליוגע־צווייגן, אירע האָר האָבן זיך געפלאָכטן מיט סטעפּנהאָר. זי האָט צעריסן ביי די דערנער איר לייב.

די דערנער וואָס זענען אויס אין די נעכט פון דער ווייטנס ווי צאַרטער זייד מאַגיען צו זיך און בעטן מען זאָל זיי באַרירן. זיי טראָגן אָבער אונטער יעדן בלעטעלע פאַרבאָרגענע שטעכערס.

זי האָט ניט געקענט דעם וועג וואָס פירט צו יידישע ישובים. דער וועג איז געווען אַ ווייטער. זי האָט נאָכגעפאָלגט יענע קליינע באַוועגלעכע טונקעלע פלעקן אין זאַמד. זי האָט געזען אין שטערן־שיין זייערע פוס־אָפּדרוקן און געטראַכט וועלכע אָפּדרוקן זענען אַחמדס.

און אפשר, אַפשר פירט ניט זייער וועג היינט צו איר היים?

זימרה איז אַריין אין אַ געדיכטער פאַרוואַקסעניש פון פאַרוועלקטע ריצנביימעו. פון נאַקעטן האָריזאָנט־פאַס האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַלמע מיט איר רונדיקן געצווייג. ערגעץ האָט אַ הונט געבילט. צווישן די קוסטעס האָט געזילבערט אַ זאַמדשלאַנג און אָפּגעשפּיגלט אויף איר רוקן דעם מילכוועג. אַ פויגל האָט געוויגט אַ דאָרן און דערנאָך נידעריק געטראָגן זיך איבער זימרהן און אַ שטיק וועג איר באַגלייט.

די ווייטע קליינע פלעקן אויפן מידברס האָריזאָנט זענען פאַרשווונדן פון זימרהס אויגן. זיי זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין אַ שאָטן־געדיכטעניש פון ביימער. זי איז איצט געגאַנגען מיט גיכע טריט, איבערגעהיפּט די קליינע דערנער און אָנגעהויבן צו לויפן אין דער פאַרשאָטנטקייט אַריין.

— ה —

נאָך האַלבער נאַכט איז מידרע אַרויס צו די אייקאַליפּטן. רחמים איז געשלאָפן ניט ווייט פון דעם ברונעם איינגעהילט אין אַ ראַגזשע. דער אַלטער האָט מיד געעטעמט נאָך אַרומוואָגלען אַ גאַנצן טאָג.

אַ ליכטיקע נאַכט איז עס געווען. ערשט איצט האָט מידרע דערזען ווי גרויס עס זענען שוין די טייטלביימער וואָס ער האָט געפלאַנצט. זיי האָבן

געוואָרפֿן אַ קליינעם שאָטן און די ווינגדיקע פֿאַלמעבלעטלעך האָבן זיך גע־זילבערט אינעם שטערן־ליכט.

ער איז געזעסן אינעם געדיכטן אייקאַליפּט־שאָטן פֿאַרזונקען אין טראַכטעניש. ער האָט געוואַרט אויפֿן צווייגן־געצאַפּל וואָס קומט שטענדיק נאָכן פֿויגל־שאָרך, אויפֿן שאָקאַלן־געוויין און אויפֿן פֿאַלן פֿון אַ טרוקענעם בלאַט אין זאַמד.

דער זאַמדסטעפּ האָט זיך אומגעריכט פֿאַרשאָטנט. אַ ווינטל האָט גע־קעמט די זאַמד־קאַרבן, פֿון נאָענט האָבן זיך דערהערט טריט. שאָטנקנוילן האָבן זיך געקייקלט פֿון קוסט צו קוסט, געווימלט און מידרע האָט דערהערט פֿאַרשטיקטע רייד פֿון פֿרעמדע. די רייד זענען געקומען פֿון נאָענט, שטילע, ווי דער צווייגן־אָטעם. די פֿרעמדע זענען אָנגעקומען פֿון מידבר. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביים ראַנד פֿון די זאַמדן און געזוכט דאָס קעמל־וועגל וואָס פֿירט צום מעטשעט־בערגל.

מידרע האָט דערזען די נאַכט־שאָטנס. ער האָט דערקענט פֿרעמדע נאַכט־גייערס און ער איז אַרויס פֿון שאָטן־קרייז, צעשפּרייט זיינע הענט און אַ רוף־געטאָן מיט אַלע כּוחות צום מעטשעט־בערגל.

— אַ אָ ה ה אַ אָ אַ !

ער האָט געוואָלט מיט זיין געשריי פֿאַריאָגן די מענטשישע שאָטנס. ניט דערלאָזן זיי צום קעמל־וועגל, אָפּהאַלטן זיי. אפֿשר וועלן די מענטשן פֿון מעטשעט־בערגל דערהערן זיין רוף.

— אַ אָ ה ה אַ אָ אַ !

זיין קול האָט זיך איינגעשניטן אין דער ווייטעניש, אויפֿגעריסן די גע־דיכטע שאָטן־קרייזן און געטראָגן זיך אין די פֿאַרטריקנטע פּרדסים.

אַ שטיק ליכט האָט אַ בליאַסק־געטאָן אין זיינע אויגן און ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ער האָט דערשפּירט אויף זיין פּנים דעם מוילהויך פֿון אַ פֿרעמדן. די אייקאַליפּטן מיט אַלע שאָטנס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון דער ערד־פֿלאַך און אַוועקגעשוועמען אין די הימלען אַריין. דערנאָך האָט ער דערפֿילט אַ שאַרפֿן קלאַפּ אין ברוסט און ער איז געפֿאַלן מיטן פּנים צום זאַמד.

— — — דער פֿייערדיקער רינג אַרום אים האָט זיך געלאָשן. ער האָט דערזען צום ערשטן מאָל די גוטע אויגן פֿון זיין געליבטער. זי קוקט צו אים מיט טרויער, אירע אויסגעשטרעקטע שטאַלצע הענט האָבן באַרירט זיין פּנים. זיינע ליפּן שעפּטשען: פֿאַרגיב מיר... פֿאַרגיב, זיין מוחל... אָט שטייען די דייטשן אין מיין שאָטן, אָט שטייען זיי מיט טויט אין זייערע אויגן... זיי מוחל... ניט איך האָב דיך אויסגעגעבן... ניט איך... — — —

ער האָט מער ניט געקאָנט האַלטן אָפֿן די אויגן, נאָר געפֿילט אויף זיך די גוטע הענט פֿון זיין געליבטער, איר רואיקייט און איר גוטסקייט האָבן אים פֿאַרוויגט. ער האָט מיט קאַלטע ליפּן באַרירט אירע פֿינגער... — — —

ווען זימרה האָט דערהערט דאָס געשריי אין מידבר איז זי געלאָפן מיט שיגעוונדיקע אויגן צום אייקאַליפּט. זי איז געווען פול מיט שרעק און אומ־רואיקן האַרץ־צאַפּל. עמעץ האָט נאָענט גערופן הילף.

זי וועט אים ראַטעווען. זי וועט אים העלפן, זי וועט אים וווּנדן היילן. זי האָט געוואָלט רופן, שרייען, זאָל ער ענטפערן, און ניט געקענט. אַחמד, אחמד... נאָר דאָס געשריי איז געבליבן אין איר דערשטיקט.

אָט ליגט אין זאַמד אַ מענטש. ער גייט אָפּ אין בלוט. און דעם וועמען זי האָט נאָר געוואָלט העלפן איז איר אויסטערליש פרעמד און ווייט געוואָרן. ער האָט עס געטאָן! אחמד! אחמד! האָט זי אַרויסגעוואָיעט מיט פאַרלאָפענע אויגן און געפילט אַ גרויסע שולדיקייט צום מענטש אין זאַמד.

זי איז געפאַלן אויף די קני, געגלעט מיט אירע הענט דאָס פּנים פון מידרען. דער פרעמדער האָט שטיל גערעדט, אַ רואיקייט און געלייטערטקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

דערנאָך האָט זי געקלאַפּט מיט די פויסטן פון ברונעם־הויף און געשריען מיט די לעצטע כוחות:

— ראַטעוועט מענטשן, ראַטעוועט! עפנט!... אַ מענטש איז געפאַלן אין שאָטן פון אייקאַליפּט!...

פון ברונעם־הויף האָט אַ הייזעריק קול עפּעס אָפּגעענטפערט. דערנאָך האָט זימרה געהערט שטילע טריט. דאָס שלאָגן פון איר האַרץ איז געוואָרן האַסטיקער, די קני האָבן זיך אונטערגעבראָכן. זי האָט געוואָלט צוריק אַנטלויפן פון טירל. איר האָט געשראָקן די נאַכט־באַגעגעניש מיטן מענטשן פון יענער זייט טירל.

פון אייקאַליפּט זענען די הילפס־רופן פון פרעמדן פאַמעלעך אויסגע־גאַנגען און צו זימרהן זענען דערגאַנגען גרויליק שטילע קלאַנגען ווי דער געטריף פון טראָפּנס אין אַ ברונעם־חלל. זי איז פאַרשטיינערט געבליבן און ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט, אירע הענט זענען געבליבן אויסגע־שטרעקט צום טירל.

זי האָט געוואָלט אַ רוף טאָן, פאַלן צו די פיס פון אַלטן טאַטן און ניט געקאָנט, זי האָט געוואָלט רעדן, איז איר צונג געליימט געוואָרן. נאָר אירע אויגן זענען אָנגעלאָפן געוואָרן מיט אַ פייכטקייט און האָבן געלויכטן מיט שרעק, ליבשאַפט, געבעט. און רחמים האָט מיט זיינע ציטערנדיקע הענט באַרירט דאָס מירמלנע פּנים פון זיין טאָכטער.

***

ווען מען האָט געבראַכט מידרען אין שפּיטאָל אַריין איז שוין געווען ליכטיק. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און שווער געאָטעמט. זיין פּנים איז געווען רואיק ווי ער וואָלט פאַרזונקען געווען אין שלאָף. די

ווונד איז געווען אַ טיפע. דאָס מעסער האָט זיך איינגעשניטן אין דער ברוסט און ער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט.

זימרה איז ניט אָפּגעטראָטן פון די שטאַכעטן אַרום שפּיטאָל־טויער. אַ פאַרברענטע, אַ באָרוועסע, מיט צעשויבערטע האָר, מיט פאַרקראַמפּטע הענט האָט זי געקלאַמערט זיך אין די אייזנס פון טויער און אירע גרויסע טרויעריקע אויגן אַנגעהאַנגען אין די ליכטיקע שפּיטאָל פענצטער. דערנאָך האָט זי זיך אַריינגעריסן אין די ווייסע קאָרידאָרן. זי איז געגאַנגען אינעם גרויען פאַרטאָג פון טיר צו טיר און געזוכט דעם פאַרוווּנדעטן מענטש. קראַנקן־שוועסטער האָבן איר געוואָלט פאַרהאַלטן, נאָר זי האָט ווי אַ מידבר־ווינט געטראָגן זיך פון זאַל צו זאַל ביז זי איז געבליבן שטיין לעבן אַ טיש אויף וועלכע מידרע איז געלעגן. זי איז געפאַלן אויף די קני צו די מענטשן אין ווייסע כאַלאַטן מיט געבעט און מאַנונג.

— ראַטעוועט, ראַטעוועט דעם מענטש!...

אירע גרויסע פלוימען־אויגן זענען געווען הכנהדיק און צעשראָקן. דער גרויסער זאַל איז מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיטן מידבר־אָטעם און מיט ריחות פון מידבר־געוויקסן.

— אָ, גאָט, לאָזט אים ניט שטאַרבן... העלפט אים...

מידרע איז געלעגן אומבאַוועגלעך. די ליכטיקייט האָט זיך דורכגע־ריסן דורך זיינע אויגן־דעקלעך. ער איז געווען לויטער שטילקייט. דאָס איז געווען יענע שטילקייט וואָס באַהערשט די צווייגן נאָך אַ שטורעם. ער האָט געזען די שאָטנס פון די ביימלעך ביים מידבר־ראַנד וואָס ער האָט גע־פלאַנצט. זיי וועלן בלייבן נאָך אים ווי דער איינציקער סימן פון זיין לעבן אין דער וויסטעניש, זיי וועלן שפּרייטן רו אויף די פלאַכן. די צווייגן וועלן פאַרהאַלטן די זאַמד־וואָלקנס און צופוסנס וועט גרינען דער טאָל, און רחמים וועט די וואַנדערער דערציילן, וועגן אַ מענטשן וואָס איז געפאַלן...

זיי קומען שוין מער ניט צו אים, יענע פון דער אַרישער זייט, די וואָס האָבן אים באַגעגנט אויף די גאַסן. עס קומט שוין ניט זיין געליבטע. זי האָט זיך ס'לעצטע מאָל נעכטן באַוויזן אַזאַ גוטע און שטילע און איז אַוועק. אַלע האָבן אים פאַרלאָזט.

זיי האַסן מיך ניט מער, און זענען מיר ניט מוחל. אויך ער, מידרע, וועט ערגעץ אַוועק, וויט, וויט...

קאַפּיטל עלף

— א —

פון פאַרטאָג אָן האָבן זיך געזאַמלט די מענטשן פון מעטשעט־בערגל ביי דער שטיינערנער קאַרעטע. די ידיעה וועגן טויט פון מידרען האָט אַלע־מען אויפגערודערט.

— ווען איז עס געשען?

— ביינאַכט.

— ווו האָט מען אים געפונען?

— ביי די זאַמדן, לעבן די צוויי ביימער.

— ווי אַזוי גייט עס אַ מענטש וווינען אין אַ העק, אָפּגעזונדערט?

— כ׳האָב דעם מידרען ניט געקענט פאַרשטיין, אָן קינד, אָן רינד. — האָט עמעצער געזאָגט.

— ער האָט דאָך מיט קיינעם ניט גערעדט, געווען אַ מרוק.

— ווער איז דאָס די פרענקישע מויד וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס אומגליק?

— ווער? — האָט אַ צווייטער מיט נייגער איבערגעפרעגט.

— וואָס הייסט ווער, מסתמא אַ כלה.

— מען האָט זי דאָך ביז איצט קיין מאָל ניט געזען אין דאָרף?

— מ׳דאַרף אים קובר זיין, טוען זיין רעכט, אַזוי ווי סע פּירט זיך ביי יידן וואָס שטייט עץ דאָ, קומט לאָמיר גיין! מ׳האָט אים צוריקגעבראַכט פון שפּיטאָל — האָט געזאָגט איינער פון די באַלעגאָלעס.

זיי האָבן געשפּאַנט אין מיט פון מעטשעט־בערגל. אַ מחנה בייע תושבים פונעם דאָרף, שווייגנדיקע, פאַרכמורעטע, האָבן זיי זיך אַראָפּגע־לאָזט מיטן בערגל, פאַרקערעוועט צום סאַברע־וועגל און שטיל געטראָטן איבער דעם אָנגעהויפטן זאַמד. וויפל איז דען אין גאַנצן אַדורך זינט דעם טאָג ווען מען איז אַהערגעקומען זוכן אַ ווינקל ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן?

זיי האָבן גוט געקענט דאָס לאַנגע און שמאָלע קעמל־וועגל. אין די ערשטע טעג האָבן זיי געוואַנדערט איבערן וועגל, אַריינגעקוקט אין די סאַברע־פאַרצוימונגען, אויב עס זעט זיך ווו ערגעץ אַ מויערל, אַ ליימיקע וואַנט פון אַ שטוב, דערגאַנגען אַזוי ביז די זאַמד־פּלאַכן און זיך צוריקגע־קערט מידע, פאַרשטויבטע און דורשטיקע. איצט גייען זיי ווידער צו די אייקאַליפּט־ביימער, צום ברונעם־הויף ווו עס ליגט מידרע. דאָס איז שוין אָבער ניט דער אומזיכערער גאַנג פון פרעמדע, איבערגעשראָקענע און צע־

טומלטע, דאָס גייען תושבים פון דאָרף וואָס פילן, אַז די ערד אויף וועלכע מען שטעלט די פיס איז אייגן. פון דאַנען זעט מען דאָס מעטשעט־בערגל, מען זעט די ווייס־געקאַלכטע הייזער, די ליימיקע פּלויטן.

אין דער ערשטער רייע איז געגאַנגען איינער פון די דאָרף־איינוווינער, אַ קאַלכער. מען האָט אים קיין מאָל ניט געהערט אַרויסריידן קיין וואָרט. ער איז געקומען אין די פּאַרקאַלכטע קליידער, זיין טראָט איז געווען פון אַן איילנדיקן, אַן אומגעדולדיקן. זיין פּנים ביינערדיק, די הויט־געדונצלט, די האַנט־פלאַכן — גרויס און צעפּרעסן פון וואַפּנע. דאָס איז געווען איינער פון די וואָס האָבן זיך דורכגעריסן הינטער ווילנע דורך די דראָט־פאַרצוי־מונגען פון פּאָנאַר, געגראָבן מיט די הענט אַן אונטערערדישן גאַנג און נאָך לאַנגע וואַגלענישן דערגרייכט צו די פּאַרטיזאַנער. זיינע הענט האָבן דאָס אונטערגעלייגט דינאַמיט אונטער רעלסן — — — אין דאָרף איז ער אַ זייטיקער, אַ שטילער און פון קיינעם ניט באַמערקטער.

און געווען איז אויך דאָ איינער מיט טיף־אַריינגעזעצטע אומרואיק־שוואַרצע אויגן און קורצן שטערן. ער האָט ניט געקענט קוקן מענטשן גלייך אין פּנים אַריין. זיין בליק האָט געשפּיזלט פון אונטער די צעשויבערטע וויעס אַפּעו, און מענטשן האָבן אים אויסגעמיטן. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ שטים ווי זי וואָלט געקומען פון אַ פאַרבאָרגעניש אַרויס. דאָס איז געווען דער טויטן־ברענער פון טרעבלינקע. ער האָט דאָס געברענט טויזנטער פאַר־גאַזטע יידן. די טויטן־ברענער זענען אויך אומגעבראַכט געוואָרן און עטלעכע פון זיי איז געלונגען צו אַנטרינען פון די גאַז־קאַמערן און איינער פון זיי איז נאָך גרויסע גילגולים געקומען אויפן מעטשעט־בערגל.

צווישן די גייער׳ס איז אויך געווען איינער וואָס האָט אויף דער פאַר־ברענטער געביידע פון בערלינער רייכסטאַג געהאָלפן אַוועקשטעלן די פאָן פון נצחון איבערן היטלעריזם. ער איז עס איצטער געגאַנגען אַ געבויגענער, מיט געלאַסענע טריט. דאָס איז געווען אַ שאָפער פון אַ קליינעם לאַסטוואָגן.

און עס איז דאָ אויך געווען דער קליינוווקסיקער פייטל מיט די גרויסע פוסטע אויגן־טאָרבעס, געמאַרשטשעטע, ווי זיי וואָלטן פון זיך אַלע טרערן אויסגעוויינט. ער איז עס געווען פון די ערשטע מענטשן אין פאַרלאָזענעם דאָרף אין די מלחמה יאָרן. אַרומגעשלעפּט זיך איבער די אוזבעקישע וועגן אַ הונגעריקער און דאָרשטיקער, די לענדן פאַרבונדן מיט שטריק און אַ בלעכן קענדעלע פון פּאַרנט. ער האָט געשפּאַנט איבער די שליאַכן, גע־טרונקען די געלע וואַסערן פון די ליים־גריבלעך וואָס זענען געבליבן נאָך די פּוסאָפּדרוקן פון די אייזלען, גערוט אין די לאָקנדיקע שאָטנס פון די ווילדע וועג־טרויבן מיט סמיקע פּרוכטן. זיינע פאַרברענטע ליפּן האָבן גע־גאַרט צו די אָנגעגאָסענע פּירות און ער האָט די שיינע לענגלעכע טרויבן גענומען צו די ליפּן, געוווסט, אַז מען טאָר ניט די טרויבן וואָס מען רופט „פרויען־פינגער" אָנרירן מיט די דאָרשטיקע ליפּן, אַז זייער זאַפטיקייט

איז זיסער סם וואָס וועט פאַרדאַרבן זיין אינגעווייד. נאָר ער האָט פון די לאַקנדיקע „פּרויען־פינגער" זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן, און דערנאָך האָבן אים אוזבעקישע פּויערים געבראַכט אויף די צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך אין דער שטאָט אַריין און געלאָזן אים ליגן אַ פאַרחלשטן ביי דעם טויער פון אַ שפּיטאָל.

און געווען אויך צווישן דער מאַסע מענטשן, מאַקסל. זיינע נאָזלעכער, די גרויסע און צעשפּרייטע האָבן אומרואיק געשמאַרעט מיט אַ גרויליק־פאַר־הוילענער בייזקייט וואָס וועט באַלד אַנטפּלעקט ווערן דורך דעם טונקעלעם אָפּשיין פון זיין צעעפנט אַנציינערדיק מויל.

און אַ תימנער האָט געשעפּטשעט אַ תפילה, געפּלאָנטערט זיך צווישן די הויך־וווקסיקע בולגארישע יידן און אַלעמען אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין. ער האָט אין דעם קליינעם איינגעשרומפּענעם גופל געטראָגן דעם אַלט־היימישן יידישן טרויער.

דער בוכהאַלטער העקסלער איז דאָס מאָל געווען טרויעריק. ער האָט געקוקט אויף די זאַמד־פלאַכן מיט אַ פאַרלוירענעם בליק. דער בעזוינער שניידער האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, געוויזן אויף די געדיכטע וויקל־קוסטעס, נאָר דער בוכהאַלטער האָט אים איבערגעשלאָגן מיט עפּעס אַן אומ־געריכטער שאלה:

— האָ שכן, וואָס מאַכט איר?...

ער האָט ניט פאַרענדיקט זיין שאלה, פאַרשטאַנען אַז עס איז ניט די צייט און ס׳געמיט צו פרעגן זיך לויט זיין געוווינשאַפט, די אייביקע פראַגע בשעת ער טרעפט אַ שכן, און וואָס האָט נאָך העקסלערן טרויעריקער געמאַכט.

מוינע האָט געזען פאַר זיך די רוקנס פון די מידע דאָרף־איינוווינער. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. עס האָט שוין געליכטיקט אויפן וועגל. אַן איינזאַמער שאַקאַל האָט ווי אַ לעצטער נאַכט־שאָטן דורכגע־שלייכט זיך צווישן די וועג־קוסטעס. מוינע איז געווען פול מיט טענות צו זיך: ווי לאָזט מען עס אַ מענטשן אַזוי אָן פריינד ביי די זאַמד־פלאַכן? פאַר־וואָס איז ער, מוינע, קיין מאָל ניט געקומען צו אים, ניט דערנענטערט זיך צום טרויעריקן מידרע?

ביי די ראַנדן פון פאַרוואָרלאָזטן דאָרף האָבן זיך באַזעצט צוויי יידן, מוינע און מידרע, און צווישן די צוויי האָט זיך געשפּרייט דאָס דאָרף מיט אירע הונדערטער תושבים. פאַרוואָס האָט ער ניט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו מידרען?

**
*

אין מערב־זייט פון אַלטן אַראַבישן בית־הקברות, אויפן ליידיקן בערגל, האָט מען אויסגעגראָבן דעם ערשטן קבר פאַר אַ יידן. — דאָ וועט זיין דער בית החיים פון מעטשעט־בערגל, אין שכנות פון אַראַבישן — האָט געזאָגט דער מונקאטשער.

דאָס פרישע בערגל רויטע ערד, צווישן די פאַראַיאָריקע דערנער־קוס־טעס, אויסגעטריקנטע, זילבערדיק־גראָע, מיט שטעכשפּיצן אויף יעדער שטענגל און בלעטל האָט טרויעריק זיך איבערגעוווּנקען מיט די צעשאָטענע געקאַלכטע שטיינער פון אַראַבישע קברים.

איין הימל האָט זיי איצט פאַרדעקט, און די זעלביקע גוטע און פּרוכ־טיקע רויטע ערד האָט זיי פאַראייניקט. דאָס פאַרוואָרלאָזטע בית הקברות האָט דערוואַכט. מענטשן זענען דאָ געשטאַנען שטילע, שווייגנדיקע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דודל העלפער האָט עפּעס געזאָגט. קיינער האָט ניט געוויינט ביים קבר. די נאַכט־שאָטנס האָבן פאַרהילט דאָס פאַרוואָרלאָזטע פעלד.

— ב —

פּיניאָק איז אין די לעצטע וואָכן ניט געפאָרן קיין יפו. עס זענען אים מיאוס געוואָרן די שמאָלע געסלעך מיט די צעשאָטענע הייזער, די טונקעלע הייף מיט די שטייערנע טרעפּ, דער בוימל־ריח פון געפּרעגלטע פּלעצלעך און די פעטע ליפּן פון שווערלייביקע באַראָקאַנערינס. ער פלעגט טאָקע פון צייט צו צייט עפּעס פאַרדינען אין פאָרט, אַ העלפט באַלד פאַרטרונקען אין די האָפן־שענקלעך ביי געל־געפאַרבטע טישלעך. מ׳האָט אים שוין דאָרט גוט געקענט, ניט איין מאָל איז ער מעשה היימישער, אַרונטערגע־גאַנגען אונטערן בופעט פון אַזאַ שענקל, אין די ווינקלען, ווו עס זענען אָנגעשטעלט גרויסע סאַמאָווארן און קופּערנע פאַנען, און אַ קניפּ־טאָן איינע פון די שענק־יידענעס. זיי זענען זיך צעגאַנגען אין אַ קייכן, די פנימער האָבן פאַר תענוג געגלאַנצט ווי ס׳מעש פון אַן אָפּגעפּוצטן סאַמאָוואַר.

די שענק־יונגען האָבן זיך פאַר פּיניאָקן אָפּגערוקט, געמאַכט פּלאַץ אַרום די טישלעך, און גערעדט האָט ער צו זיי אויף אַן אויסטערלישן שפּראַך־געמיש, יידיש, פּויליש און רוסיש, פאַרבראָקט מיט ניי אויפגענומענע העב־רעאישע ווערטער.

ס׳איז געקומען אַ טאָג ווען דאָס אַלץ איז פּיניאָקן מיאוס געוואָרן. ער האָט זיך שלעכט געפילט פאַר מאַרוסיען, ניט געקענט איר קוקן אין פּנים אַריין בשעת ער האָט איר געזען אויף די בייטן.

— וואָס וועט זיין דער סוף פון מיר? אַ ליידיקגייער, אַ שלעפּער אי־בער שענקען? דאָ ליגט אַ פעלד וואָס וואַרט אויף אַרבעט, אויף מי, און

מאַרוסיע האָרעוועט פון פרי ביז פינצטער, און איך? איך? — אזוי האָט ער גערעדט צו זיך אליין.

ער האָט אַרומגעשפּאַנט אין צימערל אַ בייזער, אַ צעכראַסטעטער און גערעדט צו מאַרוסיען:

— וועסט זען, וואָס פיניאַק וועט טאָן מיט די אַלע פעלדער, מיטן פּרדס... איך וועל זיך מער ניט ארומשלייערן איבער די גאַסן...

און פיניאָק האָט געהאלטן דאָס מאָל וואָרט. ער האָט צוזאמען מיט מוינען גענומען אויפלעבן דעם טרוקענעם פּרדס. זיי האָבן געאַרבעט פון די פאַרטאָגס אָן.

ס׳רוב שטאמען זענען געווען געזונטע, נאָר די זייטן־צווייגן זענען פאַרטריקנט געוואָרן. מען האָט זיי געדאַרפט אָפּזעגן. דורך דעם זומער וועט אויסוואַקסן אַ נייער צווייגן־געפלעכט.

עס איז שווער געווען צו באַוועגן זיך אין פּרדס, די טרוקענע צווייגן האָבן טראָציק געסטערטשעט אין אַלע זייטן. דיביימער־רייען זענען געווען געדיכט און די צווייגן פון די שכנישע ביימער האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן. דאָס אָפּזעגן די טרוקענע צווייגן האָט פאַרנומען אַ סך צייט, ניט אומעטום האָט מען געקענט צוקומען מיט דער זעג, מען האָט געמוזט אויסהאַקן ריצנקוסטעס וואָס זענען דאָ פלוצעם אויסגעוואַקסן און טיף זיך פאַר־וואָרצלט. אויף טייל ערטער, האַרט ביי די שטאמען האָבן געסטערטשעט הויכע גראָזן, שטייפע ווי דער טראָסטניק — כדי זיי אַרויסצוגראָבן מיט די וואָרצלען האָט מען געמוזט מיט אַ לאָפּעטע טיפע גריבער מאַכן, עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן אַז זיי זענען פאַרוועבט אין די בוים־וואָרצלען. מוינע און פיניאָק האָבן שיטערער געמאַכט דעם פּרדס. איין רייע ביימער האָבן זיי באַאַרבעט און די צווייטע אויסגעהאַקט און אויסגעגראָבן די וואָרצלען — אַזוי ארום איז דער רווח פון בוים צו בוים געוואָרן טאָפּלט. טייל שטאמען האָבן ניט אויסגעהאלטן די טריקעניש פון צוויי זומערס ווען זיי זענען ניט באַוואסערט געוואָרן, און זייער קאָרע האָט זיך געשיילט און ס׳האָבן זיך אנטפּלעקט שטיקער טויטער לייב פון בוים. זיי האָבן מיט דער זעג איינגעשניטן זיך אין די צווייגן ביזן געזונטן טייל פון צווייג. זיי האָבן דאָס אָרט דערקענט לויטן זעגן, לויט דער גרינלעכער פייכטקייט פון דער קאָרע. זיי האָבן ניט איבערגעלאָזן קיין שום טריקעניש אויפן בוים, אַלץ וואָס איז נאָר פאַרדאַרט געווען האָבן זיי אָפּגעשניטן. מוינע האָט געוווּסט, אַז די טריקעניש שטעקט אָן דעם בוים, זי גרייפט אָן דעם בוים און די צווייגן־קרוין קרענקט. די אָפּגעשניטענע, נאַקעטע ערטער פון בוים האָבן זיי פאַרשמירט מיט סמאָלע, אַז דער בוים - זאַפט זאָל ניט אָפּפליסן און דער אָפּגעשוואכטער שטאַם זאָל ניט אָנגעשטעקט ווערן מיט עפּעס אַ חולאת.

וואָס טיפער מוינע און פיניאָק זענען אַריין אין פאַרוואָרלאָזטן פּרדס, אַלץ מערער חשק האָבן זיי באַקומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן זיך ניט

געקענט אָפּשטעלן בײַ דעם אָפּגעצייכנטן גבול. יעדער בוים האָט זיי געלאָקט, גערופן און אַזוי אַרום זענען זיי פאַרגאַנגען ווייט.

עטלעכע וואָכן האָבן זיי אַזוי געאַרבעט. מען האָט געדאַרפט ניט בלויז אָפּשניידן דעם טרוקענעם געצווייג, אויסגראָבן מיט די וואָרצלען גאַנצע רייען ביימער כּדי לופטיקער צו מאַכן דעם פּרדס, זוניקער, נאָר מען האָט געמוזט אויסהאַקן קוסטעס, אַרומגראָבן די ביימער און פאַרריכטן די פאַר־צוימונגען. פון עטלעכע זייטן פּרדס איז געווען אַ סאַברע־גדר, נאָר איין זייט איז געווען אָן אָפּצוים. זיי האָבן דערווייל פאַרלייגט די ראַנדן פון פּרדס מיט די טרוקענע צווייגן. און אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק האָבן זיי געקאַלכט די שטאַמען.

רייען געקאַלכטע נאַקעטע שטאַמען האָבן זיך געצויגן איבערן טאָל. די רויטע פּרדס־ערד איז געווען ציכטיק אויפגערוימט. דער טאָל האָט מיט אַ מאָל זיך געענדערט. דער דערנער־קרוין פון די ביימער האָט זיך געוואַלגערט צופוסנס פון פּרדס לענגאויס דעם וואַדי.

און דאָס שטילע עקשנותדיקע קלאַפּן פון מוינעס ברונעם־מאָטאָר אין די נעכט איז כּסדר נאָכגעגאַנגען ביז צו די תּושבֿים פון מעטשעט־בערגל. אין די ערשטע צייטן האָבן זיי זיך ניט צוגעהערט צום רעגלמעסיקן דעכצן פון מאָטאָר. ס'האָט זיך זיי אויסגעדאַכט אַז דאָס איז גאָר עפּעס אַ קוואַקעריי פון אַ נאַכט־ראָפּוכע בײַ אַ ווייטער אַזיערע אויף היימישע פעלדער. און אַז זיי האָבן מיט אַ צייט שפּעטער געזען די זאַפטיקע גרינקייט אַרום מוינעס נחלה, די שאָטנדיקע און קילע, אין סאַמע מיט פון האַמסיניקן זמן — האָבן זיי ערשט פאַרשטאַנען, אַז די ברונעם־קילקייט וואָס קיניגט אַרום קליינעם ווייסן הייזל, קומט פון דער טיפעניש, און אַז אונטער די טריט, אין דער ערד, זענען פאַרהוילן וואַסער־קוואַלן. דער חידוש איז געווען אין לשער ווען דורכן מעטשעט־בערגל איז פאַרבייגעפאָרן אין איינעם פון די פּרימאָרגנס מוינע מיט אַ וועגעלע גרינס צום מאַרק.

דאָס איז געווען אין אָנהויב זומער. און איצט, ווען די איינוווינער פון געסל האָבן פּלוצעם דערזען די גלייכע שורות געקאַלכטע ביימער, אַרומגע־שניטענע, אַרומגעגראָבענע מיט ערד־קאַנאַוועס — האָט דאָס קלאַפּן פון דער פּאָמפּע אַנדערש אָפּגעשלאָגן זיך ווי אין די ערשטע טעג. עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל נענטער, היימישער, זיי האָבן זיך אויף די גלעגערס צוגעהערט צום טיק־טאַקן, און די טראַכטענישן זייערע האָבן זיך געפּלאָנטערט אַרום דעם ברונעם, אַרום מוינעס פעלד און אויפגעלעבטן טאָל.

אויפן מעטשעט־בערגל האָט זיך עפּעס געענדערט. אויבן־אויפיק האָט מען אַפילו די ענדערונג ניט באַמערקט. דאָס געסל איז געבליבן אַזוי ווי עס איז געווען אין די ערשטע טעג פון באַזעצן זיך. עמעץ האָט אַריינגעשטעלט אַ נייע טיר מיט אַ מעשענער קליאַמקע אָנשטאָט די פריערדיקע טיר מיט

די פאַרביקע גלאָז־רעמלעך און דאָס אייזערנע פויסטל אָנשטאָט אַ קליאַמקע. אַ צווייטער האָט געקאַלכט די ווענט, געמאַכט אַ צוים פון דראָט־נעץ. ווייבער האָבן זיך דורכגערעדט ביי די וועש־שטריק. אין אָוונט האָט מען געצונדן די נאַפט־לאָמפּן. ס'האָט אויסגעזען אַזוי ווי אין די ערשטע חדשים. און דאָך זענען פאָרגעקומען ענדערונגען, אַפילו גרויסע ענדערונגען.

אין די ערשטע טעג פון באַזעצן זיך אין דעם הפקר־דאָרף, אויף פרעמדער אומבאַקאַנטער ערד, האָט אַ שכן געצויגן זיך אין די פרייע רגעס צום שכן. מען איז געגאַנגען איינער צום צווייטן, אַליין זיך פאָרגעשטעלט, גענוג געווען צו זאָגן ווו מען וווינט, אין וועלכן הייפל, כדי צו ווערן גוטע פריינד. אין אָוונט איז מען געזעסן ביי דער שטיינערנער קאָרעטע מיט ווייב און קינד. די ערשטע חדשים האָט מען געאַרבעט ביים שאָסיי, ביים אָפּרוימען דעם ציגל־אָנהויף, ביים ריניקן דאָס דאָרף, ביים אויסגלייכן דאָס מעטשעט־וועגל פון גריבער. די תושבים האָבן זיך ניט געקענט ביי די נעמען, מען האָט זיך גערופן לויט דעם הויז־סימן ווו מען האָט זיך אַריינגעקליבן. די מענטשן האָבן אין די אָוונטן מורא געהאַט אַנצוטרויען זיך אויג אויף אויג מיט דער פינצטערניש און בלייבן אַליין צווישן די אומהיימלעכע נאַכט־שאָטנס. און דאָס דאָרף איז געווען פול מיט שאָטנס, זיי זענען געפאַלן פון גרויסן אומגעלומפּערטן מעטשעט, פון זייגע שטיינערנע ווענט, פון די ליימיקע הייזן, פון די ביימער. אַלע האָבן זיך גענויטיקט אין די ערשטע פרוטה אויף צו קויפן אַ ברויט, אַ טישל, אַ נאַפט־לאָמפּ. זענען אַלע געווען באַפריינדעט, העקסלער מיט מאַקסלען, דער בעזוינער שניידער מיט קריפּערן, דער תימנער מיטן מונקאַטשער, שאָלקע נאָזדרע מיט אַ סוחר פון די נאַלעווקעס, און מיט אַלעמען — דודל העלפּער. מיט דער צייט האָבן זיך גענומען אויסטיילן צווישן די איינוווינער באַזונדערע שיכטן. אַזוי ווי אויפגעווירענער טייג הייבט זיך אָן פאַמעלעך אַראָפּזועצן, אַזוי האָבן זיך אויך גענומען אָפּטיילן די מענטשן, יעדער לויט זיין שטאַנד. מען איז שוין מער ניט אומגעריכט אַריינגעפאַלן צום צווייטן אין צימערל און צעפּראַלט די טיר, אומבאַקאַנטע האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַרפירן געשפּרעכן. אַרום דער שטיינערנער קאָרעטע זענען שוין ניט געשטאַנען קליין און גרויס און סתם איינגעטענהט. מענטשן האָבן אָפּגעזוכט אַרבעט ביי זייערע פאַכן. נאָר אין אַ שבת האָט מען זיך פון אַלטער געוווינשאַפט געטראָפן ביי דער שטיינערנער קאָרעטע און צוגעהערט צו די רייד פון מונקאַטשער און בעזוינער.

חמרה איז זעלטענער געגאַנגען צום ירקות־פעלד, זי האָט נאָר געפירט די שטוב־ווירטשאַפט. מוינע האָט איצט געהאַט גענוג אַרבעט אין הויף און פרדס, און ניט געקענט פאָרן אין שטאָט אַריין. ער האָט געדאַרפט יעדן טאָג אָנשניידן גראָז פאַר דער קו. עס איז געווען אַרבעט אַרום די קרויט־בייטן, ביי די ציבל. דאָס פערד איז גאַנצע טעג געשטאַנען אין שטאַל און אומזיסט

געגעסן. מוינע האָט זיך גענויטיקט אין געלט. ער האָט געדאַרפט קויפן האָבער און קלייען פאַרן פערד און פאַר דער קו, ער האָט געדאַרפט אויך עפּעס געלט אויף די ערשטע איינקויפן פאַרן קינד וואָס וועט געבוירן ווערן. ער האָט זיך אַלץ געקליבן אין שטאָט אַריין און ניט געפאָרן, ווייל ס׳האָט זיך אָגערוקט דער פרילינג. מ׳האָט געדאַרפט צוגרייטן דאָס פעלד, אָפּרייניקן די בייטן פון ווילד־גראָז, באַמיסטיקן, פאַראַקערן. ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט מיטן פאָרן אין שטאָט אַריין, אַ טאָג אויף אַ טאָג, דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעזען אַז עס קלעקט אים ניט קיין געלט, און ווו צו באָרגן איז ניט געווען. ער האָט אַריינגעלייגט אַ סך געלט און אַרבעט אין דער שטאַל, אין הויף, אין פּרדס. גוט וואָלט געווען ווען ער קען זיך אַרויסכאַפּן אין שטאָט אַריין מיטן פערד אויף אַ וואָך צוויי צום שטייפּלאַץ. קען ער אָבער ניט אַוועק פון הויף, פון פעלד, פון חמרהן. ער וויל איר איצט ניט לאָזן אַליין. ער האָט לאַנג וועגן די ענינים געטראַכט ביז פּיניאַק איז געקומען און אַרויסגעהאָלפן. ער האָט איין מאָל געפרעגט מוינען:

— וואָס שטייט דיין קאַרער אין שטאַל גאַנצע טעג, מע קען דאָך אויף אים פאַרדינען?

— אַוודאי קען מען.

— נו? — האָט פּיניאַק געפרעגט.

— כ׳קען איצטער ניט אַוועק פון גאָרטן און אויסער דעם איז חמרה...

— גיב מיר דאָס פערד מיטן וואָגן, איך וועל פאָרן אויפן שטייפּלאַץ.

צומאָרגנס איז פּיניאַק געקומען נאָכן פערד און ער איז געפאָרן אין שטאָט אַריין אויף פאַרדינסטן. זיי האָבן זיך געטיילט העלפט אויף העלפט מיט דער הכנסה פון פערד.

— ג —

אין איינעם אַ טאָג איז געקומען חמרהס מוטער, צלחה. זי איז געקומען צופוס און געפירט אויף אַ שטריקל אַ יונג ווייס ציגל. זי האָט ס׳ציגל צוגעבונדן אין הויף און גערופן חמרהן. די אַלטיטשקע איז געווען אָנגעטאָן אין אירע יום־טובדיקע קליידער, טונקעלע און שווערע, אויסגענייטע מיט געלע און רויטע פעדעם און געטראָגן אַ ווייס קאָפּ־טיכל. זי האָט אַרומגענומען חמרהן, צוגעלייגט איר טונקל־הויטיק פּנים, פול מיט קנייטשן צו חמרהס ברוסט און מיט דער רעכטער האַנט געגלעט דער טאָכטערס אַקסל.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין חדרל, געשאָקלט אַ צופרידענע מיטן קאָפּ, און אַז מוינע איז אָנגעקומען פון גאָרטן האָט זי אים באַגעגנט ווי אַן אייגן קינד. דאָס חדרל איז מיט איין מאָל פול געוואָרן מיט ריחות פון קרייטעכצער, מיט דער באַרג־לופט און מיט דעם ניגונדיקן געמורמל פון איר לשון.

פאַר מוינען זענען אָנגעקומען שטילע טעג, פרילינגדיקע, אָנגעלאָדענע

מיט פראַצע פון פאַרטאָג אָן. דאָס זענען געווען טעג אָן זאָרג. ער האָט געפילט איבער זיך דעם טיף־געוועלבטן בלאָען הימל. טייל־מאָל האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז ביים וואַדי און געקוקט צו די יהודה־בערג, צו די געשליפענע שטיקער מירמל, טייל מאָל האָט ער געזוכט די איינזאַמע טייטלביימער, די הויכשטאַמיקע מיט די פעכער־קרוינען. וואָס האָט ער דאַן געהאַט צו טראַכטן, אַז זיין פעלד איז געווען גוט־באַמיסטיקט, ריין פון ווילד־גראָזן און טיף צעאַקערט. ער האָט ביי די פעלד־ראַנדן געפלאַנצט אַרבוזן. פון פאָריקן יאָר האָט ער געוווסט אַז די טרוקענע קראָפּעווע־קוסטעס, די וואָס סטערטשען אַ קיילעכיק יאָר ביז זייער וואָרצל ווערט ניט אונטערגעפוילט, אַז זיי זענען פול מיט זריעה־קערנדלעך אין די אויפגעפּלאַצטע בעכערלעך, און דער קלענסטער ווינט צעשטויבט זיי איבערן פאַראַקערטן פעלד. ער האָט דערפאַר בשעתן אַקערן אויסגעהאַקט די טרוקן־גראָזן אויף די פעלד־ראַנדן, די אַלערליי בריעכצער און שטעכקוסטעס ווו אַפילו די שאַקאַלן האָבן מורא געהאַט צוצוקומען נאָענט. אַהער זענען געקומען נאָר די הונגעריקע מדבר־פייגל און הינט, אָנגעשטעקטע מיט גיפט פון אַ שלאַנג. זיי האָבן דאָ געזוכט די ווילדפלאַנצן וואָס היילן אויס פון שלאַנגען־גיפט.

איצט, אַז ער האָט געוואָרפן אַ בליק צו זיין הויף האָט ער געזען דאָס ווייסע הייזל, די געמויערטע שטאַל, אַ פאַראַקערט פעלד און אַרום שטוב — גרינע ביימלעך. רעכטס האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען געקאַלכטע מאַראַנצן־ביימער. אַ יונגער צווייגן־אַרויסשפּראָץ האָט זיך שוין באַוויזן אויף די צווייגן, נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי און זיי וועלן באַקומען גרינע צווייגן־קרוינען און טראָגן פרוכט.

ער איז שטאָלץ געווען מיט זייןווירטשאַפט. ווי לאַנג איז עס ווי ער איז דאָ געקומען אין דעם פאַרוויסטן הייפל? די רויטע פאַראַקטערטע רויערד האָט ער ליב געהאַט, ער האָט ליב געהאַט איר אויסגעלאָשענעם קערפּער, מיט אַ תאוותדיקער הנאה האָט ער זיך איינגעשניטן מיטן רידל אין דער האַלב־פייכטער ערד, אין דער שטילער און נאָכגיביקער. צו אים האָבן געוונקען מיט צוזאָג פון שפע די רייען ווייס־געקאַלכטע שטאַמען און דער צעאַקערטער פּרדס־באָדן. ער איז געבליבן שטיין ביים פּרדס־ראַנד און געקוקט אויף די ערשטע גרינע צווייג־אַרויסשפּראָצן פון די אונטערגעזעגטע דיקע צווייגן. דאָס גרין איז אַ דורכזעעוודיקס. אַ בורשטינערנס. עס האָט אָבער שוין די פאָרעם פון שפּעטערדיקן שווער־באַלאָדענעם צווייג.

ס'איז געווען מיטאָגצייט. צלחה איז גיך היימיש געוואָרן מיט דער באַלעבאַטישקייט. זי איז געווען אומעטום, אין שטאַם, אין גאָרטן, געבראַכט קרייטעכצער פון וואַדי. אַז מוינע איז געקומען פון פעלד האָט ער צלחהן געטראָפן ביי דעם ברונעם, זי האָט ביי דער קאָרעטע געוואַשן וועש.

מוינען האָט זי ליב געקראָגן פאַר זיין פאַרטראַכטקייט, פאַרן שווייגן.

— אַ מאַן אַ שווייגער, אַ פאַרטראַכטער, איז אַ גוטער מאַן — האָט

צלחה גערעדט צו חמרהן. — ניט־גוט אַ מאַן וואָס האָט אַ לייכטע צונג, ווייל אַ מענטש מיט אַ לייכטער צונג דרעשט מיט איר פרעמדע זאַנגען און די אייגענע קערנער צעטראָגט דער ווינט...

די אַלטע האָט געהאַט טיפע גרינע אויגן, גוטמוטיקע. זייער שאָטן איז געפאַלן אויף דער טאָכטער. זי האָט מיט איר אינדערשטיל איינגעטענהט וועגן מוינען, אויסגעפרעגט זיך אויף די מענטשן פון מעטשעט־געסל.

וואָס האָט איר דען חמרה געקענט דערציילן, אַז דאָס געסל איז געווען איר פרעמד, פאַרהוילן. נאָר איין מאַרוסיע איז אָפּגעזעסן מיט חמרהן לאַנגע אָוונטן אין חדרל. זי האָט אָבער גאָרניט געקענט דערציילן וועגן איר ווייטער היים אין רוסלאַנד. זי האָט זיך ניט געקענט צונויפרעדן מיט מאַרוסיען און מאַרוסיע האָט אַלץ נאָך ניט פאַרשטאַנען חמרהס לשון. נאָר זיי האָבן זיך ליב געקראָגן. זיי האָבן זיך געלערנט איינע ביי דער אַנדערער פאַרשידענע שטוב־אַרבעטן. מאַרוסיע האָט שוין געקענט זינגען תימנער לידער, זי האָט עס אָבער ניט געקענט אַזוי ווי חמרה, מיט דעם פאַרשטיקטן קול וואָס האָט פלוצעם אָפּגעקלינגען פריי אין חלל און אַן אויפגעבונדנס און באַפרייטס האָט עס זיך געטראָגן איבערן הייפל.

און עס איז געקומען די צייט ווען חמרה האָט געדאַרפט געבוירן. מוינע האָט געשפּאַנט דאָס פערד, אויסגעבעט מיט היי דעם געזעס, פאַרשפּרייט אַ ראַגאָזשע און אַוועקגעפירט חמרהן אין שפּיטאָל אַריין. אויף צוריקוועגס איז ער פאַרפאָרן צום ירקות־מאַרק און געלאָזט דאָרט דעם וואָגן. פאַרן אַוועקגיין האָט ער צוגעוואָרפן דעם פערד אַביסל האָבער, לויז געמאַכט ס'געשפּאַן און פאַרבונדן די לייצעס ביי אַ שטאַנג. ס'איז שוין געווען אין האַלבן טאָג. דער ירקות־מאַרק איז געווען האַלב ליידיק. עטלעכע יונגען מיט צעשויבערטע טשופּרינעס, באָרוועסע, זענען געזעסן אויף אַ שטיינערנער שוועל און הויך גערעדט. אַן איינזאַם אייזעלע איז געשטאַנען ביי אַ וואַנט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן וואָס האָבן געציטערט ווי די בלעטער אין ווינט — דאָס האָט ס'אייזעלע אויסגעדריקט אומגעדולד און געוואַרט אויף די טריט פון באַלעבאָס. אַן אַלטער מאַן האָט געטראָגן אַ בלעך מיט פּלעצלעך אויפן קאָפּ, באַשאָטענע מיט ווייסן צוקער־מעל.

מוינע איז אַריין אין די טונקעלע זייטיקע הייף, געזוכט עמעצן פון זיינע סוחרים, די אָפּנעמער פון ירקות, געוואָלט נעמען עפּעס געלט.

די לעצטע וואָכן האָט פּיניאַק געאַרבעט מיטן קאַרן אין שטאָט און יעדן טאָג האָבן זיי זיך געטיילט מיט די פאַרדינסטן. אַביסל געלט האָט זיך מוינע אָנגעזאַמלט ער האָט איצטער געציילט יעדער פּרוטה; אַזוי פיל פאַרן שפּיטאָל, אַזוי פיל אויף איינצוקויפן אַ קינדערבעטעלע און אַנדערע שטוב־זאַכן. ס'וועט אים קיין סך ניט פעלן. ער האָט קיינעם ניט געטראָפן אין דער מיטאָג־שעה פון די סוחרים.

לאַנג איז ער שוין ניט געגאַנגען אין די גאַסן פון דער שטאָט, זייט יענעם רעגנדיקן אָוונט ווען ער האָט געזען דאָס רויטע ליכט פון אַוועקפאָרנדיקן אויטאָ מיט יאָלאַנען. יאָ, זי איז דאָ אין שטאָט. ער האָט ניט איין מאָל געטראַכט וועגן איר נאָך דעם ווי ער האָט איר געזען אויף דער באַלויכטע־נער בינע און געהערט איר קול. עס האָט אים אָבער נאָך יענער נאַכט מער ניט געצויגן די גאַס, ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר דער פלוצעמ־דיקייט פון אַ באַגעגעניש מיט איר. ער האָט מער ניט געקוקט אויף די פאַר־ביקע פלאַקאַטן, ניט געזוכט איר צווישן די דורכגייערס. יענע יאָלאַנע פון קובאַו׳, די וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אין ליכט פון דעם לאַמטערן פון הינקענדיקן גמינע־שרייבער, אין די פלאַמען וואָס זענען אויפגעשפּרונ־גען אין דער סטאָדאָלע, יענע יאָלאַנע איז געווען אַן אַנדערע, אַן איינמאָלי־קע. איצט איז זי מער נישטאָ. די יאָלאַנע פון גרויסן ליכטיקן זאַל איז אַ פרעמדע און אַ ווייטע — דאָס איז אים קלאָר געוואָרן בשעת דעם לויפן איבער די נאַכטיקע גאַסן נאָך דעם אויטאָ, דאָס האָט ער געפילט ווען זיין רוף איז געבליבן הענגען אין דער טונקלקייט פון דער רעגנדיקער נאַכט.

און אַז יאָלאַנע איז אים דעם נאָכמיטאָג אַנטקעגן געקומען אויף איי־נער פון די שטילע גאַסן, איז ער געווען רואיק, ניט אַנטקעגנגעלאָפן איר. ער איז געגאַנגען ווי ער וואָלט דערזען עפּעס אַ ספק־באַקאַנטן, די אויגן זיינע האָבן געטונקלט מיט אַ ציטערניש ווי דער שפּיגל פון אַ פאַרשאָטנ־טער סאַזשלקע אין ווינט.

וואָס נעענטער עס איז צוגעקומען יאָלאַנע, איז זיין רואיקייט פאַר־שוונדן. עס האָט האַסטיק גענומען שלאָגן זיין האַרץ און דער שפּאַן זיינער איז געוואָרן וואַקלדיק און ער האָט דערפילט אַ קאָפּ־שווינדל. ווער איז זי וואָס גייט אים איצט אַנטקעגן? איז דאָס יאָלאַנע פון דאָרף קוכאַר, אָדער יאָלאַנע פאָזנער פון דעם פילהאַרמאָניע־זאַל אין תל־אביב? ווער איז זי? איר פּנים איז מיט זון, מיט ליכט. אירע אויגן זענען גרויס, שיין, קיל און פרעמד!

ער זעט: זי שטעלט זיך אָפּ שטרעקט אויס די הענט און אירע קליינע קיילעכיקע ברוסטן עטעמען. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. זי איז עס! זי! יאָלאַנע פון קוכאַר און גלייכצייטיק די צעשמייכלטע יאָלאַנע פון פאַרביקן פלאַקאַט! יאָלאַנע די באַרימטע זינגערין! איין יאָלאַנע איז דאָ! איינע נאָר!

— מוינע... — האָט זי אויסגעשעפּטשעט און געקלאַמערט זיך מיט די הענט אָן אים. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט שווייגנדיקע.

דער ריח פון אירע הענט, פון אירע האָר, פון ליכטיקן פּנים, האָט גע־שלאָגן אין זיינע שלייפן, פאַרהאַקט דעם אָטעם. ער האָט געפילט אויף די אויסגעטריקנטע ליפּן די וואַרעמע פייכטקייט פון אירע אויגן, ער האָט איר אָפּגעפילט מיטן געציטער פון די נאָז־לעפלעך. דער גערויש פון גאַס האָט

אים וואַכיק געמאַכט. דער געשאַרך פון אירע קליידער האָט אים צוריק געגעבן דעם גלייכגעוויכט.

זי האָט דערפילט זיין אומרואיקייט, דעם געציטער פון זיינע הענט און אים אָנגענומען פאַרן אָרעם.

— מוינע — האָט זי ווידער שטיל געזאָגט.

זי האָט צו אים געשמייכלט. איצט האָט זי אים געזען, דעם פויער מוינע, דעם וואַלד־יונג פון קוכאַר, דעם שלאַנקן וואַלד־סאַטיר וואָס האָט איר געטראָגן פון דער ברענענדיקער סטאָדאָלע. אָט דאָס איז ער. ער, אין וועמענס שוואַרץ־געלאָקטער טשופרינע זי האָט געוואָרעמט אירע פינגער אין יענער קאַלטער האַרבסט־נאַכט. ער איז עס, דער מוינע מיט דער שמאָל־געשניצטער אָדלער־נאָז ווי פון העלפאַנט־ביין, מיט די קינבאַקן און ליכטיקן שטערן. אַזאַ האָט זי אים געזען אין די חלומות.

יאָלאַנע האָט אין מיט פון דער שיינער גאַס דערשפּירט דעם ריח פון וואַלד, פון ערד, פון פעלד, פון אָנגעגייענדיקע בייטן. אָט־אָ דעם שאַרפן ערד־ריח וואָס ס'האָט געטראָגן מיט זיך מוינע. און דער ערד־ריח האָט איר מיט יעדן אָטעם זיינעם, דערמאָנט אין יענע קוכאַרער נעכט. זי האָט עס דערשפּירט מיט אַזאַ אומגעריכטער שאַרפקייט ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען. זי האָט אויפגעציטערט פון דער פלוצעם־דערוואַכטער דערמאָנונג. זי האָט געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דעם אויפגעוואַכטן שווידער און גלייכצייטיק האָט עס איר געצויגן צו יענער נאַכט מיט מוינען. זי איז גרייט געווען אויך איצט צו לאָזן זיך טראָגן פון דעם שוואַרצאויגיקן יונג, אַזוי ווי ס'טראָגט אַוועק אַ הירש אויף זיין הערנער־געפלעכט דאָס גאָלד פון דער זון אין פאַרשאָטנטן טאָל אַריין...

— ד —

די מענטשן פון מעטשעט־בערגל האָבן זיך אין איינעם פון די נאָך־מיטאָג־שעהן געזאַמלט אין מוינעס הייפל. געקומען זענען צוערשט די מענער פון געסל, יום־טובדיק פאַרפוצטע, מיט שבתדיקע העמדער. אויפגענומען האָט זיי מוינע. צלחה האָט זיך געפאָרעט אין חדרל און יעדעס מאָל אַרויס־געטראָגן כיבוד פאַר די געסט. זי האָט געשיינט פאַר פרייד און טיף זיך געבויגט צו יעדן גאַסט. אַ בכור איז געבוירן געוואָרן ביי מוינען און חמרהן, און אין דער זעלביקער צייט איז ער אויך דער בכור פון מעטשעט־בערגל. דער ערשטער געבוירענער ייד אויף דער ערד, אין דעם פאַרוואָרלאָזטן דאָרף, אויף די פאַרוואָרלאָזטע פעלדער. מען האָט געשטעלט טישן און בענק און געטרונקען לחיים. געקומען זענען כמעט אַלע תושבים פון געסל. געווען איז דאָ דער שניידער פון בעזוין, ער איז געשטאַנען אויבן־אָן ביים פּאַטעאָן. דער שכן, קריפער, איז אַרומגעגאַנגען אויפן הייפל אַ שווייגנדיקער, מיט אַ

שבת־געוגל און געקייט אַ שטרוי. ער האָט אַריינגעקוקט אין שטאַל, אין דעם ברונעם אַריין, אָנגעטאַפּט מיט די פינגער דעם פּאַס פון מאָטאָר, געקוקט צום פעלד און געבאַמקעט אַ צופרידן ניגונדל פון אַ יום־טובדיק דאַווענען. געוועזן איז אויך כאַמעליע. זיין לאַנג און שמאָל פּנים איז שמעלער און לענ־גער געוואָרן בשעת ער האָט גערעדט, און זיין רעדן איז אייגנטלעך באַשטאַ־נען נאָר פון פראַגעס. ער האָט אַפילו ניט געוואַרט אויף ענטפער, דאָס איז געווען ביי אים אַזאַ אופן פון רעדן:

— האַ? אַ גוטע שטאַל? אַ שיין פערד? און וואָס זאָגט עץ צום מאָ־טער? וויפל קען זיין אין דעם ברונעם וואַסער? אַ ים אַ גאַנצער און אפשר נאָר אַ טייך? און די ביימלעך האָט עץ געזען? ווי זיי האָבן זיך צעוואַקסן? האַ, קריפער?

און קריפער האָט גאָרניט געענטפערט נאָר אונטערגעברומט זיין ניגונדל:

— איי־איי־די־די־דאַם...

דער מונקאַטשער האָט געשאָטן מעשיות און וויצן פאַרבראָקטע מיט פּסוקים פון דאַווענען. זיין דייטשמעריש לשון איז געבליבן אין חלל און איז דורך קיינעם ניט אויפגעכאַפּט געוואָרן. ער האָט לסוף געזאָגט צו איינעם פון זיינע שכנים:

— דאָ איזט איין טיפער מיין, מען מוז דעם פּסוק פון תורה קענען פאַרשטיין... זאַ, זאַ, מיין גנעדיקער שכן... — אַזוי האָט ער געמישט העב־רעאיש, יידיש און דייטש.

געווען איז אויך דאָ שאַלקע נאָזדרע. ער איז מיט אַ וויגנדיק טריטל צוגעגאַנגען צום טיש און אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש וויין, אַ מתנה צו דער שמחה, ער האָט דערביי אַ וויש געטאָן זיך דעם קליינעם שטערן מיט די וואָרצל־פינגער און דערנאָך מבינותדיק אַרומגעדרייט זיך אַרום פערד און גערעדט צו זיך:

— האַ, וואָס האָב עך געזאָגט? שוין איין מאָל אַ פערד, אַזאַ יאָר אויף מיר, אַז נאָזדרע זאָגט ווייס ער וואָס, ס׳איז נישט סתם...

הינדע איז אים נאָכגעגאַנגען אַ פאַרפוצטע אין עסיק און האָניק. זי האָט געטראָגן אַ גרין זיידן קלייד מיט אַ ווייס קעלנערל, אַ שוואַרצן לאַ־קירטן בייטל און אויף די פיס זעמשענע שיך אויף דינע הויכע אָפּצאַסן. זי האָט נאָזדרען געצויגן פאַרן אַרבל און בייז געוואָרפן מיט די האָר־צעפּלעך:

— נאָזדרע, פערדיונג, גיי אַריין אין שטוב, ווינטשעווע מוינען, וואָס פאַרע קיקעניש אויף פערד, אוי, כ׳האַלט נישט אָעס! מע קוקט דאָך אויף דיר ווי אויף אַ בייז וווּנדער!

זי האָט אים געהאַלטן ביים אַרבל און אַזוי זענען זיי אַריין אין חדרל. חמרה איז געלעגן אַ צעשמייכלטע און נעבן איר זענען געזעסן עטלעכע געסל־ווייבער. מאַרוסיע האָט זיך געפּאָרעט ווי אויף אַן אייגענער שמחה.

— עס זאָלט האָבן נחת, ער זאָל זעך גיט כאַוועז... — זי האָט פאַר־צויגן די ליפּן און געזוכט אין גרויסן בייטל אַ טיכעלע. זי האָט ניט גע־וווסט, הינדע, וואָס צו טאָן, צי סע פּאַסט צו וויינען. אוי האָט זי געוואָלט זיך אויסוויינען.

— זעיץ נאָר קאָנערהאָרע דעם יונג מיט ביינער — האָט נאָזדרע גע־זאָגט און אַרויסגעצויגן זיין אַרבל פון וויבס הענט. ער האָט זיך אומבאַ־מערקט אַרויסגעשאַרט אין הויף אַריין.

אין הויף איז שוין געווען דודל העלפער און הויך גערעדט. ער האָט זיך געאַמפּערט מיטן בוכהאַלטער העקסלער. זיי האָבן געשריען, געמאַכט מיט די הענט. ביי העקסלערן איז דער האַלדז־קנאָפּ געלאָפן אַראָפּ און אַרויף און מיט אַ מאָל שטיין געבליבן: דאָס האָט העקסלער דערזען מאַקס־לען מיט זיין חבר, דעם „יעקע". זיי האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט פון דעם עסקנס הענט, פון זיינע צעפּייערטע רייד און צוגעטראָגן אים אַ כוסה. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר ניט געוווסט וואָס און קלאָפּנדיק אין די כוסות האָט ער אויסגערופן:

— שכנים, דער עיקר געזונט און פרנסה...

דער קליינוווקסיקער פּייטל מיטן צעקנייטשטן פּנים איז אַלעמען אַנט־קעגנגעגאַנגען מיט אַ פלאַש וויין. לחיים יידן... לחיים... די גערונצלטע הויט פון זיין פּנים האָט געצוקט ביי יעדן שאָקל פון זיין קאָפּ.

דער קאַלכער איז געזעסן נעבן שמעון באַלעגאָלע. ער האָט זיך ניט באַוויזן אָפּצוואַשן ס'פּנים, פון די קאַלך־פלעקן און געקומען אַהער גלייך פון דער אַרבעט. ער איז געזעסן אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער. דער וווקסיקער שמעון האָט צעלייגט זיינע ידים אויפן טיש און הנאה געהאַט פון געטומל, פון פּאַטעפּאָן וואָס האָט געזונגען חזנישע שטיקלעך. און אַז ער האָט דערזען די בולגאַרער יידן — האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און זיי פאַרבעטן נענטער צום טיש. מ'האָט זיך געזעצט צו די טישן. דער מונ־קאַטשער האָט נאָך אַלץ געזאָגט פסוקים, פאַרטייטשט זיי, געשמייכלט און יעדעס מאָל צוגעגעבן:

— אין דער זאַ־גענאַנטער היינטיקער פרשה שטייט...

די ווייבער זענען געשטאַנען ביי דער שוועל פון חדרל, זיי האָבן גע־האָלפן צוטראָגן פלעשער ביר און דערביי זיך געהנדלט צו די מענער:

— „מערטשעשעבו" ביי אינען — האָבן זיי מיט פייכטע אויגן זיך גע־ווונטשן.

— גייץ שוין גייץ, וואָס רעדן זי — האָט אַן עלטערע פרוי געענט־פערט און געווישט זיך מיט אַ קליין זיידן טיכעלע די שווערע טראָפּנס שווייס אויף דעם שטערן.

— ה —

ווען יאַלאַנע איז געבליבן שטיין אין אָפענעם טירל פון מוינעס הייפל איז פּלוצעם שטיל געוואָרן. דער פּאַטעפאָן האָט אויפגעהערט צו רוישן און דער בעזווינער שניידער האָט אָנגעטאָן די דיקע ברילן־גלעזער. פּיניאָק האָט איבערגעריסן דאָס טרינקען. עמעץ האָט ניט דערזונגען אַן אָנגעהויבענעם ניגון, און דער מונקאַטשער האָט אַ שווייגנדיקער געגלעט די גָעלע באָרד. די ווייבער האָבן זיך געשאַרט שטילע און פאַרחידושטע ביי די געקאַלכטע ווענט און ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון יאַלאַנען.

די פרעמדע איז ניט געווען אַליין. ס'האָט איר באַגלייט אַ שיין־גע־קליידטער מאַן, מיט אַ פול פּנים. די געסט זענען געקומען מיט אַן אויטאָ, וואָס האָט גערוישט נעבן טירל. זיי האָבן זיך ביידע, דער מאַן און די יונגע פרוי אַרומגעקוקט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט, און געמאַכט עטלעכע שפּאַן אין הויף אַריין.

מוינע איז זיי אַנטקעגן געלאָפן. יאַלאַנע האָט געדריקט זיינע הענט, געשמייכלט, און די אויגן אירע זענען געווען פייכט און פול מיט חידוש. זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל פאָרגעשטעלט איר פריינד עדגאַרדאָ סאַנינאָ.

— מוינע... דאָס איז מוינע... — האָט זי געזאָגט.

דער פרעמדער האָט זיך פאַרנויגט מיט אַ גוטמוטיקן און געמיטלעכן שמייכל.

כ'פריי זיך אייך צו זען... אַזוי פיל פון אייך געהערט...

ער האָט באַטראַכט מוינען, די מענטשן, דאָס הייפל און דערנאָך איז זיין בליק אַוועקגעשוווּמען אין די באַרג־ווייטקייטן אַריין.

מוינע האָט זיי אַריינגעפירט אין חדרל, פאָרגעשטעלט פאַר חמרהן, פאַר צלחהן. יאַלאַנע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן וויגעלע און גע־פלאַפּלט צום קינד. מוינע האָט געזען ווי אירע זוניקע האָר האָבן געפלייצט איבער דעם וויגעלע מיט אַ סך ליכט וואָס האָט געבלענדעט אין חדרל און אַלץ באַזוניקט.

די ווייבער האָבן זיך געשושקעט:

— ווער קען זי זיין?

— אַ שוועסטער?

— אַ קרובה?

צלחה איז געווען זיכער, אַז דאָס איז געקומען אַן אשכּינזישע פּרינ־צעסין.

**
*

אַז דער אָוונט איז צוגעפאַלן זענען די שכנים אַוועק. מוינע האָט באַ־גלייט יאַלאַנען מיט איר פריינד סאַנינאַ צום אויטאָ. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיקע. איבער זיי האָבן געהויערט די טונקל־בלאָע באַרג־שאָטנס. די הרי־יהודה זענען אַנגעשוואָמען ביזן וואַדי.

דער אויטאָ האָט זיך געטראָגן באַרג־אַרויף אויפן מעטשעט־בערגל. מוינע האָט געזען אין ליכט־שיין ווי יאַלאַנע פאָכעט צו אים מיט דער האַנט, ביז די טונקלקייט האָט פאַרהילט אַלעמען און עס איז געוואָרן פינצטער.

ביים טירל האָט זיך מוינע אַ ווײַלע פאַרהאַלטן און געחידושט זיך, וואָס די יהודה־בערג זענען דעם אָוונט אַזוי נאָענט און ווערן וואָס אַמאָל קלאָרער און בולטער.

***

צלחהס וועלט איז גרעסער געוואָרן. די מענטשן פון מעטשעט־בערגל האָבן דערנענטערט פאַר איר ווייטע לענדער. זי האָט געהערט וועגן די יידי־שע שבטים, וועגן צרות וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען אין די מלחמה־יאָרן — און פלוצעם איז זי אַליין אַריין אין פאַרוואָרלאָזטן אַראַבישן דאָרף צווישן פרעמדע יידן, געקומען צו דער טאָכטער חמרה און איז שוין פאַר־בליבן אין דעם קליינעם הייפל.

זי האָט זיך געקליידט אין אירע תימנער טראַכטן, די טונקעלע און לויזע קליידער, באַזיימטע מיט קאָלירטע פעדעם. עטלעכע מאָל אין טאָג איז זי פאַרבייגעגאַנגען דאָס געסל צום שפּייז־געוועלבל. זי האָט יעדן פאַר־בייגייער געגריסט. אַן אינערלעכע יידישע גוטסקייט האָט אַרויסגעקוואָלט פון אירע מאַמישע אויגן. די ווייבער האָבן איר געענטפערט מיט ליבע און געוואָלט פאַרפירן מיט איר אַ געשפרעך. די אַלטיטשקע האָט ניט געקענט זייער לשון, נאָר געציילטע ווערטער האָט זי פאַרשטאַנען און אַרום די גע־מיינזאַם־פאַרשטאַנענע ווערטער האָט זיך געוויקלט אַ געשפרעך, ניט נאָר מיט רייד, נאָר מיט דעם גוטן און האַרציקן שימער פון יידישע אויגן, דורך ליפן־געציטער און האַנט־באַוועג און אויף אַלעם האָט צלחה געענטפערט: ברוך השם... און אַז זי איז אַוועק האָט זי איבערגעלאָזט עפּעס אַזאַ ווייט־נאָענטן אייביק יידישן ניגון אינעם אויסגעצויגענעם וואָרט: שלום. דאָס איז געווען דאָס אַממערסטן באַנוצטע וואָרט אויפן מעטשעט־בערגל. געוויינלעך אַז צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן זאָלן פלוצעם אַרויסזאָגן דאָס כישוף־וואָרט ווי אַלע פרעמדקייטן זענען פאַרשווונדן געוואָרן.

ניט איין מאָל איז צלחה געבליבן שטיין פאַר עפּעס אַ הייפל, אייגגעצוי־טענהט מיטן קליינוואַרג, אַריין אין אַ גערטנדל, געוויזן די ווייבער ווי אַזוי מ'דאַרף זיך אומגיין מיטן גרינגוואַרג, ווי אַזוי צו קלייבן די זריעה פון איי־גענע פלאַנצן כדי ניט דאַרפן אויפן נייעם יאָר אָנקומען צום פאַרקויפער. זי

האָט געוויזן ווי אַזוי איינצוזאַמלען דאָס געררעטעניש, אַז עס זאָל קענען ליגן ביז ווינטער און ניט אָנגעלעגן ווערן. און אַז צלחה האָט אָנגעטראָפן אַ הויף מיט אַ סך פֿליגן, וואָס האָבן אין די הייסע טעג קיין רו ניט געגעבן די קינדער אין די וויגלעך — איז צומאָרגנס געקומען מיט הויפֿנס שאַרף־ריחותדיקע גרינע צווייגלעך, אויסגעשטעלט זיי אין די ווינקלען פֿון חדרל, פֿון הויף, און אַלע פֿליגן זענען נעלם געוואָרן. אויף אַ צווייט אָרט האָט זי געוויזן ווי אַזוי צו קאָכן אַלערליי גרינסן. איר שם האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט איבערן געסל. מען איז געקומען צו איר נאָך עצות. און צלחה האָט אַלץ געוווסט. איז באַפֿאַלן אַ חולאַת אַ ציג, אָדער אַ הון האָט באַקומען טונקעלע פּאָקן אויפֿן קאַם — צו אַלעם איז געווען אַ היילונג. און די היילונג האָט געוווסט צלחה.

— ברוך השם... ברוך השם... — אַזוי האָט זי געענטפֿערט ווען מען האָט איר געדאַנקט און איר ניגונדיק לשון האָט זיך, פֿון קיינעם ניט באַמערקטערהייט אַריינגעפֿלאָכטן אין דעם יידיש־לשון פֿון די געסל־ווייבער. און מאמעס האָבן אים איינגעזונגען ביים שלאָפֿן־לייגן די קינדער.

פֿאַרנאַכט, נאָכן זון־פֿאַרגאַנג, זענען צו מוינען געקומען שכנים. מען איז געזעסן אין הייפֿל אויף נידעריקע בענקלעך. ביי דעם ברונעם איז געווען קיל. אַ שטיק פּורפּורענער וואָלקן האָט זיך צעלייגט אין דער ברייטער וואַסער־קאָרעטע.

געווען איז אין הייפֿל פֿיניאָק. ער איז געזעסן אויפֿן אויסגעשפּאַנטן וואָגן אויף וועלכן ס'איז געלעגן פֿריש־געשניטן גראָז. ער האָט אַ גאַנצן טאָג געקאָסיעט אין וואַדי, פֿאַרגאַנגען ווייט, אַהין וווּ דער וואַדי האָט זיך געוויקלט איבער פֿעלדער. פֿאַרנאַכט האָט ער זיך אומגעקערט אַ היים און אָפּגעטרעטן דערווייל אויף אַ פּאָר מינוט ביי מוינען. געווען איז דאָ אויך יאַנקל קריפּער, נעבן אים איז געזעסן כאַמעליע.

צלחה האָט מכבד געווען מיט אַ קאַלטן טרונק, געמאַכט פֿון שיקמה־פּירות. אין חדרל איז חמרה געשטאַנען ביים וויגל. מוינע איז געווען אין שטאַל ביים קאַלב. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און מיט הנאה געגלעט דעם שיינעם קייל̇עכדיקן פֿלעק אויפֿן רוקן פֿון ברוינעם קעלבל. ער האָט עס געוואָלט אויפֿשטעלן, נאָר די פֿיסלעך האָבן זיך געהוידעט, די ווייכע קאָפּיטעס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דער צעמענטענער פּאָדלאָגע. די פֿעל פֿון קאַלב איז געווען אַזוי ווייך, אַזוי איידל, אַז ער האָט די ווייכקייט אָפּגעפֿילט איבערן גוף. די בהמה האָט אויסגעבויגן צו מוינען דעם קאָפּ און געקוקט מיט גרויסע אויגן. ער האָט אונטערגעבעט דעם קאַלב פֿרישן היי און איז אַרויס פֿון שטאַל. ביי דער שוועל האָט ער זיך אָנגעטראָפֿן מיט כאַמעליען. דאָס מאָל האָט כאַמעליע ניט געשטעלט קיין פֿראַגעס, גאָרניט געזאָגט, ניט געחידושט זיך פֿון יעדער קלייניקייט, ער האָט טרויעריק געשוויגן.

כאַמעליען האָט געצויגן צום אויפגעוואַכטן טאָל נעבן וואַדי. ער האָט זיך שוין אפילו געגרייט צו באַארבעטן אַ שטיק פעלד, מאַכן אַ הינער־שטייג און אַ טויבן־שלאַק. נאָר זיין ווייב האָט דערצו ניט דערלאָזט. זי האָט געשריען אויף אים, געטומלט און אַריינגעפאַלן אין ספּאַזמען.

— יאָך בין אַ וואַרשעווערין, יאָך בין נישט אַבי ווער.. האָסט'עך פאַרקוקט אויף די פשיאַטשעלעס... נישט באַ מאַאן לעבן... — זי האָט אויפגעפּראַלט דאָס טירל פון טויבן־שלאַק און אַרויסגעטריבן די טויבן, פאַריאָגט די הינדלעך פון הויף. — יאָך דאַרף עס נישט, שיינער אויפטוער מיינער, פּרנסה־געבער...

כאַמעליע האָט צוריקגעענטפערט זיין ווייב, נאָר זי האָט אויף יעדער וואָרט געענטפערט מיט צען ווערטער. איבער זייערע קעפּ האָבן געפלאָ־טערט די היימלאָז־געוואָרענע טויבן מיט אַ בייז וואָרקעריי, זיי האָבן זיך געריסן אין טויבן־שלאַק אַריין, צו די טויבן־אייער וואָס האַלטן זיך שוין אין פּיקן. כאַמעליע האָט ניט געקענט צוקוקן צום צער פון די באַשעפע־נישן און איז אַוועק צו מוינען. דאָס ווייב האָט אים נאָכגעשריען. ערגעץ האָט אַ טירל געסקריפּעט, אַ קוואַקע האָט אָנגעזאָגט איר פרייד פאַר דער וועלט. פון דער שיקמה האָבן זיך שוין געשפּרייט די ערשטע פאַרנאַכ־טיקע שאָטנס.

פאַר פיניאַקן האָט זיך די ערד אַנטפּלעקט טאָג נאָך טאָג. ער האָט געזען ווי דער נאַכט־טוי טרינקט אָן דעם ערשטן אַרויסשפּראָץ און פאַרטאָג ווען די זון גייט אויף, טראָגט זיך פון דער ערד אַ וואַרעמער אָטעם, — דאָס אָטעמט אָפּ די ערד פון גרויס תענוג, און פיניאַק פילט אַזאַ לייכט־קייט און לופטיקייט אין אַלע גלידער, ער פילט דעם טוי אויף די ליפּן, אויף די וויעס, און אַלע ווייטן לויפן זיך צונויף און לייגן זיך אויס ביי זיי־נע פיס. און אַז ס'זענען געקומען די טרוקענע חאמסין־טעג און אַ שטויב האָט אויסגעטרוקנט יעדעס ביסל זאַפט פון די פלאַנצן, האָט ער ניט גע־קענט איינזיצן אין שטוב, ער איז געווען אין פעלד געגראָבן קאַנאַוועס אויף צו צעפירן דאָס וואַסער פון דעם ברונעם, ער איז געגאַנגען פון בייט צו בייט, פון בוים צו בוים.

אין פּרדס האָבן זיך שוין אָנגעגאָסן די מאַראַנצן. אויף פאַרשפּעטיקטע צווייגן זענען נאָך געווען דופּטיקע בלימלעך, ווייסע, מיט פינף בלעטלעך. פיניאַק איז זעלטן געגאַנגען אין שטאָט אַריין. ס'פעלד האָט אים גערופן. ער האָט ליב געהאַט צו זיין אין פּרדס אין די פאַרטאָגס, ווען ס'ערשטע טאָג־ליכט גליטשט זיך איבער די צווייגן און דאָס קילע פרימאָרגן־ווינטל גלעט די צעכראַסטעטע ברוסט.

**
*

די בענקשאַפט נאָך ערד, וואָס איז דורות לאַנג געלעגן אַ פאַרשטויסענע, אַ ניט־געזאַנטע, האָט פּאַמעלעך גענומען דערוואַכן ביי די מענטשן פון מעטשעט־בערגל, יעדעס מאָל האָט עמעץ גענידערט צום טאָל און פאַרנומען אַ שטיק ערד. די גערטנער האָבן זיך געשלענגלט לענגויס דעם וואַדי, אריינגענומען אים אין אַ זאַפטיק גרינער ראַם. מען האָט זיך אַרומגעצוימט, געפלאַנצט ביי די ראַנדן צעפּרעסן און טאָפּאָליעס. זאָלן זיי וואַקסן הויך אין די הימלען אַריין, זאָלן זיי אָפּטיילן איין נחלה פון דער צווייטער און יעדער זאָל וויסן די גרענעץ פון זיין ערד!

די ליבע צו ערד איז אויפגעגאַנגען אַזוי פּלוצעמדיק, אַזוי שאַרף, ווי ס׳גייען אויף פאַרוואָגלטע קערנער נאָך אַ לאַנג־געגאַרטן שפּריי־רעגן אין אַ פרילינג־טאָג. מען האָט געחלומט די ערד צו באַזיצן, זי זאָל זיין אַן אייגנטום וואָס וועט געירשנט ווערן פון אייגענע קינדער.

און איבער די אַלע מענטשן האָט געוואַכט דאָס מוטערלעכע האַרץ פון דער גוטער צלחה, די אַלטע איינוווינערין פון דעם לאַנד און פון איר טאָכטער, די רויטהאָריקע חמרה.

אין סאַמע־מיט פון דעם אויפגעוואכטן טאָל, צופוסנס פון מעטשעט־בערגל האָט זיך געשפרייט מוינעס גאָרטן, דער פּרדס, און פון אַ ים מיט גרינס האָט אַרויסגעקוקט דאָס קליינע ווייסע שטיבל.

קאַפּיטל צוועלף

— א —

אין די פאַרנאַכטן, ווען דער זון־קיילעך האָט זיך פאַרהאַלטן ביי די ציפּרעסן, און אַ קיילער אָטעם, אַ זיידן־געקרייזלטער איז מילד צוגעפאַלן צו די גרינע ביימן אַרום וואַדי, האָט חמרה גענומען דעם קליינטשיקן עלי אויף די הענט און אַרויס מיט אים אין הייפל. דאָס קינד האָט זיך געצויגן צו איר מיט פּוכקע הענטעלעך. די קינדערישע וואַרעמקייט פון די פּייכטע קליינע ליפּעלעך האָבן זיך צו עפּעס געצויגן, עפּעס געזוכט און דאָס קעפּל איז געווען צוגעטוליעט צו חמרהס ברוינעם האַלדז. דאָס קינד האָט געזוכט די ווייכקייט פון מאַמעשער ברוסט. חמרה האָט מיטגעטעטעמט מיטן קינדערישן אָטעם, מיטגעצאַפּלט מיט דער גרויסער קינדערישער פרייד פון אָפּגעפינען דעם ברוסט־וואָרצל און אַ געזעטיקטע רו האָט זיך גענומען שפּרייטן אין אירע גלידער. אַ לויטערע גוטסקייט האָט אין אַזעלכע שעהן אַרויסגעלויכטן פון חמרהן. אַ יונגע צעבליטע מאַמעשקייט האָט זיך מיט יעדן טאָג מערער און מערער אַנטפּלעקט פאַר איר. אַ נייע וועלט, אַ ניטגעאַנטע, אַ וועלט וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין דער פריערדיקער מיידלשער וועלט. זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן די צוויי וועלטן און געוואָרן איינס. זי האָט איצטער מערער ווי פריער אָפּגעפילט איר שיינעם האַלדז, די וויגנדיקייט פון דעם פולן שלאַנקן קערפּער. די אויגן זענען שטענדיק געווען באַזעצט מיט פרימאָרגן־טוי און געהאַט אַ זאַפטיקן שימער, זיי האָבן אַרויסגעשטראַלט פון זיך רואיקייט און גוטסקייט. די מיידלשע פאַרשעמטקייט איז ניט אָפּגענומען געוואָרן פון איר. זי האָט איר אויפגעהאַלטן אַזוי פּשוט און נאַטירלעך. זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן די אויגן ווען מוינע איז נאָענט צוגעקומען צו איר. ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו זען אירע גרויסע צעעפנטע אויגן רוען אויף עליס פּנימל. ערשט איצט, האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען זיי אין זייער פולער פרויאישער שיינקייט.

חמרה האָט פאַרשעמט פאַרדעקט איר ברוסט מיטן קינדס ראָזלעכער דעק. דאָס קינד איז געלעגן איינגעניורעט מיטן קעפּל צווישן אירע ברוסטן און שווער געטעטעמט. דאָס האָט ער געזויגן די וואַרעמע מאַמעשע מילך.

— ס׳וועט אים זיין שווער צו עטעמען, ס׳איז איצטער ניט קיל...

— האָט מוינע געזאָגט. ער האָט געוואָלט אַזוי לענגער שטיין און קוקן אויף מאַמע און קינד. זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אָן חמרהס וויעס און ער האָט געוואַרט, אַז זי זאָל אויפהייבן אירע שוואַרצאַפּלען.

חמרהס שיינקייט איז געווען אַ פֿאַרבאָרגענע, זי האָט זיך פֿאַמעלעך אַנגעהויבן צו אַנטפּלעקן פֿאַר מוינען אַזוי ווי עס אַנטפּלעקט די שיינקייט אַ פֿרילינג־בלום ווען זי עפֿנט אירע אַנגעדראָלענע קנאָספּן, און אויף דער ליכטיקער שיין קוקן אַרויס די ווייס־זיידענע שפּיצן פֿון די בלומען־בלעטלעך.

און וואָס מער זי האָט געוואָלט פֿאַרבאָרגן פֿאַר אים איר אויפֿגע־וואַכטע יונג־פֿרויאישקייט, אַלץ מערער און מערער האָט עס מוינע אָפּגע־פֿילט. עס האָט אויסגעזען ווי זי אַליין וואָלט זיך געשעמט מיט די וויגנ־דיקע רונדיקע בריסט, מיט די שיינע מיידלשע אַקסלען און שלאַנקע טאַליע, מיטן פֿייכטן אויגן־שימער. זי האָט פֿאַרשעמט זיך געררויטלט בשעת מוינע איז געשטאַנען פֿאַר איר, צונויפֿגעצויגן די טונקעלע ברעמען און מיטן פּנים צוגעפּאַלן צום שלאָפֿנדיקן עלי.

זי האָט אָבער מוינען געזען אומעטום, בשעת דער אַרבעט אין גאָרטן, אין שטאַל און אפֿילו אין די חלומות. זי האָט זיך געוואָלט אויפֿלייזן אַזוי ווי אַ וואַנדערנדיקער טוי־נעפּל וואָס זעטיקט אָן אין באַגינען אַ פֿאַר־שמאַכטן בוים, גיט אים אַוועק יעדעס טוי־טראָפּנדל און גייט אויס ביי זיין שטאַם — אַזוי האָט חמרה געוואָלט אַריינשווימען אין מוינעס וועלט, אַוועקשענקען זיך מוינען אינגאַנצן ווי דאָס זאַלץ וואָס צעגייט אין וואַסער. זי האָט געוואָלט אַז ער זאָל זיין געזעטיקט מיט איר קוואַלנדיקער ליב־שאַפֿט, ער זאָל זיין אויסגעפּילט ביז די פֿאַרבאָרגנסטע נשמה־ווינקעלעך מיט חמרהס פֿאַרשעמטן און צניעותדיקן אָטעם.

איין מאָל האָט זי געזאָגט:

— די שיינע פּרינצעסין, וואָס רופֿסט איר יאַלאַנע, האָט אַזוי גע־קוקט אויף מיר דעמאָלט, ווען זי איז דאָ געווען. קיין מאָל האָט קיינער אויף מיר ניט אַזוי געקוקט.

— פֿאַרוואָס טראַכסטו אַזוי?

— גיין מוינע, איך טראַכט ניט שלעכטס וועגן איר.

— צו וואָס דערמאָנסטו זיך איצט אין יאַלאַנען?

— איך זע זי אָפֿט אין די חלומות.

מוינע האָט געשמייכלט גלעטנדיק דערביי עליס קעפּעלע.

— שטענדיק זע איך אייך ביידן אין די חלומות. און אַז כ'טראַכט וועגן אונדז ביידן, קומט זי מיר אויפֿן זינען. פֿאַר וואָס איז דאָס אַזוי, מוינע?

ער איז אומרואיק געוואָרן פֿון איר צודרינגלעכקייט און מיט זיינע פֿינגער אַ קעם־געטאָן חמרהס האָר־קרויזן.

— כ'קען ניט פֿאַרגעסן ווען זי האָט זיך צוגעבויגן צום וויגעלע און אַ קוש געטאָן עלין. איך האָב אַ ציטער־געטאָן. כ'ווייס ניט צו דאָס איז געווען אומרו אָדער פֿרייד. אפֿשר ביידע צוזאַמען... און נאָך דעם ווי זי האָט אויפֿגעהויבן אירע שיינע אויגן זענען זיי געווען מיט טרערן...

— פאַרוואָס באומרואיקט דיך יענער באַזוך פון יאַלאַנען?

— ניין, מוינע, איך רעד סתם אַזוי... זיי ניט אויף מיר בייז... כ'זאָג דאָס וואָס איך האָב געטראַכט...

— טראַכט ניט מער וועגן יאַלאַנען.

— כ'האָב דיר שלעכט געזאָגט, ניט איך טראַכט פון איר, כ'פיל אַז זי דערמאָנט דיך אָפט... זי געדענקט אָן דיר...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— כ'דערקען דאָס לויט דיינע אויגן. יאָ, מוינע, לויט דיין שווייגן...

פון שטאַל האָט זיך געטראָגן אַ טרויעריקער רוף פון דער קו.

— זעט אויס, אַז די קאַרעטע איז ליידיק.

ער האָט געוואָלט גיין צום שטאַל, נאָר חמרה האָט אים פאַרהאַלטן.

— וואַרט אַ ווײַלע, גיי ניט אַוועק.

— וואָס איז חמרה?

— וועסט ניט בייז זיין אויף מיר? כ'וויל דיך עפּעס פרעגן!

— פרעג.

חמרה האָט אויפגעהויבן איר פּנים און געזאָגט:

— דו האָסט איר ליב געהאַט, יאַלאַנען, איך האָב עס דעמאָלט דער־קענט אין דיר. איצטער איז אַנדערש...

זי האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווי עלי האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער קליינער האָט געעפנט אַ פּאָר חידושדיקע קינדערישע אויגן און גע־וואָרפן מיט די הענטעלעך. אַ געזונטקייט האָט געשפּרודלט אין דעם קליי־נעם באַשעפעניש. מוינע האָט זיך איינגעבויגן און אַ קוש־געטאָן אין קינדס נאַקעטן פּיסל און אַוועק צו דער שטאַל.

חמרה האָט זיך צעלאַכט. זי איז בייז געוואָרן אויף זיך פאַר דער פלוידערײַ, שטילערהייט האָט זי תפילה־געטאָן, אַז מוינע זאָל איר פאַר־געבן די נאַרישע רייד וואָס האָבן ניט־ווילנדיק אַרויסגעשפּאַרט פון איר.

וואָס דאַרף זי דען מער ווי מוינעס שטילקייט, ווי זיין מילד שווייגן? גוט איז צו זיצן אין זיין שאָטן מיט עלי אויף די הענט און שעפּטשען אַ ווייטן ניגון, אַן אַלט־היימישן, וואָס עס האָט אים אַמאָל, אַמאָל געזונגען די מאַמע צלחה.

— ב —

די פּרוכטיקע ערד לענגויס דעם וואַדי האָט געגעבן פּירות בשפע. ווייט האָבן זיך איצטער אַ קיילעכדיק יאָר געגרינט די בייטן. שטענדיק איז געווען וואָס אַראָפּצונעמען פון גאָרטן. דאָ האָט מוינע צונויפגעקליבן אַ פּאָר קעסטלעך ציבל, דאָרט פרישע הייפּטלעך קרויט. אויף אַ צווייט אָרט — פאַרשפּעטיקטע טאָמאַטן. איצט האָט ער פאַרשטאַנען די ערד, באַנומען

אירע אייגנשאַפטן און גערעדט צו איר ווי צו אַ לעבעדיקן באַשעפעניש:

— אַהאַ, ביסט דורשטיק? ניט באַוואַסערט? פאַרגעסן אָן דיר? וואַרט, וואַרט! היינט וועט דיך דאָס קוואַל־וואַסער אויפמונטערן!

אַ האַלבע נאַכט האָט שטיל געקלאַפּט די וואַסער־פּאָמפּע. דאָס עטעמט אָפּ די פאַרשמאַכטע ערד.

— אָן אויסטערלישע ערד, אַזאַ וואָס דו זעסט ניט אין דער גאַנצער וועלט — האָט מיט התפעלות גערעדט מוינע צו די שכנים, — אַ גאַנץ יאָר קען דאָ וואַקסן! זומער און ווינטער! פרילינג און האַרבסט! פאַרזיי נאָר, רייס אַרויס דאָס ווילדגראָז! באַוואַסער! און ס׳וועלן שטענדיק גרין זיין די בייטן, ס׳וועט זיך גרינען אויף זיי דאָס קרויט, די מייערן, די ציבל, וועסט האָבן פאַשע פאַר די בהמות! קוקסט צום ערשטן מאָל אָן די ערד און אָן אימה נעמט דיך אַרום; אָטאָ די רויטע ערד, די פאַרברענטע, די פאַרדאַרטע און פאַרקוואַרטע, אַ באַפּאַנצערטע מיט אַן ערד־שאָל, פול מיט דערנער און ווילדגראָזן — אָטאָ די ערד האָט אין זיך אַזעלכע פאַר־באָרגענע כוחות אַנצוגיסן די פּירות מיט זאַפט און האָניק.

אַזוי ווי מוינע איז געווען שטיל און שווייגנדיק מיט חמרהן, פּונקט אַזוי איז ער געווען באַריידעוודיק מיט די שכנים. די ענדערונג לגבי די שכנים איז פאַרגעקומען אין דער לעצטער צייט. ער איז גרייט געווען יעדן איינעם אַנטקעגן צו קומען מיט עצות, און אויב ס׳איז נויטיק געווען, מיט הילף. ער האָט אויסגעליען זיין פערד די שכנים צום אַקערן, אליין אַוועק־געפירט דאָס פערד מיטן אַקער אויף יענעמס פעלד און געמאַכט דעם ערשטן קרייז מיטן אַקער. ער האָט שוין איצטער געקענט ווייזן ווי אַזוי צו האַלטן אַן אַקער אין דער האַנט, ווי אַזוי נאַכצושפּאַנען אין דער אויפגעשניטענער ערד־בראָזדע.

זיין הייפל איז אין די פאַרנאַכטן פול געווען פון שכנים. מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף די טרעפּלעך, אויף נידעריקע פוס־בענקלעך, און דערציילט זיך וועגן גערעטעניש פון גרינסן, וועגן די פּרייזן וואָס „תנובה“ צאָלט, וועגן זריעה.

טיילמאָל האָט זיך דער שמועס אַוועקגעקייקלט וועגן פּי און שטע־לער, וועגן פערד און אייזלען. איז מען אַזוי געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און גערעדט.

אין אַזעלכע פאַרנאַכטן איז פּיניאַק געזעסן ס׳רוב אַ שווייגנדיקער און צוגעהערט זיך צו די רייד פון די שכנים. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען מיט מוינעס פערד־און־וואָגן אין שטאָט. ער האָט געפירט אַלערליי סחורות וואָס אייגנטימער פון געוועלבער האָבן אים גערופן אַריבערצופירן אין לאַגערן. מיטן פאַרדינסט האָט ער זיך געטיילט מיט מוינען. בלויז פון די ירקות האָבן זיי נאָך ניט געהאַט אויף אויסקומעניש. מאַרוסיע האָט באַ־אַרבעט דעם גאָרטן און געהאָדעוועט אַ ביסל עופות.

אָפּטמאָל איז אויך געקומען אין מוינעס הייפל אַריין שאָלקע נאָזדרע מיט הינדען. ער האָט יעדעס מאָל געהאַט וואָס צו דערציילן אויסטערלישע מעשיות פון אַלטע מושבניקעס און פון זייערע אַראַבישע שכנים. גאַנצע וואָכן האָט ער זיך אַרומגעוואָגלט איבער די אַלטע ישובים, דערגאַנגען ביז די ווייטסטע ווינקעלעך פון לאַנד און איינגעקויפט דאָרט אַמאָל אַן אייזל, אַמאָל אַ הינקענדיק פערד אָדער אַ קו. ער האָט זיך אפילו אין זיינע וואַנדערונגען אָנגעשלאָגן צו די אַראַבישע דערפלעך.

הינדע איז קיין מאָל ניט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, אָט האָט זי זיך געפּלאָנטערט צווישן די מענער, צוגעוואָרפן יעדן איינעם עפּעס אַ וואָרט, אַ שאַרפן זאָג, אַ פייערדיקן פלאַם מיט די צוויי אויגענעס, אַ פּאַר־שייטן, אַן אַרויסרונערישן. צום מייגסטן האָט זי זיך געשאַרט ניבן מוינען און פּיניאָקן.

— אוי ווייי מיער נישט געשען, זעיך נאָר פון וואָס מען רעדט אַזוי אָפּ לאַנגע שעהן. כ׳האַלט נישט אויס וואָס ליגט ענק נאָר אין קאָפּ! פערד מיט אַייזלען! מייגע מאַנספאַרשוינען, אַז אָך און וויי ווי מיר זעמער אַריינגעפאַלן!...

דאָס האָט הינדע אַזוי גערעדט צו חמרהן, געוואָרט אַז זי זאָל כאָטש פּאָטאַקעווען מיטן קאָפּ און איר גערעכט געבן.

חמרה האָט געשוויגן, זי האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען פון הינדעס ברייטן יידיש. איר איז ניט געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער רגע הינדעס נאַ־קעטע פליצע, די באַשאָטענע מיט אַ געלן קלייען, ניט די אָפּגעדעקטע פיס ביז די קני.

— מאַ וואַאב זאָגט אויך דאָס זעלבע! — האָט אויסגעשריען אויף אַ קוויטשיק קולכל כאַמעליע, — זי האָט אַרויסגעאָיגט אַלע טויבן... זענען זיי שוין מער ניט צוריקגעקומען... זי איז אויך אַ שטאָטישע... פון וואַרשע איז זי... עץ זענט אויך פון וואַרשע, הינדעשי?

הינדע האָט אים ניט געענטפערט. זי האָט דעם איינגעפאלענעם כאַ־מעליע ווי ניט באַמערקט און געמאַכט זיך ניט הערן זיינע רייד. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די טרעפּ און עפּעס געשטאַמלט.

פּיניאָק איז ניט גלייכגילטיק געווען צו הינדעס פאַרביישוועבן אויפן הויכן קנאַפּל. ער האָט געפילט ווי זי פאַרהעקלט אירע שפּיציקע אייגעלעך אָן זיין האַלב־אָפּגעדעקטערברוסט און הנדלט זיך מיט אירע הויכע היפטן צו אים. ער איז אומרואיק געוואָרן, פּיניאָק. זיינע אויגן־פּאַסיקלעך זענען געוואָרן שמעלער און שמעלער. ער האָט זיך בייז אַ הייב־געטאָן פון אָרט און אַרויס צום גאָרטן, צום וואַדי. ער איז געאַנגען פּאַמעלעך, טריט נאָך טריט. „אָטאָ די הינדע, דער טייוול זאָל זי נעמען, האָט אָנגעצונדן אין מיר די טרייפענע יוכע" — האָט ער זיך געטראַכט.

אין דער רגע האָט ער דערהערט הינטער זיך האַסטיקע טריט. נעבן

אים איז געשטאַנען נאַזדרעס ווייב. זי איז גאָר נאָענט צוגעקומען און געזאָגט:

— כ׳קען אויך דאָרט ניט איינשטיין, אין דעם הייפל!

— פאַרוואָס?

— ווייל מ׳רעדט נאָר פון פערד. דאָס זענען דען מאַנספאַרשוינען? קיינער איז דאָרט ניט קיין אמתער מאַן... קיינער! זי האָט טיף געעטעמט און דערביי צוגעגעבן, — מיין שאַלקע אויך ניט.

— פיניאַק האָט געפילט איר אָטעם. ס׳האָט אים אַ שווינדל געטאָן.

פלוצעם איז אויסגעוואַקסן מאַרוסיע. זי איז אָנגעקומען פון וואַדי און געטראָגן אויפן אַקסל אַ בינטל פריש־געשניטענעם קלעווער פאַר די עופות.

הינדע האָט עפּעס אַ שטאַמל־געטאָן און אָנגעהויבן צו שמייכלען. מאַרוסיע האָט ניט קיין צוק־געגעבן מיטן פּנים. זי איז איצט געווען ווי אויסגעגאָסן פון בראָנדז. אויך פיניאַק איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשטיינער־טער און געפילט זיך שולדיק פאַר די זינדיקע מחשבות.

עס האָט שוין געטונקלט. די קופּער־ראַנדן פון די יהודה־בערג האָבן זיך געלאָשן.

— קום! — האָט מאַרוסיע אַ זאָג־געטאָן צו פיניאַקן.

איר שטים האָט אָפּגעקלונגען מיט שטאָלצער באַפעלערישקייט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען אַ שטילער און הכנעהדיקער.

— ג —

אין די ערשטע צוויי זומערן איז מאַקסלס הייזל ביים וואַדי פאַר־וואַקסן געוואָרן מיט ריצנקוסטעס. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן הויך מיט די דינע צווייגן און שפּיציק־געשניטענע בלעטער. די ריצנקוסטעס האָבן זיך מיט יעדן טאָג געמערט. דאָס גאַנצע שכנותדיקע פעלד איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט ריצן־פלאַנצן.

פון צווישן די קוסטעס האָבן אַרויסגעקוקט שטיקער געקאַלכטע ליימ־ווענט. פון דער צווייטער זייט הייזל זענען געווען צונויפגעקלאַפּט שטאַלן פון פאַרראָסטעטע בלעכן, צעריסענע, אַרומגעצוימטע מיט אַלטן שטעכיקן דראָט.

אַ גאַנצן טאָג איז דאָ שטיל געווען. אַ הונט מיט אַן אויסגעקראָכענער פעל האָט זיך זייטיק דורכגעשאַרט, הינקענדיק אויף איין פוס. אָפּטמאָל פלעגט אַן אַלטע ברוינע ציג מיט לאַנגע פאַרקאַלטנטע צויטן, אַן אָן־הער־נערדיקע, אַרויסשפּאַנען אויף דעם זייטיקן ריצנוועגל און אומהיימלעך מע־קען מיט עפּעס אַ פאַרהוילן מעקעריי פון ערב־גסיסה.

די מענטשן פון מעטשעט־בערגל האָבן אויסגעמיטן דאָס הייזל, זיי האָבן אויסגעמיטן דאָס וועגל. דאָס פאַרנאַכטיקע ווינטל האָט אָפט גע־

בראַכט מיט זיך פון יענעם זייטיקן סודותדיקן ווינקל דעם געשטאַנק פון פאַדלעס, פון געשונדענע בהמישע פעלן וואָס האָבן זיך געטרוקנט אויף דער זון, דעם ריח האָט אויך געטראָגן מיט זיך מאַקסל.

אין די נעכט האָבן זיך פון דאָרט געהערט אומהיימלעכע יאָמערייען פון הינט, הירזשערייען פון קראַנקע פערד און אַ מעקעריי פון ציגן — עקרות מיט איינגעפאַלענע און פאַרוואַקסענע אייטערס — דאָס האָבן זיי אויסגעיאָמערט די גרויסע בענקשאַפט נאָך דעם באָק וואָס איז געווען פאַרשפאַרט אין שטעלכל.

די קינדער פון געסל האָבן זיך געשראָקן פאַר יענעם ווינקל, דעם פאַרוואַקסענעם מיט די אויסטערלישע ריצנקוסטעס. זיי האָבן אין די שפּילערייען אויסגעמיטן דאָס וועגל, ניט צוגעגאַנגען נאָענט צו די הינט וואָס זענען געקומען פון דאָרט. זיי האָבן די הינט און די ציגן פאַרטריבן מיט שטיינער, מיט שטעקנס. דאָס קליינוואַרג האָט הנאה געהאַט ווען אַ געוואָרפענער שטיין האָט געטראָפן אין אַ הונטס רוקן און דער הונט האָט זיך אָפּגעטראָגן מיט אַ גע־יאָמער צו די שטעלעכלעך פון פאַרזשאַווערטן בלעך.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט־פינצטערניש האָבן זיך איבער דעם ריצנוועג געשלייכט אַלערליי פאַרשויגען, פרעמדע, געקומענע פון יפוער פאָרטגעסלעך. די מענטשישע שאָטנס האָבן זיך זייטיק געקנוילט צווישן די ריצנקוסטעס. אין האַלבער נאַכט האָט זיך פלוצעם צעשריגן אַן אייזל. דאָס איז געווען אַן אומגעריכט און ווילד־געיאָמער וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל שאַרף איבערגעריסן און אַ לויערנדיקע שטילקייט האָט זיך ווידער געשפּרייט איבער דעם אַמאָליקן אַראַבישן דאָרף.

איבערן מעטשעט־בערגל האָט זיך געקייקלט אַ וועגעלע. עמעץ האָט שטיל געשעפּטשעט אויף אַ פרעמד לשון. ערגעץ האָט זיך אַ הונט צעבילט. אַ וואָלקן האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די ווייט־נאָענטע יהודה־בערג און געבליבן אַזוי הענגען ביזן גראָען באַגינען.

אין די נאָכמיטאָגן איז געקומען מאַקסל אין געסל אַריין אַ האַלבפאַרשלאָפענער, ווי אַ שאָטן איז אים נאָכגעגאַנגען דער איבערגעוואַקסענער יעקע. זיי האָבן זיך געזעצט אויף דער שטיינערנער קאָרעטע, אין שאָטן פון דער שיקמה און געגענעצט.

אין די שבתים האָט מען זיך נאָך אַלץ געזאַמלט אין גרויסן מעטשעט־הויף אויף פאַרזאַמלונגען. געקומען זענען אָבער וואָס אַמאָל ווייניקער מענטשן. די רעדנערס האָבן אָפּט מאָל גערעדט צו די ליידיקע בענק.

די האָפערדיקייט פון דודל העלפער איז פאַרשוווּנדן. ער איז נאָך אַלץ געזעסן אויבן אָן, ער איז אָבער געווען טרויעריק און באַזאָרגט. ער האָט זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט דאָס גאַנצע עסק. — נאַדיר גאָר אַ דאָרף מיט מענטשן! ער האָט זיך איצט מער ניט געריסן צום רעדן, נאָר די גאַנצע צייט געשוויגן.

געקומען אויף די אסיפות זענען גאָר ניט די וואָס וואָלטן דאָ גע־דאַרפט זיין, ניט די וואָס האָבן זייערע גערטנער ביים וואַדי און שטעלער מיט בהמות. — געקומען זענען אָבער די קרעמער פון די שפּייז־געוועלב־לעך, פון גזוז, דער בוכהאַלטער העקסלער, דער שניידער פון בעזוין און מאַקסל מיטן יעקע. לכבוד שבת האָבן זיי אַלע געטראָגן געפּרעסטע העמ־דער מיט גרויסע פאַרביקן פּאַסן.

איין מאָל האָט העלפער אָפּגעשטעלט מוינען:

— פאַר וואָס זעט מען אייך ניט?

אין טאָן פון שטעלן די פראַגע, האָט מוינע דערשפּירט אי חניפה אי האָפערדיקע טענה.

— ווער ס'וויל קען מיך יאָ זען! — האָט מוינע שאַרף אָפּגעענטפערט.

— כ'מיין אויף די אסיפות, אין די שבתים...

— נישטאָ קיין צייט.

העלפער איז געוואָרן הכנעהדיקער:

— כ'מיין, אַזאַ ייד ווי איר, דאַרף אַ מאָל קומען... איר האָט איין מאָל געזאָגט זייער וויכטיקע ווערטער...

מוינע האָט אים פון ערשטן טאָג פיינט באַקומען, דעם קהלישן מישער, דעם וואָס האָט זיך גלייך ניט גענומען צו אַן אַרבעט, ווי אַלע, נאָר גע־זוכט פּרנסה פון קהלעווען זיך.

— מ'זאָגט, אַז ביי אייך אין גאָרטן איז פון כול טוב... מ'דאַרף זיך אַ מאָל צוכאַפּן צו אייך.. זען...

מוינע האָט אים עפּעס יאָ־געענטפערט און ניט־געענטפערט און אַוועק זיין וועג.

איאַ געסל האָט מען דערציילט, אַז דודל זוכט זיך אַ פּרנסה, אַ לייכטע, אַ פּאַסיקע פאַר אים. פון דער מועצה־מקומית איז דערווייל גאָרניט גע־וואָרן. ער וועט אוודאי ווערן אַ שותף צו אַ געוועלבל...

— ד —

מוינע האָט געטראַכט אויסצוברייטערן זייןווירטשאַפט. ערד אויף גריך־גערטנער איז מער ניט געווען. כמעט דער גאַנצער וואַדי איז פאַרנומען גע־ווען מיט גערטנער. נאָר מאַקסלס הויז איז געשטאַנען צווישן די פאַרוויל־דעוועטע ריצנקוסטעס און דערנער. פון דער צווייטער זייט וואַדי האָט מען געשטעלט הייזער, דווקא אויף חמרה־ ערד האָבן עס די בויערס באַטראַכט צו שטעלן הייזער. פּאַשע איז געווען גענוג לענגויס דעם וואַדי. מ'קען גלייך נאָך די ערשטע רעגנס שניידן גראָז ביזן שפּעטן פרילינג. אַ ביסל געלט האָט ער אָנגעזאַמלט דורך דער צייט און ער האָט זיך געלאָזט איבערן לאַנד קויפן אַ קו. עס האָט אים איצטער געצויגן צו די אַלטע ישובים. ער האָט

געוואָלט זען ווי אַזוי מענטשן לעבן דאָ, ווי אַזוי עס זעען אויס זייערע ווירטשאַפֿטן. ער האָט ביז איצט ניט געקענט דאָס לאַנד. גלייך נאָך זיין אָנקומען מיט דער שיף איז ער אריינגעפאַלן אין דעם פאַרוואָרלאָזטן דאָרף און שוין דאָ געבליבן. עס האָבן זיך וועגן מוינען דערוווּסט זיינע יוגנט־פריינד, און אין איינע פון די מושבות לעבט מוינעס אַ ווייטער קרוב. פאַר־וואָס זיך ניט זען מיט אים?

אַ געלייטערטע רואיקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף מוינעס פּנים. דער אומרו פון יענע ערשטע ווינטערדיקע רעגנגעכט אין דעם מעטשעט־געסל וועט שוין מער ניט צוריקקומען. ער וועט שוין מער ניט וואַגלען סתם אַזוי איבער די נאַכטיקע גאַסן פון דער שכנותדיקער שטאָט און בלייבן שטיין פאַר ליכטיקע פענצטער, אויפּכאַפּנדיק ברעקלעך פון פרעמדע פרייד. איצט האָט ער אַ היים, אַ ווייב, אַ קינד, אַ פעלד און שטאַל. אַ שטילע היים, און אין דער היים וואַרט אויף אים חמרה. זי באַווייזט זיך שוין ניט פאַר אים, יאַלאַנע, מיט דער־אַ פּראַכט ווי זי האָט עס געטאָן אין יענע נעכט פון חלומות. זי ווערט אַזאַ ווייטע, אַ דיך־דינע דורכזעעוודיקע, ווי אַ זיי־דענער שלייער. אַט, אַט, און דער מיראַזש וועט צעשווומען ווערן. יעדער מענטש האָט אוודאי אין זיין לעבן ליב געהאַט אַזאַ ווי יאַלאַנע, און אויב ער האָט אַזאַ ניט באַגעגנט — האָט ער איר אויסגעטראַכט.

— האָב איך איר אויסגעטראַכט? אויסגעחלומט? — און עמעץ האָט פאַר מוינען געענטפערט: — אי אמת, אי חלום איז זי געווען.

איצט צעשווימט איר פּנים און ער קאָן מער ניט געדענקען איר אויס־זען. עס איז שוין באַלד גאָרניט געבליבן אין אים פון יאַלאַנען. גאָרניט. אפילו ניט דאָס קול. וואָס נעענטער ער איז געוואָרן מיט דער ערד אַלץ מערער איז ער אויסגעפּולט געוואָרן מיט חמרהן, מיט אַט דער שטילער און האַרציקער חמרה. זי איז נאָענט, אייגן. פילסט איר ליבע ווי דו פילסט אונ־טער זיך די ערד.

מוינע האָט נאָר געקענט דעם וואַדי צופוסנס פון מעטשעט־בערגל, די פאַרטריקנטע פּרדסים מיט די סאַברע־וועגלעך און די בלאָע שאָטנס פון די יהודה־בערג, די שאָטנס וואָס שוועבן־צו אין די פאַרנאַכטן ביז דער שוועל פון זיין קליין הייזל. ער האָט געקענט דאָס פּיצל שאָסיי־וועג וואָס פירט צום דרום קוואַרטאַל פון דער שכנותדיקער שטאָט, ער האָט געקענט דעם ירקות־מאַרק.

דאָס איז געווען ס׳לאַנד וואָס מוינע האָט געזען אַרום זיך. פּלוצעם האָט זיך גענומען פאַר אים אַנטפּלעקן אַ נייע וועלט, מיט פעלדער און סע־דער אַרומגעצוימטע מיט גלייכע רייען ציפּרעסן, וועגן — פאַרפלאַנצטע מיט אייקאַליפּט־ביימער, ווייסע הייזער געטונקטע אין גרינס. ער איז שטיין־געבליבן פאַר הייף, געקוקט אויף די שטעלער, אויף די גרויסע ירקות־פעל־דער, די תבואה־פעלדער. ער האָט איינגעטענהט מיט מענטשן, אויסגע־

פרעגט זיך אויף יעדער קלייניקייט פון דער ווירטשאַפט. ער האָט געזען קיבוצים. אַרומגעשפּרייזט איבער די פוס־וועגלעך וואָס האָבן געפירט פון איין הויז צום צווייטן, געזען די גרויסע שטאַלן פון פי, פון עופות. אַ ניט־געאַנטע וועלט האָט ער פּלוצעם דערזען. ערגעץ־ווו האָט ער געהערט ברעקלעך רייד וועגן יידישער אַרבעט, ער האָט זיי אָבער ניט באַנומען. איצט זעט ער אַלץ מיט אייגענע אויגן: ווייַנגערטנער און פּרדסים, ווו עס גאָלדיקן זיך עפּל; און גרינע, זאַפטיקע, באַוואַסערטע פעלדער.

לאַנג האָט מוינע איינגעטענהט מיט זיין קרוב דעם מושבניק, וואָס האָט זיך מיט מוינען דערפרייט ווי מיט אַן אייגענעם זון. זיי האָבן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג ביזן זון־פאַרגאַנג אַרומגעשפּאַנט איבער די פעלדער און גערטנער. מוינע האָט געשוויגן ווען דער קרוב האָט אים פאַרגעלייגט זיך איבער־צוקלייבן אין דעם מושב. ער האָט ניט געענטפערט אויף די רייד פון קרוב, אַז ער דאַרף פאַרלאָזן דאָס פאַרוואָרלאָזטע אַראַבישע דאָרף און בעסער זיין מיט אַלטע תושבים צוזאַמען, ווייל ס'איז דאָ ביי וועמען זיך צו לערנען, מיט וועמען צו שמועסן.

מוינע האָט זיך צוגעהערט צו די רייד. אין אים אַליין איז מיטאַמאָל אויפגעגאַנגען דער געדאַנק פון אַריבערקלייבן זיך. עס וועט בעסער זיין פאַר חמרהן, פאַר עלין.

— דו וועסט זיך ניט דאַרפן שלעפּן מיט יעדן ביסל ירקות אַליין אויפן מאַרק. דאָ וועט מען אַלץ ביי דיר אָפּנעמען. וועסט ניט זיין אַזוי פאַריאָגט און פאַרהאָרעוועט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מוינע געוואָרפן אויפן געלעגער. ער איז אומרואיק געווען. פאַרטאָג איז ער אַוועק. ביים געזעגענען זיך האָט ער געזאָגט:

— ס'קען זיין... אָבער מען וועט זיך נאָך דאַרפן איבערלייגן.

ווען מוינע איז צוריק געקומען אויפן מעטשעט־בערגל איז ער געבליבן אַ ווײַלע שטיין:

אונטן, אין טאָל גרינען זיך די בייטן. דער וואַדי שלענגלט זיך איבער באַאַרבעט פעלדער. אַרום ווייס־געקאַלכטן הייזל גרינען זיך ביימער. זיי זענען שוין הויך. דאָס האָט זיי מוינע געפלאַנצט. נאָך אַ יאָר און זיי וועלן שוין געבן פּירות. ער האָט איצט חשק געהאַט אַ שפּאַן צו טאָן אַרום די ראַנדן פון זיין פעלד, אַרומגיין די נחלה, דערגיין ביזן וואַדי, אַראָפּלאָזן זיך אין טאָל, ביזן דיבינקן וואַסער־אָדער וואָס ריזלט דאָרט. ער קען דאָ יעדעס שטיקל ערד, יעדעס שטיינדל. וויפל מאָל האָט ער שוין איבערגעקליבן די רידלען ערד פון קרייטעכצער־זריעה? און איידער נאָך ער האָט געעפנט דאָס טירל פון זיין הויף האָט ער געשפּירט אַז ער וועט פון דער ערד ניט קענען אַוועק. ערגעץ אַנדערש איז אפשר באַקוועמער, לייכטער — אָבער דאָ, אין דעם חמרה־טאָל איז ער דער באַלעבאָס, ער איז דאָ געווען פון די ערשטע וואָס האָבן זיך מיטן אַקער איינגעשניטן אין פאַרווילדעוועטן פעלד. ער

האָט אויסגעריסן די טויטע וואָרצלען און באַלעבט אַ פאַרוואָרלאָזט פעלד, אַ פאַרוואָרלאָזטער ברונעם שפּרודלט איצט מיט קילן און קוואַליקן וואַסער. ער מוז בלייבן צווישן די מענטשן פון מעטשעט־בערגל, ער וועט די ליבע צו ערד פאַרפלאַנצן אין זייערע הערצער, ער איז דאָך איינער פון זיי.

גוט איז צו שטיין אין די אויסגעשטערנטע לבנה־נעכט אין גאָרטן און זען ווי דער מילכוועג פון הימל שווימט אין די פרישע וואַסער־שטראָמען צווישן די בייטן. עס האָט אַראָפּגעגנידערט דער מילכוועג פון הימל אויף מוינעס פעלד מיט אַלע שטערן.. ס׳איז גענוג זיך איינצובייגן צו די שמאָלע וואַסער־קאַנאַלן, וואָס טרינקען אָן די אַרומיקע פעלדער; ווי מען דערהערט דאָס געזאַנג פון אויפגעוואַכטער ערד.

ניט יעדן איינעם איז באַשערט אויפצונעמען דאָס דאָזיקע געזאַנג.

דאָס האַרץ פון מוינען איז געווען אָפן פאַר דער חמרה־ערד און איר שטילן געזאַנג.

סוף

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

קיום
פאַרלאַג
פועלי־ציון־התאחדות

דירעקטאָר:
ש. קאַטשערגינסקי

דערשינענע ביכער:

א. דוד בן גוריון — נצח ישראל

ב. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף

אין צוגרייטונג:

ג. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק

ד. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט

ה. מ. דוואָזשעצקי — מחשבות פון אַ צוריקגעקומענעם

ו. ה. לייוויק — נייע לידער

ז. אני מאמין — אַנטאָלאָגיע פון יידישן ווידערשטאַנד

ח. מלך ראַוויטש — דין־וחשבון פון אַ נסיעה קיין ישראל

Este libro se terminó de imprimir el día 14 de Abril de 1954, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires

MENDL MAN

"IN A FARVORLOZTN DORF"

(EN UNA ALDEA ABANDONADA)

EDITORIAL "KIUM"
BUENOS AIRES
1954